STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10364

SILUETN FUN A DOR

Pinhas Shtaynvaks

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פנחס שטיינוואַקס

פנחס שטיינוואַקס

סילועטן פון אַ דור

פּנחס שטיינוואַקס

סילועטן פון אַ דור

פאַרלאַג „דער שורש"
ניו־יאָרק — בוענאָס איירעס
הויפּטפאַרקויף: ציק"אָ — ביכער־צענטראַלע, ניו־יאָרק
1958 — התשי"ח

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by
P. SZTEJNWAKS,
New York, 1958

QUEDA HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

מאַניען (מנוחהן)

מיין לעבנסבאַגלייטערין

געווידמעט

א י נ ה אַ ל ט :

I

זלמן שזר, — דער סימבאָל פון פקחות און חן — — — — — — — — 13

„אַליין אַרויס אין וועג״... — — — — — — — — — — — — — — 18

(חיים גרינבערג ז״ל)

די פערטע מדרגה פון שלימות— — — — — — — — — — — — — 24

(צום 60סטן געבוירנטאָג פון ד״ר שלמה ביקל)

די צייט לויפט נישט — — — — — — — — — — — — — — — 29

(צום 60סטן געבוירנטאָג פון יעקב גלאַטשטיין)

פון די יחידי סגולה — — — — — — — — — — — — — — — 34

(לכבוד ד״ר שמואל מאַרגאָשעס)

דער פרינץ פון געדרוקטן וואָרט — — — — — — — — — — — — 41

(אויפן פרישן קבר פון יוסף העפטמאַן ז״ל)

נאָר ער איינער האָט געפעלט — — — — — — — — — — — — — 45

(נאָכן טויט פון א. ל. שוסהיים ז״ל)

מיט ד״ר יעקב שאַצקי פאַר זיין טויט — — — — — — — — — 49

ר׳ איפכא מסתברא — — — — — — — — — — — — — — — — 52

(צום טויט פון ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך ז״ל)

רעוואָלוציאָנער און מלוכה־מאַן — — — — — — — — — — — — 56

(אויפן ראַנד פון דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע

פון ד״ר יוסף שעכטמאַן)

דוד פינסקיס אַכציק־יעריקער יובל — — — — — — — — — — 61

אין שריפט און אין וואָרט — — — — — — — — — — — — — 64

(אַרטיקלען און רעדעס פון יוסף שפרינצאַק)

אין דינסט פון פאָלק — — — — — — — — — — — — — — — 68

(צום 70סטן געבוירנטאָג פון מ. רעגאַלסקי)

פונקען פאַר קומענדיקע דורות — — — — — — — — — — — — 72

(אויפן ראַנד פון זלמן שזר׳ס בוך „אור אישים״)

II

אַ ביאָגראַפישע שילדערונג פון הערצלס לעבן — 77

חיים נחמן ביאַליקס יידישע בריוו — 82

„בחלום ובמעשה" — 87
(אויפן ראַנד פון געדענקבוך נאָך י. א. ביידיטש ע"ה)

ציוניסטישע פערזענלעכקייטן — 92
(ל. ליפּסקיס „אַ גאַלעריע פון ציוניסטישע פּראָפילן")

אין אַ קראַנקן קערפּער אַ געזונטער גייסט — 95
(געווידמעט די שלושים פון ד"ר י. העלמאַן ז"ל)

אויף די וועגן פון ציון — 100
(אַ וויכטיק לערן- און לייען-בוך)

די שטימע פון ישראל — 105
(זאַמלונג רעדעס פון אַמבאַסאַדאָר אַבאַ איבן)

דער וויכוח אין היכל פון ציוניזם — 109
(אַרום מלך בוי'ס בוך „די נייע ווירקלעכקייט")

זעלבסטבאַפרייאונג — 114
(75 יאָר נאָכן דערשיינען פון ד"ר פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע")

פייער, ווינט און וואַסער! — 118
(נאָכן טויט פון פּראָפ' אַלבערט איינשטיין ז"ל)

יידן אין אייראָפּע צען יאָר נאָכן צווייטן קריג — 121

יידיש לעבן אין צפון- און דרום-אַמעריקע — 127

דערהויבענע פאָלקסטימלעכקייט — 132
(אין אָנדענק פון מרדכי סטאָלער ע"ה)

מיט ד"ר יעקב העלמאַן איבער דער וועלט — 139
(זכרונות צו זיין 5טן יאָרצייט)

III

א. אַלמי — 147
(פאַרצייכענונגען צו זיין 65סטן געבוירנטאָג און צום האַלבן יאָרהונדערט זינט זיין שרייבערישן אָנהייב)

„יידישע פּרעסע אין וואַרשע" — 153

דער פאָלקס-נביא אליהו — 159
(אויפן ראַנד פון א. מענעסעס „אליהו הנביא")

מגילות פון סאָוויעטישן יאַמערטאָל — — — — — — — — — — — — — 163
(אויפן ראַנד פון אברהם זאַקס „קנעכט זענען מיר געווען)

תשובה — 169
(ל. פיינבערגס „דער פאַרמשפּטער דור" און „גאָט פון צאָרן")

די פערטע קרוין — — — — — — — — — — — — — — — — — 175
(צום 50סטן געבוירנטאָג פון מאַרק טורקאָוו)

דורכן פענצטער פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" — — — — 179
(אויפן ראַנד פון ב. שעפנערס בוך „נאָוואָליפּיע 7")

פאַרשריבענע בלעטער — — — — — — — — — — — — — — — 184
(ראשי פּרקים פון מלכה לאָקערס דיכטונג)

דערציילונגען פון ניו־יאָרקער לעבן — — — — — — — — — — 187
(וועגן ש. איזבאַנס די „שטאָט פון צאָרן")

א. אַלמיס געזאַנגען — — — — — — — — — — — — — — — — 192

געזאַנגען פון ישראל — — — — — — — — — — — — — — — 197
(קעהאָס קליגערס „פּייזאַזשן פון ישראל")

„לאַכט אַ ייִד אין ארץ־ישראל" — — — — — — — — — — — — — — 201

„פון מעקסיקע ביז אילת און צוריק" — — — — — — — — — — — 205
(מרדכי קאַראַנאַס בוך וועגן מדינת ישראל)

חסידות — 209
(אַרום מנשה אונגערס די „חסידישע וועלט")

די שטימע דאָ און דאָרט — — — — — — — — — — — — — — 213
(צום 50סטן געבוירנטאָג פון מ. רובינשטיין)

אַן עסיי איבער אַ קאַפּיטל געשיכטע — — — — — — — — — — 216
(„צווישן מלחמה און שלום" פון ד"ר יוסף טענענבוים)

ייִדיש לעבן אין „עק וועלט" — — — — — — — — — — — — — — 222
(וועגן דער „געשיכטע פון ייִדישן ישוב אין טשילע"
פון משה שענדעריי)

IV

טראָפּ — 229
(פּראָפ' סאָלאָמאָן ראַזאָווסקיס טראָפּ אויף תנ"ך)

אין קיניגרייך פון מוזיק — — — — — — — — — — — — — — 235
(סאָלאָמאָן קאַהאַן און זיינע מוזיקאַלישע עסייען)

דאָס געזאַנג פון דורות — — — — — — — — — — — — — — — 239
(„אַנטאָלאָגיע פון ייִדישער מוזיק", צוגעגרייט פון ב. ווינאָווער)

„בערעלע" — — — — — — — — — — — — — — — — — — 243
(אויף אַ פאָרשטעלונג לכבוד ג. כאַנין)
„דורות בונדיסטן" — — — — — — — — — — — — — — — — 247
באָריס אייסוראָוויטש — — — — — — — — — — — — — — — 230
(אַ טרער אויף זיין קבר)
עפּיזאָדן פון אַ לעבן — — — — — — — — — — — — — — 252
אין היכל פון יצירה — — — — — — — — — — — — — — — 256
(פון א באַזוך ביים קינסטלער זיגמונט מענקעס)
געוואָרעמט פון דער אַלטער וועלט — — — — — — — — — — — 260
(וועגן ש. באַנטשעקס בוך „ווי עס געדענקט זיך")
„די איינזאַמע שיף" — — — — — — — — — — — — — — 264
(די דראַמע פון מ. דלוזשנאָווסקי)
דער טאָגבוך פון אַננאַ פראַנק — — — — — — — — — — — 268
ד"ר יונה סאָלק און זיין גרויסע דערפינדונג — — — — — — — — 272
די פּערספּעקטיוון פון קונסט און וויסנשאַפט — — — — — — — — 276
(אויפן ראַנד פון ד"ר ראָבערט אָפּענהיימערס אַ רעדע)

V

די אַלטימשקע (סקיצע) — — — — — — — — — — — — — — 285
אַ לוויה אויפן ים — — — — — — — — — — — — — — — — 289
וואָס איז בלויער? (רעפלעקסן) — — — — — — — — — — — 293
טרערן נאָך ביימער — — — — — — — — — — — — — — — 295
„דער טויט איז זיס" — — — — — — — — — — — — — — 298
„גוט מאָרגן, טרויער" — — — — — — — — — — — — — — 301
(פון די פאַרשפּרייטסטע ביכער אין אַמעריקע)
אַ בלאַט גמרא אויף בראָדווי — — — — — — — — — — — — 305
דאָס בעסט־פאַרקויפטע בוך — אונדזער אַלטער ספר — — — — 308
בטלנים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 311

I

זלמן שזר — **דער סימבאָל פון פקחות און חן**; — **„אַליין אַרויס אין וועג"...** (חיים גרינבערג ז"ל); — **די פּערסע מדרגה פון שלימות** (צום 60סטן געבוירנטאָג פון ד"ר שלמה ביקל); — **די צייט לויפט נישט** (צום 60סטן געבוירנטאָג פון יעקב גלאַטשטיין); — **פון די יחידי סגולה** (לכבוד ד"ר שמואל מאַרגאָשעס); — **דער פּרינץ פון געדרוקטן וואָרט** (אויפן פרישן קבר פון יוסף העפּטמאַן ז"ל)׃ — **נאָר ער איינער האָט געפעלט** (נאָכן טויט פון א. ל. שוסהיים ז"ל); — **מיט ד"ר יעקב שאַצקי פאַר זיין טויט**; — **ר' איפכא מסתברא** (צום טויט פון ד"ר עזריאל קאַרלעבאַך ז"ל); — **רעוואָלוציאָנער און מלוכה־מאַן** (אויפן ראַנד פון דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע פון ד"ר יוסף שעכטמאַן); — **דוד פּינסקיס אַכציק־יעריקער יובל**; — **אין שריפט און אין וואָרט** (אַרטיקלען און רעדעס פון יוסף שפּרינצאַק); — **אין דינסט פון פאָלק** (צום 70סטן געבוירנטאָג פון מ. רעגאַלסקי); — **פונקען פאַר קומענדיקע דורות** (אויפן ראַנד פון זלמן שזרס בוך „אור אישים").

זלמן שזר – דער סימבאָל פון פּקחות און חן

זלמן שזר איז דער פּאָפּולערסטער, דינאַמישסטער, קאָלירפולסטער ייִד, ציוניסטישער מנהיג און אַרבעטער־פירער.

וויל עמיצער פאַרענטפערן אַ האַרבע תוספות, פאַרטייטשן אַ שווערן מאמר, קלאָר מאַכן אַ שווערע סוגיא, זיך דערמאָנען אין די פּלוגתות פון אביי ורבא, פון רבי אליעזר ורב טרפון, פון בית שמאי און בית הלל, אַ משנה פון ש״ס, אַ מדרש, אַ מאמר חז״ל, דברי מוסר, אַ רמב״ם, אַ רמב״ן, אַ ראב״ד, אַ פּוסקים ראשונים ואחרונים, די דינים פון שולחן־ערוך, די קוועלן פון די אגדות — זאָל זיך ווענדן צו שזרן.

וויל עמיצער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם מהות פון ייִדישן גייסט, אין חכמת היהדות, אין דער תקופה פון משיחיזם, אין דער תקופה פון חסידיזם, אין דער השכלה־באַוועגונג, אין דער תקופה פון אונדזערע נביאים, אין דער עפּאָכע פון חיבת ציון, אין די עפּאָכעס פון ייִדישן לעבן אונטער פאַרשידענע הערשאַפטן; אין געראַנגל און אויפשטייג פון פּאָליטישן ציוניזם; אין דער באַדייטונג פון דער עטאַבלירטער מדינה, סטרוקטור פון ישראל, פּראָבלעמען פון זיכערקייט און פאַר־טיידיקונג, קיבוץ און מיזוג גלויות — זאָל זיך ווענדן צו שזרן.

וויל עמיצער גוט פאַרשטיין די ווערק פון שעקספּיר, פון בייראָן, פון דאָסטאָ־יעווסקי, פּושקין און לערמאָנטאָוו, פון געטע און היינע, פון איבסען און באַרביס, פון טאָלסטאָי און ניטשע, פון גאָגאָל און גאָרקי, מיצקיעוויטש און סלאָוואַצקי — זאָל זיך ווענדן צו שזרן.

וויל עמיצער באַלויכטונג וועגן די שיטות אין דער וועלט־פילאָזאָפיע, — וועגן קאַנט און בערגסאָן, שפּענגלער און שאָפּענהויער, וועגן אונדזערע אייגענע פילאָזאָפישע דענקער, זייערע דעפיניציעס און אָבסערוואַציעס, וועגן ייִדישער רעליגיע, קולטור, פאָלק, לאַנד און שפּראַך, — וועגן רמב״ם און רבי יהודה הלוי;

קריגן דעם אמתן טייטש אין די שווערע שטעלן פון מורה נבוכים און כוזרי, — זאָל זיך ווענדן צו שזרן.

ווייל עמיצער דערפילן דעם טעם פון אונדזער אייגענער, רייכער ליטעראַטור אין העברעיִש און יידיש, געניי באַקומען אַן אָפּשאַצונג וועגן לילינבלום און מאַפּו, אחד־העם און ברענער, מענדעלע און שלום עליכם, דינעזאָן און פּרץ, בערדיטשעווסקי און ביאַליק, טשערניכאָווסקי און פיכמאַן, נאָמבערג און ספּעקטאָר, אַש און שניאור, לייוויק און אָפּאַטאָשו — זאָל זיך ווענדן צו שזרן.

ווייל עמיצער אַן אויסטייטשונג וועגן די פאַרשידענע שטרעמונגען אין ציוניזם: די שיטה פון באָראָכאָוו, פון גאָרדאָן, פון נחמן סירקין, איגערהאַלב דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, — וועגן די פּאָליטישע דיפערענצירונגען צווישן די פּאַרטייען, — פון רעוויזיאָניסטן, ציונים כלליים, פּראָגרעסיווע ציוניסטן, מזרחי און הפועל־המזרחי, מפא״י, לינקע פועלי־ציון און השומר הצעיר, — זאָל זיך ווענדן צו שזרן.

ווייל עמיצער דערגרונטעווען די טיפענישן פון יידישן לעבן, פון יידישער קולטור, פון יידישער פאָלקס־שאַפונג, דערגיין צום מהות פון יידישן ווידערגעבורט און אויפלעב אין מדינת ישראל, בחוש דערזען און דערפילן די באַדייטונג פון איבערבוי פון יידישן לעבן אין ישראל; קריגן די פולסטע איבערצייגונג, אַז דער יסוד הקיום פון אונדזער פאָלק איז אָפּהענגיק פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער מדינה — זאָל קומען צו שזרן.

שזר איז די אויטאָריטאַטיווע פּערזענלעכקייט אין מדינת ישראל און אין וועלט־יידנטום, וועלכער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלץ, וואָס די יידישע און וועלט־קולטור האָט געגעבן אויף די שטחים פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. שזר האָט קולטיווירט ביי זיך אַלע אוצרות פון אונדזער אַלטער און נייער ליטעראַטור; האָט דורכגעמאַכט דעם דרך פון פאַרדבקהטן, חסידישן לעבנס־שטייגער, מיט ענטוזיאַסטישער אמונה אין משיחישער גאולה, — ביז ער איז געקומען צו פּראַקטישער פּאָליטיק, צו רעאַלער אינטערפּרעטאַציע פון די געשעענישן אין יידישן לעבן, פון צוועקמעסיקער טאַט אין ציוניזם. ער האָט דורכגעטראָגן אויף אייגענע פּלייצעס אַלע יסורים און חבלי לידה, אַלע ראַנגלענישן און שטרויכלונגען, אַלע עליות און ירידות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אַנטשטייאונג פון שטאַט און וואָס זענען היינט פאַרבונדן מיט דעם ווייטערדיקן בוי און פאַרפעסטיקונג פון דער מדינה.

געבוירן איז שזר אין מיר, ווו עס איז געווען די באַרימטע „מירער ישיבה״, דער מקום תורה, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעגאַנגען לומדים, גדולי הדור, בעלי השכלה. נאָך דער גרויסער שריפה, בעת גאַנץ מיר איז פאַרברענט געוואָרן, איז שזר, אַ 3־יעריק יינגל, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, איבערגעפאָרן קיין סטויבץ,

וואָס ליגט אויפן ברעג פון ניעמאַן. ווי האָט דאָס שטעטל סטויבץ שזר אַליין באַצייכנט אין זיין וווּנדערבאַרער דערציילונג „שטויבץ שלי", — די שטאָט פון אַרבעט, פון ממשותדיקער אַרבעט, ווו מען פלעגט אויפן טייך ניעמאַן בינדן שוועלן, שפּאַלן, שליפּער, קלעצער און מיטן טייך אַוועקשיקן קיין קעניגסבערג. דאָרט אין דעם שטעטל האָט שזר צוגעזען די שווערע האָרעוואַניע פון מענטשן, וועלכע האָבן פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אין היץ, רעגן און קעלט געהאָרעוועט מיט איבערמענטשלעכע כוחות ביים צוזאַמענבינדן די קלעצער, די שוועלן; געזען, ווי די בעלי־עגלות האָבן געפירט די קלעצער פון וואַלד אין שטאָט אַריין צום ברעג פון טייך. די זעלבע, וואָס האָבן געפירט די שווערע פּעסער סמאָלע פון די סמאָליאַרנעס און זיי אויפגעלאָדן אויף די שיפן; געזען די אַרבעט פון די בעלי־מלאכות, די סטאָלאַרעס, די צעסליאַרעס, די זעגערס אין די טאַרטאַקן, די שינדל־מאַכער און ברעט־שניידער, די אַלע האָרעפּאַשניקעס — יונג און אַלט, טאַטעס און קינדער, מיט באָרד און פיאות, משפחות גאַנצע, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען און מיט שווייס פאַרדינט אויף דער אָרעמער חיונה.

נאָך דאָן אַלס יונגער חדר־ייִנגל איז שזר אויפגעציטערט געוואָרן, ווען ער האָט ערגעץ־ווו געלייענט די אַנטיסעמיטישע פּאַשקווילן, די פּאַרוווּרפן, אַז ייִדן זענען אַ פּאַראַזיטן־פאָלק; פאַרנעמען זיך בלויז מיט האַנדל־וואַנדל, קינדער פון מנחם מענדל. אין האַרץ האָט ער געבעטן מחילה ביי די האָרעפּאַשניקעס פון זיין שטעטל סטויבץ פאַר די שקרים און בלבולים, וואָס מען פאַרשפּרייט אויף ייִדן אין גלות.

צוזאַמען מיט דער תּורה, וואָס שזר האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך אין זיין שטעטל סטויבץ, אין חדר און אין דער ישיבה, אין קוידאַנאָווער שטיבל און אין בית המדרש, האָט ער גלייכצייטיק איינגעזאַפּט אין זיך דעם אָטעם פון אַרבעט, פון שווערער און מיפּולער פּראַצע, וואָס האָט אין זיין פרישטער יוגנט געלייגט דעם חותם אויף זיין אויסגעקריסטאַליזירטן דרך, — פון תורה און מלאכה, פון בילדונג און אַרבעט. עס האָבן אים געפּייניקט די עוולות פון עקספּלואַטירטן האָרעפּאַשניק, זיין דערנידערונג, די אויסגעטראַכטע בלבולים אויף זיין פאָלק אין גלות. ער האָט אויסגעפורעמט ביי זיך דעם סינטעז פון ציוניזם און סאָציאַליזם, האָט דערזען מיט דער וויזיע פון אַ תלמיד־חכם די לייזונג פון שווערן פּראָבלעם פון ייִדיש לעבן אין די לענדער פון גלות — אין אַן אויסגעלייזט ארץ־ישראל, געבויט אויף אַר־בעט, ווו עס וועט נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר קיין בלבולים, פאַר קיין דערנידע־רונגען און באַליידיקונגען.

צו 14 יאָר האָט שזר פאַרלאָזט סטויבץ און האָט געלערנט אין גרויסע ישיבות, אין פּלעצער פון תורה און השכלה; האָט שפּעטער שטודירט אין בערלין און אין אַנדערע צענטערן פון מערב־אייראָפּע. די וועלטלעכע בילדונג פון שזרן האָט נישט

געענדערט זיין בליק אויף ייִדיש לעבן; האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין אים די שטרעבונג צו גאולה, צו באַפרייען פאָלק ישראל פון די שווערע גלות־קייטן, עס זאָל אויפהערן זיין אַן עם הנבחר ביי פעלקער איבער דער וועלט בלויז פאַר נגישות און רדיפות, פאַר פיזישן און גייסטיקן אומקום, נאָר ווערן אומאָפּהענגיק, זעלבסטשטענדיק אויף אייגענער ערד, אין אַן אייגן לאַנד, פריי פאַר אַרבעט, פריי פאַר יצירה אויף אַלע שטחים פון אונדזער לעבן. שוין האָט פאַרשטאַנען און אויפגעפאַסט, אַז דער ערשטער עטאַפּ צו קאָנען ווערן דער „אתה בחרתנו מכל העמים" איז קודם־כּל — צו ווערן „ככל הגוים". אַזוי זעלבסטשטענדיק, אַזוי אומאָפּהענגיק, אַזוי פריי, ווי עס זענען אַלע אַנדערע פעלקער. פון דאַנען די גרויסע אומדערמידלעכע טעטיקייט זיינע פאַרן ציוניזם, זיין אויסגעשפראָכנקייט און קאָנקרעטקייט, זיין ביז גאָר רעאַליסטישער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון ייִדן און ייִדישקייט. נישט סתם האָפענונג אויף גאולה, נאָר פולע אָנטשלאָסנקייט און איבערצייגונג, פּערמאַנענטע אַרבעט, כסדרדיקער קאַמף צו דערגרייכן די גאולה.

דער פּאָליטישער און פּראַקטישער ציוניזם איז פאַר שוזרן געוואָרן די בינע פון זיין אייגן לעבן.

מיט שטאַרקן פּאַטאָס, מיט גרויס ענטוזיאַזם, מיט כסדרדיקער האַרץ־קלאַפּעניש פאַרן גורל פון פאָלק, — וואַרפט זיך שוזר אַריין אין דער ציוניסטישער אַרבעט. מיט זעלטענער לאָגיק און הסברה־כּוח, מיט וווּנדערבאַרער רעטאָריק רייסט ער מיט מאַסן, באַצויבערט צוהערער, אינטערפּרעטירט און באַגרינדעט די צוועקמעסיקייט פון ציוניזם און אַזוי אַרום פאַרגרעסערט ער די קאַדרען פון ייִדישע עסקנים, פון דער ייִדישער יוגנט פאַר ציוניסטישער טאַט און פאַר חלוצישע אויפגאַבן.

***

שוזרס כּוח איז נישט נאָר בפה, נאָר אויך בכתב. אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער, אַ פּרעכטיקער פּובליציסט, אַ וווּנדערבאַרער שילדערער, דערציילער, אַ זעלטענער רעדאַקטאָר, וועלכער ווייסט נישט פון אַריינוואַרפן אין קאָרב אַ כּתב־יד פון אַ מיטאַרבעטער אָדער פון אַן אָנפאַנגער. ער קאָן שעהן־לאַנג זיצן איבער אַ מאַנוסקריפּט, פאַרריכטן, אויסבעסערן, איבערשרייבן און צוגרייטן צום דרוק אַן אַרבעט, וואָס דער מחבר אַליין דערקענט זי נישט. שוזרס אַרטיקלען וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען אין ציוניזם, אין ייִדישן לעבן בכלל, זענען תמיד געוואַלטיק איבערצייגנדיק. מען פילט פון זיי אַרויס דעם זעלבן פּאַטאָס, דעם זעלבן ענטוזיאַזם ווי ביים ריידן. ער איז דער זעלבער שוזר בפה ובכתב. אַזוי ווי מען קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון הערן ביזן סוף זיינע אַ רעדע, אַזוי איז אוממעגלעך זיך אָפּצורייסן

פון לייענען זיינע אַרטיקלען און גרעסערע אַרבעטן. אַזוי ווי ער האַלט אין שפּאַנונג דעם צוהערער, אַזוי האַלט ער אין טיפער שפּאַנונג דעם לייענער.

תורה און חכמה, שכל און לאָגיק, מוח און גוט האַרץ, ברייטע וויזיע און איינפּאַכער פּשט גייט ביי שזרן האַנט ביי האַנט סיי ביים ריידן און סיי ביים שרייבן. יעדער זאַץ זיינער, יעדער געדאַנק, בפה ובכתב, איז קלאָר און געשליפן. מיט זעלטענעם שאַרפזין און צו גלייכער צייט מיט אייגנאַרטיקער האַרציקייט און טיפער ליבלעכקייט, ברענגט ער אַרויס זיינע פּערלדיקע מחשבות, ענטוזיאַזמירט און צינדט־אָן די צוהערער ווי מיט פייערדיקע קוילן, באַפליגלט און פאַרכישופט, עפנט ברייט די האָריזאָנטן, ברענגט אַזאַ לויטערע קלאָרקייט אין דער פאַרוויקלטער פּראָבלעמאַטיק פון ייִדישן לעבן.

שזרס שילדערונגען, אין וואָרט און אין שריפט, זיינע בילדער פון לעבן אין ישראל, פון דער ריזיקער אויפבוי־אַרבעט, פון די שווערע עקאָנאָמישע ראַנגלעניש, זענען אַ קונסט־ווערק ממש, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן.

אויף שזרן קאָן מען זאָגן דאָס זעלבע, וואָס ר׳ יהודה אלחריזי, דער באַרימטער דיכטער און קריטיקער, האָט געזאָגט אויף רבי יהודה הלוי, אַז זיינע שילדערונגען זענען אַ צוגאָב פון חן צו דעם קאָפּ פון חכמה. שזר איז באמת די פאַרקערפּערונג פון חן און פּקחות און דאָס קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק ביי אים סיי ביים ריידן און סיי ביים שרייבן.

זלמן שזר איז דער פאַרקערפּערער פון דער אייביקער בענקשאַפט פון ייִדישן פאָלק נאָך ציון; דער מיטבויער און מיטקעמפער פאַר דער עטאַבלירונג פון אונדזער מדינה; דער פורעמער און געשטאַלטער פון אונדזער מלוכה־לעבן; איינער פון די שענסטע ייִדן, וואָס אונדזער פאָלק פאַרמאָגט; די פאַרקערפּערונג פון פּקחות און חן פון אונדזער עם הנבחר.

„אַליין אַרויס אין וועג“...

(חיים גרינבערג ז״ל)

חיים גרינבערג איז „אַליין אַרויס אין וועג“ *), פון וואַנען מען קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק, איבערלאָזנדיק בענקשאַפט און פאַראייניזאַמטקייט ביי טויזנטער און טויזנטער חברים, פריינט און חסידים, וועלכע האָבן תמיד אַזוי געקוויקט זיך מיט זיין וואָרט, מיט זיין אַרויסגעזאָגטן געדאַנק; וועלכע האָבן מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט יעדעס אות, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין וווּנדערבאַרער פּעדער; יעדעס וואָרט, וואָס איז מיט אַזוי פיל עלאָקווענץ, אַזוי רייך, געשליפן אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון זיין מויל.

אַ געדיכטער נעפּל האָט פאַרדעקט דעם האָריזאָנט פון יידישן פאָלק אין אַלע וועלט־עקן נאָכן טויט פון חיים גרינבערג. איבערן נעפּל לייכטן הויך די שטערן; אָבער ווער איז דען בכוח דורכצוברעכן דעם נעפּל, זיך דערהויבן אין די הויכקייטן און דערגרייכן דאָס ליכט פון די שטערן, מיטרייסנדיק מיט זיך נאָך טויזנטער און טויזנטער און זיי דערהויבן צו דעם ליכט, — ווען חיים גרינבערג איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע?

ביי דער לוויה זענען נישט געהאַלטן געוואָרן קיין הספּדים. די פאַריתומטע משפּחה און די פאַריתומטע ציוניסטישע באַוועגונג האָט אָפּגעהיט געטריי דעם לעצטן ווונטש פון דעם נפטר. צי האָט מען דען געקענט אין ווערטער אויסדריקן דעם טיפן טרויער, דעם שווערן פאַרלוסט, די אבידה שאינה חוזרת, וואָס די פּטירה פון חיים גרינבערגן האָט אַרויסגערופן אין יידישן לעבן בכלל און אין מדינת ישראל און אין ציוניזם בפרט?

יידיש פאָלק האָט דאָך פאַרלוירן איינעם פון די גרעסטע אינטעלעקטואַלן, וואָס די לעצטע דורות האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן, אַ טיפן און טיפזיניקן דענקער,

---

*) אַ פראַזע פון לערמאָנטאָווס אַ ליד, וואָס איז, לויט חיים גרינבערגס פאַרלאַנג, געזונגען געוואָרן ביי זיין פרישן קבר.

אַ גייסטרייכן שריפטשטעלער, אַ לויטערע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, אַ ייִד וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט ייִדישע טראַדיציע פון אונדזער אַלטער קולטור מיט אַלע אַטריבוטן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. ווער איז דען מסוגל אין דער גרויסער אבילות אין ווערטער אויסצודריקן דעם טראַגישן פאַרלוסט?

**
*

אין דער צוואה האָט חיים גרינבערג אויסגעדריקט דעם ווונטש מען זאָל אויף זיין לוויה לייענען עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים און אַ קאַפּיטל פון איוב. אין דעם קאַפּיטל כ״ח פרעגט זיך איוב: — „פון וואַנען קומט די חכמה, און ווו איז אָרט פון פאַרשטאַנדיקייט? אַז זי איז פאַרהוילן פון די אויגן פון יעטווידן לעבע־דיקן, און פון פויגל פון הימל איז זי פאַרבאָרגן. אונטערגאַנג און טויט זאָגן: מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר געהערט איר הערונג. גאָט פאַרשטייט איר וועג און ער ווייסט איר אָרט. וואָרום ער קוקט ביז די עקן ערד, אונטערן גאַנצן הימל זעט ער. ווען ער האָט געמאַכט פאַרן ווינט אַ וועג, און וואַסערן מאָריקירט מיט אַ מאָס, ווען ער האָט געמאַכט פאַרן רעגן אַ געזעץ, און אַ וועג פאַרן דונערגעוויטער, דענסטמאָל האָט ער זי געזען און זי באַרעכנט, זי אויפגעשטעלט און אויך זי אויס־געפאָרשט. און ער האָט געזאָגט צום מענטשן: זע, מורא פאַר גאָט דאָס איז חכמה, און זיך אָפּקערן פון שלעכטס איז פאַרשטאַנדיקייט״.

עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס חיים גרינבערג, דער טיפער דענקער און פילאָזאָף, אין מינוטן פון טראַכטן וועגן זיין סוף, זינקענדיק אין די מחשבות וועגן זיין טויט, שרייבנדיק זיין צוואה, איבערגעבנדיק פאַר זיינע נאָענט־סטע און פאַר זיינע חסידים און פאַרערער די לעצטע ווונטשן, האָט אויסגעקליבן דאָס קאַפּיטל אין איוב צו לייענען נאָך זיין פּטירה, אויף זיין לוויה — וואָס זאָגט, אַז מורא פאַר גאָט איז חכמה און זיך אָפּקערן פון שלעכטס איז פאַרשטאַנדיקייט.

אין זיינע פילאָזאָפישע חקירות אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט וועגן די פּראָבלעמען פון דעם ערדישן בר־נש, וועגן די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש, וועגן סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט, וועגן די עטישע פּרינציפּן פון גוטס און שלעכטס, וועגן שכר און עונש, וועגן פאַרברעכן און שטראָף, וועגן מלחמה און שלום, וועגן די יסודות פון ייִדישקייט און וועלטלעכקייט, וועגן די מאָראַלישע מקורות פון אונדזער אַלטער קולטור און וועגן דער מאָדערנער וועלטלעכער קול־טור, וועגן היסטאָרישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, — איז חיים גרינבערג גע־קומען צו דער מסקנה, אַז חכמה מיינט מורא פאַר גאָט, אַז פאַרשטאַנדיקייט מיינט זיך אָפּקערן פון שלעכטס.

חיים גרינבערג האָט נאָכגעפאָלגט די קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט,

אַליין איבערגעלעבט צוויי וועלט־מלחמות, אַליין געווען אַן עדות פון דער באַלשע־וויסטישער איבערקערעניש אין לאַנד פון זיין געבוירן און אַבסערווירט פון דער נאָענט און שפּעטער פון ווייטנס די פאַלגן פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט באַ־דאַרפט ברענגען פרייהייט צום מענטש און אַנשטאָט דעם געבראַכט פאַרשקלאַפונג צו הונדערטער מיליאָנען; געזען וואָס די ציוויליזירטע וועלט האָט געטאָן צו ייִדן, די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען און מאַסן־מאָרדן, וואָס ייִדיש פאָלק האָט געליטן בימי היטלער, די כסדרדיקע מלחמה־שטימונג און קריגס־צוגרייטונגען, וואָס ווערן געמאַכט פאַר אַ נייעם וועלט־פייער, די פּערמאַנענטע אומזיכערקייט פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, דעם וויסטן געיעג נאָך מאַכט און נאָך אויסשפּרייטן הער־שאַפט און פאַרשקלאַפונג — ער האָט דאָס אַלץ געזען און נאָכגעפאָלגט און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די מאָדערנע ציוויליזאַציע, די מאָדערנע מענטש־לעכע קולטור, מיט אַלע אירע געשריבענע קאָדעקסן וועגן מענטשלעכער עטיק, האָבן נישט געבראַכט די רעזולטאַטן, וואָס דער אַלטער באַגריף פון ייִדישן פאָלק — יראת אלוהים, מורא פאַר גאָט — האָט אַמאָל מיט זיך געבראַכט. די חכמה פון מענטש איז צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט מורא פאַר גאָט. בכדי איין מענטש זאָל רעספּעקטירן דעם צווייטן, אַז בין אָדם לחברו זאָלן זיין גוטע באַציִונגען, באַזירט אויף יושר און גערעכטיקייט, דאַרפן אַלע מענטשן מורא האָבן פאַר גאָט, פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון יושר און צדק, פון אמת און שלום.

נאָך חכמה קומט בינה, פאַרשטאַנד. ערשט ווען דער מענטש וועט דערגרייכן צו חכמה און מורא האָבן פאַר גאָט, וועט ער דערגרייכן צו בינה, צו פאַרשטאַנד און זיך אָפּקערן פון שלעכטס.

דאָס נאָבעלע, לויטערע, ריין ייִדישע האַרץ פון חיים גרינבערג אין סינטעז מיט זיין טיף־דענקענדיקן מוח, זיין אידעאַליזם, זיינע עטישע פּרינציפּן וועגן מענטשן־ווערדע, זיין דורכגעדרונגענקייט מיט די ליידן פון מענטש מחמת טיראַ־נישער הערשאַפט און פאַרשקלאַפונג, האָבן אים משמעות אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן געפירט צו דער דעפיניציע פון חכמה און בינה — ווי אין איוב ווערט געשריבן.

***

צו 15 יאָר האָט חיים גרינבערג אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע און געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט. קאַרגע פופציק יאָר האָט ער געטראָגן אין ייִדישן לעבן — אין וואָרט און אין שריפט — זיין אויפקלערונג וועגן די פאַרשידענע, פאַרוויקלט־סטע פּראָבלעמען און מיט אַ באַזונדערן חן, סיי אין זיין רעדן און סיי אין זיין שרייבן, קלאָר, לאָגיש, צוגענגלעך, פאַרשטענדלעך פאַרטייטשט און אויסגעטייטשט לעבנס־פראַגן פון ייִדישן לעבן, פון וועלטלעכקייט, פון ייִדישער קולטור און דער־

ציונג, מסביר געווען אַ פּערז פון די וועלט־קלאַסיקער און פון אונדזערע אייגענע קלאַסיקער, באַגרינדעט ציוניזם בכלל און אַרבעטער־ציוניזם בפרט אין די אייגענע יידישע רייען און פאַר נישט־יידן. דערביי מיט אַ באַזונדער רייץ איינגעפּאַסט אין ראַמען זיינע מיינונגען און געדאַנקען און ביי יעדן לייענער אָדער צוהערער אַרויס־גערופן באַוווּנדערונג און ענטוזיאַזם.

ווי אַ רעדנער האָט חיים גרינבערג צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן. זיין אָראַטאָרישער כוח, זיין חיתוך הדיבור איז געווען אַ זעלטנקייט. דער אופן ווי אַזוי ער האָט געשליפן אַ וואָרט, ווי אַזוי ער האָט קלאָר געמאַכט אַ געדאַנק האָט גע־האַלטן די גאַנצע אוידיטאָריע פאַרכישופט. מען איז געזעסן מיט אָפענע מיילער און זיך צוגעהערט שעהן־לאַנג צו זיינע לעקציעס און רעפעראַטן.

חיים גרינבערג האָט תמיד געהאַט וואָס צו זאָגן און האָט תמיד געוווּסט ווי אַזוי צו זאָגן. אין די לעצטע יאָרן, אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, איז ליידער שווער געוואָרן צו קריגן אַן אוידיטאָריע אויף אַ פאַרלעזונג. דער עולם האָט אָנגע־הויבן אַ ביסינקע זיך פוילן צו גיין אויף לעקציעס און רעפעראַטן און אָנשטאָט דעם פאַרברענגט מען בעסער די צייט אין גשמיותדיקע זאַכן, וואָס פאַרשאַפן מסתמא מאָמענטאַנע הנאה און פאַרגעניגן. אָבער חיים גרינבערג האָט זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן אויף מאַנגל אין אוידיטאָריע. אים איז דער עולם געקומען הערן מאַסנווייז. זיינע פאַרלעזונגען זענען שטאַרק באַזוכט געוואָרן און מיט גרויס שפּאַ־נונג האָט מען זיך צוגעהערט צו זיינע פערלדיקע געדאַנקען, צו זיין בריליאַנטענער שפּראַך אויף יידיש, ענגליש, העברעיש אָדער רוסיש.

מיט איבער אַ יאָר צוריק האָט דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן איינצואָרדענען יעדן שבת נאָכמיטאָג עונג־שבתים. חיים גרינבערג האָט מסכים געווען צו זיין דער לעקטאָר. נו, איז דער עולם געקומען. דער זאַל האָט זיך ממש געבראָכן. עס האָבן אויסגעפּעלט פּלעצער. מען איז גע־שטאַנען קעפּ אויף קעפּ, אַבי צו הערן גרינבערגן רעדן. מען איז געקומען פון די ווייטסטע געגנטן פון גרויסן ניו־יאָרק. מיט יעדן שבת איז דער עולם געוואָרן גרעסער. מען האָט אַלע מאָל באַדאַרפט בייטן אויף אַ גרעסערן זאַל.

***

אויך בכתב, אין זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט, האָט חיים גרינבערג נישט געהאַט זיין גלייכן. ער איז געווען אַ מייסטערהאַפטער קינסטלער איבערצוגעבן דורך דער פּעדער מחשבה און אמת וועגן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געשריבן: וועגן יידישער פּאָליטיק אָדער וועלט־פּאָליטיק, וועגן ציוניזם אָדער סאָציאַליזם, אָדער וועגן דעם סינטעז פוןביידן, וועגן לעבן פון יידן אין אַמעריקע אָדער אין ארץ־

ישראל, וועגן קבוצה און קיבוץ, וועגן וועלט־ליטעראַטור און יידישער און העבּ־רעישער ליטעראַטור, וועגן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן אין יידישן און אין וועלטלעכן לעבן, וועגן מאַהאַטמאַ גאַנדי און וועגן פּראָפעסאָר איינשטיין, וועגן ר׳ יהודה הלוי און וועגן רמב״ם, וועגן טאָלסטאָי און שלום אַש, וועגן פּושקינען און וועגן קאָראָלניקן, וועגן קולטור־פּראָבלעמען אין יידישן לעבן אָדער וועגן געשיכטע, אַלץ, וועגן וואָס חיים גרינבערג האָט געשריבן אין „יידישן קעמפער״ און אין „פּראָנטיר״, אין „בצרון״ און אין אַנדערע אויסגאַבעס, האָט געהאַט רייכן אינהאַלט, מוסטערהאַפטע פאָרם און זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערן חן. יעדע טעמע, וואָס חיים גרינבערג האָט באַהאַנדלט, אַפּטמאָל טאָג־פּראָבלעמען, האָט ביי גרינבערגן געהאַט טויזנט טעם, נשמה, דיכטונג, קונסט. עכטע קונסט האָט געשלאָגן פון יעדן זאַץ. אויסגעטאָקט, געשליפן יעדעס וואָרט. קיינער האָט זיך מיט אים נישט געקאָנט פאַרגלייכן.

***

חיים גרינבערג איז געווען אַ מורה־דרך, אַ וועג־ווייזער, אַ פירער פאַר־עקסעלאַנס. דער יסוד פון גרינבערגס גרויסקייט איז געלעגן אין זיין באַגאַבטקייט און אין זיינע גרויסע פעיִקייטן אָפּצוטיילן פון דער אידעע דאָס שיינע, דאָס דער־הויבענע, און אָפּהיטן פון שעטנז, עס זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן קיין נישט־זויבערע עלעמענטן, וואָס זאָלן פאַראומריינִיקן די אידעע.

חיים גרינבערג ווי אַ פירער און וועג־ווייזער אין משך פון די לעצטע צוויי דורות, ווי אַ פּאַרטיי־מענטש אין ציוניזם, איז אָבער נישט געווען קיין דאָגמאַטי־קער, קיין ענגהאַרציקער מענטש. ער איז געווען בכוח אויפצוהייבן זיך איבער די ענגע פּאַרטיי־אינטערעסן און פּאַרטייִשע ענינים ווי ער האָט זיי געזען מיט זיין שאַרף אויג, זיין לאָגישן מוח, זיין קרישטאָל ריין האַרץ. ער האָט געוואָגט אַרויס־צוברענגען געדאַנקען פון ערנסטער קריטיק — אפילו ווען די קריטיק האָט אַרויס־גערופן אומצופרידנקייט אין די אויגן פון נאָענטע חברים און פריינט. און וויל ער איז געווען אַזוי אָפנהאַרציק און אויף אַן אומצווייַדייטיקן אופן קלאָר און מוטיק אַרויסגעבראַכט זיינע מחשבות, האָט ער תמיד געגאַסן פון פולן דרך־ארץ פון אַלע חברים און פריינט, מיט וועמען ער איז נישט געווען, אָדער מען איז מיט אים נישט געווען, איינשטימיק.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען זיין לעצטע רעדע אויף דעם 23סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים וועגן די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן מדינת ישראל און יידן איבער דער וועלט, באַזונדערס אין אַמעריקע. טייל פירער פון דער מדינה האָבן נישט מסכים געווען מיט געוויסע אויספירן; אָבער זיי האָבן זיך באַציִגן צו

גרינבערגן מיטן גרעסטן כבוד און רעספּעקט, ווייל זיי האָבן אויף אַ מינוט נישט געצווייפלט אין דער אומבאַגרענעצטער ערלעכקייט פון זיין געדאַנקענגאַנג.

שווער משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז חיים גרינבערג, די קאָלירפולסטע פּערזענלעכקייט, דער סימבאָל פון חכמה און פאַרשטאַנד אין דער היינטיקער תקופה, דער פון אַלעמען געאַכפּערטער און פון אַלעמען באַליבטער פירער און וועג־ווייזער, איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע; אַז זיין שפּרודלדיק וואָרט וועט שוין קיינמאָל מער נישט געהערט ווערן; אַז זיינע גייסטרייכע אַרטיקלען וועלן מער נישט געשריבן ווערן; אַז עס וועט נישט זיין פון וועמען צו לערנען און פון וועמען צו שעפּן חכמה און גייסט. דער אַכזריותדיקער טויט האָט אונדז געשטעלט פאַר אַ פאַקט, פאַר אַ טרויעריקן און טראַגישן פאַרלוסט.

די פערטע מדרגה פון שלימות

(צום זעכציקסטן געבוירן־טאָג פון ד״ר שלמה ביקל)

זיבן און צוואַנציק טעג אין חודש סיון פון היינטיקן יאָר איז ד״ר שלמה ביקל געוואָרן אַ בן־שישים. ווי מען זאָגט היינטיקע צייטן: געוואָרן זעכציק יאָר יונג.

דער רמב״ם דערציילט אונדז אין איינעם פון זיינע לעצטע קאַפּיטלען פון זיין באַרימטן ספר „מורה נבוכים״ וועגן פיר מדרגות פון מענטשלעכער שלימות. די ערשטע מדרגה — דערקלערט דער רמב״ם — איז די נידעריקסטע מדרגה. דאָס זענען די מאַטעריעלע רייכטימער פון מענטש. די צווייטע מדרגה איז קערפּערלעכע שלימות. די דריטע מדרגה איז: מאָראַלישע שלימות און די פערטע מדרגה, וואָס איז די העכסטע, דריקט זיך אויס אין שלימות פון שכל, ווען דעם בר־נש געלינגט אַריינצודרינגען אין די טיפסטע טיפענישן פון דער אידייען־וועלט און מיטן שכל צו קענען דערגרונטעווען צו גאָטס באַשאַף און זיך צו שאַפן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן גאָט אַליין און וועגן אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף זיין ערד.

אונדז שיינט, אַז ד״ר שלמה ביקל האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער שלימות. ער האָט היינו דערגרייכט צו דעם שטאַפּל פון שלטון השכל, פון אַליין קענען געוועלטיקן איבערן שכל און זיך באַנוצן מיט אים ווי מיט אַן אינסטרומענט אין זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט ביים רעאַגירן און ביים באַלויכטן פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט.

ווער עס איז באַקאַנט מיט די ספרים, וואָס ד״ר שלמה ביקל האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן; און ווער עס פאָלגט נאָך זיינע פּובליציסטישע און ליטעראַטור־קריטישע מאמרים, וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין די טאָג־צייטונגען, מערקט גאַנץ אָפט, ווי עס קומט פאָר ביי אים אַ שווערער געראַנגל צווישן שכל און געפיל, אָבער מייסטנס איז ביי אים מנצח דער שכל. זיין בוך רעפּאָרטאַזשן אונטערן נאָמען „יידן דאַווענען״, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1948, איז אַן עדות דערצו. עס איז אַ בוך פון רעפּאָרטאַזשן, — ווי דער מחבר אַליין באַמערקט אין

זיין הקדמה, — וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן נישט פון שרייבערישער נייגעריקייט, נאָר פון בענקשאַפט נאָכן אַמאָל. שלמה ביקל, באַהערשט פון אַ טיפן געפיל פון בענקשאַפט נאָך דעם פאַרגאַנגענעם אַמאָל, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער ניו־יאָרקער בתי מדרשים. האָט געזוכט דעם אַמאָל און איז געבליבן אומ־צופרידן. דער מחבר שרייבט: „כ׳האָב געפונען טרייסט — ווען עס איז מיר געלונ־גען מיטצודאַווענען און מיטצוזאָגן און צו דערפילן יענעם גוטן טעם אין געמיט, וואָס מיין זיידע מרדכי ע״ה פלעגט אים מיט ליבשאַפט רופן: „אַ תהילימדיקן טעם״. כ׳בין געבליבן אומצופרידן, ווייל פון די צערעמאָניעס מיט די היסטאָריש־געהייליקטע סימבאָלן האָט אויף מיר אָפט געוויעט מיט צו־ווייניק יום־טוב און נישט איינמאָל אַפילו מיט אַ שפּאָר ביסל סוחרישער וואָכעדיקייט״.

די דאָזיקע ביידע געמיט־צושטאַנדן שפּיגלען זיך אָפּ — שרייבט דער מחבר — אין די רעפּאָרטאַזשן. יאָ! עס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון גרויסן געראַנגל צווישן געפיל און שכל, וואָס קומט פאָר אין דער פּערזענלעכקייט פון ד״ר שלמה ביקל. וואָלט דאָ מנצח געווען געפיל, בלויז בענקשאַפט, וואָלט שלמה ביקל ביים שרייבן די רעפּאָרטאַזשן „יידן דאַווענען״ איינגאַנצן מיטגעריסן געוואָרן מיט די היסטאָריש־געהייליקטע סימבאָלן און וואָלט געזען און געפילט כולו יום־טוב. איז דאָך אָבער געקומען זיין שכל און האָט אים אונטערגעטראָגן די מאָס, בכדי צו מעסטן די דאָזע פון יום־טובדיקייט און האָט אים גאָר באַוויזן, אַז עס איז פאַראַן ווייניק יום־טוב, נאָר גאָר אַ שפּאָר ביסל סוחרישע וואָכעדיקייט. מנצח געווען האָט דער שכל.

מער וועגן דעם שווערן קאַמף צווישן געפיל און שכל מערקט מען, ווען מען לייענט די רעפּאָרטאַזשן גופא. אָט, למשל, זעט מען ווי דער מחבר כאַפּט אַ נורקע און איז זיך טובל אין גרויסן געפילן־אויסגוס פון יידישקייט צוזאַמען מיט די יידן וואָס דאַווענען, און אָט מערקט מען ווי עס קומט דער שכל און זאָגט אונטער דעם מחבר, אַז מען דאַרף פאַרצייכענען נאָר דאָס געזעענע מיטן ניכטערן אויג. מען דאַרף פאַרבייגיין אַלע געפילן, וועלכע שטראָמען און ברויזן אין אים מיטן גאַנצן פּאַטאָס און התלהבות פון זיין רבין ר׳ וואָוויק. (זע זיין ספר: „אַ שטאָט מיט יידן״).

אַזוי ווי זיין רבי ר׳ וואָוויק — דער הייסער חסיד פון דער קאַסעווער גזע — האָט געקענט אָוועקגיין פון אַטינער קלויז, ווען זיין כהן האָט געטאַנצט פאַר גאָט ברוך הוא; האָט געקענט אָוועקלייגן דעם תנ״ך און אָנהייבן לערנען דקדוק מיט די תלמידים; האָט געקענט אָוועקגיין פון פּאָעזיע, פון מוזיק, פון די שיינע טענץ, פון אַלץ וואָס איז כולו געפיל און זיך מתגבר זיין איבערן סענטימענט, איבער עמאָציע, איבער געפיל און זיך נעמען צו דקדוק, — פּונקט אַזוי האָט שלמה ביקל זיך געקענט מתגבר זיין איבער זיינע געפילן, איבער זיין בענקשאַפט און אין פיל פון זיינע רעפּאָרטאַזשן איבערגעבן דאָס געזעענע מיטן אויג. מער ווי דאָס געזעענע מיטן האַרץ. דער בעל־מנצח איז געווען דער שכל.

**
*

מיט לאַנגזאַמע שריט, כאָטש געשפּאַנט, אָבער גאָר פּאַמעלעך, קוים באַוועגלעך, שפּרייזט אַרום ד״ר שלמה ביקל אין זיין אייגענעם קעניגרייך פון וויסן און שעפּט קליינע קווערטלעך פון גרויסן ים פון קענטעניש, וואָס ער האָט אין משך פון זיין לעבן דערוואָרבן, סיי אויפן געביט פון לימודי קודש און סיי אויפן געביט פון לימודי חול — יידישע און וועלטלעכע בילדונג. דאָס וואָס ער האָט געלערנט ביי זיין רבין ר׳ וואָוויק אין זיין געבורטס־שטעטל קאָלאָמיי און דאָס וואָס ער האָט געלערנט אין אוניווערזיטעט אין טשערנאָוויץ. דאָס וואָס ער האָט געלערנט אין ר׳ איציקלס שולכל און אין די בייכיקע ביכער פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור מיט אַ צוגאָב פון אונדזערע אייגענע קלאַסיקער פון דער יידישער און דער העברעישער ליטעראַטור.

שלמה ביקל איז זייער גוט באַקאַנט מיט אַ קאַפּיטל פון קאַנטס עטיק, מיט דער גריכישער מיטאָלאָגיע, מיט די שמונה פרקים פון רמב״ם, מיט אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא און מיט אַ יום תהילים.

עס זענען פאַראַן שרייבער, וועמען מען קאָן פאַרגלייכן מיט יענע ברונימער, וועלכע גיבן אַן עמער וואַסער, בעת מען גיסט אין זיי אַריין נאָר אַ קווערטל, און עס זענען פאַראַן שרייבער, וועלכע זענען געגליכן צום ים: וויפל וואַסער מען זאָל אין ים נישט אַריינגיסן, ווערט ער קיינמאָל נישט פול.

ד״ר שלמה ביקל געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. וויפל וויסן ער זאָל נישט האָבן דערוואָרבן, איז אים אַלץ ווייניק, איז ער אַלץ נישט מרוצה. ער לערנט נאָך און נאָך — אַלע טייכן שטראָמען צום ים און ער ווערט נישט פול. שלמה ביקל זיצט על התורה ועל העבודה. זיצט און לערנט און געפינט ביי זיך תמיד נאָך פלאַץ פאַר מער און מער וויסן. ער שרעקט זיך גאָרנישט פאַרן זאָג פון אַ פריערדיקן שלמהן, וועלכער האָט געזאָגט: „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב — וואָס מער וויסן, אַלץ מער ווייטיק״.

**
*

ד״ר שלמה ביקל פאַרנעמט זיך חוץ מיט שרייבן ביכער אויך מיט פּובליציסטיק. אים קומט אויס צו רעאַגירן אויף געשעענישן, וואָס פּאַסירן יעדן טאָג; אים קומט אויס צו באַלייכטן, אָדער צו רעאַגירן אויף מעשים בכל יום. אָבער ער איילט זיך נישט מיט זיין רעאַגירן, אָדער מיטן באַלייכטן די פּאַסירונגען. ער שפּרייזט פּאַמעלעך מיט זיין שלימותדיקן שכל אין קעניגרייך פון וויסן. ער פאַרדייט קודם די פּאַסירונגען, ער שטודירט דורך ראשית כל די אַלע הלכות, די אַלע קאָדעקסן פון גערעכטיקייט, ער זעט דורך אַלע פּרינציפּן פון דער עטיק, וואָס

זעגען פאַרן זינדיקן מענטש געשריבן און פאַרפאַסט געוואָרן, און ערשט דאַן רעאַגירט ער אויף דער געשעעניש. פאַרן מאַמענט זעט עס אַמאָל אויס אַ ביסעלע שפּעטלעך. דערפאַר אָבער איז עס פאַר דער אייביקייט ביז גאָר פּינקטלעך און לויט אַלע כללים פון שכל און לאָגיק — באַגרינדעט.

ד״ר שלמה ביקל באַמיט זיך תמיד צו זיין דער כהן גדול פון זיין עבודה. ער לאָזט זיך נישט טראָגן פון עמאָציעס, פון סענטימענטן. ער קאַרגט נישט קיין מי, בכדי שולט צו זיין איבער די אַלע זאַכן. ער באַנוצט זיך מערסטנטייל פאַר זיין אַרבעט מיט דעם אינסטרומענט פון זיינע דערוואָרבענע קענטענישן און אומגעהייערן וויסן, מיט זיין שכל.

מיר ווייסן נישט, ווי ווייט ריכטיק, אָדער ווי ווייט נישט ריכטיק, עס איז געוועזן דער זאָג פון עמיצן אויף ד״ר שלמה ביקל, היינו: אַז מען וואָלט אים געקענט פאַרגלייכן צו די יעניקע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע זעען פריִער די נאָטן, איידער זיי הערן די מוזיק־אַקאָרדן — אַז סיי אין זיין שרייבן און סיי אין זיין רעדן מוזן די אותיות און די ווערטער מאַרשירן נישט לויטן ריטם פון זיין מחשבה, נאָר לויט די געזעצן, ווי אַזוי די מחשבה דאַרף אָנגעטאָן ווערן אין אַ לבוש פון ווערטער.

***

אין זיין ספר „אַ שטאָט מיט ייִדן" דערציילט אונדז ד״ר שלמה ביקל וועגן צווײ למד־וואָווניקעס, וועגן הערש דראַטאָווניק און וועגן יואל וואַסערפירער — די צוויי סאַמע פאַרהוילנטסטע געשטאַלטן פון דער ייִדישער קהילה אין זיין געבוירן־שטאָט קאָלאָמיי.

ד״ר ביקל דערציילט, אַז אין איינער אַ זומער־נאַכט, פונקט אַרום חצות, ווען יואל דער וואַסערפירער איז פאַרבייגעגאַנגען ביי דער הויכער שול, אויפן וועג אַהיים, צו דער גלייזער־גאַס, האָט ער דערהערט ווי מען רופט אים אויף צו דער תורה. דער אויפרוף איז געווען אַ קלאָרער, ווי פון אַ גוטן בעל־קורא: „יעמוד ר׳ יואל בר׳ אריה לייב הכהן". אַן אַנדערער אויף יואלס אָרט — דערציילט ד״ר ביקל — וואָלט געוועזן געלאָזט די נשמה פאַר פּחד. דער וואַסערפירער איז אָבער בטבע געווען אַ באַהאַרצטער און עס האָט אים צוגעגעבן קוראַזש און כוח אויך דאָס, וואָס אַנטקעגנאיבער אין דער שפּיטאָל־גאַס האָט געוווינט דער רב ר׳ הלל. יואל איז אַריינגעלאָפן צו ר׳ הללן און אים דערציילט וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט. דער אַלטער רב האָט זיך פאַרטראַכט, געקנייטשט זיין הויכן, ליכטיקן שטערן און דערנאָך געכאַפּט זיין אייגענעם טלית און געזאָגט צו יואלן: „טו אָן דעם טלית און גיי אַריין גלייך ביז צום שולחן און מאַך אַ שטילע ברכה. עס וועט דיר אי״ה גאָרנישט געשען. פאַרקערט, דו ביסט אַ גרויסער חשוב און וועסט האָבן

אַריכת ימים. יואל האָט דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט קיינעם נישט געזען, נאָר ער האָט ממש געפילט ווי מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און זיך צוגעהערט צו דער ברכה פון אַ לעבעדיקן. און דער רב האָט אים פאַרטייטשט און יואל האָט עס גוט געדענקט, אַז זיין זכיה איז באַשטאַנען דערין, וואָס די פאַרפלאָסענע דורות האָבן דווקא אין אַ וואַסערפירער דערפילט, אַז ער איז איינס מיט זיי. מען קאָן לערנען תורה — האָט יואל נאָכגעזאָגט אין רבס נאָמען — און דערביי נישט פילן, אַז דאָס אייגענע לערנעכץ איז נאָר אַ טראָפּן אין ים פון תורה, וואָס דורות פאַר דיר האָבן געלערנט און די דורות נאָך דיר וועלן לערנען. אַז דו פילסט זיך נישט איינס מיט אַלע לערנערס פון אַלע יידישע צייטן, פירט דיין תורה צו גאווה און זי טריקנט אויס ווי וואַסער אין מדבר. אַזאַ לערנעכץ איז אָן שום ווערט פאַר גאָט ברוך הוא און פאַרן כלל ישראל. און פונקט ווי מיטן לערנען, אַזוי איז מיטן וואַסערפירן, אַלץ איז גלייך אָנגעלייגט. אויב דו טוסט דיין עבודה און נעמסט זי אויף מיט דיין נשמה ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון דורות, וואָס האָבן פאַרזאָרגט און וועלן פאַרזאָרגן גאָטס באַשעפענישן מיט וואַסער און וויִיל דו טוסט דיין אַרבעט מיט תמימה און הכנעה — האָט ר׳ הלל מסביר געווען יואלן — האָסטו זוכה געווען, אַז די פאַרגאַנגענע דורות וועלן נהנה זיין פון דיין ברכה״.

ד״ר שלמה ביקל איז מיט אומצערייסבאַרע פעדים פאַרבונדן מיטן כלל פון יידישע דורות פון אונדזער גלאָררייכן עבר. ער געהערט צו די, וועלכע נעמען אויף זייער אַרבעט ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון יידישע דורות: לומדים און תורה-יידן, וועלכע האָבן געזאָרגט און פאַרזאָרגט יידן מיט תורה (מים חיים).

.1956

די צייט לויפט נישט

(צום זעכציקסטן געבוירן־טאָג פון יעקב גלאַטשטיין)

דעם צוואַנציקסטן אויגוסט היי־יאָר איז דער דיכטער, פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב גלאַטשטיין געוואָרן אַ בן־ששים.

די זעכציק יאָר זענען ביי יעקב גלאַטשטיינען נישט דורכגעלאָפן ווי אַ ווינט און פאַרשוווּנדן אָן שפּורן. דער יובילאַר האָט אין משך פון די יאָרן זייער שטאַרק געפילט דעם יאָך פון צייט. ער האָט איבערגעפיבערט אַלע פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס זענען אין דעם פאַרגאַנגענעם פּאַק יאָרן פאָרגעקומען אין אַלגעמיינעם און אין ידישן לעבן.

ווי זינגט דער דיכטער גלאַטשטיין אין זיין ליד „די צייט לויפט ניט":

„די צייט האָרעוועט זיך געגוג אָן
איידער זי עלטערט.
מיין צייט וואָס האָט מיר געטריי געדינט,
האָט מיך אַרומגעפלאָכטן
מיט טויזנטער קליינע און גרעסערע טעג.
אַ טאָג און אַ נאַכט זענען געווען סעזאָנען.
די טעג פון מיין קינדהייט
זענען געווען יאָרן.
מיין קינדהייט אַליין איז קונצשטיק פון צייט —
אַ גאַנצער אייפל־טורעם.
די צייט לויפט נישט".

(„דעם טאַטנס שאָטן", ז' 16).

די צייט איז נישט געלאָפן פאַר אונדזער יובילאַר. ער האָט אין משך פון די זעכציק יאָר פון זיין לעבן און איבער פערציק יאָר פון ליטעראַרישן שאַפן אויסגעבויט אַ הערלעכן טורעם פון פרעכטיקער פּאָעזיע, וווּנדערבאַרער בעלעטריסטיק, קריטישע עסייען און גלענצנדיקע פּובליציסטיק. די דערמאָנטע חלקים

פון זיין אַרבעט בילדן איין גאַנצן זון־אויסגוס פון יעקב גלאַטשטיינס יצירה, וואָס באַצירט מיט גרין באַוואַקסענע אַלייען און באַגילדעט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן דעם לעבנס־וועג פון יובילאַר.

די צייט איז פאַר יעקב גלאַטשטיינען נישט געלאָפן. ער האָט נישט פאַרוויגט זיינע טעג און נישט געלאָזט פאַרפליִען זיינע יאָרן — ווי עס ווערט געזונגען אין די פאַרבענקטע פאָלקס־לידער. אונדזער יובילאַר האָט יעדן טאָג פון אַלע זיינע יאָרן שטאַלץ געטראָגן דעם עול פון יצירה. אין יעדער שאַפונג זיינער — צי דאָס איז געווען פּאָעזיע אָדער פּראָזע, פּובליציסטיק אָדער ליטעראַטור־קריטיק — האָט ער אַריינגעוועבט דעם צאַפּלדיקן נשמה־ציטער.

די צייט איז פאַר יעקב גלאַטשטיינען נישט געלאָפן; אַלע פּאַסירונגען אויף דער וועלט און גאַנץ באַזונדערס די געשעענישן אין יידישן לעבן זענען רעגיסט־רירט געוואָרן אין זיין דיכטעריש האַרץ, וואָס האָט גלייך זיי קאַרדיאָגראַפירט אויפן פּאַפּיר דורך די פאַרשידענע פאָרמען פון זיין יצירה. עס איז גענוג אָראָפּצונעמען פון ביכער־אַלמער און אַ בלעטער־טאָן אין „פרייע פערזן", „קרעדאָס", „יידיש־טייטשן", „ווען יאש איז געפאָרן", „ווען יאש איז געקומען", „עמיל און קאַרל", „געדענקלידער", „שטראַלנדיקע יידן", „אין טאַטנס שאָטן", „אין תוך גענומען" און אַנדערע זיינע ביז איצט דערשינענע ביכער, — בכדי צו זען ווי ווייט דאָס אויג פון יובילאַר האָט געגרייכט; וואָס אַלץ ער האָט געזען און געפילט, איבער־געלעבט און איבערגעציטערט, און ווי פּרעכטיק קינסטלעריש ער האָט דאָס אַלץ אויסגעזונגען און אויסגעדיכטעט, אויסגעהאַמערט אין אַ פּעלזיקן פערז און אויס־געשמידט אין אַ טורעמדיקן זאַץ.

געוויין, אויפברויז און פּראָטעסט קעגן גרויסן חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום, וואָס איז אויף אַזאַ טראַגישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן פון די היטלער־האָרדעס, דריקט אויס דער דיכטער אין זיין לידער־סעריע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין בוך „שטראַלנדיקע יידן". לידער פון געזאַנג צו די העלדן פון ווידערשטאַנד אין די געטאָס און לידער פון עמפּערונג, פון גרויסן אויפברויז קעגן דער גלייכגיל־טיקייט פון דער אַרומיקער וועלט, וואָס איז געזעסן אַזוי רויִק און צוגעקוקט זיך צו די רויכערנדיקע קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן געברענט און פאַרברענט יידישע לעבנס. אויפברויז און עמפּערונג קעגן דער שכינה, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו די שרעקלעכע טויטן פון אונדזערע בני־ישראל.

אָן יידן — שרייט אויס דער דיכטער — וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.

„די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.

סילועטן פון אַ דור

ס׳פּלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ״.
(„שטראַלנדיקע יידן״, ז׳ 38).

**
*

אַ בכבודיקן טייל פון יעקב גלאַטשטיינס שאַפן פאַרנעמט זיין ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט סיי מיט דעם טיפן אַנאַליז און סיי מיט זיינע עשרת־הדברות וועגן קריטיק. יעקב גלאַטשטיין האָט אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק מחדש געווען אַ זאַך, וואָס איז כדאי צו דערמאָנען. ער האָט היינו אַן אויג נישט נאָר פאַרן געשריבענעם בוך, נאָר ער באַמיט זיך אויך צו זען דעם מחבר. ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער וויל גלאַטשטיין אויך קענען־לערנען דעם שרייבער. אין צוגאָב צו זיין גרויסער ליבשאַפט, וואָס אונדזער יובילאַר טראָגט אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין דיכ־טעריש האַרץ, צו דער יידישער ליטעראַטור, פאַרמאָגט ער אויך אַ באַדייטנדיקע דאָזע פון פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן שרייבער. אין זיינע אַפאָריזמען וועגן קריטיק, וואָס שטעלט צוזאַמען די לוחות פון זיינע עשרת־הדברות פאַר דער קריטיק, שרייבט גלאַטשטיין צווישן אַנדערע: „אַוודאי דאַרף מען קענען דעם שרייבער צוזאַמען מיטן בוך, אָבער אין אַ גלייכער מאָס. די קריטיקער, וואָס ספּעציאַליזירן זיך בלויז אויפן בוך, זענען אומשעפּערישע פּעדאַנטן, און די ווידער, וואָס געדענקען צופיל דעם שרייבער פון בוך, זענען עלול צו באַגיין אַ סך עוולות און אומגערעכטיקייטן״.

(„אין תוך גענומען״, ז׳ 291).

יעקב גלאַטשטיין האָט אויפגעשטעלט אַ פיינע ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט. ער האָט אויפגעבויט אַ גאַנצן ליטעראַרישן בנין, אַ הויז — אַ פּאַלאַץ, און אין דעם פּאַלאַץ פילט זיך גאָר שטאַרק די גרויסע אַחריות פון קריטיקער צו זיין הויזגעזינד, צו די אַלע, וועמען ער האָט אויסגעקליבן צו זיין די איינוווינער פון זיין אייגן ליטעראַריש הויז, וואָס ער האָט מיט זיין ליטעראַרישער עסיי דורך לאַנגע יאָרן פון מי און פלייס אויסגעבויט.

אויך אויפן שטח פון זיין אַרבעט ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער איז ביי אים די צייט נישט געלאָפן. לייענענדיק זיין ערשטן באַנד „אין תוך גענומען״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1947, און האָבנדיק נאָכגעפאָלגט זיין רובריק אונטערן זעלבן נאָמען, וואָס ער האָט געשריבן יעדע וואָך אין „יידישן קעמפער״, האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו מערקן ביי גלאַטשטיינען דעם גרויסן עול, וואָס ער טראָגט אַריינצוברענגען וואָס מער און מער פון די יידישע שאַפונגען אין דעם

היכל פון זײַן ליטעראַרישער עסײ און אַנווענדן די גלײַכע מאָס סײ צום בוך און סײ צום מחבר. ער האָט זיך תמיד געמיט צו דערבליקן מיט זײַן שאַצבאַרן אויג בײַדן. דורך דער ליטעראַרישער עסײ באַמיט זיך אונדזער יובילאַר אַרײַנצוברענגען אַ ביסל יום־טובדיקייט אין דעם גרויען אינדערוואָכן, וואָס עס לעבט הײַנט צו טאָג איבער די ייִדישע ליטעראַטור. ווי זינגט גלאַטשטיין אין זײַן ליד „עול":

„אונדזער פרייד איז עול.
אונדזער כוח — קול".

(„שטראַלנדיקע ייִדן", ז' 22).

מיט פרייד טראָגט גלאַטשטיין דעם עול פון זײַן יצירה, און אַ סך כּוח ליגט אין זײַן קול, אין זײַן דיכטערישער שטים, דורך וועלכער ער ברענגט צום אויס־דרוק זײַנע געפילן און מחשבה.

**
*

וועגן י. ל. פרץ ז"ל שרײַבט גלאַטשטיין אין זײַנע עסייען וועגן ליטעראַטור: „פרץ איז געווען דער ערשטער ייִדישער טאַטע־שריפטשטעלער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ביז אים האָבן מיר געהאַט בלויז זיידעס, אָדער קינדער. דער יונגער מענדעלע האָט זיך גלײַך פאָרשטעלט פאַר אַ זיידן און אָרונטערגערעדט דערציִע־ריש צו אייניקלעך; שלום עליכם האָט זיך גאַנץ אָפט פאָרשטעלט פאַר אַ קינד און גערעדט ווי אַ שרײַבער דורכן מויל פון טאַטעלע טוטורעטו. מער פון אַלץ דאַרף פרץ זײַן טײַער דער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל ער האָט זיך נישט פאָר־שטעלט פאַר קיין זיידן און נישט פאַר קיין קינד, נאָר ער האָט אַרײַנגעבראַכט דעם מיטליערן ייִד אין דער וועלט פון ייִדישן שעפערישן טראַכטן. ער איז געווען דער ערשטער טאַטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור".

(„אין תוך גענומען", ז' 288).

אונדזער יובילאַר געהער בלי שום ספק צו די קרעפּטיקסטע זין פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס דורות פון ליטעראַרישן ייִדישן שאַפן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן; אָט די זין, וועלכע האָבן מיט זייער ליטעראַרישער יצירה פאַר־פאַנצערט די ייִדישע ליטעראַטור און געהאָלפן זי אַרײַנפירן אין דעם שאַך־קאַמער פון וואָג און מאָס פון דער וועלט־ליטעראַטור.

נישט נאָר ווי אַ פּאָעט, בעלעטריסט און עסייאיסט האָט זיך יעקב גלאַטשטיין אויסגעצייכנט אין זײַנע שאַפונגען, — ער האָט אויך באַוויזן אויסצובויען אַ מעכטיקן בנין ווי אַ פּובליציסט. ער האָט אַרײַנגעטראָגן זײַן שרײַבערישע גבורה און גרויסצוגיקן אָטעם אין די „קאָלומס", וואָס ער דרוקט אין „טאָג־מאָרגן זשור־

נאָל״ אונטערן נאָמען „פראָסט און פשוט״. זיין אופן פון רעאַגירן אויף צייט־פראַגן, זיין שטייגער פון אַרויסשיילן די יידישע פּראָבלעמאַטיק פון די אַלגעמיינע פּאַסירונגען פון געשעענישן איז שטאַרק נושא חן ביי זיינע טויזנטער און טויזנטער לייענער. גלאַטשטיין געהער צו די פּובליציסטן, וועלכע דריקן אויס אַ געדאַנק אין אַ גלייכן און קלאָרן זאַץ, — אַ זאַץ וואָס מאַכט די פאַרוויקלטסטע מחשבה פאַרשטענדלעך און אַפילו זעלבסטפאַרשטענדלעך.

בנוגע לידער איז די מיינונג פון גלאַטשטיינען, אַז אומפאַרשטענדלעכע לידער זענען נאָך אַלץ בעסער פון זעלבסטפאַרשטענדלעכע לידער. („אין תוך גענומען״, ז׳ 307). אין דער פּובליציסטיק דאַקעגן איז משמעות גלאַטשטיינס מיינונג, אַז אַ פאַרשטענדלעכער זאַץ איז פיל בעסער ווי אַן אומפאַרשטענדלעכער. דורך זיין „פראָסט און פשוט״ ווערט דאָס אומפאַרשטענדלעכע — פאַרשטענדלעך און אַפילו זעלבסטפאַרשטענדלעך.

.1956

פון די יחידי סגולה

(לכבוד ד"ר שמואל מאַרגאָשעס)

עס איז אַן אָנגענומענער מנהג, אַז מען שרייבט וועגן אַ שריפטשטעלער, אַ פּובליציסט, אַ געזעלשאַפטלעכן מנהיג אָדער עסקן צו עפּעס אַ געלעגנהייט: צום דערשיינען פון אַ בוך, צו אַ יובל פון אַרבעט, צו אַ געבורטס־טאָג פון: עצה אָדער זקנה; שבע אָדער גבורות. סתם אַזוי, אָן שום געלעגנהייט, פּאַסירט זעלטן, אַז מען זאָל איינטונקען די פּעדער און שרייבן וועגן עמיצן. ד"ר ש. מאַרגאָשעס געהערט צו די אויסנאַמען. וועגן אים ווילט זיך גראָד שרייבן אָן אַ ספּעציעלער געלעגנהייט. עפּעס געהערט ער נישט צו דער קאַטעגאָריע פון שריפטשטעלער אָדער געזעלשאַפטלעכע מנהיגים, וועלכע ברענגען געלעגנהייטן פאַרן ציבור. ער דערציילט נישט פון זיינע געבורטסטעג; ער פּראַוועט זיי משמעות אין קרייז פון זיין אייגענער משפחה. ביז איצט האָט ער זיך נאָך נישט גענומען די מי צו מאַכן אַן אָפּקלייב פון זיינע גייסטרייכע עסייען, וואָס ער שרייבט אויף ביידע לשונות: אויף יידיש און ענגליש, און זיי פאַרעפנטלעכן אין בוך־פאָרם. אַזוי, אַז ער גיט ממש נישט קיין געלעגנהייט צו שרייבן וועגן אים אַ מאמר. ער געפינט זיך אַליין אין סאַמע ברען פון יצירה, און ער וויל גאָר משמעות נישט פאַרלירן קיין צייט אויף זיך צו שפּיגלען אין זיינע שאַפונגען; ער וויל בעסער די צייט פאַרווענדן אויף נאָך יצירה, אויף נאָך מער שאַפן. אַז ער איז פּראָדוקטיוו זענען די בעסטע עדות זיינע אומצייליקע אַרטיקלען און עסייען, וואָס ער שרייבט אויף ענגליש בימי חול און די יידישע עסייען לכבוד שבת, וועלכע פאַרשאַפן גייסטיקן גענוס צו די טויזנטער און טויזנטער פון זיינע לייענער.

האָבן מיר, חלילה, נישט פאַריבל אויף ד"ר ש. מאַרגאָשעס, וואָס ער פאַרנעמט זיך נישט מיט אָפּקלייבן און אַרויסגעבן זיינע שריפטן אין בוך־פאָרם, און וואָס ער פּראַוועט אַליין נישט און לאָזט אויך אַנדערע נישט פּראַווען זיינע געלעגנהייטס־ימים־טובים, און אַנשטאָט דעם איז ער עוסק מיט דער פולער התמדה אין

יצירה, אין זיין פאַרטיפן זיך איבער די אַקטועלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין מדינת ישראל און איבער די תפוצות און ער שרייבט אַריין יעדן טאָג אַ פּרק פון זיין מחשבה פאַר דער אייביקייט. מיר קאָנען אים נאָר ווינטשן, אַז ער זאָל דאָס טאָן נאָך צענדליקער און צענדליקער יאָרן.

**
*

יעדער מענטש, ווי גרויס אָדער ווי קליין ער זאָל נישט זיין, ברענגט אַרויס זיין העלדן־געזאַנג אין לעבן. איינער דריקט עס אויס אין ליטעראַרישע פערזן און אַן אַנדערער אַנטפּלעקט עס דורך פּראַקטישע מעשים. איינער ברענגט אַרויס זיין אַדיסייע דורך זיין פּאַעטישן זשעני און אַ צווייטער דורך געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, דורך זיין אַ מנהיג אָדער עסקן ציבורי.

ד״ר מאַרגאָשעס ברענגט אַרויס זיין העלדן־געזאַנג אויף ביידע אופנים: דורך זיין שריפטשטעלערישער און פּובליציסטישער אַרבעט, שטייענדיק טאָג־טעגלעך מיט זיין פעדער אין דינסט פון געדרוקטן וואָרט אויף ביידע לשונות, אויף יידיש און ענגליש, אַריינברענגענדיק יידישן תוכן אויך אין דעם גוייִשן לשון, און ער שטייט גלייכצייטיק אין דינסט פון פאָלק דורך פאַרצווייגטער פּראַקטישער אַרבעט און פירערשאַפט אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די ביידע אַרבעטס־געביטן זענען ביי ד״ר מאַרגאָשעס נישט קיין צופעליקייטן. ביידע זענען טיף פאַרבונדן צווישן זיך. די לעבנס־תקופה פון ד״ר ש. מאַרגאָשעס נעמט אַרום צייטן, ווען יידיש לעבן איבער דער וועלט האָט דורכגעמאַכט קאָלאָסאַלע ענדערונגען; חורבן און אויפבוי, צעשטערונג און פאַרניכטונג, אומקום און ווידערגעבורט זענען די צייט־כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן לעבן אויף דער וועלט אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

מיט טיפער פאַרשטענדעניש אַלס געזעלשאַפטלעכער מנהיג און עסקן, און מיט אַ סך טיפזיניקייט ווי אַ שריפטשטעלער און פּובליציסט האָט ד״ר ש. מאַר־גאָשעס נאָכגעפאָלגט די אַלע ענדערונגען און געשעענישן, און בעל־פה, בכתב און דורך מעשים זיי געקירעוועט צו אַ ניי לעבן.

**
*

אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אין דער צייט ווען די יידישע איינ־וואַנדערונג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע איז געווען אַ מאַסנהאַפטע, האָבן זיך אין דער סאָציאַלער סביבה אויסגעבילדעט עטלעכע פאַרשידנאַרטיקע גרופּן, היינו: פּראָלעטאַריזירטע יידן, וועלכע זענען אויף דער אַמעריקאַנער ערד געוואָרן אַרבע־טער און אָנגעשטעלטע, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; מיטל־

קלאַס־מענטשן, וואָס האָבן אַרום זיך גרופּירט די קרעמער און קליינע סוחרים; די גרופּע פון געלט־מענטשן, די גרויסע גבירים, וועלכע האָבן פּרעטענדירט צו ווערן די אַריסטאָקראַטיע אין יידישן לעבן.

דער מיטלשטאַנדס־מענטש, דער סוחר און הענדלער, האָט ווי עס איז אָנגעהאַלטן די פאָרם פון יידישקייט, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, ווו יידישע טראַדיציע איז געווען טיף פאַראַנקערט אין דעם יידישן לעבן.

די פּראָלעטאַריזירטע יידן האָבן אויף זיך אָנגעטאָן אַ ראַדיקאַלן מלבוש, צוגעשניטן און געלייט פון דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט צו יענער צייט אין אַמעריקע געפירט אויף דער יידישער גאַס אַליידנשאַפטלעכן קאַמף קעגן טראַדיציע און רעליגיע. די לאָזונג פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ איז דאַן געווען: „די וועלט איז אונדזער פאָטערלאַנד און סאָציאַליזם איז אונדזער רעליגיע".

דער אַריסטאָקראַטישער טייל פון די אַמעריקאַנער יידן האָט זיך געהאַלטן ווייט פון דער יידישער מאַסע, האָט זיך אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדער קרייז, האָט זיך שנעל אַמעריקאַניזירט און זיך אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער סאָציאַלער סביבה.

דער אַריסטאָקראַטישער קלאַס האָט זיך באַטראַכט פאַר די פאָרשטייער פון יהדות, האָט זיך געהאַלטן גרויס און די מאַסן־יידן געהאַלטן קליין. זיי האָבן צו די מאַסן יידן אָראָפּגעקוקט פון די הויכן פון די שיין־אויסגעבויטע טעמפּלען און סינאַגאָגעס.

פון דער מאַסע, פון די על פי רוב איינגעוואַנדערטע יידן פון די לענדער אין מזרח־אייראָפּע, יידיש־ריידנדיקע און אויך רעליגיעזע, האָט זיך פאָרמירט די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע. פּאַראַלעל האָט זיך אָרגאַניזירט דער רעליגיעזער־ און אַרבעטער־סעקטאָר אין ציוניזם.

***

אין אונדזערע הייליקע שריפטן ווערט דערציילט, אַז דער רבונו של עולם האָט אויף אייביק זיין נאָמען פאַרבונדן מיטן פאָלק ישראל. די לעצטע אותיות פון וואָרט ישראל זענען: אלף, למד — אל, וואָס באַדייט גאָט. אין די זעלביקע הייליקע ספרים ווערט אויך דערציילט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געקומען אויף דער וועלט מיט זיין זיווג, — ארץ־ישראל. אַזוי אַרום עקזיסטירט פון ששת ימי בראשית, פון דעם אָנהייב אָן, זינט עס איז נתגלה געוואָרן דאָס פאָלק ישראל אויף דער וועלט — דער אומצעררייסבאַרער חוט המשולש פון: גאָט, פאָלק און לאַנד.

ווערט חלילה צוגענומען פון פאָלק ישראל ארץ־ישראל, פאַרלירט דאָס פאָלק אַ שטיק פון זיין נשמה. ארץ־ישראל איז בכן פון תמיד אָן געווען אַן אומאָפטייל־באַרער חלק פון לעבן און מהות פון פאָלק ישראל.

ארץ־ישראל איז די קדושה פון פאָלקס־לעבן. דער אומאויסשעפּלעכער מקור פון שיינקייט, געזאַנג און וויזיע; דער מקור פון כוח צו טראָגן די לעבנס־לאַסט פון אַלע גלותן אין משך פון קרוב צוויי טויזנט יאָר, זינט דעם חורבן בית־שני און אויך פריִער אין אַלע מלחמות און ראַנגלענישן, אַנצוהאַלטן די זעלבסשטענ־דיקייט פון פאָלק.

אַלע שטורמען, אַלע איבערקערענישן, אַלע ירידות אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, אַלע פאַרמעסטן מצד צוררי ישראל אַרויסצורייסן פון הארץ פון דעם יידישן פאָלק דעם געפיל פון ליבע צו אונדזער זיווג ארץ־ישראל האָבן זיך קיינ־מאָל, קיינמאָל נישט איינגעגעבן. ווי ווייט מיר זאָלן נישט האָבן פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער מאַמע־ערד; ווי ווייט דער גורל פון אונדזער נע־ונד זאָל אונדז נישט האָבן פאַרטראָגן — קיין שום ים און קיין שום יבשה־מרחק האָט אונדז נישט דערווייטערט פון ארץ־ישראל. אייביק איז געווען און אויף אייביק איז פאַרבליבן אין הארץ פון פאָלק די טיפע, אמתע, גרענעצלאָזע ליבשאַפט, די אומצעררייסבאַרע פאַרבינדונג, געכפלט מיט געטריישאַפט צו ארץ־ישראל.

ד״ר ש. מאַרגאָשעס האָט גלייך ווי נאָר ער איז צו זיין שכל געקומען זיך מצרף געווען צום דריי־עק פון: גאָט, פאָלק און לאַנד. דעם פאָטערס השכלה און דער מוטערס מילך האָט איז אים איינגעפלאַנצט זינט דעם טאָג פון זיין געבוירן ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו פאָלק־ישראל און צו ארץ־ישראל.

ציוניזם איז בכן ביי ד״ר ש. מאַרגאָשעס געוואָרן זיין זיווג פון זיינע ימי־בראשית, פון זיין באַגינען, זינט ער האָט דערזען די וועלט און זינט ער איז נתגלה געוואָרן אויף דער וועלט. אַלע שטורמען, אַלע איבערקערענישן אויף דער וועלט, אַלע קריזיסן אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, אַלע ירידות, וואָס אונדז איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין די לעצטע זעכציק יאָר, האָבן אפילו נישט אַנגערירט אין זיין הארץ די ליבע און די איבערגעגעבנקייט צו ציוניזם און ארץ־ישראל.

מיט גרויס התלהבות, מיט טיפן אינערלעכן ציטער האָט ער זיין פּובליציס־טישע אַרבעט געווידמעט דעם ציוניסטישן געדאַנק און אַליין אויך זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון פּראַקטישע מעשים פאַר דער אויפריכטונג פון ארץ־ישראל.

**
*

די אַרענע פון ד״ר מאַרגאָשעסעס פּובליציסטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו ציוניזם. ער האָט תמיד דורך דער

פריזמע פון ציוניזם געזען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַלע זיינע שאַטירונגען. ער האָט ביי זייער פיל געלעגנהייטן מיטגעאַרבעט מיט אַלע טיילן פון פאָלק פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט, פאַר דער פאַרשפּרייטונג און פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער קולטור אין די תפוצות און ועל כולם פאַר אַריינברענגען אין פאָלק אַריין דעם גייסט און די אחריות פון אחדות־ישראל.

ליבשאַפט צום פאָלק האַרמאָניזירט ביי ד״ר מאַרגאָשעס מיט ליבשאַפט צו ארץ־ישראל. צוליב ארץ־ישראל האָט ער ווי אַ ציוניסט קיינמאָל נישט פאַרזען דעם גלות, און צוליב דעם גלות האָט ער קיינמאָל נישט פאַרנאַכלעסיקט ארץ־ישראל. אין זיין פאַרצווייגטער ציוניסטישער טעטיקייט האָט ער קיינמאָל נישט שולל געווען די גלות־אַרבעט. פון דאַנען נעמט זיך וואָס טייל האָבן געהאַט וועגן מאַרגאָשעסן געשריבן, אַז: „ביי ציוניסטן איז ער שיער נישט אַ גלות־אידעאָלאָג״.

**
*

סיי אין דער פּראַקטיש געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און סיי אין דער שריפטשטעלערישער טעטיקייט באַשטייט ד״ר מאַרגאָשעסעס ביישטייער אויך אין דעם, וואָס ער האָט אַלע מאָל זיך באַמיט אויפצוהייבן די מאַסן־יידן און זיי האַלטן אויף איין מדרגה מיט די אַזוי־גערופענע יהדות־יידן. ער האָט זיך אַלע מאָל באַמיט אָפּצושאַפן די מחיצה, וואָס דער אַריסטאָקראַטישער קלאַס יידן אין אַמעריקע האָט אויפגעשטעלט.

ווי אַ קענער פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע פאָלגט ד״ר מאַרגאָשעס נאָך אַלע געשעענישן, פּאַסירונגען און אַנטוויקלונגען. זיין שאַרף אויג און לויטערער מוח כאַפּן אויף אַלע טענדענצן אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן. ווי אַ לעקטאָר איז ער אָן אָפּטער באַזוכער אין פאַרשידענע שטעט אין אַמעריקע און ער האָט דעריבער אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן און נאָכצופאָלגן יידיש לעבן פון דער נאָענט. ד״ר מאַרגאָשעס געהער הײַנט־צו־טאָג צו די געציילטע עקספּערטן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

**
*

ד״ר מאַרגאָשעסעס ראָל אין ציוניזם און אין יידישן לעבן בכלל איז פון אַ קולטור־דערציערישן כאַראַקטער. זיין ראָל איז פון אַ מורה־דרך, פון אַ וועגווייזער. אין לויף פון יאָרן איז אים אויסגעקומען צו פאַרנעמען זייער פיל וויכטיקע אַמטן אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, און פון זיין אַרבעט האָט זיך תמיד אַרויסגעשיילט דאָס קולטור־דערציערישע. ד״ר מאַרגאָשעס איז אַ גלענצנדיקער פאַרטייטשער און אויסטייטשער פון פּאָליטיק. ער איז מסביר די פאַרוויקלטסטע פּאָ־

ליטישע פראַגן. ער איז ממש אַ בן־בית אין דער וועלט־פּאָליטיק, ווייסט זייער גוט און איז אויסגעבונדן אין אַלע קעמערלעך פון פּאָליטישן לעבן. אים איז נישט איינמאָל אויסגעקומען טועם־טעם צו זיין פון די פּאָליטישע ווייַנען אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן; ווייַנען, וואָס גלעטן די ליפּן, ברי׳ען דעם גומען און ברענען דאָס האַרץ. אים איז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען אין זיין פּאַרצווייגטער פּאָלי־טיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אויסצופירן זייער וויכטיקע שליחותן, צו זיין אַן אַרבי׳טער אין פאַרשידענע פּאָליטישע דיספּוטן. אַמבעסטן זאָל ער זיך אָבער פילן אין קדשי־קדשים פון תורה, אין היכל פון קולטור.

די, וועלכע קענען ד״ר מאַרגאָשעסן פון דער נאָענט, זאָלן האָבן ביי אים אָבסערווירט אַ טיפן אינערלעכן געראַנגל, אַ ויתרוצצו אויפן באָדן פון זיין קולטור־און פּאָליטישער טעטיקייט. קולטור זאָל זיין זיין היים, פּאָליטיק אָבער זאָל געהערן צו זיין חשק.

ד״ר ש. מאַרגאָשעס איז בטבע אַ רך לב וטוב. אויף מאַמע־לשון מיינט עס, אַז ער איז אַ גוטהאַרציקער מענטש, אַ בעל־מידות, אַ פריינטלעכער מענטש און אַ שטאַרק־איבערגעגעבענער צו פריינט. ער איז תמיד גרייט אַ טובה צו טאָן אַ מענטשן. נישט מיטן צוועק אַריינצוכאַפּן אַ מצווהלע אויף דער זינדיקער וועלט, נאָר גאָר פּשוט צוליב מענטשלעכקייט. נישט צוליב צו השמים, נאָר צוליב צו הבריות, ווייל מענטש באַדאַרף מענטש באַגעגענען אין ליידן און אין פריידן, אין ווווילזיין און אין נויט. דער דאָזיקער כאַראַקטער ביי אַ מענטשן, זאָגן יודעי־חן, גייט נישט האַנט־ביי־האַנט מיט פּאָליטיק. די באַהויפּטונג גייט ווייטער און וואָגט צו זאָגן, אַז דאָס זיין אַ נוח לבריות איז ווייט נישט קיין סגולה אין דער פּאָליטיק. אין פּאָליטישן לעבן זאָל זיך פאָדערן קשי־עורפדיקייט מער ווי ווייכהאַרציקייט. אַזוי ווי עס איז אין דער קולטור־אַרבעט נייטיק צו זיין אַן אוהב חיים, אַזוי פאָ־דערט די פּאָליטיק צו זיין אַ שורף חיים. ד״ר מאַרגאָשעס געהער גיכער צו דער ערשטער קאַטעגאָריע ווי צו דער לעצטער און פון דאַנען זאָל זיך נעמען דער ויתרוצצו ביי אים.

**
*

אין אונדזער נייער העברעי׳שער ליטעראַטור דערציילט אונדז יהודה אבן שמואל וועגן צוויי מתנות, וועלכע זענען געגעבן געוואָרן צו יעדן מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, דהיינו: די מתנה פון יצירה, פון שאַפונג, און די מתנה פון חירות, פון פרייהייט. אין דער מתנה פון יצירה דערפילט דער מענטש די קדושה פון זיין לעבן. דער מענטש, וואָס שאַפט, איז אַליין דער לעבע־דיקסטער עדות אויף דער יצירה פון דעם אַלמעכטיקן. אין דעם געשאַנק פון

פרייהייט דערפילט דער מענטש דעם פרייען אויסוואַל פון זיין גֿעדאַנק און פאַר זיין טאַט.

זייער וויכטיקע צוויי מתנות זענען געגעבן געוואָרן פון דער השגחה צו דעם מענטשן. ד"ר ש. מאַרגאָשעס טראָגט די קרוינען פון די דערמאָנטע צוויי מתנות. דער געשאַנק פון פרייהייט איז ביי אים צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם געשאַנק פון יצירה. ער שאַפט פריי, ער אָבסערווירט געשעענישן און זאָגט אַרויס פריי און אומגעשטערט זיין מיינונג. אין אַלע זיינע עסייען, פובליציסטישע אַרטיקלען און אין זיין פאַרצווייגטער גערזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז ער היוצר בדעת באַגלייט מיטן געפיל פון פרייהייט, און דערפאַר האָט ער זוכה געווען אין יידישן לעבן צוגערעכנט צו ווערן צו די יחידי־סגולה.

דעצעמבער, 1957

דער פרינץ פון געדרוקטן וואָרט

(אויפן פרישן קבר פון יוסף העפטמאַן ע״ה)

דער פלוצימדיקער טויט פון יוסף העפטמאַן ע״ה אין תל־אביב האָט אַרויסגערופן טרויער צווישן יידן איבער גאָר דער וועלט. יוסף העפטמאַן איז געווען באַקאַנט ביים ברייטן עולם, סיי פון זיין ציוניסטישער און סיי פון זיין פאַרצווייגטער זשורנאַליסטיש־ליטעראַרישער אַרבעט. גאַנץ באַזונדערס האָט די טרויעריקע ידיעה אַרויסגערופן צער און פיין צווישן די פיל טויזנטער און טויזנטער יידן פון פוילן, וועלכע געדענקען העפטמאַנען פון זיינע גייסטרייכע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם וואַרשעווער „מאָמענט״ און אין אַנדערע צייטשריפטן; פון זיינע אינהאַלטסרייכע רעדעס פאַר: קרן־היסוד, פאַרן החלוץ און פאַר דער ציוניסטישער פאַרטיי פון דער גרופּע „עת לבנות״.

אָט אַזוי פירט זיך דער מלאך־המות, פרעגט נישט ביי קיינעם, ווייסט נישט פון קיין רחמנות־געפיל, רעכנט זיך נישט מיט קיין דעת הקהל, קימערט זיך נישט מיט קיין גורל פון דער משפחה. ער נעמט אַוועק דעם מענטשן מיט גוואַלד, מערסטנטייל אין דער צייט, ווען מען קומט ערשט נאָך יאָרן לאַנגע מאַטערנישן, וואָגלענישן — צום לעבן.

יוסף העפטמאַן איז ערשט נישט לאַנג געהאַט געקומען צום לעבן אין ישראל, ווו ער איז געווען דער געקרוינטער פרינץ פון געדרוקטן וואָרט; דער פון אַלעמען געאַכפּערטער, פון אַלעמען אַנערקענטער פירער פון ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־ פאַריין, אין דער ציוניסטישער פאַרטיי. אין אַלע קרייזן האָט זיין וואָרט, דאָס געשריבענע ווי דאָס גערעדטע, אַרויסגערופן דרך־ארץ. זיין וואָרט האָט תמיד פאַרמאָגט וואָג, האָט משפיע געווען, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די מוחות און הערצער פון זיינע צוהערער און לייענער.

יוסף העפטמאַן איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. וויפל קשי־עורפדיקייט ער האָט אין זיך נישט געטראָגן, ווי אַ קינד פון אַן עם קשי עורף, האָט אָבער

זיין האַרץ נישט אויסגעהאַלטן. דאָס לירישע האַרץ פון יוסף העפטמאַן, דאָס האַרץ וואָס האָט אַזוי פיל געפילט יידיש לעבן, וואָס האָט אַזוי סובטעל, אַזוי סענטי־מענטאַל באַזונגען ארץ־ישראל, געטראָגן האָפענונג דעם געיאָגטן און פון אַלעמען געפלאָגטן פאָלק. יוסף העפטמאַן האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן גערופן די יידישע יוגנט צו אַרבעטן פאַר פרייהייט, פאַר אויסלייזונג, האָט דערמוטיקט יידן אין די שווערסטע צייטן, האָט געטראָגן געזאַנג און האָפענונג אין די רייען פון החלוץ, וועמענס פירער און וועג־ווייזער ער איז געווען אין משך פון פיל יאָרן.

בעת די שורות ווערן געשריבן, ווען אין תל־אביב איז אָקאָרשט צוגעדעקט געוואָרן דער קבר — איז שווער זיך צו קאָנצענטרירן בכדי אויסצודריקן די געפילן פון צער און ווייטיק צוליב דעם שרעקלעכן פאַרלוסט, וואָס דער פריצייטיקער טויט פון יוסף העפטמאַן האָט גורם געווען זיין נאָענטער משפחה, דער משפחה פון שרייבער, ווי דעם גאַנצן כלל ישראל איבער גאָר דער וועלט און גאַנץ באַזונ־דערס אין מדינת ישראל.

דעם גרויסן פאַרלוסט וועט מען ערשט דערפילן שפּעטער, ווען מען וועט נעמען אין האַנט אַריין די העברעיִשע טאָג־צייטונג „הבקר" און זען, אַז עס פעלט דער גייסטרייכער אַרטיקל פון העפטמאַנען. ער וועט פעלן אויף די פרעסע־קאָנפע־רענצן; ער וועט פעלן אין ישוב, אומעטום ווו ער האָט אַזוי פיל בייגעשטייערט מיט זיין מיושבדיקן גערדאַנק, מיט זיין שכל הישר, מיט זיין וויסן, מיט זיין דיכטע־ריש האַרץ, מיט זיין אַרבעט און פלייס.

יוסף העפטמאַן האָט געהערט צו דעם דור, וואָס פאַרשווינדט און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיין בכוח אויסצופילן דעם בלויז, וועלכן די אַוועקגעגאַנ־גענע לאָזן איבער.

***

יוסף העפטמאַן איז געבוירן געוואָרן אין חודש אָב פון יאָר 1888 אין ברייניסק (פּוילן). זיין פאָטער איז דאָרט געווען דער שוחט און בודק, דער דיין און אויך דער ממלא מקום פון רב. פון דער מוטערס צד האָט יוסף העפטמאַן געהאַט אַ משפחה־שייכות צו הרב מאיר בערלין. יוסף העפטמאַן האָט אין זיין יוגנט באַקומען אַ שטרענגע רעליגיעזע דערציִונג, האָט געלערנט אין חדרים און אין ישיבות. פון זיין פריסטער יוגנט אָן ווייזט העפטמאַן אַרויס פעִקייטן פון אַ שריפטשטעלער. שוין צו 12 יאָר פאַרעפנטלעכט ער זיין ערשטן פעליעטאָן אין „הצפירה". נאָכהער זענען זיינע לידער געדרוקט געוואָרן אין „השלוח", „התקופה" און אין אַנדערע העברעיִשע און יידישע צייטשריפטן. צו 21 יאָר האָט העפטמאַן אָפּגעגעבן די עקזאַ־מענס, אַלס עקסטערן, אין דער רעגירונגס־גימנאַזיע אין ראַדאָם (פּוילן). מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער פון נ. סאָקאָלאָוו און ד. פרישמאַן איינגעלאַדן געוואָרן מיט־

צואַרבעטן אין דער „הצפירה". ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און געשריבן אינהאַלטרייכע פעליעטאָנען אונטערן פסעוודאָנים „יוסיפון". אין יאָר 1917 איז יוסף העפטמאַן געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין וואַרשע, באַקאַנט פון דעם באַרימטן אַדרעס: „טלאָמאַצקע 13". נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת פוילנס באַפרייאונג פון צאַרישן רוס־לאַנד, איז העפטמאַן געווען פון די גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ". ער האָט רעדאַגירט אין יידיש און אין העברעיִש די צייטשריפטן, וואָס דער „החלוץ" האָט אַרויסגעגעבן, טאַקע אונטער דעם נאָמען „החלוץ". אַלס דעלעגאַט פון פוילישן „החלוץ" האָט זיך העפטמאַן אין יאָר 1920 באַטייליקט אין אַ ציוניסטישער קאָנ־פערענץ אין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט די פאָרשטייער פון אַמע־ריקאַנער ציוניזם — די ריכטער ל. בראַנדייס און פעליקס פראַנקפורטער, — וועמען ער האָט אויפגעקלערט דעם מהות פון דעם „החלוץ". צו יענער צייט איז העפטמאַן אויך דעלעגירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל מיט אַ שליחות אויסצוגלייכן אַ סכסוך צווישן דעם הפועל הצעיר און אחדות עבודה. אין יאָר 1921 איז העפטמאַן איינ־געלאַדן געוואָרן איבערצונעמען דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון ועד לאומי. אים איז דאַן אויסגעפאַלן דורכצופירן דעם ערשטן קאַמפּיין פון ועד לאומי און צו אָרגאַניזירן אין נאָמען פון דער ירושלימער קהילה דעם קבלת־פּנים פאַר ווינסטאָן טשורטשיל, וועלכער האָט דעמאָלט אין דער קאַפּאַציטעט פון קאָלאָניען־מיניסטער באַזוכט ארץ־ישראל.

יוסף העפטמאַן איז געווען אַ דעלעגאַט צו פיל ציוניסטישע קאָנגרעסן מצד דער פּאַרטיי פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, איז אין משך פון יאָרן אויך געווען אַ מיטגליד פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. פון יאָר 1936 איז העפטמאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער העברעיִשער טאָג־צייטונג „הבקר" אין תל־אביב. ער איז אויך געווען דער פּאָרזיצער פון ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן פאַריין אין תל־אביב און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון לאַנד־פאַריין פון די ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. ער איז געווען עקזעקוטיוו־מיטגליד פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. האָט אויך פאַר־נומען אַמטן אין אַ גאַנצער ריי אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין מדינת ישראל.

אַ חוץ זיין פאַרצווייגטער ציוניסטישער און אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין ארץ־ישראל און פריִער אין פוילן, ווי אַ פּאַרטיי־פירער, ווי אַ רעדנער וכדומה, האָט העפטמאַן אויך געפונען צייט פאַר זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט. ער האָט געשריבן, חוץ זיינע גייסטרייכע פעליעטאָנען, אויך לידער אויף יידיש און העברעיִש. ער האָט איבערגעזעצט וויכטיקע ווערק פון קלאַסיקער אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט אויך איבערגעזעצט ביאַליקס לידער פון העב־רעיִש אויף יידיש. ווי אַ פאָלקס־מענטש, איז העפטמאַן געווען שטאַרק פאַרבונדן

מיט דעם לשון פון די מאַסן — מיט ייִדיש, און זיין דיכטערישע נשמה האָט אים באַווירקט צו ברענגען פאַר די ייִדיש־ריידנדיקע די פערל פון ביאַליקס דיכטונג אויף ייִדיש.

***

יוסף העפטמאַן לאָזט איבער אַ רייכע ירושה פון ליטעראַרישע און פובליציסטישע שאַפונגען, געשריבן אין משך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט אויף העברעיִש און אויף ייִדיש. ער לאָזט אויך איבער אין מדינת ישראל אַ קולטורעלע פאָלקס־שאַפונג — דעם „עתון העתונאים", די לעבעדיקע צייטונג, וואָס ער האָט געגרינדעט און אַנגעפירט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס אין טעאַטער „מוגרבי" אין תל־אביב. די לעבעדיקע צייטונג האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט אַן אינהאַלטסרייכן פראָגראַם, וואָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

געקומענע געסט צו באַזוכן מדינת ישראל, מענטשן פון דער צייטונגס־וועלט, מענטשן פון דער פּאָליטיק, אויך פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס זענען פאַרבעטן געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין דער לעבעדיקער צייטונג, וועלכע העפטמאַן האָט פרעזידירט מיט אַזויפיל געשמאַק, מיט פיעטעט. ווער עס האָט געזען העפטמאַנען פרעזידירנדיק די פרייטיק־צו־נאַכטסן, האָט געקאָנט באַמערקן אויף זיין געזיכט ווי די דיכטערישע שכינה רוט אויף אים.

.1955

נאָר ער איינער האָט געפעלט

(נאָכן טויט פון א. ל. שוסהיים ז״ל)

נאָכן טויט פון ר׳ מרדכי ראַזאָווסקי ע״ה האָט א. ל. שוסהיים געשריבן: „אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול, אָפּגעבן כבוד זיין נאָמען, אַלע זענען זיי געקומען, קיין איינער האָט נישט געפעלט. נאָר ער איינער האָט געפעלט. ער איינער, ר׳ מרדכי, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געפעלט, ווי לאַנג די פיס האָבן אים געטראָגן, — ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אַרויסצוווייזן פריינטשאַפט אַ חבר, אָדער אָפּצו־געבן כבוד דעם נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם, וועלכער האָט זיך דאָס פאַרדינט״.

די ווערטער, געשריבן פון שוסהיימס מייסטערהאַפטער פעדער, ווילן מיר אָנווענדן צו אים אַליין, נאָך זיין פטירה. זיכער האָט קיינער נישט געפעלט ביים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם זקן הסופרים, דעם וועטעראַן פון דער יידישער שרייבער־משפחה אין אַרגענטינע. אַלע זענען זיי געקומען, זיין נאָענטע משפחה, אַלע קאָלעגן פון דער רעדאַקציע „די אידישע צייטונג״, ווו ער האָט קרוב צו דרייסיק יאָר טאָג־טעגלעך געלאָזט הערן זיין שטים, דורך זיינע בליצאַרטיקע און גייסטרייכע אַרטיקלען. זיכער האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, די מיטגלידער פון די ציוניסטישע פאַרטייען און פון אַלע אינסטי־טוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן תמיד שוסהיימען רעספעקטירט. נאָר ער איינער האָט געפעלט, — ער — שוסהיים אַליין. ער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געפעלט, ווי לאַנג נאָר ער האָט געקאָנט אָטעמען. ווי לאַנג נאָר ער האָט געקאָנט גיין אויף זיינע פיס, איז ער אומעטום געגאַנגען, אומעטום איז ער געווען. נישט קוקנדיק אויף זיין טיפן עלטער, איז ער אָבער פאַרבליבן ביים יונגן גייסט און ביז דעם סוף פון זיין לעבן זיך אינטערעסירט מיט אַלע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אַרגענטינער יידישן לעבן, מיט דעם לעבן פון יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט און מיט אַ באַזונדערן אינטערעס נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג און אַלע פּאַסירונגען און געשעענישן אין לאַנד פון זיין טרוים — אין מדינת ישראל.

יאָ! א. ל. שוסהיים הייבט ערשט אָן צו פעלן. וואָס אַ טאָג ווייטער וועט זיך אַלץ מער פילן זיין פעלן. אומעטום, אומעטום וועט זיך פילן דער גרויסער חלל, וואָס שוסהיים האָט איבערגעלאָזט אויף אונדזער זינדיקער ערד נאָך זיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט אַריין. ער וועט פעלן די טויזנטער און טויזנטער לייענער פון דער צייטונג, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן ממש אָטעם-פאַרכאַפּנדיק נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס זיין פעדער האָט געשריבן; ער וועט פעלן דער משפחה, ער וועט פעלן דעם גאַנצן ציבור-לעבן פון ישוב, און ווייט, ווייט אויסער די גרענעצן פון אַרגענטינע, די אַלע וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט שוסהיימען, דעם שרייבער, דעם זשורנאַליסט, דעם אַרבעטער-ציוניסט, דעם איבערגעגעבענעם און געטרייען ייִד.

שוסהיים איז געווען באַליבט און פּאָפּולער ביי אַלעמען, נישט נאָר ביי די, מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג אין זיין נאָענטער סביבה, צווישן קאָלעגן שרייבער און זשורנאַליסטן, ער איז געווען באַליבט ביי אַלעמען און אַלע האָבן געהאַט פאַר אים דרך־ארץ און טיפן רעספּעקט.

עס איז געווען שוסהיים דער שרייבער, דער וואָרט-קינסטלער, וועלכער האָט געקאָנט פון זיין פעדער אַרויסברענגען די פערלדיקסטע מחשבות; וועלכער האָט געקאָנט סובטעל, אין די דינסטע ניואַנסן באַהאַנדלען די שווערסטע פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז אָפטמאָל גאַרנישט אַזוי סובטעל. עס איז געווען שוסהיים דער שרייבער און זשורנאַליסט פון דער אייראָפּעישער שולע, פון דער אַלטער ווינער שולע, וועלכער האָט אין קורצע מייסטערהאַפטע זאַצן, אין אַ פעטער אַלטענבערג-סטיל, געקאָנט איבערגעבן און דערציילן די פאַרוויקלט־סטע פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אינערהאַלב דער ייִדישער געזעל־שאַפט, סיי וועגן אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן. עס איז געווען שוסהיים דער שריי־בער, וועלכער איז געווען בכוח זיין פעדער צו טונקען אין רעגנבויגן פון ייִדישער און אַלוועלטלעכער טעמאַטיק, זיך דורכשמועסן מיט זיינע לייענער וועגן פראַגן פון דער געזעלשאַפט, דערביי אַרויסברענגען אומצווייפלהאַפטיק, נאָר קלאָר, זיין מיינונג, זיין בליק, זיין צוגאַנג צום געגעבענעם ענין. אָפטמאָל נישט קאַרגן קיין שטרענגע באַמערקונגען וועגן פּאַסירונגען און געשעענישן. ער האָט אויך געקאָנט אַ שעפּ טאָן פון אונדזער אייביקן קוואַל, אויף זיין לשון, אין זיין סטיל. אַ שעפּ טאָן פון אונדזער אַלטן קולטור־אוצר און טיף, טיף אַריינבליקן אין די נשמות פון די גרויסע גייסטער פון דער וועלט-ליטעראַטור און פון אונדזערע אייגענע קלאַסיקער, פון אונדזערע אייגענע פּאָליטישע פירער פון ייִדישן לעבן.

***

א. ל. שוסהיים ע״ה איז געווען אַ מעורב בין הבריות. ער האָט תמיד ליב געהאַט זיך צו געפינען אין קרייז פון מענטשן, צי דאָס איז געווען ביי אַ טיש

אין קאַפע, אָדער פּריוואַט צו גאַסט ביי עמיצן אין הויז, אָדער גאָר אויף אַ מסיבה פאַר עמיצן. שוסהיים איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געקומען אין צייט. ביי אים איז פּינקטלעכקייט געווען אַ וויכטיקער ענין. אים פלעגט פאַרדריסן, וואָס מענטשן האָבן פאַרשפּעטיקט און נישט רעספּעקטירט ווי געהעריק די צייט. אומעטום האָט זיך שוסהיים צוגעהערט צו די געשפּרעכן, צו די וויכוחים, אַליין גענומען אַ וואָרט, געפרעגט שאלות, זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די תשובות, און שפּעטער גייענדיק אַהיים צו זיין אַרבעטס־טיש האָט ער אויף זיין שטייגער די אַלע ענינים באַטראַכט, אַנאַליזירט, אינטערפּרעטירט און מיט זיין גייסטרייכער פּעדער די באַטראַכטונגען אַרויסגענומען אויפן פּאַפּיר. שוסהיים איז אין זיין שרייבן נישט געווען קיין עגאָיסט. ער האָט נישט מאָנאָפּאָליזירט זיין טראַכטן און באַטראַכטן פּראָבלעמען פון די טאָג־טעגלעכע געשעענישן און פּאַסירונגען. ער האָט שטענדיק געהאַט מיטבאַטייליקטע, שותפים, וועלכע האָבן מיט אים מיטגעטראַכט. ווי גיך נאָר זיי האָבן אַריינגעבליקט אין זיין „קאָלום", באַטיטלט „פון קליינע און גרויסע זאַכן", זענען זיי נישט געווען קיין פּאַסיווע לייענער, איבערגעלייענט און גענוג. ניין! זיי זענען גלייך געוואָרן אַקטיווע אַנאַליטיקער, באַטראַכטער פון דעם געשעעניש, פון דעם פּראָבלעם, איבער וועלכן שוסהיים האָט געשריבן.

די בעסטע מדרגה, וואָס אַ שרייבער קאָן דערגרייכן איז — ווען ער איז ביכולת מקרב צו זיין דעם לייענער, ער זאָל פילן ווי ער רעדט צו אים שרייבנדיק, אַפילו דאַן, ווען דער לייענער איז מיט דעם געשריבענעם נישט מסכים. א. ל. שוסהיים ע״ה האָט די מדרגה דערגרייכט. זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, זיינע מיינונגען און אָפּשאַצונגען איבער פאַרשידענע פראַגן און פּראָבלעמען פון יידישן לעבן האָבן געטראָגן אין זיך דעם אָטעם פון אינטערעס, די נאָענטע פאַרבינדונג, די התקרבות מיטן לייענער. שוסהיימס פּעדער האָט פאָטאָגראַפירט זיין שאַרפזין, זיינע מוח־באַטראַכטענישן און דאָס איבערגעגעבן אויפן פּאַפּירענעם לייוונט פון דער טאָג־צייטונג. דערביי האָט ער געהאַט דעם טאַלאַנט אַכטונג צו געבן, אַז זיין פּעדער זאָל חלילה פון דעם שאַרפזין נישט סקריפּען. ער האָט געמעגט זיין ווי האַרב, ווי שטרענג ביים רעאַגירן אויף אַ געשעעניש, וואָס איז אים נישט געווען צום האַרצן; אָבער ווי אַ געניטער שרייבער, ווי אַ וואָרט־קינסטלער האָט ער שטענדיק אָפּגעהיט, אַז זיין פּעדער זאָל נישט איבערגעבן דעם עכאָ פון דער האַרבקייט און שטרענגקייט. דער טאָן האָט געמעגט זיין אַ ביסל בייסיק, אָבער נישט בייז. שאַרף, חריפותדיק, אָבער נישט אַנפּאַלעריש. ער האָט געמשפּט האַנדלונגען און טאַטן פון מענטשן פון דער גזעלשאַפט; ער האָט אָבער שטענדיק אין זינען געהאַט צו לאָזן פּלאַץ פאַר רעהאַביליטאַציע. ער איז געווען ווי דער ריכטער, וואָס באַנוצט זיך נישט בלויז מיט דער האַרבקייט פון געזעץ, בכדי צו פאַרמשפּטן. ניין! ער אינטערעסירט זיך מיטן מענטשן און לאָזט איבער אַ

מעגלעכקייט פאַר אויסבעסערונג, פאַר אויסלייטערונג. שוסהיימס פעדער האָט געמשפּט, אָבער נישט פאַרמשפּט. ער האָט געלאָזט פלאַץ פאַר אויסבעסערונג, פאַר אויסלייטערונג. און דאָס איז געווען אַ גאַר הויכע מדרגה, צו וועלכער לא כל סופר זוכה!

**
*

א. ל. שוסהיים האָט זיין גאַנצן לעבן געהערט צו אַ פּאַרטיי. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי. אין די בראשית־יאָרן פון קיום פון פּועלי ציון האָט ער געהאַט די זכיה צו ווערן דער נאָכפאָלגער פון קאַפּלאַנסקין ע״ה, איבערנעמענדיק די רעדאַקציע פון „דער אידישער אַרבעטער“, דער דעמאָלטדיקער אָרגאַן פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי. שוסהיים ע״ה איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון פּאָליטישן ציוניזם. זיינע לונגען האָבן געאָטעמט מיט ציוניזם, מיט ליבשאַפט צו ארץ־ישראל און לעצטנס צו דער יידישער מדינה. אָבער שוסהיים איז קיינמאָל נישט געווען קיין פאַרבלענדטער פּאַרטיי־מענטש. נישט אַלץ, וואָס די פּאַרטיי־לייטונג האָט געטאָן, איז אים געווען צום האַרצן, איז געשען מיט זיין הסכמה. האָט ער זיך טאַקע נישט געשעמט אַראָפּצונעמען דעם דיסציפּלין־פּאַנצער פון זיינע אַקסלען און האָט אָפן און קלאָר אויסגעדריקט זיין מיינונג, איבערגעבנדיק זיינע באַטראַכטונגען, דערציילט פון זיין משפּט, און אַזוי ווי ציוניזם איז נאָך דערוויילּ די דעמאָקראַטישסטע באַוועגונג אין יידישן לעבן, האָט מען זיך שטענדיק מיט גרויס דרך־ארץ און פּיעטעט באַצויגן צו די מיינונגען פון שוסהיימען. ווי אַ פּאַרטיי־מענטש האָט שוסהיים שטענדיק פאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווי ער איז פריי אַרויסצוברענגען זיין שטאַנדפּונקט צו אַ באַשטימטער פּראָבלעם, אַזוי איז אויך די פּאַרטיי־לייטונג פריי און נישט געבונדן גראָד זיך צו האַלטן ביים שוסהיים־פּרינציפּ, נאָר קאָן באַשליסן לויט דער מיינונג פון דער מערהייט.

**
*

ער וועט פעלן! אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע און וייט, ווייט אַריבער די גרענעצן פון אַרגענטינע וועט ער פעלן.

דער גרויסער פאַרלוסט צוליבן טויט פון א. ל. שוסהיימען וועט ערשט דערפילט ווערן, ווען מען וועט זען דעם גרויסן חלל, וואָס ער האָט געלאָזן מיט זיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט אַריין. עס וועט פעלן שוסהיים דער שרייבער, דער זשורנאַליסט, דער אויסטייטשער און פאַרטייטשער פון די פאַרוויקלטסטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן. ער וועט פעלן זיינע טויזנטער לייענער, פאַרערער און פריינט. ער וועט פעלן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וועמען ער האָט אַזוי געטריי, אַזוי איבערגעגעבן, מיט אַזוי פיל אמונה געדינט.

1952.

מיט ד״ר יעקב שאַצקי פאַר זיין טויט

קיינער אין יידישן ניו־יאָרק האָט זיך נישט געריכט, און זיכער נישט ד״ר שאַצקי אַליין, אַז די טעג און שעהן פון זיין לעבן זענען געציילטע; אַז אָט־אָט קומט דער מלאך־המות און רייסט אים אַוועק פון אונדז אויף אייביק. קיינער, און אויך נישט ד״ר שאַצקי אַליין, האָבן באַמערקט דעם שאָטן פון מלאך־המות, וועל־כער האָט זיך געפּאָרעט אַרום שאַצקין און פאַרלייגט זיינע לעצטע נעצן אויף אים צו פאַנגען. ווער זאָל זיך עס ריכטן, אַז ד״ר שאַצקי, ווען ער האָט אויף אַן אינטימער מסיבה אין הויז פון ד״ר שלמה ביקל, לכבוד ביקלס 60סטן געבורטסטאָג, גענומען דעם כוס משקה אין האַנט, איז עס געווען אַ געזעגענונג פאַר זיין אייגענעם טויט.

געווען איז ד״ר יעקב שאַצקי יענעם אויפדערנאַכט זייער אין אַ גוטער און אויפגעלייגטער שטימונג; ער איז געווען שלאָגפאַרטיק, שאַרפזיניק, חריפותדיק, גרייט פאַר וויכוח, דינאַמיש און מיט זיינע וואַנדערנדיקע בליקן אָבסערווירט און דורכגעשפּיזט; פאַר אַלע אַנוועזנדיקע און פאַר יעדן באַזונדער האָט ער געהאַט צו דערציילן אַ געשמאַקן און באַטעמטן וויץ.

ווען ד״ר יעקב שאַצקי איז געקומען צו דער מסיבה פון ד״ר שלמה ביקל — דעם יובילאַר, — זענען שוין די פאַרזאַמלטע געזעסן ביי די טישן און נהנה געווען פון די מאכלים, וואָס זענען פאַר די געסט סערווירט געוואָרן. שפּעטער אַ ווײלע האָט זיך ד״ר שאַצקי אַוועקגעשטעלט ביי אַן עק פון אַ טיש; דעם קאָפּ אַ ביסל פאַרוואָרפן אין אַ זייט; אין איין האַנט געהאַלטן פאַרשטייפט צווישן די פינגער אַ פּאַפּיראָס און האָט אומאויפהערלעך אַריינגעשלונגען דעם רויך אין זיינע לונגען.

ד״ר שאַצקי האָט געבעטן ביים עולם אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט און האָט שטייענדיקערהייט אָנגעהויבן צו פירן טיש. אַליין געהאַלטן אַ קורצע רעדע לכבוד

דעם יובילאַר און האָט אויפגערופן די עליות, מכבד זייענדיק מיט ווערטער עטלעכע פון די פאַרזאַמלטע.

ד״ר שאַצקי האָט אָנגעהויבן זיינע ווערטער מיט אַ דערקלערונג, אַז ער האָט פיינט בתכלית השנאה סענטימענט; אַז ער איז אַ קעגנער פון עמאָציעס; אַז ער קאָן באַין אופן נישט פאַרטראָגן קיין סענטימענטאַלע צעקראַכנקייט.

באַלד איז דער דיכטער ה. לייוויק געווען מחולק מיטן טאָסטמייסטער, אָנ־ווייזנדיק, אַז עס קאָן זיין אַ סינטעז צווישן שׂכל און געפיל, אין דאָזיקן גייסט האָבן גערעדט אַלע רעדנער, וועמען נאָך ד״ר שאַצקי האָט מכבד געווען מיט אַ וואָרט.

אַ גאַסט פון אַרגענטינע, דער שרייבער י. באָטאָשאַנסקי, אויף זיין צוריק־רייזע פון ישראל, האָט דערציילט אינטערעסאַנטע זכרונות פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר שלמה ביקל; זכרונות פול מיט עמאָציעס, איבערגעלאָדן מיט בענקשאַפט נאָך יענע צייטן, ווען מען איז געווען יונג, פול מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט, פול מיט ברען און התלהבות פאַר די אידייען, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געטראָגן אין ייִדישן לעבן אין רומעניע.

ד״ר יעקב שאַצקי, טראָץ זיין גרייטקייט אויף וויכוח, ווי עס איז געווען זיין טבע, האָט אָבער דעם אויפדערנאָכט קיין וויכוח נישט געפירט מיט קיינעם. די יום־טובדיקע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין הויז פון יובילאַר און די ראָל פון טאָסטמייסטער האָבן אים, משמעות, אָפּגעהאַלטן פון דיסקוסיע. פאַרשטעלנדיק איינעם פון די רעדנער, האָט דאָן ד״ר שאַצקי געזאָגט, אַז טראָץ דעם, וואָס ער איז אַ קעגנער פון סענטימענט, האָט ער אָבער זייער פיל סענטימענט צו דעם מענטש, וועמען ער שטעלט פאָר.

און אַזוי אַרום האָט ד״ר שאַצקי אויף אַ פּרעכטיקן אופן, מיט אַ סך הומאָר, געפירט אַן אינטימע מסיבה לכבוד ד״ר שלמה ביקלס געבוירנטאָג; אַ מסיבה, אָנגע־האַלטן אין גייסט פון לומדות און חריפות, אַקאָמפּאַנירט מיט געשמאַקן הומאָר, וואָס האָט אַריינגעבראַכט הייטערקייט צווישן עולם.

ווער זאָל זיך עס ריכטן; וועמען זאָל עס איינפאַלן, אַז דאָס איז געווען ד״ר שאַצקיס לעצטער געזאַנג, איידער ער איז געפאַנגען געוואָרן פון מלאך־המות, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן צום מלכות פון טויט. ווער האָט דען געקאָנט אויף אַ מינוט טראַכטן יענעם אויפדערנאַכט, אַז דער דינאַמישער, קוועקזילבער־דיקער ד״ר שאַצקי, וועלכער איז געשטאַנען מיט אונדז, מיטן קאָפּ אַ ביסעלע פאַרוואָרפן אין אַ זייט, און אַזוי שאַרף גערעדט קעגן עמאָציעס, קעגן געפיל און סענטימענט; אַז ער גרייט זיך עס אויפצונעמען די גזירה פון מלאך־המות מיט זיין וויסנשאַפטלעכן פאַרשטאַנד, אַוועקשליידערנדיק אין אַ זייט אַלע עמאָציעס,

אַלע סענטימענטן, וואָס זענען עלול אַרויסצורופן רחמנות. ד״ר שאַצקי האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט ווי אַ וויסנשאַפטלער, און זיינע לעצטע ווערטער, איידער ער איז קראַנק געוואָרן, זענען געווען אָן אַדע צו דער וויסנשאַפט, וועלכער ער האָט איבער 40 יאָר אַזוי געטריי געדינט, צולייגנדיק אַ בלעטל צו אַ בלעטל, בכדי אויפצושטעלן אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק, ווי עס איז זיין אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס אַ סך פון זיי האָט ער, צום באַדויערן, שוין נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

1956.

ר׳ איפכא מסתברא!

(צום טויט פון ד״ר עזריאל קארלעבאך ע״ה)

דאָס האַרץ פון דעם יונגן, יידישן שריפטשטעלער און זשורנאַליסט דאָקטאָר עזריאל קאַרלעבאַך האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן פּלוצים, און דער מלאך־המות האָט אים אַוועקגענומען אין דער אייביקייט אַריין. די ישראל צייטונג „המעריב״, וועמענס רעדאַקטאָר און אייגנטימער עזריאל קאַרלעבאַך איז געווען, האָט פאַרלוירן אַ פיינעם שריפטשטעלער, אַ וווּנדערבאַרן זשורנאַליסט, וועמענס גלייכן עס איז קיין סך נישטאָ, נישט אין ישראל און נישט אין דער יידישער וועלט.

***

מענטשן בכלל און יידן בפרט זענען שטאַרק הונגעריק נאָך אַן אויסטייטשונג פון די טעגלעכע נייעסן, וואָס ברענגען די פּאַסירונגען אויף אַלע שטחים פון מענטשלעכן לעבן אויפן ערד־קוגל. מען וויל וויסן און פאַרשטיין וואָס עס באַדייטן די אַלע נייעסן, וואָס די טעלעגראַף־אַגענטורן ברענגען דורך דער פאַרמיטלונג פון צייטונגען צו די מיליאָנען לייענער. מען וויל וויסן ווי אַזוי די נייעסן צו באַגעגענען, צו פאַרשטיין און תופס צו זיין יעדן צוג פון דעם אָדער יענעם דיפּ־לאָמאַט, יעדע באַוועגונג פון דער אָדער אַן אַנדער מלוכה. די צייטונגס־וועלט איז היינט צו טאָג אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיקן כוח. נייעס־אַגענטורן, ראַדיאָ־סטאַנ־ציעס און טעלעוויזיע ברענגען כסדר אָן אויפהער, אַלע האַלבע און יעדע שעה, 24 שעה אין מעת־לעת, די נייעסן וועגן די וועלט־פּאַסירונגען. די נייעסן ווערן פון זשורנאַליסטן, פון פאַכמענער קאָמענטירט און פאַרטייטשט. די זשורנאַליסטן־משפּחה און דער קרייז פון נייעס־קאָמענטאַטאָרן איז קיין עין־הרע זייער און זייער גרויס. געציילטע אָבער פון זיי זענען אַרויסגעוואַקסן צו דער הויך פון טיטאַנען אין דער זשורנאַליסטיק בכלל און אַלס פּאָליטישע נייעס־קאָמענטאַטאָרן בפרט. אין אונדזער יידישן לעבן, און גאַנץ באַזונדערס אין דעם לעבן פון מדינת

ישראל, איז ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך ע״ה געווען דער טיטאַן פון דער העברעיִשער פרעסע; דער ריז, וועלכער האָט נישט געהאַט זיין גלייכן ביים פאַרטייטשן און אויסטייטשן דאָס פּאָליטישע טאָג־טעגלעכע לעבן סיי אין לאַנד און סיי אין דער וועלט.

די פעדער פון ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך ע״ה איז געווען אַזוי געשניצט, אַז ער איז געווען בכוח דורך איר אָפּצושפּיגלען און פאַרטייטשן אַלע הינטער־כוונות פון די פּאָליטישע מוחות, וועלכע שטייען היינט צו טאָג ביים רודער פון דער וועלט־פּאָליטיק... נישט אומזיסט איז ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך ע״ה באַטראַכט געוואָרן פון אַלעמען ווי דער בעסט־טאַלענטירטער שרייבער און רעדאַקטאָר אינעם העברעיִשן צייטונגס־וועזן אין מדינת ישראל.

***

די לייענער פון דער נאָכמיטאָג־צייטונג „מעריב", אין תל־אביב, וועלכע ציילן זיך קיין עין־הרע אין די צענדליקער טויזנטער, האָבן יעדן טאָג איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד, אין די שטעט און אין די דערפער, אין די קיבוצים און אויף די גרענעץ־פּונקטן זייער אויפמערקזאַם געלייענט די פּרעכטיקע טאָג־אַרטיקלען, וואָס קאַרלעבאַך ע״ה האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג. אַרטיקלען, וועלכע האָבן פאַרטייטשט אין אַ קלאָרער, זאַפטיקער שפּראַך דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און פאַסירונגען אין לאַנד אויף אַלע שטחים, און אויך פאַרטייטשט די פּאָליטישע געשעענישן פון דער וועלט. יעדן ערב־שבת האָט עזריאל קאַרלעבאַך געשריבן אַ וועכנטלעכן פעליעטאָן אין זיין צייטונג און האָט זיך אונטערגעשריבן מיט אַ פּסעוודאָנים „ר' איפכא מסתברא", וואָס אויף מאַמע־לשון איז דער טייטש: „דאָס טראַכטן קאַפּויר" — קעגן דער אָנגענומענער ליניע און שיטה. דער פעליעטאָן איז געלייענט געוואָרן אין ישראל פון אַ סך מער לייענער, ווי עס האָט די צייטונג „המעריב". געשווורענע לייענער פון אַנדערע צייטונגען האָבן ערב־שבת שמאַרק הנאה געהאַט פון דעם פעליעטאָן פון ר' איפכא מסתברא און געפונען אין אים אַ סיפוק־הנפש, אַ באַפרידיקונג. האָבן געהאַט אַ גייסטיקן פאַרגעניגן, עפּעס ווי דער מחבר וואָלט געשריבן אַזוי ווי זייער האַרץ באַגערט, אַזוי ווי זיי טראַכטן אין זייער מחשבה. אַזוי ווי זיי אַליין פּאַסן אויף פאַסירונגען, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן זען סיטואַציעס. די לייענער האָבן אין די פעליעטאָנען דערשפּירט ווי ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך ע״ה האָט אַרויסגעשלעפּט פון זייער אונטערבאַוווסטזיין, פון די טיפענישן פון זייער האַרץ די זעלבע מחשבות, די זעלבע געדאַנקען.

דער פּסעוודאָנים פון ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך האָט, ווי מען זאָגט אויפן זשורנאַליסטישן זשאַרגאָן, אָנגעריסן צווישן לייענער, און אויב עמיצער האָט גע־

וואָלט זיך שאַפן אַ קלאָרע מיינונג וועגן באַשטימטע ענינים און נישט נאָכפאָלגן סתם אַזוי בלינד די אַנגענומענע שיטה. האָט זיך פאַרטיפט אין דעם ערב־שבת־דיקן פעליעטאָן פון ר' איפכא מסתברא און האָט באַקומען — ווי מען זאָגט אין דעם פאָליטישן זשאַרגאָן — אַ קלאָרע ראיה; די אויגן האָבן זיך ביי אים געעפנט און די שוואַרצאַפלען האָבן דערבליקט די אמתע כוונות פון מחבר.

מען דערציילט, אַז פאַר די צייטן פון ענגלישן מאַנדאַט, בימי מלחמה און גלייך נאָך דער מלחמה, האָבן די פעליעטאָנען פון איפכא מסתברא זייער פיל גע־האָלפן צו פאַרטייטשן פאַרן עולם דעם שווערן קאַמף, וואָס דער ישוב פירט מיט די ענגלישע באַאַמטע. די ענגלישע צענזור האָט זיך נישט געכאַפּט אויף דער קונסט פון ד"ר קאַרלעבאַך איבערצוגעבן און צו פאַרטייטשן ענינים פאַר די לייענער אויף אַזאַ געשיקטן אופן, וואָס זאָל פאַרשטעלן פאַר דער צענזור די אמתע כוונות און דעם לייענער געבן די ריכטיקע כוונות.

די, וועלכע האָבן געקענט ד"ר עזריאל קאַרלעבאַך פון דער נאָענט און געהאַט די זכיה מיט אים צו אַרבעטן צוזאַמען אין דער רעדאַקציע פון וואַרשעווער „היינט", אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, ווייסן צו דערציילן פון וואַנען ד"ר קאַרלעבאַך האָט גענומען זיין פסעוודאָנים „ר' איפכא מסתברא". דער סיפור־המעשה איז פאָלגנדיקער: קאַרלעבאַך איז פון אַלעמען באַוווּנדערט געוואָרן און אַלע האָבן אין אים אָנערקענט דעם גרויסן טאַלאַנט. ד"ר יהושע טהאָן — דער ראַבינער פון קראָקע — האָט אויף דעם יונגן קאַרלעבאַכן געזאָגט, אַז ער איז דער יורש פון נחום סאָקאָלאָוו. ד"ר יעקב העלמאַן, וועלכער איז געווען אין וואַרשע דער רעדאַקטאָר פון דער פועלי ציון־צייטונג „דאָס וואָרט", האָט שטאַרק ליב געהאַט קאַרלעבאַכן, ווען ער האָט באַטראַכט פאַר דעם עילוי און גאון פון דער זשור־נאַליסטיק. קאַרלעבאַך אַליין האָט זיך אויך געפילט זייער גוט אין דער סביבה פון ד"ר העלמאַן, פון וועמען עס האָט געשפּרודלט מיט תורה און חכמה. צו יענער צייט האָט דער זינגער און פעליעטאָניסט קיפּניס אָנגעשריבן אַ פּאָרטרעט אין וואַרשעווער „היינט" וועגן יעקב העלמאַן אונטערן נאָמען „דער איפכא מסתברא". קאַרלעבאַך זאָל האָבן געווען אַזוי שטאַרק אַנטציקט פון קיפּניסעס פעליעטאָן, אַז שפּעטער האָט ער אַליין גענוצט דעם נאָמען פון דאָזיקן פעליעטאָן ווי אַ פּסעוו־דאָנים פאַר זיינע אייגענע פעליעטאָנען. קאַרלעבאַך האָט אין זיינע פעליעטאָנען תמיד געצילט צו ברענגען פאַרן לייענער בײדע זייטן פון דער מטבע; צו אַנט־וויקלען זיין חוש צו קאָנען אַריינבליקן אין אַ טיפערן אַנאַליז און זען פּאָליטישע געשעענישן און פּאַסירונגען דורך אַלע סטיגמעס פון זיין אויג און פאַרשטאַנד.

***

די צייטונג „מעריב״, וועלכע ד״ר קאַרלעבאַך האָט געגרינדעט און איז געווען איר שעף־רעדאַקטאָר און מיט־אייגנטימער, האָט אַ צירקולאַציע אין ישראל פון צענדליקער טויזנטער לייענער. מען גיט איבער, אַז די צייטונג ציילט די גרעסטע צאָל לייענער אין לאַנד. אָבער נישט נאָר אין דער צאָל לייענער האַנדלט זיך עס; עס איז אויך וויכטיק צו וויסן ווער עס לייענט דעם „מעריב״. און דערביי איז בפירוש כדאי אָנצוווייזן, אַז די וויכטיקסטע מענטשן אין לאַנד, פירער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, רעגירונגס־לייט, מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, און בעיקר אַלע אַנדערע צייטונגס־רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן האָבן געלייענט קאַרלעבאַכן אין „מעריב״. זיינע מיינונגען, זיינע פּאָליטישע קאָמענטאַרן זענען פון אַלעמען רעספּעקטירט געוואָרן.

ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך ע״ה האָט מיט זיינע מאמרים תמיד אַריינגעטראָפן אין פּינטל. דערביי איז ער געווען און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אומאָפּהענגיקן מענטש, וועלכער האָט תמיד געשריבן ווי זיין מחשבה האָט אים דיקטירט; האָט באַלויכטן געשעענישן אַזוי ווי ער האָט זיי געזען. אין ישראל און אויך אויסער די גרענעצן פון ישראל האָט קאַרלעבאַך געהאַט זייער פיל געטרייע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן נאָך זיין אויסטייטשונג אויך דערזען זאַכן, אַזוי ווי ער האָט זיי געזען...

***

בעת ד״ר קאַרלעבאַך האָט זיך באַזעצט אין ישראל האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט נביאות זאָגן, אַז ער וועט לאַנג נישט זיין קיין תושב אין לאַנד, ווייל פאַר אַזאַ ריז ווי ער איז וועט ארץ־ישראל זיין צו קליין. אָבער די נבואה איז נישט מקוים געוואָרן. ער האָט זיך שנעל איינגעבירגערט אין לאַנד, און מיט זיין גרויסקייט האָט ער אויך גרעסער געמאַכט ארץ־ישראל, מיט זיין גאונות האָט ער באַרייכערט דאָס קולטור־לעבן פון אונדזער היסטאָרישהיימלאַנד.

.1956

„רעוואָלוציאָנער און מלוכה־מאַן"

(אויפֿן ראַנד פֿון דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפֿיע
פֿון ד״ר יוסף שעכטמאַן)

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי ע״ה האָט געהערט צו די קאַלירפֿולסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס די לעצטע יידישע דורות האָבן פֿון זיך אַרויסגעגעבן. וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי — ממש אַ צויבער־נאָמען — האָט צוגעצויגן מאַסן און זיי באַאיינדרוקט מיט זיין אויסערגעוויינלעכן חיתוך־הדיבור, מיט זיין עלאָקווענץ און גלענצנדיקער רעטאָריק. זשאַבאָטינסקי האָט פֿאַרשריבן אַ גרויס קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון ציוניזם ווי אַ קעמפֿער און אידעאַליסט, ווי אַ שריפֿטשטעלער, דענקער, פּאָעט און טעאָרעטיקער. אין ערשטן יאָר פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1940, אין עלטער פֿון קאַרגע זעכציק יאָר, איז דער גרויסער יידישער מלוכה־מאַן געשטאָרבן.

איצט, צום זעכצנטן יאָרצייט נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט, איז דערשינען אין ענגליש די ביאָגראַפֿיע פֿון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק פֿון באַקאַנטן געלערנטן און פּאַרטיי־פֿירער פֿון די רעוויזיאָניסטן, ד״ר יוסף שעכטמאַן, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער פֿריינט פֿון זשאַבאָטינסקין און האָט מיט אים מיטגעאַרבעט איבער דרייסיק יאָר. ביידע האָבן געהערט צוזאַמען צו דער זעלבער אידייען־ריכטונג אין ציוניזם; זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט פֿאַר איין געמיינזאַמען ציל — פֿאַר דער אויסלייזונג פֿון יידישן פֿאָלק פֿון אַלע גלותן און אויסקעמפֿן די באַפֿרייאונג פֿון ארץ־ישראל.

צו שרייבן אַ ביאָגראַפֿיע וועגן אַזאַ קאַלירפֿולער פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען זשאַבאָטינסקי, איז גאָר נישט קיין לייכטער ענין. מען באַדאַרף זיך פֿאַר דעם גאָר שטאַרק אונטערגאַרטלען. מען דאַרף פֿאַרמאָגן אַ באַזונדער טאַלאַנט אויף צו קענען אַרומנעמען אַלע אַספּעקטן פֿון דעם פֿילפֿאַרביקן לעבן פֿון וולאַדימיר

זשאַבאָטינסקי. מיט גרויס צופרידנקייט קענען מיר קאָנסטאַטירן, אַז די שווערע אויפגאַבע, וואָס אונדזער פריינט ד״ר יוסף שעכטמאַן האָט אויף זיך גענומען, איז אים געלונגען. פאַר אונדז ליגט אַ בוך פון אַרום פיר הונדערט און פופציק זייטן אָנגעפּראָפּט מיט אַ שלל מאַטעריאַלן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך די גרויסע געשטאַלט פון איינעם פון די שענסטע זין פון יידישן פאָלק — פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

דער נאָמען פון דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע איז: „רעוואָלוציאָנער און מלוכה־מאַן״. מיר ווילן גלייך פון אָנהייב אויסדריקן אַ יישר־כוח צו ד״ר יוסף שעכטמאַן פאַרן טרעפלעכן נאָמען, וואָס ער האָט צוגעקליבן פאַר דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע. מבטן לידה איז וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי געווען אַ רעוואָלוציאָנער. אין דעם „ספר ימי״ — אין זיין טאָג־בוך, אין יאָר 1898, ווען ער איז געפאָרן ווי אַ יונג בחור׳ל פון אָדעס קיין בערן (שווייץ) לערנען אין דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט — האָט ער, דורכפאָרנדיק וואָלין און גאַליציע, צווישן אַנדערע געשריבן: „דאָרט, אין דער באַן, האָב איך זוכה געווען צו קומען אין באַרירונג מיטן גלות. מיט מיינע אויגן האָב איך געזען זיין אויפשטייג און זיין ירידה. כ׳האָב געהערט דעם קנעכטישן הומאָר, וועלכער באַגנוגנט זיך מיטן מבטל מאַכן דעם שטאַרקן שונא, אָנשטאָט אויפצושטיין קעגן אים... דעמאָלט האָב איך אַראָפּגעלאָזן מיין קאָפּ, איך האָב געפרעגט זיך אַליין: איז דאָס אונדזער פאָלק?״

נישט אַלט זייענדיק נאָך קיין פולע אַכצן יאָר, רעדט שוין זשאַבאָטינסקי וועגן אויפשטאַנד, וועגן זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שונא. דער יונגער זשאַבאָטינסקי פאַרטראָגט נישט קיין קנעכטשאַפט, און זינט דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו דערפילן אין זיך דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג פון העלפן באַפרייען דאָס יידישע פאָלק פון אַלע גלותן — נישט דורכן וועג פון הכנעה, פון בעטן און אויסבעטלען טובות, נאָר דורכן וועג פון אויפשטאַנד, פון זיך אַנטקעגנשטעלן עוולות, דורכן וועג פון קאַמף! ווי האָט אַמאָל זייער טרעפלעך און ריכטיק פּראָפעסאָר י. קלויזנער געשריבן וועגן זשאַבאָטינסקין: „געוויס פאַרנעמען די יידישע ליידן אַ וויכטיקן אָרט אין דעם שטאַטלעכן ציוניזם פון זשאַבאָטינסקי; אָבער אַ נאָך מער וויכטיקערן אָרט פאַרנעמט ביי אים די יידישע קנעכטשאַפט; ישראל דער קנעכט; ישראל דאָס רואינירטע פאָלק, וואָס האָט נישט קיין אייגענע מלוכה און פירט נישט קיין זעלבסטשטענדיקן לעבן; וואָס איז פאַרשפּאַרט אין געטאָ; וואָס וועגעטירט אין דער פאַרשפּאַרונג. צי איז עס אַ געוויינלעכע געטאָ, אַ שטיקנדיקע ווי אין די מזרח־לענדער, אָדער אַ „גאָלדענער שטייג״, ווי אין די מערב־לענדער. דאָס איז געווען דער שטאַרקער שטויס פון זשאַבאָטינסקיס ציוניזם״.

דאָס רעוואָלוציאָנערע אין זשאַבאָטינסקין, זיין ברויזנדיקע נאַטור, האָט אָפּטמאָל גובר געווען אין אים דאָס שטאַטלעכע, אָבער ביידע, סיי דאָס שטאַטלעכע און

סיי דאָס רעוואָלוציאָנערע, האָבן געפורעמט און געשטאַלטיקט די פּערזענלעכקייט פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

אין זיין אַריינפיר צו דער זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע שרייבט ד״ר שעכטמאַן צווישן אַנדערס: „מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס טייל זאָגן, אַז זי דאַרף באַצייכנט ווערן ווי די תקופה פון געוויינלעכן מענטש. דאָס איז אָבער אַ געשיכטע פון אַן אומגעוויינלעכן מענטש; אַ מענטש פון וויזיע און טאַט, אַ קעמפער, וואָס האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט קיין דורכפאַל; אַ פּאָליטישער פירער און פּאָעט, אַ רעדנער און אַ זעלנער, אַ פּובליציסט, דיפּלאָמאַט און שפּראַכן־קענער, וועלכער האָט פריי געשריבן אויף זיבן שפּראַכן. אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעזעצט דאַנטען אויף העברעיש און ביאַליקס פּאָעזיע אויף רוסיש. אַ מענטש, וועמען פיל האָבן באַטראַכט פאַר אַ נביא און אַנדערע האָבן אין אים געזען אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן ריזיקאַנט. אַ מענטש, וועמענס לעבן עס איז געווען אומגעהייער שפּאַנענד, שטורמיש און סתירותדיק“.

אַ זייער סתירותדיקע פּערזענלעכקייט איז געווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. זיין שטורמיש־רעוואָלוציאָנערער דראַנג האָט אָפטמאָל געצוימט דאָס שטאַטלעכע אין אים, און דאָס שטאַטלעכע האָט נישט איינמאָל געטעמפּט זיין רעוואָלוציאָנערישקייט. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט, פונדעסטוועגן האָט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי שווער, זייער שווער באַדאַרפט האַרעווען, בכדי צו באַלאַנסירן אין זיין פּערזענלעכקייט אָט דעם שטאַרקן אינערלעכן געראַנגל צווישן באַזאַכטער שטאַטסמענערישקייט און רעוואָלוציאָנערן דראַנג.

די הקדמה פון ד״ר יוסף שעכטמאַן צום בוך איז גענוג אויף זיך קלאָר צו מאַכן ווי שווער עס איז אַזאַ פילפאַרביקע פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, אַרומצונעמען מיט דער הילף פון טינט און פעדער. מיר דאַרפן אָבער צוגעבן, אַז דער מחבר האָט פולשטענדיק אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און צו אונדזער אַלעמענס צופרידנקייט האָט ער זיין אויפגאַבע דערגרייכט.

די זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע פון ד״ר יוסף שעכטמאַן נעמט אַרום דריי און פערציק יאָר פון זשאַבאָטינסקיס לעבן און טעטיקייט: פון יאָר 1880 — דאָס יאָר פון זיין געבוירן — ביזן יאָר 1923. דער מחבר זאָגט אונדז צו אַ צווייט בוך, וואָס זאָל אַרומנעמען די לעצטע זיבעצן יאָר פון זשאַבאָטינסקיס לעבן און טעטיקייטן. מיר דערוואַרטן, אַז דער צווייטער באַנד פון דער ביאָגראַפיע וועט זיין געווען אַזוי אינטערעסאַנט און פּילזייטיק ווי עס איז דער ערשטער באַנד.

פון דער ביאָגראַפיע דערוויסן מיר זיך ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים פון זשאַבאָטינסקיס קינדער־יאָרן, פון זיין אָנהייבן גיין אין שולע. שעכטמאַן דערציילט אונדז ווי דער יונגער וולאַדימיר האָט אין דייטשלאַנד, אין קוראָרט עמס, ווו זיין פאָטער האָט זיך געהיילט פון אַ קראַנקהייט, זיך שנעל אויסגעלערנט די דייטשע

שפּראַך. ער איז אויך אַלס יונגער יינגל געוואָרן אַ ליבהאָבער פון מוזיק. יעדן טאָג, נאָכמיטאָג, פלעגט ער גיין אין דער שטאָט־קאַסינאָ און זיך צוהערן צום מוזיקאַלישן קאָנצערט. ער פלעגט נעמען אין האַנט אַריין אַ שטעקעלע, זיך אַוועקשטעלן הינטער דעם דיריגענט און אַזוי זשעסטיקולירן מיטן שטעקעלע, ווי ער וואָלט דיריגירט דעם אָרקעסטער. דער דיריגענט האָט באַלד איינגעזען, אַז דאָס קינד איז אַ גאָר גרויסער פענאָמען אין מוזיק. דער דיריגענט האָט איינמאָל אויספּרובירט דעם יונגן זשאַבאָטינסקין, מאַכנדיק אַליין עטלעכע נישט ריכטיקע זשעסטיקולאַציעס און דערמיט געוואָלט זען צי זשאַבאָטינסקי וועט אים נאָכטאָן. אָבער ער איז דערשטוינט געוואָרן, זעענדיק ווי דער יונגער דיריגענט פאָלגט אים נישט נאָך, נאָר דיריגירט אַליין ריכטיק (זייט 31).

זשאַבאָטינסקי האָט זייער יונג אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. צו צען יאָר האָט ער שוין געשריבן פּאָעזיע. און אין די יאָרן צווישן דרייצן און זעכצן האָט ער איבערגעזעצט דעם שיר־השירים אויף רוסיש. ער האָט אויך איבערגעזעצט י. ל. גאָרדאָנס פּאָעמע „במצולות ים". אין דער צייטונג „אָדעסקיע נאָוואָסטי" האָט ער פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט קורצע פעליעטאָנען וועגן צייט־פראַגן, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים לייענער־עולם. ד"ר שעכטמאַן דערציילט אַ טשיקאַווען פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיטן יונגן זשאַבאָטינסקי. זייענדיק דערמוטיקט פון זיין ליטעראַרישן סוקצעס, איז זשאַבאָטינסקי איינמאָל געקומען צום רעדאַקטאָר פון „אָדעסקיע נאָוואָסטי" און זיך פאָרגעלייגט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג אין איטאַליע, ווייל ער האָט דאַן באַשלאָסן צו פאָרן קיין איטאַליע. ווען דער רעדאַקטאָר, חפץ, האָט געזאָגט צום יונגן בחור: „וואָס איז דער שכל אַוועקצופאָרן פון רוסלאַנד איצט, בעת דו ביסט אין לעצטן קלאָס פון דיינע לימודים אין גימנאַזיע"? — האָט אים זשאַבאָטינסקי גלייך אויפן אָרט אָפּגעענטפערט: „הערט, איך בין נישט געקומען צו אייך נאָך קיין עצה. איך בין געקומען אַהער זיך פאָרלייגן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג". (ז"ז 43־44).

ד"ר שעכטמאַן דערציילט, ווי זשאַבאָטינסקי איז נישט געווען באַגייסטערט פון זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע. נאָך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד — דערציילט ד"ר שעכטמאַן, — איז זשאַבאָטינסקי געפאָרן קיין אַמעריקע אויף דער איינלאַדונג פון קרן היסוד. דאַן איז געפאָרן די ערשטע קרן היסוד־דעלעגאַציע קיין אַמעריקע. די שליחים זענען געווען: נחום סאָקאָלאָוו, אַלעקסאַנדער גאָלדשטיין, פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג און י. ה. פּעטערסאָן. דאָס איז געווען אין חודש נאָוועמבער פון יאָר 1921. דעם 16טן יאַנואַר 1922 האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן אַ בריוו פון אַמעריקע צו פּרוי ווייצמאַן, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, וואָס ער האָט נאָך נישט געזען קיין זאַך אין אַמעריקע, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס אַריבערפאָרן דעם אַטלאַנטישן ים. דערפאַר אָבער, — שרייבט שעכטמאַן,

— האָט זשאַבאָטינסקי באַוויזן צו זען און צו שטודירן אַמעריקע בעת זיינע שפּע־טערדיקע באַזוכן, היינו אין די יאָרן 1926־1935־1940. (ז׳ 389).

פון זשאַבאָטינסקיס ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, ווי אַ שליח פון קרן היסוד, — דערציילט ד״ר שעכטמאַן זייער אַ אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן מעשר: מאיר בראַון, דער פּרעזידענט פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און באַ־קאַנטער פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט אין יענער צייט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דער טאָג־צייטונג פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי, „די צייט״, וואָס איז דאָן דערשינען, וועגן דעם, אַז אין אַ געוויסער שטאָט אין אַמעריקע איז אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט אַ גייסטלעכן פון דער מאַרמאָן־רעליגיע. דער גייסטלעכער זאָל אים דאָן האָבן געזאָגט, אַז יידן פריידיקן מעשר, און זיי, די מאַרמאָנס, זענען מקיים די מצוה פון מעשר. זשאַבאָ־טינסקי איז דאָן געוואָרן זייער גערירט פון דער געשיכטע און ער האָט זיך גע־ווענדט צו מאיר בראַון נאָך מער אינפאָרמאַציע. שפּעטער איז ער אַליין געפאָרן און האָט באַזוכט די מאַרמאָנס, דורכפירנדיק אַ געניוען שטודיום ווי אַזוי די מאַרמאָנען־באַפעלקערונג אין אַמעריקע פּראַקטיצירט די מצוה פון מעשר. בעת זשאַבאָטינסקי איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער פאָרגעלייגט דעם קרן היסוד־דירעקטאָריום אין אַמעריקע נישט צו נעמען סתם אַזוי קייןביישטייערונגען, נאָר צו פאַרלאַנגען פון יידן מעשר פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. איינער אַ ביישטייערער פון קרן היסוד, וועלכער פלעגט געבן פאַר קרן היסוד פינף דאָלאַר, נאָכן אויסהערן פון דעם דעמאָלטדיקן פאָרזיצער פון קרן היסוד אין אַמעריקע, ד״ר סאָלטעס, זשאַבאָטינסקיס שטאַנדפּונקט וועגן מעשר פאַר בנין הארץ, האָט גלייך, אַנשטאָט פינף דאָלאַר, געגעבן פינף הונדערט דאָלאַר. (ז׳ 389).

עס איז אוממעגלעך אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל איבערצוגעבן כאָטש אַ קליינעם טייל פון דעם רייכן מאַטעריאַל, וואָס די זשאַבאָטינסקי־ביאָגראַפיע דער־ציילט. מען דאַרף דאָס בוך לייענען און שטודירן. עס איז אַ בוך צום לערנען, ווייל דאָס בוך נעמט אַרום אַ תקופה פון זשאַבאָטינסקיס אַרבעט און קאַמף פאַר די באַפרייאונגס־אידעאַלן פון יידישן פאָלק.

.1956

דוד פינסקיס אַכציק־יעריקער יובל

אין ישראל און אין אַ גאַנצער ריי לענדער איף דער וועלט ווערט איצט געיום־טובט 80 יאָר דוד פינסקי. דאָס פאָלק ברענגט צום אויסדרוק זיין פאַרערונג דורך אַ ריי פּראָגראַמען: אויספירן פיעסן; אַקאַדעמיעס אד״ט: פינסקי דער דראַמאַטורג; פינסקי דער אַרבעטער־ציוניסט; פינסקי דער אוהב־ישראל און פינסקי דער פאַרקערפּערער פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט.

דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — וועמענס ערן־פּרעזידענט פינסקי איז, — וועט דורכפירן אין אַ גרויסער צאָל שטעט אין צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע יום־טובים לכבוד פינסקיס 80־יעריקן געבורטס־טאָג. די צווייגן פון פאַרבאַנד האָבן באַשלאָסן צו פאַרשרייבן פינסקין 80 מאָל אין ספר־הזהב לכבוד זיין 80־יעריקן יובל.

פון דעם איינפאַל איז פינסקי טיף גערירט געוואָרן און אין אַ בריוו צום פאַרבאַנד דריקט ער אויס זיין גרענעצלאָזע צופרידנקייט פאַר דער איניציאַטיוו פון די פאַרבאַנד־צווייגן אויסצונוצן זיין נאָמען לטובת דעם נאַציאָנאַל־פאָנד. ער שרייבט צווישן אַנדערע:

„איך פיל זיך דערהויבן דערמיט, וואָס איר האָט אויף זיך גענומען צו באַערן מיינע 80 יאָר מיט 80 מאָל אַריינשרייבן מיך אין דעם גאָלדענעם בוך פון קרן קימת.

איך בין שטענדיק געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון אונדזער נאַציאָנאַל־פאָנד און פון זיינע צילן. איצטער בין איך אין אונדזער לאַנד און איף שריט און טריט שטויס איך זיך אָן אויף דעם פאָנדס וווּנדערלעכע דערגרייכונגען אין דעם בוי פון אונדזער לאַנד און פאָלק און איך בין זייער שטאָלץ אויף דעם אָנטייל פון אונדזער פאַרבאַנד אין דער אַרבעט פון קרן קימת.

פיל איך זיך זייער גליקלעך, וואָס די צאָל פון מיינע יאָרן איז געווען און איז אַ קוואַל פון הכנסה פאַר דעם פאָלקס־פאָנד. און איך נעם זיך פאָר צו דערציִען

ביז 90 יאָר און אויך װייטער און געבן אייך, חברים און חברות פון פאַרבאַנד, די װייטערע געלעגנהייט צו באַרייכערן דעם קרן קימת.

איך האָף, אַז איך װעל טאָן מײַן חלק און מערן זיך אין יאָרן און פון צייט צו צייט אייך איבערשיקן מײַנע ברכות. איר װעט אײַער חלק זיכער טאָן".

דער שרײַבער־פאַרײן אין ישראל האָט צום 80־יעריקן יובל אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעל־געװידמעטן פּינסקי־העפט. „די גאָלדענע קייט" — די פערטל־יאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען — אַרויסגעגעבן פון דער הסתדרות — האָט געװידמעט אַ ספּעציעלן נומער דוד פּינסקין, װוּ אַ צאָל יידישע און העברעיִשע שרײַבער און זשורנאַליסטן שרײַבן אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען.

ה. לייװיק װידמעט פּינסקין אַ ליד אונטערן נאָמען „דער װאַלד". ער פאַרענדיקט זיין לעצטן פערז מיט די פאָלגנדיקע שורות:

„אַ װינטל לויפט אַדורך, צעטרייסלט אַלע ביימער,
װי אַ פאַרזיכערונג, אַ בשורה, אַז ס'איז אײביק דאָ
אין סאַמע טיפענישן פון װאַלד אַ װאַכער, טרייער שומר,
און ער איז דער װאָס װעבט און שפּרייט די שטילסטע שעה.

א. לעיעלעס שרײַבט אין זיין מתנה־ליד פון ליבשאַפט צו דוד פּינסקיס אַכציקיעריקער יוגנט, צװישן אַנדערן:

„ס'האָט פּינסקי, מיט באַזונטן זינען און באַשייד,
אין לויטערן באַגינען פון זיין מאַי און יוני,
אַ קלאַפּ געטאָן אין דער געבענטשטער, רײנער סטרונע,
װאָס האָט װיברירט מיט ליבשאַפט צו דעם פאָלק און קייט.
װיברירט אויף אײביק מיט די עכאָס פון אמונה —
צום העכסטן שטערן, צו געהיימסטער, טיפסטער ברונע.
אַז װייל דער עלטער, װאָס איר יוגנט קרוינט מיט פרייד".

מיר ציטירן אייניקע פערזן פון די געװידמעטע לידער פון די פון אונדז בגט־באַקאַנטע יידישע שריפטשטעלער לייװיק און לעיעלעס, װייל פון די שורות אָטעמט אַרויס די פערזענלעכקייט, דער דיכטער, דער אָנזאָגער, דער פול־אמונה־דיקער, אײביק־יונגער דוד פּינסקי.

פּינסקי האָט קיין מאָל, — אין די שװערסטע צייטן פון אונדזער פאָלק — בישט פאַרלוירן זיין אמונה אין דעם זיג פון יידישן אמת; אין דעם פּרינציפּ פון אײביקן קיום פון יידישן פאָלק; דעם טיפן גלויבן אין דער װידער־אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק אויף אונדזער אייגענער ערד, אין אונדזער נאַציאָנאַלער היים, אין ארץ־ישראל.

פּינסקי איז פֿאַר אַלע זיינע יאָרן געווען — און איז אַזוי פֿאַרבליבן — דער געטרייער שומר, דער שמידער פון דער גאָלדענער קייט פון אונדזער אַלטן קולטור־אוצר; דער מיטבויער און גייסטיקער וועגווייזער פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

דוד פּינסקי האָט מיט זיין דיכטערישן בליק דערזען אין געדיכטן וואַלד פון יידישער בויט, פון יידישער פּיין, פון יידישער היימלאָזיקייט, פון גרויסע און שווערע פֿאַרפֿאַלגונגען — דעם געטרייען שומר, דעם איבערגעגעבענעם, קרבנות־גרייטן פּיאָנער, וואָס דורך אַרבעט און קאַמף, דורך שווייס און בלוט שפּרייט ער אויס די שטילסטע שעה פון אַ באַנייט פרידלעך לעבן פֿאַר דעם גערודפטן פֿאָלק אין זיין אייגענער היים — אין ישראל.

אין ישראל פילט זיך פּינסקי פריש, לויטער און יונג, ווי אין לויטערן באַגינען פון זיין מאַי־ און יוני־יוגנט, ווייל אין ישראל, אין זיין אויסגעטרוימטן לאַנד, ווערט מיט גרויס פרייד געקרוינט דער פֿאַרווירקלעכטער חלום זיינער וועגן יידישן היימלאַנד.

פּינסקיס פרייד אין ישראל איז די שאַפונג פון אונדזערע חלוצים, די דער־גרייכונגען פון קרן קימת. עס איז זיין שטאָלץ, וואָס דער פֿאַרבאַנד, — די אָרגאַ־ניזאַציע אינערהאַלב דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועמענס שמידער און בויער ער איז געווען — איז אויסגעוואָקסן צו אַ וויכטיקן פֿאָלקס־כוח, וואָס דינט געטריי און איבערגעגעבן די אינטערעסן פון דער מדינה און פון פֿאָלק.

עס איז מיין אויפריכטיקסטער ווונטש צו מיין חבר־רבין און פריינט דוד פּינסקי, אַז עס זאָלן זיך מערן און מערן די צאָל יאָרן זיינע; עס זאָל זיך מערן און מערן זיין און אונדזער אַלעמענס פרייד מיטן וווקס און מיט דער באַפעסטיקונג פון מדינת ישראל.

.1952

איז שריפט און וואָרט

(אַרטיקלען און רעדעס פון יוסף שפּרינצאַק)

דער פאַרלאַג פון מפא״י האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם אַ זאַמלונג רעדעס און אַרטיקלען פון יוסף שפּרינצאַק, דעם וויצע־פּרעזידענט פון מדינת ישראל און פּרעזידענט פון דער כנסת.

די זאַמלונג אַנטהאַלט די גרעסטע צאָל רעדעס און אַרטיקלען, וואָס שפּרינצאַק האָט אין משך פון 40 יאָר געהאַלטן און געשריבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, סיי אין ישראל און סיי אין חוץ לארץ.

דער ספר איז איינגעטיילט אין קאַפּיטלען, וואָס נעמען אַרום שטחים פון ציוניסטישער טעטיקייט און פּראָבלעמאַטיק, ווי אויך אַ באַזונדער קאַפּיטל אונטערן נאָמען „געשטאַלטן״ — וועגן פּערזענלעכקייטן אין ציונים און אין ישוב, ווי, למשל: וועגן חיים אַרלאָזאָראָוו, מ. מ. אוסישקין, אליהו גאָלאָמב, דוב הוז, יוסף וויטקין, זאב סמילאַנסקי, י. לופבאַן, דוד רמז, ד״ר שמריהו לעווין, ד״ר א. רופּין, קאַלאַנעל פּ. ה. קיש, לואי בראַנדיס, טאָמאַס מאַסאַריק און אַנדערע.

„בכתב ובעל־פּה״ *) איז דער נאָמען פון ספר, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק דער גלויבן, די 40 יאָר אַרבעט פון יוסף שפּרינצאַק, איינער פון די פּראָמינענטסטע אַרבעטער־פירער אין ציוניזם און אין דער מדינה, דער וואָס האָט זוכה געווען (ווי ד״ר יעקב העלמאַן ע״ה האָט געשריבן) — „אין דעם צווייטן יום־טוב־יאָר פון עצמאות אַנצוצינדן אויפן הייליקן הר־הרצל דעם היסטאָרישן פייער־פאַקל, וועלכער האָט העל און ליכטיק צוריקגעלויכטן איבער אַ צוויי־טויזנט־יאָריקער געשיכטס־דראַמע פון יידישן קיום און האָט אַריבערגעלויכטן צו דעם עתיד פון משיחישער וויזיע״.

***

*) דער ספר איז אויך דערשינען אין יידיש, א״נ „אין וואָרט און אין שריפט״, איז פאַרלאַג „קיום״, בוענאָס איירעס, 1955.

יוסף שפּרינצאַק איז בטבע זייער אַ באַשיידענער מענטש, האָט פיינט בתכלית השנאה צו הערן שבחים און לויב־געזאַנגען אויף זיין אַדרעס, באַקעמפט אַליין אַלע זיינע יאָרן די טענדענץ פון שאַפן פערזאַנען־קולטן און האָט קיינמאָל נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל אים חלילה פאַרוואַנדלען אין אַן אָפּגאָט. די צניעות, די אויפריכטיקע באַשיידנקייט, זיין היימישקייט, זיין פאָלקסטימלעכקייט, האָט אים נישט געשטערט צו פאַרנעמען די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין ציוניזם בכלל און אין אַרבעטער־ציוניזם בפרט; צו זיין פיל מאָל אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע; צו זיין דער שעפער און בויער פון חברת הקבוצות, פון מושב, פון דער הסתדרות און פון מפא״י; צו זיין דער פאָר־זיצער פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און צו ווערן דער פון אַלעמען באַ־ליבטער פרעזידענט פון אונדזער פּאַרלאַמענט (כנסת) און ווי אַזעלכער דער וויצע־פּרעזידענט פון מדינת ישראל.

יוסף שפּרינצאַק האָט אָבער זייער שטאַרק געהאָלפן און מיטגעווירקט צו שאַפן אַ קולט פון אַרבעט, פון פּראַקטישע מעשים פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל; אַ קולט פון אמתער ליבע צו ארץ־ישראל; אַ קולט פון גרענעצלאָזן גלויבן אין דער אויפריכטונג פון פאָלק אין זיין אייגן היימלאַנד; אַ קולט פון אַחריותפולער טרייקייט צו פאָלק און צו זיין לאַנד און שפּראַך.

די טעטיקייט האָט זיך ביי יוסף שפּרינצאַקן נישט אויסגעדריקט אין סענסאַ־ציאָנעלע מעשים, נאָר מיט טאָג־טעגלעכע שווערע, סיסטעמאַטישע אויפטוען אין משך פון 40 יאָר, רייך אין מי און אין עקשנות, אין שטרויכלונגען און אין דער־גרייכונגען, אָפּטמאָל אויך רייך אין גרויסע דערהויבונגען.

ווער עס וועט אויפמערקזאַם איבערלייענען דעם ספר „בכתב ובעל־פה״ וועט זיך קאָנען שאַפן אַ קלאָרע השגה, סיי וועגן דער פּערזענלעכקייט פון יוסף שפּרינ־צאַק און סיי וועגן זיין ראָל אין דער געשיכטע פון ציוניזם, אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין מדינת ישראל.

די פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען און רעדעס פון יוסף שפּרינצאַק גיבן אַ פולע אָפּשפּיגלונג פון די פאַרשידענע תקופות אין ציוניזם, פון די שווערע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס איז זיך אויסגעקומען צו ראַנגלען טאָג־איין, טאָג־אויס; דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון פראַגן פון ציוניזם, ארץ־ישראל און גלות, די שטרייט, צווישן די שאַטירונגען אינערהאַלב דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, די קאָנקרעטע אויפבוי־טעטיקייט אין ארץ־ישראל און די ראָל פון דער אַרבעטער־שאַפט אין טעג פון קריזיס, באַציונגען צווישן די פאַרשידענע פאָרמען פון קאָלעק־טיווער לאַנדווירטשאַפט, וועגן שליחות פון ציוניזם, וועגן כוח פון שקל, וועגן דער קולטור־אַרבעט, וועגן פליכט פאַרן גלות־יידנטום, וועגן דער ראָל פון דער פרוי אין ציוניזם, וועגן דער עליה פון תימן און די פּאָליטישע ארץ־ישראל־פראַגן.

דאָס איז ווייט נישט קיין גענויע רשימה פון די אַלע פאַרעפנטלעכטע אַר־טיקלען און רעדעס פון שפּרינצאַקן. מען דאַרף פאַר דעם צוועק איבערלייענען דאָס גאַנצע בוך, וועמענס בלעטער עס דערציילן געשיכטע פון 40 יאָר ציוניס־טישער אַרבעט און קאַמף פון אַזאַ קאַלירפולער פערזענלעכקייט, ווי עס איז יוסף שפּרינצאַק.

***

יוסף שפּרינצאַק אין זיינע רעדעס ווי אין זיינע אַרטיקלען איז קורץ, זאַכלעך און צום ענין. יעדער זאַץ אַ געדאַנק, יעדע פראַזע אַ מחשבה. ער איז שאַרף און טיפזיניק, איז געבענטשט מיט חריפות פון שכל און געפיל פון האַרץ. ווען שפּרינצאַק רעדט, אָדער שרייבט, דערפילט דער צוהערער, אָדער דער לייענער אַ שלל פון גייסטיקע אוצרות פון עבר, דאָס קאָכעדיקע לעבן פון הוה און די וויזיע פאַר דעם עתיד.

אָט איז אַ קורצע רעדע פון שפּרינצאַקן אויף דער טעמע „גיב מיר אַ בלום״ (תני לי פרח):

„מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך געלייענט אַ קורצע דערציילונג פון דער פּוילישער שריפטשטעלערין עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ אונטערן נאָמען „גיב מיר אַ בלום״. עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ איז געגאַנגען אין דער יידישער געגנט אין די קליינע געסעלעך, אין האַרץ פון דער יידישער אָרעמקייט און נויט. אַזוי גייענדיק האָט זי באַמערקט ווי אַ קליין מיידעלע גייט איר נאָך. אויף דער פראַגע צום קינד, פאַר־וואָס זי גייט איר נאָך, האָט דאָס מיידעלע, קוקנדיק מיט די אייגעלעך צום בוקעט בלומען, וואָס אָרזשעשקאָוואַ האָט געהאַלטן אין האַנט, מיט אַ בעטנדיקער שטימע געזאָגט: „גיב מיר אַ בלום״.

די שטילע בקשה פון קינד האָט אויפגעציטערט די נשמה פון דער שריפט־שטעלערין. זי האָט אין קינדס בקשה דערפילט דעם געבעט, די תחנונים פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס שרייט פון די טיפענישן פון צער, דערשטיקט פונעם געטאָ־לעבן, אָן לופט צום אָטעמען, אָן גרינס און אָן בלומען...

דאָ נישט לאַנג בין איך פאַרבעטן געוואָרן צו אַ פייערונג פון 25 יאָר פון דער קבוצה „משמר השרון״. גרויס איז געווען דער געפיל פון יום־טוב אויף דער פייערונג. עס האָט זיך געפילט די ברכה פון דערגרייכונגען פון יידישער אַרבעט. מיט מיר האָט שפּאַצירט אַ טוריסט פון אַמעריקע, וועלכער האָט שטאַרק זיך ענטוזיאַזמירט פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען. גאַנץ באַזונדערס פון דעם, וואָס ער האָט געזען אויף דער אויסשטעלונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון דער קבוצה. אַז מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער אָפּטיילונג פון דער בלומען־אויסשטעלונג, האָט דער טוריסט אויסגעשריען מיט אַ רירנדיקער שטימע:

„זע נאַר, זע נאַר, די בלומען האָב איך דאָך געקויפט דאָ נישט לאַנג אין אַמעריקע״! אונדזער וועג־ווייזער, אַ חבר פון דער קבוצה, האָט דעם טוריסט געענטפערט: „די בלומען, וואָס דו האָסט געקויפט אין ניו־יאָרק, זענען דאָ געוואַקסן. דאָס זענען די דאַליעס, וואָס אונדזער ווירטשאַפט עקספּאָרטירט קיין אַמעריקע...״ אין דער מינוט, אַז איך האָב געהערט די ווערטער פון חבר פון דער קבוצה, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער דערציילונג „גיב מיר אַ בלום״.

ווי וווּנדערלעך עס זענען די טריט פון דער יידישער געשיכטע! פון „גיב מיר אַ בלום״ ביז די דאַליעס פון משמר השרון! פון בעטן אַ נדבה — אַ בלום פון אַ געטאָ־קינד ביז דעם גרוס פון מרחקים, ווו מיר שיקן בלומען, וואָס ווערן קולטי־ווירט דורך הענט פון יידישע מיידלעך אין ישראל!

און פון די בלומען — צוביימער. ביימער פון אַ וואַלד, וואָס מיר פלאַנצן היינט אויף דעם פּלאַץ; און פון אַ וואַלד אין חדרה ביז אַ וואַלד אין נוה־אילן, וואָס דער קרן קימת האָט באַשלאָסן צו פלאַנצן צו 30סטן יובל פון דער הסתדרות.

דער געבאָט פון אונדזער געשיכטע — וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין זיין צייט דורך פרץ סמאָלענסקין „צייט צו פלאַנצן״ — האָט געמאַכט שפּראָצן דעם וואַלד אין חדרה, וואָס דער דיכטער האָט באַזונגען אין זיין ליד, און פון וואַלד אין חדרה ביז צו דער גרינדונג פון דער הסתדרות, און פון דער גרינדונג פון דער הסתדרות ביז צו די היינטיקע טעג.

ווי מוראדיק זענען די איבערקערענישן און ווי וווּנדערלעך די אַנטפּלעקונגען אין אונדזער לעבן אין משך פון דער דאָזיקער תקופה! דער כוח פון היסטאָרישן געבאָט: „צייט צו פלאַנצן״ האָט אָפּגעהיט דעם המשך פון אַ וואַלד אין חדרה. האָט דערהויבן דעם גייסט און די שטאַרקייט פון דער הסתדרות, — האָט אונדז גע־בראַכט צו די היינטיקע טעג, טעג פון באַנייאונג פון ירושלים און צו פלאַנצן וועלדער אויף די אַרומיקע בערג. און היינט אין נוה־אילן האָבן מיר געהערט דאָס פלאַנצונגס־ליד פון אַ מיידעלע — אַ טאָכטער פון די עולי־בבל, און דאָ אין נוה־אילן וועלן פלאַנצן יונגע חלוצים און חלוצות — די ערשטע פון די פראַנצוי־זישע יידן — דעם וואַלד פון דער הסתדרות.

זאָל פאַרפלאַנצט ווערן און זאָל פּראָספּערירן דאָס לעבן און פון זיין כבוד וועגן זאָלן זינגען אַלע ביימער אין די וועלדער!״

וויפל צער פון עבר, פרייד פון היינט און וויזיע פון מאָרגן איז אויסגעדריקט אין דער קורצער רעדע פון יוסף שפּרינצאַק, צו דער געלעגנהייט פון פלאַנצן אַ וואַלד אין נוה־אילן. וויפל נשמה, וויפל האַרץ, וויפל האָפענונג, וויפל אמונה ליגט אויסגעגאָסן אין די דערמאָנטע ווערטער.

און אַזוי אין יעדער רעדע, אין יעדן אַרטיקל פון שפּרינצאַקן.

.1952

אין דינסט פון פאָלק

(צום 70סטן געבוירן־טאָג פון מ. רעגאַלסקי)

עס איז זייער מעגלעך, אַז רעגאַלסקי אַליין ווייסט גאָרנישט, וויפל פריינט ער האָט איבער דער וועלט; פריינטשאַפט, וואָס ציט זיך פון די הרי גלבוע ביז צו די אַנדן־בערג, — ביז דעם שכנותדיקן געסל אַרום קאָריענטעס, ווו ער וווינט מיט זיין משפחה.

וואָלט רעגאַלסקי נישט געווען קיין באַשיידענער מענטש; וואָלט ער געהערט צו די, וואָס אָפּערירן מיט די עלנבויגנס און נישט מיטן האַרץ, דאַן וואָלט ער זיכער געוווּסט פון זיינע פריינט. ער וואָלט זיי כסדר געציילט און איבערגעציילט. רעגאַלסקי אָבער, אין זיין באַשיידנקייט, אין זיין גרויסער עניוות, האָט קיינמאָל זיינע פריינט נישט געציילט און דערפאַר ווייס ער נישט די גרויס פון זייער צאָל.

אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי מ. רעגאַלסקי, אָט־די, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן, זייער וויסן, זייער אינטעליגענץ, זייער באַגאַבונג געשטעלט אין דינסט פון די יידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן, אין גדר פון זייער אַרבעט, — זיי ווייסן נאָר פון איין זאַך: בראשית ברא, דאָס ערשטע איז צו שאַפן, צו באַשאַפן די באַוועגונג פאַרן אידעאַל, צו אָרגאַניזירן די מאַסן, זיי מסביר צו זיין די באַדייטונג פון דער אידייע, זיי צו דערציִען פאַר אַרבעט און אויב נייטיק אויך קאַמף, כדי צו פאַר־ווירקלעכן די אידייען. פאַר זיך אַליין אָבער לעבט מען נישט. נישטאָ גאָר קיין צייט דערפאַר, סיידן מ׳ווערט געצוווּנגען דורך פיזישע יסורים און ליידן אָפּצו־שטעלן די אַקטיוויטעטן, — דאַן לעבט מען אַ לעבן פון ווייטיק און פּיין, ווייטלעך אַ ביסל פון דער ספערע, פון דער דירעקטער אַרבעט.

אונדזער בעל־יובל, — חבר רעגאַלסקי, — האָט אין משך פון יאָרצענדליקער, מיט אַלע זיינע כוחות, געאַרבעט לטובת די אינטערעסן פון פאָלק. ער האָט זיין פולע באַגאַבונג אַלס גלענצנדיקער אָראַטאָר, זיין פּרעכטיקע פעדער אַלס זשורנאַ־ליסט, געשטעלט אין רשות פון פאָלק. אין אין די שווערסטע צייטן פאַרן ציוניזם,

אין די תקופות פון ירידות, פון שטרויכלונגען, פון שווערע קריזיסן, באַוויזן צו ענטוזיאַזמירן, צו באַצויבערן מאַסן און זיי ברענגען צו אַ הויכן אויפשוווּנג, צו גרויסער התלהבות, צו דערוועקן ביי זיי צוריק די אמונה, דעם גלויבן אין נצחון פון ציוניזם.

מ. רעגאַלסקי האָט מיט זיין רעדן משפיע געווען מאַסן; ער האָט מיט זיין אייגענעם גלויבן אין די אידעאַלן פון ציוניזם באַאיינפלוסט קינד און קייט, אַלעמען. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע, ווי נאָר ער איז צוגע־גאַנגען צום רעדנער־שטענדער, האָט מען געפילט, ווי פון זיין האַרץ שטראָמט אמונה, פליסט איבערציַיגונג. און ער האָט דעם טיפן גלויבן, די איבערציַיגונג צעטיילט צווישן עולם, צווישן זיינע צוהערער.

אַרגענטינע, — דער דאָרטיקער יידישער ישוב אונדזוערער, — האָט תמיד געשמט מיט אַ שטאַרקער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט אַ טיפן גלויבן אין דער אידייע פון ציון. רעגאַלסקי געהערט צו די, וועלכע האָבן כסדר און אומאויפ־הערלעך, אין משך פון לאַנגע יאָרן, געהאַלטן אין זייען די ציוניסטישע זריעה צווישן די מאַסן, וועלכע האָבן תמיד אַנגעפילט די זאַלן, ווו ער האָט גערעדט.

תמיד, — אין מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער פרייד, פון גרויסע נאַציאָנאַלע גע־שעענישן אין לעבן פון אונדזער פאָלק און אויך אין מאָמענטן פון שווערע נאַציאָ־נאַלע איבערלעבונגען, אין ציַיטן פון ירידות, פון פּאָליטישע מפּלות, — האָט רעגאַלסקי אויסגעדריקט די שטימונגען פון פאָלק, האָט געבערענגט צום אויסדרוק די געפילן, די איבערלעבענישן פון פאָלק, און סיי אין פרייד און סיי אין טרויער פלעגט ער באַוויזן אַרויסצוהייבן די נשמה יתירה פון פאָלק, — פון דעם אַרגענ־טינער יידישן ישוב.

היסטאָריקער פון ציוניזם, די, וואָס זאַמלען־צונויף די פאַקטן, די פּאַסירונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרן לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, וועלן דאַרפן ווידמען זייער פיל פּלאַץ די טעטיקייטן פון רעגאַלסקין אין אַ צאָל מדינות אויף דער וועלט, און גאַנץ באַזונדערס זיין ציוניסטישער אַרבעט אין אַרגענטינע.

רעגאַלסקיס ראָל אין לעבן פון אַרגענטינער יידישן ישוב וועט זיכער געפינען אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון חברים און פריינט, וועלכע זענען אין משך פון יאָרן צוזאַמען מיט אים געשטאַנען אין קוזשניע פון זיין פאַרצוויַיגטער געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט. מיר פון דער וויַיטנס, אָפּגעטיילט אין דער דיסלאָקאַציע בלויז דורך דעם אַטלאַנטיק, האָבן נאָר געוואָלט פאַרצייכענען, וואָס מיר וויסן פון עכאָ, פון די אָפּקלאַנגען אין דער וועלט פון חבר רעגאַלסקיס טעטיקייטן. מערסטנטייל איז אונדז אויסגעקומען צו לייענען פון רעגאַלסקיס גלענצנדיקער

פעדער וועגן די אַלע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק און די פונקציע פון ציוניזם ווי דער אַוואַנגאַרד פון פאָלק. מיר האָבן אויך אין משך פון לאַנגע יאָרן נאָכגע־פאָלגט רעגאַלסקיס אויסטייטשונג בכתב פון די פּאָליטישע וועלט־געשעענישן, זיין פירוש אויף פּאַסירונגען פון דער וועלט, זיין בליק אויף דער פּאָליטישער מאַפּע פון דער וועלט, ווי ער האָט געזען די שטרייטן צווישן די פעלקער אין איראָפּע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיינע באַאָבאַכטונגען אויף די גרויסמאַכטן בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיט צען יאָר צוריק, גלייך נאָך דעם נצחון פון די דעמאָקראַטיעס איבערן פאַשיזם, איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין אַרגענטינע. עס האָבן זיך דערטראָגן די ערשטע נאָך־מלחמה־גרוסן וועגן גרויסן חורבן, וואָס עס איז געשען מיט אונדזער פאָלק אין איראָפּע. מיר האָבן דאַן געהאַט אַ געלעגנהייט פון דער נאָענט צו אָבסערווירן רעגאַלסקין, צו זען זיין אומרויִקייט, נאָכצופאָלגן זיינע האַנדלונגען, צו זען, ווי זיין האַרץ, אַט־דאָס צאַרטע, לירישע האַרץ, ליידט פון גרויסע יסורים צוליב די שרעקלעכע ווונדן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן. פון רעגאַלסקין האָט אַרויסגעשריגן דער שמערץ פון צעמזיקטן פאָלק. און אין דער שווערער צייט, אין דער תקופה פון אומעט און טרויער, האָט רעגאַלסקי געטראָגן האָפענונג און גלויבן צווישן די מאַסן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען יידיש פאָלק וועט אויפֿ־געריכט ווערן און באַקומען זיין אומאָפּהענגיקן שטאַט, זיין פרייהייט, זיין זעלבסט־שטענדיקייט.

גראַד אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע האָריזאָנטן איבערן ציוניזם האָבן אויסגעזען גרוי, נישט אַזוי האָפענונגספול; ווען הונדערטער טויזנטער יידן האָבן זיך געוואַלגערט אין די לאַגערן, אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע און אין אַנדערע פּלעצער; אין דער צייט, ווען דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די מיליאָנען קרבנות אויפן מזבח פון פאָלק איז נאָך געווען וואַרעם; פריש איז נאָך געווען די צווייטע ווונד, — דאַן, אין דער שווערסטער תקופה, האָט רעגאַלסקי איינגעפלאַנצט גלויבן אין די הערצער פון די מאַסן, גלויבן אין נצחון פון ציוניזם.

מיר פאַרשפּאַרן אונטערצושטרייכן, אַז די גרויסע אמונה פון פאָלק, דער גלויבן פון די יידישע מאַסן אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט אין נצחון פון ציוניזם, — האָט פיל געהאָלפן, אַז די פעלקער פון דער וועלט, אָרגאַניזירט אין דער „אונ״, זאָלן באַשליסן צו עטאַבלירן אין אַ טייל פון ארץ־ישראל אַ יידישן שטאַט. וואָלט נישט דאָמינירט אין יידישן לעבן דער גלויבן, וואָלטן די פעלקער פון דער וועלט דעם באַשלוס נישט אָנגענומען.

גלויבן, אמונה איז למעלה ממקום ומזמן, — איז העכער פון רוים און צייט. דער גלויבן פון די יידישע מאַסן אין אַרגענטינע אין נצחון פון ציוניזם געפינט

סילועטן פון אַ דור

זיין אָפּקלאַנג אין פאָלק, אין אונדזער צעשפּרייטקייט. אַן אויפשוווּנג אין אַרגענטינער ציוניזם מיינט צו גלייכער צייט אַן אויפשוווּנג אין וועלט־ציוניזם. עס איז זיכער די זכיה פון רעגאַלסקין, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין דער טרעגער פון דער ציוניסטישער אידייע צווישן ייִדן אין אַרגענטינער ישוב אין דער צייט, ווען אויף דער וואָגשאָל איז געשטאַנען דער קיום פון פאָלק.

אויגוסט, 1955.

פונקען פאַר קומענדיקע דורות

(אויפן ראַנד פון זלמן שזרס בוך „אור אישים״)

זלמן שזר, דער ראש פון קולטור־ און דערציִונגס־דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענטור, האָט אונדז מזכה געווען מיט נאָך אַ ספר פון זיין ספרים־אוצר. דער נייער ספר פון שזרן טראָגט דעם נאָמען „אור אישים״, — ליכט פון פערזענלעכקייטן. עס איז אַ בוך פון זכרונות וועגן אַ צאָל פון גרויסע פערזענלעכקייטן, מיט וועמען זלמן שזר האָט זיך באַגעגנט, צוזאַמענגעאַרבעט; וועגן וועמען ער האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, — פאַר זייער לעבן און נאָך זייער טויט — גערעדט און געשריבן.

אין די געציילטע אַריינפיר־שורות צום בוך שרייבט זלמן שזר, אַז זיינע לערער און חברים פון נאָענט און פון ווייט, מיט וועמען ער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט, זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, זענען אַוועק און מער נישטאָ אויף דער וועלט. דער טיפער ווייטיק פון שיידן זיך מיט זיי פייניקט אים עד־היום. שזר דריקט אויס באַדויערן, וואָס די מענטשן — די גרויסע גייסטער פון זיין תקופה — זענען מער נישטאָ. דער מחבר ברענגט צום אויסדרוק אין דער הקדמה אַ באַשיידענעם ווונטש, אַז כאָטש איין פונק פון ליכט פון די אַוועקגעגאַנגענע פערזענלעכקייטן זאָלן אָנצינדן די הערצער פון די קומענדיקע דורות.

אין אונדזערע הייליקע ספרים ווערט געבראַכט, אַז תורה שבכתב איז „בינה און תורה שבעל פה איז מלכות״. זלמן שזר — דער מחבר פון „אור אישים״ — איז געבענטשט מיט מלכות פון זיין תורה שבעל־פה, און קיניגט איבער בינה פון זיין תורה שבכתב. זיינע ביז איצט דערשינענע ספרים זענען אַן אוצר פון געדרוקטן וואָרט.

הלוואי, הלוואי, וואָלט זלמן שזר געפונען צייט צו קאָנען ארויפנעמען אויפן פּאַפּיר וואָס מער פון זיינע גייסטרייכע מחשבות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די שאַץ־קאַמערן פון זיין דיכטערישער נשמה.

זלמן שזרס ספר „אור אישים" האָט זעקס אָפּטיילונגען און צוזאַמען שטעלט דאָס בוך מיט זיך פאַר אַ זאַמלונג פון פּאָרטרעטן וועגן אַכט און פערציק פערזענלעכקייטן, — ייִדן און אויך עטלעכע נישט־ייִדן. אַלץ מענטשן מיט וועמען ער איז געווען נאָענט. מיטן רוב פון זיי איז ער געווען אין אַ גאָר נאָענטן קאָנטאַקט, האָט מיט זיי צוזאַמענגעאַרבעט אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, אין דער פּועלי ציון־פּאַרטיי, אין דער הסתדרות, און מיט אַנדערע אויפן שטח פון סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער זאַמלונג פון פּאָרטרעטן גיט זלמן שזר אַן אינערלעכן אַריינבליק אין די נשמות פון די פּערזענלעכקייטן, וואָס זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט, זייערע גייסטיקע כוחות, זייער השפעה און בעיקר זייער אַרבעט לטובת דעם ייִדישן פאָלק פאַר זיין אויפריכטונג און פאַרן יושר און צדק פון דער מענטשהייט.

זלמן שזר דערציילט מיט אַ סך נשמה וועגן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי ד"ר חיים ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, לואיס בראַנדייס, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, ח. נ. ביאַליק, בערדיטשעווסקי, חיים גרינבערג, ז. לאַצקי באַרטאָלדי, באַראָכאָוו, סירקין, בערל קאַצענעלסאָן, חיים אַרלאָזאָראָוו, קאַפּלאַנסקי, רמז, אליעזר קאַפּלאַן, דוב הוז, אליהו גאָלאָמב, ישראל רייכמאַן, סיראַני, משה ביילינסאָן, עדואַרד בערנשטיין, עמיל וואַנדערוועלדע, וויקטאָר בערגער, יוסף בלאָך און אַנדערע.

וועגן יעדן פון די דערמאָנטע האָט זלמן שזר עפּעס מוסיף צו זיין צו דעם, וואָס איז שוין וועגן זיי געשריבן געוואָרן. טיף רירנד זענען די ווערטער, וואָס שזר גיט אונדז איבער וועגן זיין לעצטן געשפּרעך מיט שלמה קאַפּלאַנסקי ע"ה — ווען ער האָט זיך מיט אים צום לעצטן מאָל באַגעגנט אויפן הויף פון טעכניקום אין חיפה, בעת זיי ביידע האָבן מספּיד געווען פּראָפעסאָר צ. פּ. חיות, וועמענס רעשטן זענען דעם טאָג פון ווין געבראַכט געוואָרן קיין ישראל. מיט אַ טאָג שפּעטער איז קאַפּלאַנסקי אַוועק אין שפּיטאָל, פון וואַנען ער איז שוין מער נישט אַרויס. שזר גיט איבער, אַז בעת יענער באַגעגעניש האָט אים קאַפּלאַנסקי אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער פון טעכניקום און אים געגעבן אַ מתנה זיין ספר „ווזיע און ווירקלעכקייט", ווו עס איז פאַרשריבן די גרויסע פּרשה פון קאַפּלאַנסקיס לעבן, זיין אַרבעט און קאַמף פאַר דער אויפריכטונג פון דער היים פאַרן ייִדישן פאָלק און אַלס איינער פון די ערשטע, וועלכער איז געווען באַטייליקט אין לייגן דעם ווינקלשטיין פון דעם ספּעציעלן בנין, וועמענס נאָמען עס איז „וועלט פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון".

שווער איז פאַר זלמן שזר די געזעגענונג מיט דוד רמז ע"ה. זיינע ווערטער ביים אָפענעם קבר אין זכרון יעקב זענען דורכגעדרונגען מיט טיפער פאַרערונג, מיט פיל חברישער ליבשאַפט. זיין אויסרוף, אַז מען גיט איבער דער ערד פון

זכרון־יעקב אַ פּקדון פֿון אַ טײַערן חבר, רופֿן נאָך הײַנט אַרױס טרערן, בעת מען לײענט דאָס.

עס איז שװער זיך צו באַנוגענען מיט פּסוקים אויף איבערצוגעבן דעם תּוכן פֿון די באמת װוּנדערבאַרע עסײען, װאָס מיר געפֿינען אין שזרס בוך װעגן די ליכטיקע פּערזענלעכקײטן, װאָס ער שילדערט פֿאַר אונדז. מיר ראָטן יעדן אײנעם זיך צו פֿאַרשאַפֿן דעם ספֿר, בכדי צו קענען אַלײן לײענען און געפֿינען דעם נשמהדיקן טײַטש אויפֿן לעבן פֿון די גרויסע מנהיגים פֿון אונדזער תּקופֿה, װעלכע האָבן בעת זײער גײַסטרײַכן און שעפֿערישן לעבן געשאַפֿן פֿאַר זיך מאָנומענטן פֿון אומשטערבלעכקײט און זענען אַרײַן אין דעם פּאַנטעאָן פֿון אײביקײט.

דער ספֿר „אור אישים" איז אַרױסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג עם־עובד אין תּל־אביב אויף העברעיִש. עס װאָלט געװען זײער װיכטיק, װען דער ספֿר װערט איבערזעצט אויף ייִדיש, װי עס איז געװען דער פֿאַל מיט אַ פֿריִערדיקן ספֿר פֿון זלמן שזר, הײנו: „כוכבי בוקר" — פֿרימאָרגן־שטערן, װאָס איז איבערזעצט געװאָרן פֿון העברעיִש אויף ייִדיש פֿון דעם פֿאַרלאַג „דאָס פּױלישע ייִדנטום", אין בוענאָס אײרעס.

זלמן שזר פֿילט זיך שטאַרק פֿאַריתומט נאָך דער פּטירה פֿון די פּערזענלעכקײטן, װעגן װעמען ער שרײַבט זײַנע פּערלדיקע עסײען אין זײַן ספֿר.

דער אמת איז טאַקע, אַז מיר פֿילן אַ גרויסן מאַנגל אין פּערזענלעכקײטן, גדולי הדור, װאָס זאָלן זײַן בכּוח מיט זײער ליכט צו באַלײַכטן דעם װעג פֿון דער הײַנטיקער תּקופֿה, אין װעלכער אונדז קומט אויס צו לעבן, און פֿונקען פֿון זײער ליכט זאָלן אָנצינדן די הערצער פֿון אונדזער דור. צו זלמן שזר, — דעם מחבר פֿון „אור אישים" — װילן מיר אָבער זאָגן, מיט אונדזער פֿולער אױפֿריכטיקײט, אַז דער דור, אין װעלכן עס לעבט זלמן שזר, איז נישט קײן יתום. הלװאי, הלװאי, ער זאָל זײַן מיט אונדז אַ סך יאָרן, און עס זאָלן זיך מערן נאָך אַ סך אַזעלכע פֿון דעם שיעור קומה, װי עס איז זלמן שזר!

.1956

II

אַ ביאָגראַפישע שילדערונג פון הערצלס לעבן; — **חיים נחמן ביאַליקס יידישע בריוו;** — **„בחלום ובמעשה"** (אויפן ראַנד פון געדענקבוך נאָך י. א. ניידיטש ע"ה); — **ציוניס־טישע פערזענלעכקייטן** (ל. ליפסקיס „אַ גאַלעריע פון ציוניסטישע פראָפילן"); — **אין אַ קראַנקן קערפּער אַ געזונטער גייסט** (געווידמעט די שלושים פון ד"ר י. העלמאַן ז"ל); — **אויף די וועגן פון ציון** (אַ וויכטיק לערן־ און לייען־בוך); — **„די שטימע פון ישראל"** (זאַמלונג רעדעס פון אַמבאַסאַדאָר אבא איבן); — **דער וויכוח אין היכל פון ציוניזם** (אַרום מלך נוי'ס בוך „די נייע ווירק־לעכקייט"); — **זעלבסטבאַפרייאונג** (75 יאָר נאָכן דערשיינען פון ד"ר פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע"); — **פייער, ווינט און וואַסער!** (נאָכן טויט פון פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין ז"ל); — **יידן אין אייראָפּע צען יאָר נאָכן צווייטן קריג;** — **יידיש לעבן אין צפון־ און דרום־אַמעריקע;** — **דערהויבענע פּאָלקסטימלעכקייט** (אין אָנדענק פון מרדכי סטאָליאַר ע"ה); — **מיט ד"ר יעקב העלמאַן איבער דער וועלט** (זכרונות צו זיין 5טן יאָרצייט).

אַ ביאָגראַפישע שילדערונג
פון ד״ר הערצלס לעבן

אין סוף פון פאַריקן, און אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, האָט דער מאָדערנער נביא, טעאָדאָר הערצל ז״ל אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן אַ באַנייאונג פון דער אידעע זיך צוריקצוקערן צו אַ מלוכהש לעבן, ווידעראַמאָל זיך צו באַהעפטן מיטן לאַנד פון אונדזערע אָבות, פון וואַנען מיר זענען מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַרטריבן געוואָרן — ארץ־ישראל; מיטן גאַנצן באַציִאונג עגטוזיאַזם, וואָס טליִעט אין יידישן פאָלק, אויפסנייַ אויסבויען און אויסקעמפן די פולע זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט, אויף אייגענער ערד און אונטער אייגענעם הימל, אַ היים פאַרן געדרודפטן און געפלאָגטן פאָלק.

דאָס באַווייזן זיך פון ד״ר טעאָדאָר הערצל אויף דער יידישער גאַס צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָט פאַרכישופט דעם עולם, האָט געוועקט האָפענונג און בטחון אין דער ווידערבאַשאַפונג פון אַ יידישער מלוכה.

ווי אַ מעטעאָר איז ד״ר טעאָדאָר הערצל דערשינען אין יידישן לעבן. זיין געשטאַלט האָט ליכטיק געמאַכט דעם פאַרנעפלטן האָריזאָנט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן איבער יידיש לעבן אין מזרח־ און אין טייל לענדער פון מערב־איירָאָפּע. אַזוי שנעל אָבער ווי ער איז צו אונדז געקומען, איז ער, צום באַדויערן, שנעל פון אונדז פאַרשוואונדן. צו פיר און פערציק יאָר האָט אים דער טויט פון אונדז אוועקגעריסן. פלוצים איז ער געשטאָרבן. און בלויז 9 יאָר האָט געדויערט זיין גיגאַנטישע אַרבעט פאַר ציוניזם. אַן אַרבעט, אין וועלכער ער האָט אַריינגעגעבן דאָס בעסטע פון זיין שטאַרקן גייסט און פון זיין וואונדערבאַרן טאַלאַנט, זיין גרויס, וואַרעם יידיש האַרץ און הויכע דיפּלאָמאַטישע קונסט.

ווער איז געווען ד״ר הערצל? פון וואָס פאַר אַ קרייזן אין יידישן לעבן איז ער געקומען? וואָס פאַר אַ דערציִונג האָט ער באַקומען אין זייַנע קינדער־יאָרן? ווער האָט איינגעפלאַנצט אין זיין האַרץ ליבע צו די ליידנדיקע? וואָס איז געווען

דער כוח הדוחק, וואָס האָט אים געפירט צו די יידישע מאַסן? אַ גאַנצע ליטע־ראַטור איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן וועגן אָט דער ווונדערבאַרער פּערזענלעכקייט. אָבער וויפל עס זאָל נישט האָבן געשריבן געוואָרן און וויפל מען זאָל ווייטער נישט שרייבן, וועט אַלץ די טעמע „הערצל" זיך נישט אויסשעפּן. תמיד, פאַר אַלע דורות, וועט די גרויסע פּערזענלעכקייט פון ד"ר טעאָדאָר הערצל באַוווּנדערט ווערן פון יידישן פאָלק. יעדער דור וועט אויף זיין שטייגער זיך מתיחד זיין מיט דער גרויסער נביאישער וויזיע פון דעם אומשטערב־לעכן ד"ר טעאָדאָר הערצל ז"ל. יעדער נייער ספר, אַלץ וואָס די פעדער וועט אַרויסברענגען פון מענטשלעכן מוח און וועט מיטהעלפן אָפּשאַצן די באַדייטונג פאַר אונדזער פאָלק און פאַר דער מענטשהייט בכלל פון דער הערצל־פּערזענלעכ־קייט, וועט אויפגענומען ווערן מיט גרויס צופרידנקייט און מיט טיפער דאַנק־באַרקייט צום מחבר.

יעקב צינעמאַן — דער באַקאַנטער היסטאָריקער פון ציוניזם און שריפט־שטעלער, — האָט אונדז לעצטנס מזכה געווען מיט אַ ספר, וואָס אַנטהאַלט אַ ביאָגראַפישע שילדערונג וועגן לעבן און טעטיקייט פון ד"ר טעאָדאָר הערצל ז"ל. אַ שילדערונג, וואָס הייבט זיך אָן מיט הערצלס וויגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טאַבאַק־גאַס אין דעם יידישן פּערטל פון דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט בודאַפּעסט, ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן, ביז ער האָט אויסגע־הויכט זיין נשמה און איז געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אויף דעם דעמבלינער בית־עלמין אין ווין.

אין הונדערט און פינף און פופציק קאַפּיטלען וויקלט פונאַנדער יעקב צינע־מאַן די פּרשות פון דער הערצל־מגילה, — אַ מגילה פון אַ קורצן לעבן, אָבער פון אַ זייער אינטענסיווער און ביז גאָר פאַרבנרייכער טעטיקייט. דער מחבר האָט נישט געקאַרגט קיין מי און פלייס אָנצוקלייבן אין אַ אָביעקטיוון היסטאָרישן ליכט די אַלזייטיקע, האַרמאָניש־אַנטוויקלטע הערצל־פּערזענלעכקייט.

לייענענדיק די פּרעכטיקע אַרבעט פון יעקב צינעמאַן מערקט מען, אַז דער מחבר איז פאַרבליבן עד היום הזה אַ געטרייער תלמיד פון הערצלען: פון זיין ציוניסטישער שיטה, פון זיין דינאַמישן און רעוואָלוציאָנערן צוגאַנג צו דער יידנ־פראַגע און איר לייזונג. דער מחבר שרייבט אין זיין הקדמה צום בוך צווישן אַנדערע: „דער איינציקער דערלייזערישער וועג פאַר דער יידישער אומה און פאַר מדינת ישראל איז פאַרבונדן מיט דער גייסטיקער און מאָראַלישער קראַפט פון הערצלס אידיי. זיין יידישע, עטישע וועלט־אַנשויאונג דאַרף ווערן דער אייביקער עמוד־האש פאַר אונדזער וויטערדיקער נאַציאָנאַלער און מלוכהשער אַנטוויקלונג". „איך וועל באמת זיין גליקלעך", — שרייבט דער מחבר, — „אויב מיין הערצל־בוך וועט אַפילו אין אַ באַשיידנסטער מאָס העלפן באַנייען אין אונ־

דזשעדע רייען דעם דאָזיקן גייסט פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן יידישן מנהיג און ציוניסטישן וויזיאָנער".

יעקב צינעמאַן דערציילט אונדז אין זיין ספר פון די גרויסעליידן פון ציון־מנהיג, — ד"ר טעאָדאָר הערצל, וויפל שנאה, חוזק און שפּאָט ער איז אויסגעשטאַנען מיט וויפל ביטול זיין אייגענע ווינער סביבה האָט זיך צו אים באַצויגן נאָכן דערשיינען פון זיין „יידן־שטאַט". אַפילו זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן דאָס בוך אויפגענומען מיט אַן איראָנישן שמייכל, מיט געשמאַקלאָזע וויצן. ווען ד"ר הערצל איז אַריינגעקומען אין עפנטלעכע לאָקאַלן, — דערציילט אונדז דער מחבר, — האָט מען זיך בייסיק איבער אים געוויצלט און דער עולם האָט געטייטלט מיט די פינגער, אָנווייזנדיק מיט שפּאָט: „אָט גייט דער קעניג פון ציון", אָדער „זיין מאַיעסטעט דער יידישער מלך איז דערשינען". אָבער נישט נאָר אין די אָפיציעלע ליטעראַריש־שריפטשטעלערישע קרייזן און אין דער רעדאַקציע פון דער „נייער פרייער פרעסע" איז הערצל באַגעגנט געוואָרן מיט אַזאַ ביטול־באַציִונג, נאָר אויך אין די קרייזן פון די חובבי ציון איז די באַציִונג צו הערצלען נישט געווען קיין גוטע. די ענגלישע חובבי ציון האָבן אַרויסגעגעבן ספּעציעלע פּאַמפּלעטן קעגן דעם „יידן־שטאַט". די פּאַריזער חובבי ציון האָבן נישט מסכים געווען, אַז הערצל זאָל אויפטרעטן עפנטלעך אין פּאַריז. זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט דער נדיב הידוע, באַראָן ראָטשילד, ברוגז ווערן מיט דער ישראל־קאָלאָניזאַציע. אויך צווישן די רוסישע חובבי ציון, צווישן די מענטשן פון דעם אָדעסער קאָמיטעט, איז נישט געווען קיין באַגייסטערונג פאַרן „יידן־שטאַט". מ. מ. אוסישקין ע"ה, — דער פּאַרזיצער פון אָדעסער קאָמיטעט, — האָט נאָכן באַקומען דעם „יידן־שטאַט" געענטפערט: „איך זע נישט קיין נויטווענדיקייט צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע בראָשור. אין דער באַגרינדונג פון דעם טעאָרעטישן טייל פון דער בראָשור וועט דער יידיש־רוסישער לייענער, נאָך די בראָשורן פון פּינסקער און ליליענבלום, גאָר קיין נייעס נישט געפינען. בנוגע דעם זאַכלעכן טייל פון הערצלס שריפט, מוז מען זאָגן, אַז עס איז אויבערפלעכלעך צונויפגעשטעלט". אין אַ צווייטן בריוו האָט מ. מ. אוסישקין געשריבן נאָך קלאָרער: „פאַר די רוסישע יידן איז דער מחבר פון „יידן־שטאַט" פולשטענדיק אומבאַקאַנט. זאָל ער זיך צוערשט פאַרשאַפן אַ נאָמען פון אַן אַקטיוון טוער".

„נאָר אַזאַ שטאַרקער, שטאָלצער און אייזנפעסטער כאַראַקטער, ווי טעאָדאָר הערצל, — שרייבט צינעמאַן, — האָט געקאָנט גובר זיין די דאָזיקע אַטמאָספערע פון שנאה און שפּאָט, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אים נאָכן דערשיינען פון זיין שריפט".

נישט לאַנג אָבער האָט געדויערט די תקופה פון שנאה און שפּאָט צו הערצלס

„ייִדן־שטאַט". עס האָבן זיך גלייך געפונען יחידים און קרייזן, וועלכע האָבן דעם פּלאַן אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם. דער מחבר יעקב צינעמאַן שילדערט פאַר אונדז אין באַזונדערע קאַפּיטלען פון זיין בוך הערצלס דערפאָלג ביי ייִדישע פאָלקס־מענטשן, וועמענס הערצער ער האָט דעראָבערט; וועמען ער האָט ממש באַצויבערט בלויז מיט זיין דערשיינען; ווי ער האָט דעראָבערט די הערצער ביי די רוסישע ציוניסטן; ווי דאָס פאָלק האָט הערצלען אויסגעוויילט פאַר זיין פירער, פאַר דעם ציוניסטישן מנהיג.

יעקב צינעמאַן דערציילט אונדז, ווי די חובבי ציון זענען שנעל מיטגעריסן געוואָרן פרייוויליק אָדער געצוווּנגען מיטן הערצליאַנישן פאָלקס־שטראָם, און די יעניקע חובבי־ציון, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט מיטרייסן, זענען פאַרבליבן מחוץ־למחנה פון דער נייער, גרויסער, אויפברויזנדיקער, ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און זענען לגמרי אַראָפּ פון דער ייִדיש־געזעלשאַפטלעכער אַרענע. דער מחבר ציטירט בריוו, וואָס הערצל האָט געשריבן אין חודש אַפּריל פון יאָר 1896, עפּעס מער ווי אַ יאָר פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. אין די בריוו שרייבט הערצל: „איך האָב שוין באַוויליקונג. אונדזערע פאָלקס־מענטשן אָנערקענען מיך ווי זייער פריינט; פון רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, בולגאַריע און אונגאַרן באַקום איך באַגייסטערטע צושטימונגען".

טיף רירנד איז דאָס קאַפּיטל, אין וועלכן דער מחבר דערציילט וועגן הערצלס באַזוך אין ווילנע, בעת זיין צוריקרייזע פון פּעטערבורג, ווו ער האָט אָפּגעהאַלטן שמועסן מיטן צאַרישן סאַטראַפּ פּלעווע. דעם 16טן אויגוסט פון יאָר 1903 איז ד"ר הערצל אָנגעקומען קיין ווילנע. צענדליקער טויזנטער ייִדן פון ווילנע און איר סביבה האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף די גאַסן פון ירושלים דליטא און האָבן מיט אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם באַגריסט דעם שעפער פון „ייִדן־שטאַט". נישט גע־קוקט אויף די אַלע באַגרענעצונגען און שיקאַנעס פון דער פּאָליציי, איז דאָך זיי נישט געלונגען אָפּצוהאַלטן דעם ייִדישן עולם פון אָפּגעבן כבוד זייער פירער און וועג־ווייזער. דאָן האָט ד"ר הערצל אין אַ דאַנק־רעדע פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע, וואָס דאָס ווילנער ייִדנטום האָט אים געגעבן, צווישן אַנדערע געזאָגט: „דער וועג קיין ציון איז נישט נאָר דער בעסטער און ריכטיקסטער, נאָר איז אויך דער נאָענטסטער!" דער מחבר דערציילט אונדז, אַז דער גאון און צדיק ר' שלמה הכהן, דער אַלטער ווילנער רב, וועלכער האָט מיט ציטערדיקע הענט געגעבן הערצלען אַ ספר תורה פון ירושלים דליטא און האָט דערביי ד"ר הערצלען גע־בענטשט, האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט פאַר זיינע נאָענטע: „מיר, אונדז אַלע, וואָס מיר האָבן אים מקבל פּנים געווען, האָט זיך געדוכט, אַז מיר זעען דעם ייִדישן מלך אין זיין גאַנצער פּראַכט".

זייער דראַמאַטיש זענען די שילדערונגען פון יעקב צינעמאַן וועגן הערצלס רעדעס אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן. די תקופה פון וויכוח אַרום דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט; הערצלס דורכפאַלן ביי די ייִדישע פּלוטאָקראַטן און די ווירקונג וואָס עס האָט אויף אים געהאַט; זיין וועג צום פאָלק; צו די ייִדישע פאָלקס־מאַסן אַאַז״וו.

דעם מחבר יעקב צינעמאַן איז געלונגען אויפלעבן די גרויסע הערצל־תקופה; די געשיכטע פון דער ליכטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָוועקגעלייגט דעם אידעאָלאָגישן און אָרגאַניזאַטאָרישן יסוד פון דער לייזונג פון ייִדישן פּראָבלעם. די הערצל־ביאָגראַפיע פון יעקב צינעמאַן איז אַ וויכטיקערביישטייער צו דער געשיכטע פון ציוניזם און צום ייִדישן לעבן בכלל.

.1957

חיים נחמן ביאַליקס יידישע בריוו

דער באַקאַנטער זאָגט: „ווילסטו דעם דיכטער קענען, דאַן מוזסטו אין דיכטערס לאַנד גיין" ווערט ווידער אַמאָל באַשטעטיקט דורך דעם אָקאַרשט דערשינענעם ספר: „בריוו פון ח. נ. ביאַליק צו זיין פרוי מאַניע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מדינת ישראל פון מוסד ביאַליק מיט דער געזעלשאַפט „דביר".

מיר זענען געווען באַקאַנט מיט ביאַליקן ז"ל, דעם גרויסן נאַציאָנאַלן יידישן דיכטער, דעם מייסטער פון דעם העברעיִשן פערז; מיר האָבן געקענט ביאַליקן פון „המתמיד", ביאַליקן פון דער „שחיטה־שטאָט", ביאַליקן דעם זאַמלער פון די אוצרות פון דער יידישער אגדה; אָבער מיר האָבן נישט געקענט דאָס אינטימע לעבן פון ביאַליקן; מיר זענען ווייניק געווען באַקאַנט מיטן משפחה־לעבן פון אונדזער נאַציאָנאַלן דיכטער, מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין פרוי, צו דער פרויס עלטערן, צום ברודער, צו פריינט און באַקאַנטע, צו די הויז־מענטשן. מיטן פאַרעפנטלעכן די בריוו פון ביאַליקן, וואָס ער האָט אין משך פון אַ צאָל יאָרן פון פאַרשידענע שטעט און לענדער איבער דער וועלט געשריבן צו זיין פרוי, באַקענען מיר זיך מיטן אינטימען לעבן פון דיכטער. מיר באַקענען זיך מיט די אינטימע פעדים פון זיין פריוואַטן לעבן.

די פאַרעפנטלעכטע בריוו פון ביאַליקן צו זיין פרוי מאַניע, מערסטנס געשריבן אויף מאַמע־לשון, פאַרטייטשן און גיבן פשט צום אינטימען לעבן פון דיכטער, צו זיין באַציִונג צו אַ ריי פּראָבלעמען און בעיקר צו זיין טיפער ליבשאַפט וואָס קומט צום אויסדרוק נישט דורך דעם אויסגעטאָקטן דיכטערישן פערז, נאָר דורך פשוטער שפּראַך, דורך עכטן יידישן פאָלקס־לשון, אַ לשון, וואָס איז אונדז אַלעמען אַזוי היימיש, אַזוי נאָענט; אַ לשון, וואָס ליגט ביי יעדן אויף די ליפּן; אַ לשון — וואָס ווי ביאַליק אַליין האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט: — „עס רעדט זיך לייכט אַפילו ווען מען גייט אויף אַ שווערן באַרג־אַרויף".

די איצט אַרויסגעגעבענע בריוו פון ביאַליקן צו זיין פרוי מאַניע זענען געשריבן געוואָרן אין אַ צייט־אָפּשניט פון מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט. דער ערשטער בריוו איז פון וואַרשע, געשריבן דעם 5טן יאַנואַר 1904, און דער לעצטער בריוו איז געשריבן פון קאָוונע דעם 2טן יאַנואַר 1932. יידיש לעבן האָט אין משך

פון דעם צייט־שטח פון אַכט און צוואַנציק יאָר דורכגעמאַכט שווערע צייטן: פּאָגראָמען און רדיפות אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, די רעוואָלוציע פון 1905, די ערשטע וועלט־מלחמה; גרויסע געשעענישן אין ציוניזם, ווי: די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט געגעבן יידן אַ שטראַל פון האָפענונג אויף אייגענער זעלבסטשטענדיקייט, אויף פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. אין די פאַרעפנטלעכטע בריוו פון ביאַליקן צו זיין פרוי וואַרפט זיך דורך אַ שיין פון די פּאַסירונגען אין יידישן לעבן אין משך פון די 28 יאָר. צווישן די בריוו זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ביאַליק האָט געשריבן צו זיין פרוי פון ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווי אויך בריוו פון זיין ערשטער נסיעה קיין ארץ־ישראל אין חודש מערץ פון יאָר 1909.

אין די בריוו זעען מיר ביאַליקן אין פאַרשידענע וואַריאַציעס פון זיין אינטימען לעבן. מיר זעען אַ שטיפערישן ביאַליק, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין זיין קורץ בריוול, געשריבן פון וואַרשע; אַ בריוול, וואָס אַנטהאַלט בלויז איין שורה, היינו: „שרייב מיר, טייערע, פון אַלעס" און ביאַליק שרייבט זיך אונטער שטיפעריש: „דיין משוגענער ח. נ. ביאַליק". די זעלבע שטיפערישקייט קומט צום אויסדרוק אין אַ צווייטן בריוול, אויך געשריבן פון וואַרשע דעם 21סטן יאַנואַר 1904 און אַנטהאַלט אויך נישט מער ווי אַ האַלבע שורה, היינו: „איך בין דאָ!". נאָך אַנדערע בריוו האָט ביאַליק געשריבן אין יענער צייט פון וואַרשע אויך אין אַ שטיפערישער שטימונג; בריוו, וואָס האָבן בלויז אַנטהאַלטן דריי ווערטער מיט זיין אונטערשריפט; ווי למשל: דער בריוו פון וואַרשע פון דרייסיקסטן יאַנואַר 1904 וואָס לייענט זיך: „מאַני, מאַני, מאַני". אָדער אַ צווייטער בריוו אויך פון וואַרשע, וואָס לייענט זיך: „אַ גוט פורים". אָדער אַ בריוו, וואָס לייענט זיך: „מאַניטשקע! וואָס מאַכסטו?". אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די דערמאָנטע בריוו זענען אונטערגעשריבן מיטן פולן נאָמען: ח. נ. ביאַליק. כאָטש געשריבן, ווי דערמאָנט, אין אַ שטיפערישער פאָרם, דערצו צו דער אייגענער פרוי און אונטערגעשריבן מיטן פולן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען. וואָלטן אַלע בריוו געווען פאַרזען מיט דער זעלבער אונטערשריפט, וואָלטן מיר געהאַט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז אַזוי האָט ביאַליק ז"ל זיך אונטערגעשריבן אויף אַן אינטימען אופן אין זיינע בריוו צו זיין פרוי; איז אָבער די מעשה אַזאַ, וואָס פיל בריוו האָבן אַ מער אינטימערן אונטערשריפט, היינו: „דיין חיים נחמן". געוויסע בריוו זענען בלויז פאַרזען מיט די איניציאַלן: ח. נ. ב. מיר האָבן נישט קיין אַנדער אויסדרוק ווי צו באַצייכענען דעם פאַקט מיט דעם באַרימטן תלמודישן אויסדרוק: „תיקו", וואָס אויף מאַמע־לשון מיינט עס גאָר פשוט: „בלייבט אַ קשיא".

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען ביאַליקס בריוו צו זיין פרוי, וואָס ער האָט געשריבן פון ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין 1907 פון דעם אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאַרגעקומען אין האַג, האָלאַנד, שרייבט ביאַליק אין זיין בריוו, צווישן

אַנדערע וועגן מאַקס נאָרדוי: „נאָרדוי, אַ שיינער זילבערנער קאָפּ, מיט שיינע קלוגע אויגן, יאָוועט זיך אויף דער בינע און סע עפנט זיך אַ גאָלדענער מויל און סע הייבן זיך אָן שיטן פּערל. ניין, נישט קיין פּערל — פּיילן מיט קוילן, פלאַם־פייערן מיט בליצן זענען געפלויגן פון זיין מויל אַרויס — נו אַ פּיסק! פון אייראָפּע האָט ער געמאַכט אַ תל־עולם. „כל־זמן — האָט ער אויסגעקלונגען מיט אַ הילכיקער נביאישער שטימע — איר פעלקער וועט נישט טאָן יידן זייער רעכט, וועט איר קיין שלום קיינמאָל נישט באַקומען און אַלע אייערע פרידן־קאָנפערענציעס זענען מער נישט ווי אַ קאָמעדיע".

וויטער שרייבט ביאַליק: „דער רושם פון נאָרדויס רעדע איז באמת געווען אַ מוראַדיקער, איינער פון די שענסטע (און אפשר טאַקע דער איינציקער שיינער) מאָמענט אין דעם אָרעמען 8טן קאָנגרעס".

ביאַליק שרייבט אין זעלבן בריוו: „דייטש פאַרשטייט אַפילו יעדער ייד, נאָר פונדעסטוועגן איז פאָרט אינו דומה יודיש לדייטש".

פון זיבעצענטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל אין יאָר 1931, שרייבט ביאַליק צווישן אַנדערע: „אייגנטלעך איז דער גאַנצער קאָנגרעס איין גרויסער סקאַנדאַל. עס איז פאַראַן נאָר איין גרופּע אמתע ציוניסטן: די אַרבע־טער. אַלע איבעריקע האָבן אין זינען זיך אַליין, נישט ארץ־ישראל. וויצמאַנען, דעם איינציקן קלוגן מענטשן צווישן זיי, האָבן זיי פאַרטריבן. זיי קאָנען אים נישט מוחל זיין דעם גרעסטן חטא זיינעם — הלמאי איז ער קליגער פון זיי אַלע. אַלע אַנגערירטע אַמביציעס, אַלע דורך וויצמאַנען אָפּגעזאָגטע שטעלעס, נישט גע־מאַכטע וויזיטן, נישט דערלאַנגטע הענט, נישט אָפּגעגעבענע גרוסן, זענען געקומען און זיך געשטעלט אויף דעם קאָנגרעס וויצמאַנען אַנטקעגן און זיך מיט אים אָפּ־גערעכנט. בקיצור סע האָט וויצמאַנען פאַריאָגט. מיר וועלן זען וואָס וועט מען זאָגן אין דריי וואָכן אַרום".

אין דעם בריוו קומט צום אויסדרוק ביאַליקס פאַרערונג פאַר וויצמאַנען און זיין שלעכטע באַציִונג צו די פּאַרטיי־רייסערייען און פּערזענלעכע חשבונות צווישן פאַרטיי־מנהיגים.

אין אַ צווייטן בריוו פון זעלבן ציוניסטישן קאָנגרעס שרייבט ביאַליק צווישן אַנדערע: וויצמאַנס גרויסע רעדע איז געווען קלוג, זאַכלעך און טאַקטפול, ווי שטענדיק. זיינע שאַנסן זענען אָבער נישט באַזונדערס שטאַרק. אין אַן עת־צרה פאָדערט מען פון אַ פירער, ער זאָל באַווייזן אַ מופת, אַ קונץ, און דאָס פאַרמאָגט נישט איצט אויך וויצמאַן. די אַרבעטער־גרופּע האָט זיך אויך אויף דעם קאָנגרעס אַרויסגעוויזן אַלס די בעסטע, די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און די ערנסטסטע. זייערע מנהיגים זענען די פעיִקסטע, די זאַכלעכסטע. זיי זענען אפשר די איינציקסטע, וואָס זעען דברים כהוייתם, ווייל דער ציוניזם איז פאַר זיי זייער לעבן. אַרלאָזאָראָוס

רעדע איז געווען די גלענצנדיקסטע לויט פאָרם און אינהאַלט. איך האָב אים נאָך דער רעדע געקושט. אַ טייערע איז די אַרבעטער־גרופּע. זאָל איר גאָט געבן דערפאָלג״.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען ביאַליקס בריוו פון זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל און פון זיינע באַזוכן אין ירושלים, יפו, פתח־תקוה, גדרה און אין אַנדערע קאָלאָניעס. מיט קאַרגע 50 יאָר צוריק האָט ביאַליק דערפילט דעם דורות־לאַנגן אָטעם פון פרייהייט, וואָס טראָגט זיך אין דעם היסטאָריש־יידישן היימלאַנד — ארץ־ישראל.

אויך די בריוו פון ביאַליקן צו זיין פרוי, וואָס ער האָט געשריבן פון זיין נסיעה איבער פוילן און ליטע לטובת דעם העברעישן ספר, זענען וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, ווי דאָס דיכטערישע האַרץ פון ביאַליקן האָט זיך געצאַפּלט איבערן גורל פון פוילישן יידנטום. מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אין יאָר 1931, האָט ביאַליק שוין געזען דעם שוואַכן גוף פון פוילישן יידנטום. דאַן האָט ער געשריבן צו זיין פרוי צווישן אַנדערע: „דאָס יידישע פוילן איז פולשטענדיק חרוב. עס ווערט אויסגעצאַפּט פון די יידן זייער לעצט ביסל חיות, און מען זעט נישט פון וואַנען זאָל קומען הילף״. ביאַליק שרייבט אין זעלבן בריוו, אַז אין דער גאַנצער וועלט זענען יידן אָפּגעשוואַכט. עס איז נישט גוט מיט יידן. איך טרעט אַרויס אָפט מיט טענות קעגן זיי, און עס ווערט מיר אַליין „סאָוועסטנע״. ס'איז אויף זיי אַ גרויס רחמנות. ווען זיי וואָלטן זיך געוועץ אומקוקן באַצייטנס, וואָלטן אפשר אַ טייל פון זיי זיך געקאָנט ראַטעווען אין ארץ־ישראל. האָבן מיר אָבער נישט קיין מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען אָרגאַניזירן די זאַך ווי געהעריק.

ביאַליקס איבערגעגעבנקייט צו זיין פרוי און משפחה קומט צום אויסדרוק אין אַ יעדן בריוו כמעט. ער פאַרפעלט נישט צוצושרייבן צו יעדן בריוו די ווערטער פון זיין קומער און זאָרג, פון איבערקלערן און איבערטראַכטן, צי די פרוי בלייבט נישט אַליין זיצן אין שטוב אַן אומעטיקע. אין זיין בריוו פון מאָסקווע פון 20סטן אַפּריל 1921 (שוין אין די צייטן פון די באָלשעוויקעס) שרייבט ביאַליק צו דער פרוי: „אויף פסח, הייסט דאָס, וועלן מיר שוין נישט קומען. ובכן, וועל איך צום ערשטן מאָל פסח האַלטן אָן דיר, אין דער פרעמד. מילא, איך ווי איך, אָבער דו אײנע אַליין! מאַניטשקע, זע, פּריסטראָיע זיך ערגעץ ביי גוטע פריינט צום סדר״. די זעלבע זאָרג און איבערגעגעבנקייט ברענגט ביאַליק צום אויסדרוק אין זעלבן בריוו וועגן ברודער בערל. ער שרייבט: „זע מיטהעלפן בערלען, ער זאָל האָבן אויף פסח. עס זאָל אים נישט פעלן. טאָמער פעלט דיר, נעם אויף מיין חשבון ביי גוטע פריינט״.

זעלטן איז צו באַמערקן אין אַ בריוו, אַז ביאַליק זאָל נישט דערמאָנען גוטע פריינט אין זיין שרייבן צו דער פרוי זיינער. זעלטן צו געפינען אַ בריוו פון די

נאָר־וואָס פאַרעפנטלעכטע, אַז ביאַליק זאָל, שרייבנדיק צו דער פרוי זיינער, נישט דערמאָנען די נאָענטע משפחה־מיטגלידער און נישט דערמאָנען וועגן געבן זיי הילף און מיטלען אויף לעבן.

פון די בריוו, וואָס ביאַליק האָט געשריבן צו זיין פרוי, זעט מען אויך, אַז זיין לעבנס־באַשערטע האָט אים פון צייט צו צייט אויך פאַרשאַפט זאָרג צוליב איר אייפערזוכט צו אים. אין אַ בריוו פון לאָדזש, פוילן, געשריבן סוכות־צייט אין יאָר 1932, שרייבט ביאַליק צווישן אַנדערע: „הייסט דאָס, אַז מיר איז נאָך אַלץ נישט געלונגען דיך איבערצייגן, אַז אַלע דיינע חשדים זענען אומזיסטע און גרונטלאָזע. וואָס־זשע קאָן איך טאָן, מאַניטשקע? מיר וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז נאָך כמעט אַ פערציק־יאָריקן צוזאַמענלעבן זאָלסטו אַזוי ווייניק קאָנען דיין מאַן. איך שווער דיר ביי מיין אייגן לעבן, ביי דיין לעבן, וואָס איז מיר טייערער פון מיין אייגן לעבן, ביי דעם לעבן פון אונדזערע טייערע עלטערן, — אַז עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס סע זאָל דיר געבן רעכט אַזוי צו דענקען וועגן מיר. איך בין דיך אַמאָל מצער אין די אויגן. ווען אָבער איך בין ווייט פון דיר, בין איך ניט פעיִק צו טאָן דאָס גרינגסטע, וואָס קאָן דיך באַליידיקן".

ביאַליקס איבערגעגעבנקייט צו דער פרויס עלטערן קומט צום אויסדרוק אין זיינע בריוו. ער שרייבט, למשל, צו דער שוויגער, אַז ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, געדענקט ער אין איר געבורטסטאָג און שיקט האַרציקע באַגריסונגס־בריוו צו איר.

וועגן ביאַליקס עטלעכע יאָר זיך געפינען אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט דערמאָנט נישט דער דיכטער אין זיינע בריוו. משמעות, אַז ער האָט מורא געהאַט צו שרייבן. דאָס זעט מען פון זיין בריוו פון מאָסקווע צו זיין פרוי. וואָס האָט זיך געפונען אין אָדעס. ער שרייבט צווישן אַנדערע: „שרייבן דיר נייס — איז כמעט נישטאָ וואָס, און דאָס וואָס איז דאָ, קאָן מען נישט שרייבן".

ביאַליק איז צו יענער צייט, היינו אין יאָר 1921, געזעסן אין מאָסקווע און זיך באַמיט צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד. צו יענער צייט האָט דער רוסישער שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי, וועלכער איז גוט געווען געזען אין די אויגן פון די באָלשעוויקעס, אינטערווענירט פאַר אַ צאָל יידישע דיכטער, זיי זאָלן באַקומען דערלויבענישן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

עס קומט באמת אַ גרויסן דאַנק דער לייטונג פון מוסד ביאַליק און דער לייטונג פון חברת „דביר" פאַרן אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם ביאַליקס בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין פרוי מאַניען. די בריוו גיבן אונדז אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם אינטימען לעבן פון אונדזער נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק עליו השלום!

1956.

„בחלום ובמעשה"

(אויפֿן ראַנד פֿון געדענק־בוך נאָך י. א. ניידיטש ע"ה)

צום 7טן יאָרצייט נאָכן טויט פֿון ציוניסטישן מנהיג י. א. ניידיטש ע"ה איז אין מ. ביומאַן־פֿאַרלאַג אין תל אביב דערשינען אַ געדענק־בוך אונטערן נאָמען „בחלום ובמעשה", וואָס גיט אַן אָפּשאַצונג וועגן דער פּערזענלעכקייט פֿון נפֿטר, געשריבן פֿון אַ צאָל פּערזענלעכקייטן. פֿאַראַן דאָרט אויך אַרטיקלען און לידער, געשריבענע פֿון נפֿטר אַליין.

די רעדאַקטאָרן פֿון דעם בוך זענען: זלמן שניאור, י. הורס און א. האַלפּערין. ווי עס גיט איבער אין פֿאָרוואָרט ה' מ. א. נאָוואָמייסקי, האָט אויך חיים גרינבערג ע"ה אָנגעהויבן מיטהעלפֿן ביים רעדאַגירן דאָס בוך. ער האָט זיך געקליבן אָנצו־שרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן יצחק ניידיטש ע"ה. לײדער איז חיים גרינבערג פּריצייטיק נפֿטר געוואָרן, און מיט דער צוגרייטונג פֿון בוך האָבן זיך פֿאַרנומען די אויבן־דערמאָנטע.

***

י. א. ניידיטש ע"ה האָט געהערט צו די ראשונים אין ציוניזם און צו זיינע פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן. ער איז געווען פֿון די דערפֿאָלגרייכסטע יידישע אינ־דוסטריאַלן אין אַמאָליקן רוסלאַנד. נאָכן קומען צו דער מאַכט פֿון באָלשעוויסטישן רעזשים האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין פֿראַנקרייך. און הגם ער האָט פֿון סאָוועט־רוסלאַנד נישט געקענט ראַטעווען זיינע קאַפּיטאַלן האָט ער אָבער אין משך פֿון אַ קורצער צייט באַוויזן, אויף זיין נייעם וווין־פּלאַץ, צו דערגרייכן אַ גרויסן פֿאַר־מעגן. אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ניידיטש ע"ה געמוזט פֿאַרלאָזן פֿראַנקרייך און איז ווי אַ פּליט געקומען קיין אַמעריקע. אָן מיטלען און אין טיפֿן עלטער — איבער 70. אין אַמעריקע האָט ער אויך אין משך פֿון אַ קורצער צייט באַוויזן צו עטאַבלירן פֿאַבריקן און געשעפֿטן, ביי וועלכע ער האָט שטאַרק מצליח געווען.

די געשעפטן ביי יצחקניידיטש ע״ה זענען געווען בלויז אַ מיטל צו קאָנען דויק און אַן דאגות־פרנסה זיך ווידמען דער אַרבעט פאַר דער אידיי פון ציוניזם, אין וועמענס פאַרווירקלעכונג ער האָט זייער שטאַרק געגלויבט.

חיים ווייצמאַן ז״ל האָט אין זיין נעקראָלאָג נאָכן טויט פון ניידיטשן צווישן אַנדערע געשריבן, אַז ניידיטש איז געווען זיינער אַן איבערגעגעבענער ידיד, וועמען ער האָט שטאַרק פאַרערט און אין געוויסע צייטן אים באַטראַכט פאַר זיין לערער. אין דער ציוניסטישער טעטיקייט איז ניידיטש געווען פון די פיאָנערן, וועמענס אַרבעט איז געווען באַזירט אויף טיפער פאַרשטענדעניש צו די עיקר־צילן פון דער באַוועגונג. „גאַנץ באַזונדערס — שרייבט ווייצמאַן — איז יצחק ניידיטש געווען זייער אונטערנעמעריש אין צייטן פון קריזיסן אין ציוניזם. זיין גייסטיקע אויפפאַסונג, מיט וועלכער ער איז געווען געבענטשט, האָט זייער פיל געהאָלפן אין דער אַרבעט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון קרן־היסוד — דער גרויסער פינאַנץ־אינסטרומענט פאַר בנין־הארץ״.

ד״ר נחום גאָלדמאַן שרייבט: „יצחק ניידיטש האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער ערשטער שורה פון מנהיגים פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. צו זיין עצה האָט דער פּרעזידענט חיים ווייצמאַן ז״ל זיך צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם. די געשטאַלט פון יצחק ניידיטש וועט בלייבן אין האַרצן פון די, וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן אים ליב געהאַט און מיט אים צוזאַמענגעאַרבעט. זיי וועלן אים טראָגן תמיד אין זייער זכרון. ניידיטש איז געווען איינער פון די לעצטע, וועלכע האָבן מיט זיך רעפּרעזענטירט דעם וווּנדערבאַרן טיפּ פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, — אַ טיפּ, וועמען מען קאָן באַצייכענען מיטן נאָמען ,דער יידישער אַריס־טאָקראַט אין גלות׳; אַ טיפּ פון אַ ייד, וועלכער האָט מצליח געווען אין זיין אַרבעט און זיך און זיין צייט געשטעלט אין רשות פון זיין פאָלק״.

ביז גאָר אינטערעסאַנט אין דעם אָנדענק־בוך זענען די לידער און מאמרים פון יצחק ניידיטש גופא: אין די לידער ברענגט ער צום אויסדרוק דעם טרוימער וועגן גאולה און דעם שטאַרקן מאמין אין נצח־ישראל. פון די לידער אָטעמט אַרויס זיין הייסער באַגער צו זען פאָלק ישראל, דאָס גערודפטע און געפּלאָגטע פאָלק, וואָס שנעלער אין זיין היימלאַנד, אין אַן אויפגעריכטער היים — אין ארץ־ישראל.

עס איז נישטאָ קיין צייט צו וואַרטן, — זינגט ניידיטש אין זיין ליד „הפחד״:

„ניטאָ קיין עצה, אַנטלויף, מיין טייערער,
אַנטלויף פון דער בלוטיקער ערד.
פחד: פון עבר לימים
און אפשר פאַר אַלע אייביקייטן״.

אין זיינע אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע טעמעס און וועגן ציוניסטישע און

סתם ייִדישע פּערזענלעכקייטן ברענגט ניידיטש אַרויס זיין באַציִונג צו מענטשן און זיינע קרישטאָל־לויטערע מיינונגען וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען פון אַלגעמיין־ייִדישן און ציוניסטישן לעבן.

זיין באַציִונג און גרויסער דרך־ארץ צו זיין ידיד פּראָפ׳ חיים וויצמאַן ז״ל ברענגט ניידיטש צום אויסדרוק אין זיין מאמר: „פופציק יאָר מיט ד״ר חיים וויצמאַן״. מיט גרויס פאַרערונג און רעספּעקט, בדחילו ורחימו הילט זיך ניידיטש איין אין זיינע פאַרערונגס־מחשבות וועגן וויצמאַנען און דערציילט פון די ערשטע שריט, וואָס וויצמאַן האָט געמאַכט אין פּינסק אין ציוניסטישן לעבן. נאָכהער גיט ער איבער פאַקטן פון וויצמאַנס סטודענטן־יאָרן אין דער שווייץ, וויצמאַנס אַרבעט און באַמיִונגען אַרויסצובאַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע. און אַזוי שפּאַצירט ער אַרום מיט וויצמאַנען פון זיינע בראשית־יאָרן אין ציוניסטישער כלל־אַרבעט ביז צו דער עטאַבלירונג פון ישראל, ווען וויצמאַן פאַרנעמט די כהונה פון מלוכה־פּרעזידענט. ניידיטש דערציילט וועגן איינעם אַן אָוונט מיט וויצמאַנען אין ניו־יאָרק אין די טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. טעג פון שווערע איבערלעבענישן פאַר ישראל. דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן פון לאַנד. ביידע זענען געזעסן און געשמועסט וועגן די ערנסטע סכנות, און פּלוצים — גיט איבער ניידיטש — האָט וויצמאַן אַ זאָג געטאָן: „זעסט, ניידיטש! אויף מאָרגן האָב איך גערופן צו זיך גרויסע אינדוסטריאַלן אויף אַ באַראַטונג וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין ארץ־ישראל גלייך נאָך דער מלחמה און אויך איצט אין די טעג פון קריג. מיר טאָרן נישט מפסיק זיין אויף קיין איין מינוט די אויפבוי־אַרבעט פון לאַנד. מען טאָר זיך נישט מיאש זיין, נאָר דורך שאַפן און דורך אַרבעט, וואָס וועט נישט איבערגעריסן ווערן אויף קיין איין מאָמענט, וועלן מיר איבערווינדן און איבערוועלטיקן די שווערע צייט און דעם יאוש. די אויפבוי־טעטיקייט איז דער תמצית פון ציוניסטישן אידעאַל. ארץ־ישראל דאַרף געבויט ווערן יעדע שעה, יעדע מינוט און יעדע רגע, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף קיין סכנות״.

אין די געציילטע שורות האָט ניידיטש ז״ל אַמבעסטן איבערגעגעבן די שטריכן פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט — וויצמאַן, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין זיך דעם סינטעז פון טרוים און טאַט.

די באַציִונג זיינע צו נ. סאָקאָלאָוו ז״ל גיט איבער ניידיטש אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון נחום סאָקאָלאָוו״. ניידיטש דער־ציילט וועגן זעכציק יאָר פון סאָקאָלאָווס שריפטשטעלערישער אַרבעט און באַצייכנט אים מיטן נאָמען: „עילוי און גאון״. „סאָקאָלאָווס כוח — שרייבט ניידיטש — איז געווען די קראַפט פון דער וויסנשאַפט, די קראַפט פון פּקחות, דער כוח פון זיינע גרויסע פעיִקייטן און סבלנות״.

אין יאָר 1914 אין „ראַזסוויעט" האָט ניידיטש געשריבן נאָכן טויט פון דוד וואָלפסאָן ע"ה, דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע נאָכן פּריצייטיקן טויט פון ד"ר הערצל ז"ל: „קיינמאָל מער וועלן מיר נישט זען שוין די דאָזיקע געשטאַלט. דאָס קלוגע ייִדישע פּנים, דעם הויכן שטערן, די שיינע אויגן פול מיט לעבן, זיין געלעכטער, וואָס האָט צעשפּרייט גייסט און חכמה". ער באַצייכנט וואָלפסאָנען מיטן נאָמען „דער מענטש פון טאַט און ראָמאַנטיקער" — אַ שטריך וואָס ניידיטש אַליין האָט פאַרמאָגט און וואָס האָט זיין אייגענע פּערזענלעכקייט געפורעמט דורך אַ סינטעז פון טרוים און טאַט.

וועגן אַדוואָקאַט גרוזנבערג — דעם ייִדישן פּאַרטיידיקער פון בייליסן אין דעם דעמאָלסטיקן אַנטי־ייִדישן פּראָצעס — האָט ניידיטש געשריבן: „אין 1924, בעת מיין באַזוך אין תל־אביב, בין איך פאַרבייגעגאַנגען די גאַס אויפן נאָמען פון גרוזנבערג. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט אַ יוגנטלעכן, ער זאָל מיר זאָגן, ווער איז עס געווען דער באַקאַנטער ייִד, אויף וועמענס נאָמען מען האָט אָנגערופן די גאַס? און די תשובה איז באַלד געווען: 'ער איז געווען דער גרויסער פּאַרטיידיקער פון ייִדנטום'. ניידיטש האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט וועגן גרוזנבערגן מיט אַ פּסוק, וואָס לייענט זיך: „ווי אַזעלכער וועט ער אַריינגיין אין דער געשיכטע פון ישראל־סבא".

פּנחס רוטנבערגן האָט ניידיטש באַצייכנט מיטן נאָמען „דער קעמפער און ראָמאַנטיקער". רוטנבערג — האָט ניידיטש געשריבן — האָט נישט געלעבט, נאָר געברענט. ער האָט געהאַט אַ שלל פון ענערגיע און אַן אייזערנעם ווילן, וואָס ער האָט געשטעלט אין רשות פון זיין פאָלק. ניידיטש האָט ציטירט די ווערטער, וואָס רוטנבערג האָט פאַר זיין טויט געזאָגט צו נאַוואָמייסקין: „עס איז מיאוס צו שטאַרבן איצטער אין בעט. כ'וואָלט וועלן אַנטאָן די קליידער פון אַ פּשוטן זעלנער און גיין אויפן קאַמפּס־פעלד און דאָרט שטאַרבן". „אָבער — האָט ניידיטש פאַרענדיקט זיין מאמר וועגן רוטנבערגן — מיט זיין שטאַרבן אין בעט האָט רוטנבערג פאַרענדיקט זיין לעבן ווי אַ זעלנער און ווי אַ ייִדישער קעמפער, וואָס האָט זיין לעבן געווידמעט דעם קאַמף פאַר פרייהייט פאַר זיין פאָלק און זיין היימלאַנד און אַזוי וועט זיין אָנדענקען פאַרבלייבן לדור־דורות".

אין דעם ספר־הזכרון נאָך יצחק אָשר ניידיטש זענען פאַרעפנטלעכט נאָך אַ צאָל מאמרים, וואָס דער נפטר האָט געשריבן וועגן: מ. מ. אוסישקין, הרב מזאה, — דעם ראַבינער פון מאָסקווע, — וועגן ד"ר טשלענאָוו, וועגן דוד פרישמאַן, וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיטן נדיב הידוע באַראָן עדמאָנד ראָטשילד אין פּאַריז באַלד נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין יאָר 1919. אין ספר הזכרון זענען אויך פאַרעפנטלעכט אַ צאָל אַרטיקלען, וואָס ניידיטש האָט געשריבן וועגן

אַקטועלע ציוניסטישע פּראָבלעמען אין פאַרשידענע צייטן, אויך איינדרוקן פון זיינע רייזעס קיין ארץ־ישראל, וועגן קרן־היסוד א״אַ.

דאָס געדענק־בוך נאָך י. א. ניידיטש ז״ל איז אַזוי אַרום אַ רייכער אוצר מיט מאַטעריאַלן וועגן ציוניזם, יידיש לעבן, ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן און וועגן ארץ־ישראל. דער ספר דאַרף זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז. עס איז אויך כדאי, אַז דאָס בוך זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף יידיש און אויף אַנדערע שפּראַכן, בכדי אונדזער עלטערער און אונדזער יינגערער דור אין חוץ־לארץ זאָל זיך קענען באַקענען מיט דער קאָלירפולער געשטאַלט פון ניידיטשן ע״ה און מיט די גדולי־העם, מיט די גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זייער לעבן געשטעלט אין רשות פון קאַמף פאַר יידישער פרייהייט.

אין דעם ספר־הזכרון נאָך יצחק אשר ניידיטש ע״ה גייט פאַרביי די פּאַלעסטרע פון דריי יידישע דורות טרוימער און פאַרווירקלעכער, ראָמאַנטיקער און קעמפער, די אַלע, וועלכע האָבן צוזאַמען מיטן חלוצישן דור דערפירט צו דער עטאַבלירונג פון יידישן שטאַט — צו מדינת ישראל.

לאָמיר זיי אַלעמען געטריי און מיט ליבשאַפט טראָגן אין אונדזער זכרון!

.1956

ציוניסטישע פערזענלעכקייטן

(ל. ליפסקיס „אַ גאַלעריע פון ציוניסטישע פּראָפילן")

מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע באַוועגונג אין ייִדישן לעבן האָט ציוניזם געענדערט דעם גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע. פופציק יאָר נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט די „יו־ען", די אינטערנאַציאָנאַלע פעלקער־אָרגאַניזאַציע, מיט צוויי דריטל שטימען באַשלאָסן צו עטאַבלירן אין ארץ־ישראל אַ ייִדישן זעלבסטשטענדיקן און פרייען שטאַט. עס זענען מקוים געוואָרן די ווערטער פון אומפאַרגעסלעכן ד"ר הערצל ז"ל, וועלכער האָט געזאָגט נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס: „אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די ייִדישע מדינה. אויב איך וועל עס היינט זאָגן בקול רם, וועט מען עס אויסלאַכן. אפשר אין פינף יאָר אַרום, על כל פנים אין פופציק יאָר אַרום, וועט עס יעדער מענטש באַשטעטיקן". היינט־צו־טאָג אין דער תקופה פון מדינת ישראל איז נישטאָ קיין מענטש אויפן ערד־קוגל, וואָס זאָל נישט אָנערקענען, אַז ד"ר הערצלס ווערטער זענען געווען ריכטיק און האָבן באַקומען די באַשטעטיקונג אין פאַקט פון קיום פון דער ייִדישער מדינה.

שווער איז געווען דער וועג צו פאַרווירקלעכן הערצלס וויזיע. עס איז בייטיק געווען טיפער גלויבן, איבערגעגעבענע אַרבעט, חלוצישער גייסט און גרויסע פירער, בכדי דעם ציל צו ייִדישער מלוכהשאַפט צו דערגרייכן. ציוניזם איז געבענטשט געווען אַלע יאָרן מיט גרויסע מנהיגים, מיט מענטשן פון גייסט, פון הויכן פאַרנעם, מיט מענטשן פון וויזיע און פראַקטישער טאַט, — די אַלע, וואָס האָבן אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער עטאַבלירונג פון אונדזער היינטיקער מדינת ישראל. נישט אַלע האָבן זוכה געווען צו דערלעבן דעם מאָמענט, ווען זייער חלום איז געוואָרן ווירקלעכקייט. געציילטע בלויז, נאָר יחידי סגולה, האָבן געהאַט דאָס גרויסע גליק פאַר זייער לעבן צו זען די ייִדישע מלוכה ווי אַ פאַקט. דער רוב אָבער פון דער פלעיאַדע ציוניסטישע מנהיגים איז, ליידער, אָדער געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָדער איז אומגעקומען דורך די היטלער־הענקער. זייער

נאָמען, זייער אַרבעט און קאַמף, זייערע גרויסע לייסטונגען פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל איז אָבער אַריין אין דער ציוניסטישער געשיכטע. זייערע נעמען לייכטן און וועלן באַלייכטן יידיש לעבן עד סוף כל הדורות!

דער וועטעראַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, איינער פון די ראשונים, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אויפן אַמעריקאַנער באָדן דעם ציוניסטישן געדאַנק, — ל. ליפּסקי — האָט איצט פאַרעפנטלעכט אַ בוך אין ענגליש, אין וועלכן ער מאָלט פאַר אונדז זייטנבילדער פון 28 ציוניסטישע מנהיגים, פון וועלכע 27 זענען, לײדער, נישטאָ מער מיט אונדז.

ליפּסקי טיילט פונאַנדער זיין בוך אין דריי אָפּטיילונגען. ער הייבט אָן מיט די ערשטע דריי, היינו: ד"ר הערצל, מאַקס נאָרדוי און דוד וואָלפסאָן. אין צווייטן טייל שילדערט ער די יורשים פון די דריי אין אייראָפּע, היינו: חיים ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, מנחם אוסישקין, שמריהו לעווין, לעאָ מאָצקין, וויקטאָר יאַקאָבסאָן, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, חיים נחמן ביאַליק, אחד־העם, ראָבערט שטריקער, אליעזר קאַפּלאַן, פּנחס רוטענבערג, אליעזר בן־יהודה און נפתלי הערץ אימבער. אין דריטן טייל שילדערט ער די יורשים פון די ערשטע דריי אין אַמעריקע, היינו: הענריעטאַ סאָלד, ראַביי ס. וויז, ל. בראַנדייס, יעקב דע־האַז, יהודה ל. מאַגנעס, שלמה שעכטער, הירש מאַסלאַנסקי, אַברהם גאָלדבערג, יוסף זיף און ציררוס אַדלער. דער מחבר שליסט דעם בוך מיט אַן אַרבעט וועגן פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל דוד בן־גוריון.

מיט דעם רוב פון די אויבנדערמאָנטע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן איז ל. ליפּסקין אויסגעקומען צו אַרבעטן, צוזאַמען צו טראָגן די פאָן פון ציוניסטישן געדאַנק צווישן יידן און נישט־יידן. אין זיין אַריינפיר־וואָרט צום בוך שרייבט ליפּסקי צווישן אַנדערע: „איך האָב זיך באַמיט אין די פּראָפילן צו געבן אַ זין צו זייער לעבן ווי ציוניסטן, וויניקער פון געשיכטלעכן בליק און מער פון דער פּערזענלעכקייט גופא"!

דער באַגאַבטער שריפטשטעלער און עסייאיסט מאָריס סאַמועל האָט אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט צום בוך, וואָס איז געווידמעט דער פּערזענלעכקייט פון מחבר. סאַמועל שרייבט, אַז אַ גאַלעריע פון זייטנבילדער פון ציוניסטן אָן דעם פּראָפיל פון ל. ליפּסקי איז אַן אַבסורד, אַפילו ווען דער מחבר פון די זייטנבילדער איז ל. ליפּסקי גופא.

לייענענדיק די געשטאַלטן אין ליפּסקיס בוך שפּאַנט מען דורך די געשיכטע פון ציוניזם פאַר די לעצטע זעכציק יאָר; די געשיכטע פון אַלע גרעראַנגלען, פון אַלע עליות און ירידות, פון דעם גרויסן ויכוח וואָס אחד־העם האָט אָנגעהויבן וועגן דער טעאָריע פון שאַפן אַ גייסטיקן צענטער אין ישראל — אַ מרכז רוחני. מען באַקאַנט זיך מיט ד"ר חיים ווייצמאַנס אָנגעשטרענגטער מי, וואָס האָט

געפירט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע וכדומה. פון די אַלע פּערזענלעכ־קייטן, וועמען ל. ליפּסקי האָט געווידמעט זיין פעדער, שיינט אַרויס די ציוניסטישע געשיכטע, דער גרויסער קאַמף, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג — דער אַוואַנגאַרד פון יידישן פאָלק — האָט געפירט פאַר יידישער באַפרייאונג און זעלבסט־שטענדיקייט.

כאָטש וועגן די אַלע פּערזענלעכקייטן, וועגן וועלכע ליפּסקי שרייבט אין זיין בוך, איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור, דערצו אויך אין פאַר־שידענע שפּראַכן, — האָט ליפּסקי דאָך באַוויזן וועגן יעדן באַזונדער עפּעס צו־צוגעבן אָריגינעלעס; זאַכן, וואָס קיינער פריִער האָט נאָך נישט געזאָגט און נישט געשריבן, אָדער נישט אַזוי געזאָגט און נישט אַזוי געשריבן.

מען האָט באַדאַרפט, למשל, זייער גוט קענען פון דער נאָענט נחום סאָקאָלאָוון ע"ה, האָבן אָבסערווירט זיין אַרבעט פאַר אַלע יאָרן סיי אויפן פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכן געביט, ווי איינער פון די הויפּט־מנהיגים פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, און סיי זיין אַרבעט ווי אַ שריפטשטעלער און זשורנאַליסט, בכדי אויף אים זיך אַ זאָג צו טאָן אין איין זאַץ, וואָס מאַכט נאָכצוקלערן און נאָכצוטראַכטן זייער פיל. דער זאַץ זאָגט היינו, אַז סאָקאָלאָוו איז געבוירן געוואָרן אַן עילוי, אָבער איז נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ גאון.

פון אויבן אויף דוכט זיך, אַז נחום סאָקאָלאָוו, וועמען מיר אַלע האָבן געקענט ווי דעם מופת־הדור; דער מענטש, וועלכער האָט זיינע אַלע כוחות, סיי פיזישע און סיי גייסטיקע, געווידמעט לטובת אונדזער פאָלק; ווען מען דערמאָנט זיך וועגן זיינע פּאָליטישע שמועסן מיט גרויסע מלוכה־מענער, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן, מיט גייסטלעכע און אינטעלעקטואַלן, מיט די גרעסטע מענטשן פון דער וועלט; ווען מען דערמאָנט זיך וועגן זיין פּילזייטיקער שריפטשטעלערישער טעטיקייט, וועגן זיין זשורנאַליסטישער באַגאַבונג (ער איז געווען בכוח אַליין אויסצופילן אַן ערב־שבתדיקן נומער פון אַ צייטונג), — איז מען זיכער, אַז סאָקאָלאָוו האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון גאונים. אָבער ליפּסקי לאָזט נישט אַזוי שנעל שטייגן סאָקאָלאָוון אויפן לייטער פון גאונות; ער פאַרהאַלט זיך אויף דעם שטאַפּל פון עילוי און לאָזט ווייטער נישט גיין. (ז' 72).

מנחם מענדל אוסישקין ווערט ביי ליפּסקין באַצייכנט ווי דער מענטש מיטן אייזערנעם ווילן. לויט זיין געדאַנקען־גאַנג האָבן די ענגלענדער אין גאַנצן נישט געדאַרפט זיך געפינען אין פּאַלעסטינע; גאָט האָט געגעבן אַ צוזאָג צו יידן זיי צו געבן ארץ־ישראל און עס איז נישט נייטיק צו האָבן די זשירע פון די ענגלענדער צו גאָטס צוזאָג. (ז' 74).

דוכט זיך איין זאַץ בלויז, אָבער וויפל דערציילט אונדז דער איינער זאַץ וועגן דער פּערזענלעכקייט פון אוסישקינען. ווי טרעפלעך איז די דאַזיקע באַמער־

קונג, וואָס גיט אונדז אַ פולע כאַראַקטעריסטיק פון אוסישקינען דעם ציוניסט, די איינהייטלעכע פערזענלעכקייט פון שטאַרקן ווילן און אומבויגזאַמקייט נישט פאַר קיין פערזאָנען און נישט פאַר קיין סיטואַציעס. ליפּסקי שרייבט, אַז ווען אוסישקין וואָלט געווען געלעבט אין דער צייט פון דער חלוקה, וואָלט ער זיך זיכער געווען אַנטקעגנגעשטעלט דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל. ער וואָלט געשטאַנען מיט גאָט אַנטקעגן דער פאַרשווערונג. (ז׳ 78).

וועגן שמריהו לעווין דערציילט אונדז דער מחבר, אַז אין ארץ־ישראל, ווו לעווין האָט געלעבט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער זיך נישט געפילט אין זיין אייגנטלעכער ראָל, וואָרעם זיין היסטאָרישע אויפגאַבע איז געווען אויפ־צווועקן דעם גלות פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. און אין ציון גופא האָט ער זיך געפילט ווי אַן אינוואַליד. (ז׳ 85).

וויפל מוסר־השכל איז פאַראַן אין דעם פסוק פאַר אַ סך, גאָר אַ סך אַנדערע ציוניסטן, וועמען עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן דעם אייגענעם חלום, זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. אפשר ליגט אין דעם איינעם פסוק פון ליפּסקין, וואָס ער האָט אים אָנגעווענדט אויף שמריהו לעווין, דער פאַרענטפער פאַר אַ סך ציוניסטן, וועלכע פאַרן זיך נישט באַזעצן אין ישראל, — טאַקע צוליב דעם זעלבן טעם, ווייל זייער ראָל ווי ציוניסטן איז צו אויפוועקן יידן אין אונדזער גלות-צעשפּרייטקייט פאַר ישראל. און עס איז שווער פאַר מענטשן, וועלכע האָבן אין משך פון יאָר־צענדליקער זיך געזען אין אַ באַשטימטער ראָל, זיך איבערצו־בויען און איינבערעכן פאַר אַן אַנדער ראָל.

און אַזוי וועגן אַלע געשטאַלטן, וועמען ליפּסקי שילדערט אין זיין בוך. עס געלינגט אים אין איין זאַץ, מיט אַ בליציקן געדאַנק, פאַרצושטעלן אַ ציוניסטישן פירער און צו געבן אַ פולע כאַראַקטעריסטיק פון זיין פערזענלעכקייט. ליפּסקי איז געבענטשט מיט זיין פעדער, וואָס גיט איבער אַזוי פּרעכטיק זיינע בליציקע געדאַנקען סיי בנוגע דער פילאָזאָפיע פון ציוניזם און זיין ראָל אין יידישן לעבן און סיי וועגן מענטשן און אידייען בכלל.

ליפּסקיס בוך איז נישט נאָר אַ ווערטפולער ביישטייער צו דער געשיכטע פון ציוניזם און זיינע מנהיגים. עס איז אַ ווערק וואָס באַרייכערט די געשיכטע פון גאַנצן כלל ישראל. ווייל איז צו אַזאַ פאָלק, וואָס האָט זוכה געווען אַרויסצוגעבן פון זיך אַזעלכע זין, וועמען ליפּסקי האָט פאַראייביקט אין זיין בוך.

דעצעמבער, 1956.

אין אַ קראַנקן קערפּער אַ געזונטער גייסט

(געווידמעט די שלושים פון ד״ר י. העלמאַן ז״ל)

אַלע טעאָריעס, אַז אַ געזונטער גייסט איז אָפּהענגיק פון אַ געזונטן קערפּער, זענען אָפּגעלייקנט געוואָרן פון ד״ר העלמאַן. ער האָט אין משך פון זיין גאַנצן לעבן באַוויזן גראָד דעם היפּוך, צו נישט־מאַכנדיק אַלע טעאָריעס, מבטל־מאַכנדיק אַלע מעדיצינישע כללים. ער האָט געוואָלט ווייזן דעם מוסטער ווי אַזוי זיך נישט צוצופּאַסן צו די פאַראָרדענונגען פון דאָקטוירים, נישט האַלטן פון מעדיצינען, טאָן גראָד דאָס פאַרקערטע, וואָס די מעדיקער האָבן אים פאַרגעשריבן.

קאַרגע 30 יאָר האָט ד״ר העלמאַן געפירט אַ שווערן קאַמף מיטן מלאך־המות. פלעגט ער קראַנק ווערן אין ריגאַ, דערפילט די שפּורן פון טויטן־פאַנגער, דעם מלאך פון טויט, האָט ער אים איבערגעלאָזן און אַליין אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. איז דאָס זעלבע געשען אין בריסל, פלעגט ער אַוועקפאָרן קיין פּאַריז. און אַזוי האָט אים דער טויט פאַרפאָלגט און אַרומגעזוכט לאַנגע־לאַנגע יאָרן. אַלע קראַנקהייטן זענען אויף אים אָנגעשיקט געוואָרן: די לונגען זיינע זענען געווען זייער קאַפּריזנע און אים געגעבן וויניק לופט צום אָטעמען. די אָדערן פון זיין האַרץ פלעגן אָפט פאַרשטרייקן און פאַרלאַנגזאַמערן די בלוט־צירקולאַציע. אַרטרעטיזם, רעאומאַטיזם, שלעכטער שטאָף־וועקסל און וואָסער חולאת דען נישט? נאָר אַ מעדיקער האָט זיך געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין זיינע קראַנקהייטן. און פון וויפל מיחושן האָט ער נישט דערציילט, ממש אויסבאַהאַלטן פון די דאָקטוירים, פשוט זיך געריצט מיט זיי. ווי פלעגט ער זיך אויסדריקן: „אַז איך וועל דערציילן, קאָנט איר דען העלפן?״.

מערקווירדיק אָבער, ווי געזונט, ווי שטאַרק עס איז געווען דער גייסט פון ד״ר העלמאַן, ממש אַ ריז. זיין דענקונגס־אַפּאַראַט האָט געאַרבעט אומאויפהערלעך, געווען אַ ספּעציאַליסט צו שאַפן די נויטיקע פאָרמולן פאַר מחשבות, אָנטאָן אַ לבוש געדאַנקען, באַגרינדן אידעען; אַ ווונדערבאַרער בעל־מסביר, גאַנץ

באַזונדערס פאַר פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, פאַר אויסטייטשן און פאַרטייטשן ציוניזם צווישן די ברייטסטע מאַסן און פאַרשידנאַרטיקע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג בכל תפוצות הגולה.

מערקווירדיק, ווי נישט געקוקט אויף זיינע פיזישע יסורים, איז דער מוח ביי אים געווען לויטער. געבויגענערהייט אין דרייען פון האַרץ־ווייטיקן, פלעגט דער מוח ביי אים נישט רוען, נאָר אַרבעטן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו לייענען ליב געהאַט צו שעפּן פון אונדזערע אַלטע מקורות, תמיד געטראָגן מיט זיך דעם תנ"ך אין טאַש: אין אַוויאָן, אין טאַקסי, אין באַן און אויף דער שיף. אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט האָט מען אים געקאָנט טרעפן נישטערנדיק און זוכנדיק צווישן ספרים, מיט איין פינגער אין תהילים, מיט איין פינגער אין כוזרי, אַ פינגער אין מורה נבוכים, אַ פינגער אין ספר המעפּילים און אַ פינגער ביי קאַנט, אָדער שפּי־נאָזאַ. וועלטלעכער וויסן איז געגאַנגען ביי אים צוזאַמען מיט יידישן וויסן. ער איז געווען אַ חוקר און דורש, אָפּהיטנדיק דערביי תמיד דעם פּרינציפּ, די אייגענע פליכט, דעם אייגענעם באַוווסטזיין, צו זיין דער נאה מקיים פון דעם אַלעם, ווי ער איז געווען אַ נאה דורש.

ואיש מלחמה היה העלמאַן! אַ מענטש פון קאַמף, אָבער קיינמאָל נישט אַ מענטש פון מחלוקות, אַ מענטש פון קריגערייַ. ער האָט געקעמפט פאַר אידעען, מלחמה געהאַלטן מיט קעגנער, געקעמפט תמיד פאַר עפּעס, אָבער חס ושלום קיינמאָל אין זיין לעבן צוליב עפּעס.

איין מאָטאָ, איין לייט־מאָטיוו האָט העלמאַנען באַגלייט אין משך פון זיין גאַנצן לעבן, ביז ער איז צו אייביקער רו געקומען, — אהבת ישראל. ליבשאַפט פאַר־קניפּט און פאַרבונדן, איינגעהילט אין רעספּעקט און דרך־ארץ צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות געהאַט צו יידיש לעבן. דאָס הייליקסטע איז ביי אים געווען דאָס פאָלק. ער האָט תמיד געזען די אינטערעסן פון עם ישראל, אומעטום ווו יידן געפינען זיך: איין פאָלק, אַן איינהייטלעך פאָלק. די העכסטע שטופע פון דערהויבנקייט, פון נאַציאָנאַל־גייסטיקער עליה, די העכסטע מדרגה פון קרבנות־גרייטקייט איז געווען ביי אים קידוש העם, דער וואָס האָט זיך געקאָנט מקריב זיין פאַר די אינטערעסן פון פאָלק.

ד"ר העלמאַן ז"ל איז נישט געווען קיין בעל־פחדן, האָט פּערזענלעך נישט מורא געהאַט; קיינמאָל זיך נישט געשראָקן, האָט אַפילו דעם מלאך־המות אַליין נעגירט. אָבער מערקווירדיק, וויפל מורא און פחד, ציטער און זאָרג ער האָט געטראָגן אין זיך פאַרן קיום, פאַר דער עקזיסטענץ, פאַר דער קעגנוואַרט און צוקונפט פון יידישן פאָלק. געווען אַ מומחה, אַ ספּעציאַליסט אויף אַן אינטויציע אויפן צו דערשפירן, צו דערשמעקן, צו דערפילן לויערנדיקע געפאַרן אויפן לעבן פון יידישן פאָלק. פאַר זיך אַליין איז ד"ר העלמאַן געווען רויק, געלאַסן, נישט

געאיילט. ממש אַן דאגות. ווי פלעגט ער זאָגן: „איך אַליין קימער מיך אַמוויי־ניקסטן". איז דאָ ווידעראַמאָל מערקווירדיק, וויפל אומרו, וויפל אויפברויז, וויפל שטורם, וויפל ענערגיע, וויפל עקשנות, וויפל זאָרגפעליקייט ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר די פּראָבלעמען, פאַר די געשעעענישן אין יידישן לעבן. ווער דען האָט געקאָנט זיין זיינס גלייכן? ווער האָט אים דען געקאָנט נאָכיאָגן און דעריאָגן אין זיין איי־לעניש צו שיצן, צו פאַרטיידיקן יידיש לעבן, אָפּהיטנדיק דערביי די הייליקסטע פּרינציפּן פון כבוד פון ישראל? נישט ווי אַ שתדלן, נישט הכנעהדיק, נישט בייגנ־דיק דעם קאָפּ, נאָר מיט שטאָלץ, מיט ערע, מיט פליכט־באַוווסטזיין, מיט אַחריות, קעמפן און פאַרטיידיקן פּאָזיציעס פון יידישן לעבן אין פאַרמלחמהדיקע יאָרן אין אייראָפּע און זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

די לעצטע 17־18 יאָר פון זיין לעבן האָט העלמאַן זיך געווידמעט דער אַרבעט פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג אין יידישן לעבן. איז אַליין געווען דער אידעען־טרעגער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָט געזען תמיד אין דער רעפּרע־זענטאַנץ פון אָרגאַניזירטן יידישן לעבן דעם איינציקן אָפּוועהר־כוח פאַר שיצן פאָלקס־אינטערעסן. זיין באַזע אָבער איז אַלע זיינע יאָרן געווען ציוניזם. די נאַ־ציאָנאַלע ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק אויף זיין אייגענער ערד. זיין באַזע איז געווען דער דרייעק פון איין פאָלק, איין לאַנד, איין שפּראַך. אָבער קיינמאָל נישט נעגירט דעם גלות, ווייל אַלע טיילן פון יידישער צעשפּרייטקייט בילדן דעם גרויסן קערן פון עם ישראל.

מיט ציוניזם האָט העלמאַן געלעבט, מיט ציוניזם אין האַרצן איז ער געגאַנגען און געאַרבעט אויף פאַרשידענע שטחים פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. גלות איז ביי אים געווען חיי שעה. חיי עולם אָבער האָט ער געזען אין דער פאַרווירק־לעכונג פון ציוניזם, אין מדינת ישראל.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז העלמאַן ז"ל זאָל אויסהויכן זיין נשמה אין גלות. זיין גאַנץ לעבן אָבער איז געווען געווידמעט דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

איבער 50 יאָר פון זיין לעבן האָט העלמאַן דורכגעלעבט אַ ויתרוצצו: וואָס איז וויכטיקער, וואָס איז נויטווענדיקער פאַר יידיש פאָלק, צי ער זאָל זיך ווידמען זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט, איבערגעבן זיך אינגאַנצן צו זיין עסייאיסטי־שער פעדער, אָדער אָנגיין מיט זיין געזעלשאַפטלעכער עסקנות? ער האָט קיינמאָל קיין דעציזיע אויף דעם שטח פון זיינע אינערלעכע ראַנגלענישן נישט געקענט פּאַסן. היות ד"ר העלמאַן האָט קיינמאָל נישט דערלאָזן צו אַן אייגענעם חשבון־הנפש, איז תמיד געווען פאַרנומען מיט חשבון העם, איז ער בכן צו אַן אייגענער דעציזיע נישט געקומען.

דער שרייבער פון די שורות איז אין משך פון די לעצטע 20 יאָר געווען זייער שטאַרק פאַרבונדן מיט ד״ר העלמאַן ז״ל. די לעצטע טעג פון זיין לעבן געווען מיט אים צוזאַמען כמעט 24 שעה אין מעת־לעת. מיטגעמאַכט זיינע שלאָפלאָזע נעכט, דיסקוטירט פאַרשידענע פראָבלעמען פון יידישן לעבן. פראָבלעמען פון זיין אייגן לעבן זענען אָבער וויניק וואָס באַרירט געוואָרן. צו דעם האָט העלמאַן נישט דערלאָזן. נאָר ביי אַ געלעגנהייט האָט ער געזאָגט, אַז ער באַדויערט נישט, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן אַזוי פיל פאַרנאַכלעסיקט די פעדער. ער האָט באַטראַכט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַר זייער וויכטיק, פאַר זייער נויטווענדיק.

לויט זיין כאַראַקטער איז ד״ר העלמאַן געווען אַ נוח לכעוס און אַ נוח לרצות. זייער לייכט זיך אָנגעצונדן, אין כעס געוואָרן, זיך אָנגעברוגזט, אָבער נאָך לייכ־טער זיך איבערגעבעטן. האָט נישט געקאָנט רוען אויב עמיצער האָט זיך געפילט פון אים געטראָפן צוליב אַ שטאַרקערן וואָרט, אַ העכערן טאָן, ביז וואַנען ער האָט נישט מפייס געווען. און מערקווירדיק, ווי דער דאָזיקער מענטש פון קאַמף איז געווען אַזוי נאַיוו, אַזוי קינדיש, מיט אַזוי פיל צניעות, ווען ער האָט געדאַרפט עמיצן מפייס זיין. ער האָט געהאַט זיין טעאָריע וועגן שולד און אומשולד. באַנוצט, אָבער, האָט ער זיך מיט מידות פון אַ סניגור.

צו אָפן איז נאָך די וווּנד. טרויער, אומעט און איינזאַמקייט נאָך דער אבידה דערלאָזן נישט צו קענען אין טיפער קאָנצענטראַציע שרייבן און אַרומנעמען די פערזאָן און פערזענלעכקייט פון ד״ר העלמאַן ז״ל. פאַר דעם צוועק איז נייטיק אַ גרעסערע אַרבעט.

די געשריבענע שורות זענען נישט קיין פאַרמעסט אַרומצונעמען די פולע געשטאַלט פון העלמאַן דעם גייסטיקן ריז, דעם מורה דרך, דעם תלמיד חכם, דעם בקי און חריף, דעם בויער און קעמפער, דעם גרויסן ייִדן, וואָס האָט זיין לעבן נאָר יידן געווידמעט. זיין באַציִונג צו סאָציאַלע פראָבלעמען אין יידישן לעבן, זיינע טעאָריעס וועגן יידן און יידישקייט, זיינע מחשבות וועגן שבת, זיינע באַטראַכ־טונגען איבער ציוניזם, זיינע באַציִונגען בין אָדם לחברו, זיין ראָל אין יידישן לעבן — וועגן דעם אַלעמען וועלן זיכער זיך אַרויסזאָגן די, וועלכע האָבן העלמאַנען געקענט פון דער נאָענט.

די געשריבענע שורות האָבן בלויז מכוון געווען צו פאַרצייכענען עטלעכע גרונט־שטריכן פון העלמאַנס לעבן, פון זיין כאַראַקטער, פון זיין אַרבעט און קאַמף.

אַ געזונטער גייסט, אַ ברילִיאַנטענער מוח האָט געלעבט אין אַ קראַנקן גוף. דער אכזריותדיקער טויט האָט זיי פונאַנדערגעשיידט.

חבל!

1950.

„אויף די וועגן פון ציון"

(אַ וויכטיק לערן־ און לייען־בוך)

דער פּראָצעס פון ייִדישן אומקער אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד, דער קאַמף פאַר ייִדישער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, האָט קיינמאָל, קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט אין ייִדישן לעבן. אַלע דורות פון ייִדישן פאָלק, זינט דעם חורבן פון בית שני, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, מיט טיפן באַגער צוריק צו באַנייען די ייִדישע זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט. אין אַלע תקופות פון אונדזער געשיכטע האָבן ייִדן געלעכצט נאָך שיבת ציון, האָבן ייִדן געהאָפט ווידעראַמאָל צו ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, אויף דער אייגענער ערד, אונטער אייגענע הימלען, אין לאַנד פון די אָבות — אין ארץ־ישראל.

דער הערצליאַנישער ציוניזם, וואָס איז געקומען צום לעבן אויף דער שוועל פון היינטיקן יאָרהונדערט, האָט באַוויזן צונויפצונעמען און צונויפצוזאַמלען די אַלע לעכצענישן און די אַלע בענקשאַפטן פון דורות ייִדן צו ציון; זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון דער גרויסער, רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָט געפירט צו דער עטאַבלירונג פון דער היינטיקער מדינת ישראל.

אין משך פון דורות און יאָרן איז די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל געווען טיף איינגעוואָרצלט אין פאָלק. בכל דור ודור, אין יעדער צייט, האָבן ייִדן געבראַכט צום אויסדרוק אויף פאַרשיידענע אופנים זייער פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. עלטערן האָבן איינגעפלאַנצט די בענקשאַפט נאָך ציון אין די הערצער פון זייערע קינדער און די קינדער צו זייערע קינדס־קינדער און אַזוי איז פאַרבליבן זינט דורות און יאָרן דער אומצעררייסבאַרער פאָדים פון ייִדישן פאָלק אין אונדזער צעשפּרייטקייט מיט אונדזער היסטאָרישן היימלאַנד — מיט ארץ־ישראל.

דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די ייִדישע פאָלקס־שולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט איצט פאַרעפנטלעכט אַ בוך פון

דער באַקאַנטער שריפטשטעלערין קאַדיע מאַלאַדאָווסקי אונטערן נאָמען „אויף די וועגן פון ציון", וואָס גיט איבער אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם די גרויסע עפּאָפּיי פון די לעצטע דורות טרוימער, קעמפער און פאַרווירקלעכער פון ייִדישער פרייהייט און וועגן פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג, האָבן געלייגט די פונדאַמענטן פאַרן ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל און זענען געווען באַטייליקט אין דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל.

אין אַריינפיר־וואָרט צום בוך שרייבט די מחברין, אַז מיט דעם בוך „אויף די וועגן פון ציון" האָפן מיר איבערצוגעבן צו די יונגע לייענער די בענקשאַפט פון ייִדן פון אַלע דורות צו ארץ־ישראל, צו ציון. די קינדער וועלן זיך דערוויסן און אפשר אויך דערפילן, אַז אויף די וועגן פון ציון זענען ייִדן געגאַנגען אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, ווו זיי האָבן געוווינט. זיי וועלן אפשר דערפילן די טייכן ייִדישע טרערן און די טריט פון די ייִדישע וואַנדערער, וואָס האָבן גע־אַקערט די לענדערייען פון דער וועלט און זיך געצויגן צום לאַנד פון די אָבות, צו ציון".

דער צוועק פון בוך איז לויט דער מיינונג פון דער מחברין — „צו פאַר־בינדן דעם וואַקסנדיקן דור מיטן ייִדישן עבר, צו באַקענען דעם יונגן דור מיט זיינע יחוס־בריוו. דער ייִנגערער דור זאָל באַגרייפן די בענקשאַפט פון ר' יהודה הלוי און די גבורה פון יוסף טרומפּעלדאָר, די געטריישאַפט פון שרה מלכין און די עקשנות פון א. ד. גאָרדאָן".

ל. רובינשטיין — דער דירעקטאָר פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די ייִדישע פאָלקס־שולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — שרייבט אין „וואָרט פון די אַרויסגעבער", אַז: „דער הויפּט־צוועק איז געווען אַרויסצו־געבן אַ לייען־בוך, וואָס זאָל געבן דעם ייִדישן קינד אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דער דורות־לאַנגער צוגעבונדנקייט פון ייִדן צו ארץ־ישראל און אַרויסרופן ביים תלמיד טיפע עמאָציע, אַז ער זאָל האָבן אַ באַגער זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער אידיי פון שיבת־ציון".

מיר ווילן גלייך אין אָנהייב דערקלערן, אַז דעם ציל, וואָס עס האָט זיך געשטעלט דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די ייִדישע פאָלקס־שולן, האָט די מחברין קאַדיע מאַלאַדאָווסקי פולשטענדיק דערגרייכט.

אין 40 קאַפּיטלען פון בוך גיט די שריפטשטעלערין קאַדיע מאַלאַדאָווסקי אַ סינטעטישן איבערבליק פון דעם באַפרייאונגס־קאַמף און פון דער טיף־טליענדיקער בענקשאַפט פון די פאַרגאַנגענע דורות צו ציון. אַ בענקשאַפט און אַ באַפרייאונגס־געראַנגל, וואָס דינט ווי אַ מוסטער פאַר אונדזער דור און פאַר די דורות וואָס וועלן קומען.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ קאַפּיטל אונטערן נאָמען „ירושלים". מיר לייענען: „ירושלים איז דאָס האַרץ פון ייִדישן פאָלק. אין ירושלים רוט די שכינה. ירושלים איז הייליק. דער טאָג, ווען עס איז חרוב געוואָרן ירושלים, איז תשעה באָב. קיינמאָל, קיינמאָל האָבן ייִדן נישט פאַרגעסן דעם חורבן ירושלים".

אַ פּסוק פון ישעיה גיט די איינלייטונג צום קאַפּיטל „ירושלים". דער פּסוק לייענט זיך אין ייִדישער איבערזעצונג: „אויף דיינע שוץ־מויערן, ירושלים, האָב איך באַפוילן וועכטער אויף טאָג און אויף נאַכט. עס וועלן נישט שווייגן קיינמאָל די, וואָס דערמאָנען גאָט. רוט ניט און איר זאָלט ניט רוען ביז ער וועט אויפריכטן און דערהויבן ירושלים צו דער לויב פון דער וועלט".

דאָס צווייטע קאַפּיטל איז וועגן דער שטאָט צפת. עס ווערט אין דעם קאַפּיטל איבערגעגעבן וועגן דעם אר"י הקדוש; וועגן ר' יוסף קארו, וועגן ר' שלמה אלקובץ, וועגן דעם לעבן פון די חכמים אין צפת און וועגן דעם לעצטן קאַפּיטל פון פייער און בלוט, — די באַפרייאונגס־מלחמה פון יאָר 1948, — ווי אַזוי די שטאָט צפת איז באַפרייט געוואָרן.

שפּאַנענד איז די דערציילונג וועגן דער אַלטער, הייליקער שטאָט טבריה. מען באַקענט זיך מיט דער לעצטער סנהדריך, מיט די 70 תלמידי חכמים, וועמען די רוימער האָבן נאָכן איינגעמען ארץ־ישראל פאַרבאָטן צו זיין אין ירושלים און זיי האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, און די לעצטע שטאָט פון זייער וואַנדערונג איז געווען טבריה, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן ביי ייִדן.

„מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב, ווי קען מיר זיס זיין מיין שפּייזן". דער מחבר פון דעם ציטירטן פּסוק איז ר' יהודה הלוי, דער באַרימטער דיכטער, וועלכער האָט אין זיינע לידער אויסגעזונגען די בענקשאַפט פון ייִדן צו ציון:

„ציון, באַדאַרפסט זיך פרעגן דאָך אויף דיינע קינדער
ווי זיי צעזייטע און צעשפּרייטע פרעגן.
פון מזרח, מערב, צפון, דרום נעם דעם גרוס
פון נאָענט און ווייט און אַלע וואַנדערונגען".

אָדער אין אַן אַנדער ליד פון ר' יהודה הלוי, וואָס ווערט געבראַכט אין בוך: אַ ליד, אין וועלכן ער רופט די ייִדן זיי זאָלן זיך דערמאָנען אין לאַנד פון זייערע אָבות און זיך אומקערן אַהין:

„אייל זיך, דיין גאָט רופט דיך
פאַרנויג זיך און ברענג אַ מתנה,
און פלי צו ציון דיין נעסט,
לויט דער שיינקייט דעם וועג וועסט דערקענען".

ר׳ יהודה הלוי איז עולה געווען פון שפּאַניע קיין ארץ־ישראל. וואָכן און חדשים האָט געדויערט זיין נסיעה. ער איז אויסגעשטאַנען פאַרשידענע געפאַרן. עד־היום הזה איז נישט באַקאַנט צי ער איז דערפאָרן קיין ארץ־ישראל, צי ער האָט דערגרייכט די ברעגעס פון היימלאַנד. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי שרייבט טאַקע אין דעם קאַפּיטל וועגן ר׳ יהודה הלוי צווישן אַנדערע: „זיין גוף האָט אפשר נישט אויסגעהאַלטן די מאַטערנישן פון דער ווייטער נסיעה; אָבער מיט זיין נשמה איז ער געוויס דערפלויגן קיין ציון, וווהין ער האָט זיין גאַנץ לעבן געבענקט״.

דאָס קאַפּיטל וועגן רמב״ם, וועלכער האָט פאַרלאָזט שפּאַניע און איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, צום לאַנד פון זיין שטענדיקער בענקשאַפט, ווערט איינגעלייטעט מיט אַ פּסוק פון רמב״ם, וואָס לייענט זיך: „די שכינה רוט אין ארץ־ישראל און חוץ ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין אמתע ריינקייט פון דער נשמה״.

אין דעם בוך באַקענען מיר זיך מיט דער וווּנדערבאַרער געשטאַלט פון רבי ישראל שקלאָווער, דער באַליבטער תלמיד פון ווילנער גאון רבי אליהו. ר׳ ישראל שקלאָווער, ווערט אין בוך דערציילט, האָט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע פון 70 מענטשן און זיי זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט צפת. טיף רירנדיק זענען אין דעם קאַפּיטל וועגן ר׳ ישראל שקלאָווער די מאָמענטן, וואָס גיבן איבער וועגן דעם נישט קענען שיידן זיך מיט דער שטאָט צפת און מיט זיין משפחה, ווען ר׳ ישראל שקלאָווער האָט באַדאַרפט פאָרן אין אַ שליחות קיין איראָפּע.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם לייענען זיך די קאַפּיטלען וועגן די בילואים, די ער־שטע חלוצים, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ־ישראל און האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר חלוצישער אַרבעט אויף ישראלס באָדן און קאַמף פאַר ישראלס באַ־פרייאונג; וועגן דער ווונדערלעכער געשטאַלט פון אומפאַרגעסלעכן מנהיג ד״ר הערצל ז״ל, וועלכער האָט אין די הערצער פון יידישן פאָלק אָנגעצונדן דעם פאַקל פון דער ווידערבאַהעפטונג מיט ארץ־ישראל בימינו; וועגן די פּרעכטיקע געשטאַלטן פון דער צווייטער עליה, די פּערזענלעכקייטן א. ד. גאָרדאָן, בערל קאַצענעלסאָן, ד״ר חיים ווייצמאַן, וועלכער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. דאָן די קאַפּיטלען וועגן דעם יידישן לעגיאָן, תל־חי, די דריטע עליה, י. ח. ברענער, די גרינדונג פון נהלל, פון עין־חרוד, די הסתדרות העובדים, די הגנה, די אומלעגאַלע עליה, ווען שיפן מיט מעפּילים זענען געשוווּמען איבער ימים און האָבן ווי מולטערס זיך געטראָגן אויף די שטורמישע וואַסערן מיט דער תפילה צו דערגרייכן די ברעגעס פון יידישן היימלאַנד און פאַראייניקן יידן מיט ארץ־ישראל.

זייער שפּאַנענד זענען די קאַפּיטלען, וואָס דערציילן וועגן דער גרינדונג פון

דער ייִדישער מדינה. קאַדיע מאָלאַדאָווסקי מאָלט אַ פּאָרטרעט וועגן ערשטן פּרעמיער פון ישראל דוד בן־גוריון. באַלערנדיק און אינטערעסאַנט איז דאָס קאַפּיטל געווידמעט קיבוץ גלויות; דאָס קומען אין לאַנד אַריין פון די עדהס פון מזרח און פון דער שארית־הפליטה, די על פּי נס געראַטעוועטע פון היטלערס גיהנום.

דאָס בוך שליסט זיך מיט פּסוקים וועגן צוריקקער קיין ירושלים, די הויפּט־שטאָט פון מדינת ישראל.

עס איז אַ הערלעך בוך, צונויפגעשטעלט פון זייער גוט צוגעקליבענעם מאַטעריאַל. דאָס בוך גיט אַן אַלזייטיקן איבערבליק איבער דעם גאַנג פון דער געשיכטע ביז דעם הערצליאַנישן ציוניזם און ביז צו דער תקופה פון מדינת ישראל.

פון אַלע 40 קאַפּיטלען פון בוך לויכט אַרויס די ייִדישע בענקשאַפט נאָך ציון, די ייִדישע גבורה, ייִדישע אַנטשלאָסנקייט, ייִדישע עקשנות, ייִדישע אַרבעט און קאַמף פאַר ציונס באַפרייאונג.

„אויף די וועגן פון ציון" איז אַ וויכטיק לערן־ און לייען־בוך, סיי פאַר תלמידים אין די שולן און סיי פאַר דערוואַקסענע. הלוואי זאָל דאָס בוך גרייכן צו וואָס מער שול־תלמידים און צו וואָס מער לייענער.

.1956

„די שטימע פון ישראל“

(זאַמלונג רעדעס פון אַמבאַסאַדאָר אבא איבן)

נאָכן גרויסן חורבן פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום, נאָך דער שרעקלעכסטער היטלער־קאַטאַסטראָפע, איז צוזאַמען מיטן נס, וואָס איז געשען צום ייִדישן פאָלק מיט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, אויפגעגאַנגען אויף די הימלען פון דער יונגער ייִדישער מדינה אַ גרויסער מעטעאָר, וואָס שיינט ווי אַ ליכטיקער שטערן; וואָס דעראָבערט הערצער און שטורעמט דאָס געוויסן פון דער וועלט; איז גע־שטיגן צו דער מדרגה פון פירערשאַפט און פאַרנעמט אַ ביז־גאָר אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע. קלאָר, אַז מיר זענען מכוון דעם אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל אין וואַשינגטאָן — אבא איבן. אים האָט עס די רעגירונג פון ישראל גלייך נאָך איר אַנטשטיין אויסגעקליבן און אַוועקגעשטעלט אויף דעם שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, צו זיין דער רעפּרעזענטאַנט פון דער מדינה ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און צו טראָגן די שטימע פון ישראל בין העמים; צו לאָזן הערן די שטימע פון ישראל פאַר די פעלקער פון דער וועלט.

פאַר די לעצטע 9 יאָר, זינט ישראל איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער „יו־ען“, ווען דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אבא איבן האָט דעם 11טן מאַי 1949 גערעדט פאַר דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער אין שייכות מיטן אַריינגעמען ישראל, איז אים אויסגעקומען צו האַלטן זייער פיל רעדעס סיי פאַר דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג, סיי פאַרן זיכערקייטס־ראַט, פאַר דער פּאָליטישער קאָמיסיע און אַנדערע קאָמיסיעס. ביי זייער פיל געלעגנהייטן איז דעם ישראל־דיפּלאָמאַט אויסגעקומען צו ברענגען די שטימע פון ישראל פאַר די פעל־קער פון דער וועלט און פאַרן ייִדישן אַמעריקע. במשך פון דער צייט האָט זיך אבא איבן קונה שם געווען אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט און צווישן אחינו בני־ישראל פון אַלע קרייזן אין אַמעריקע ווי אַ פעיִקער דיפּלאָמאַט און ווי אַ וווּנדער־

באַרער רעדנער. דער באַקאַנטער ענגלישער פאַרלאַג אין אַמעריקע „האַרייזאָן פּרעס״ האָט איצט פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „די שטימע פון ישראל״, וואָס אַנטהאַלט אַ צאָל רעדעס פון אַמבאַסאַדאָר אבא איבן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער „יו־ען״ און ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

דער באַרימטער רוסישער דיכטער נעקראַסאָוו האָט אַמאָל געשריבן וועגן רוסלאַנד צווישן אַנדערע: „אַ ביסל מער פרייהייט צו אָטעמען און רוסלאַנד וועט באַווייזן, אַז זי האָט מענטשן און זי האָט אַ צוקונפט״. אָט דער דאָזיקער געדאַנק איז נישט איינמאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן מצד די פאַרשידענע יידישע פירער אין משך פון דורות און יאָרן; פירער פון יידישן פאָלק, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט פון דער וועלט פרייהייט פאַר יידן; פרייהייט צו לעבן זעלבסטשטענדיק ווי אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך; פרייהייט צו קאָנען אויסבויען אַן אייגענע היים פאַרן גע־רודפטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק. דער טשעמפּיאָן פון דער פאָדערונג איז גע־וואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, זינט 1897, זינט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל געפירט דעם פּאָלי־טישן קאַמף פאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל; האָט כסדר און אומאויפהערלעך געפאָדערט: גיט אונדז פרייהייט! גיט אונדז זעלבסטשטענדיקייט! און מיר וועלן ווייזן דער וועלט, וואָס פאַר אַ מענטשן מיר האָבן און וואָס פאַר אַ צוקונפט מיר וועלן אויסבויען פאַר אונדזער פאָלק!

נאָך פופציק יאָר אַרבעט און קאַמף פון פּאָליטישן ציוניזם האָט די אָרגאַ־ניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער באַשלאָסן מיט צוויי דריטל שטימען צו דערמעגלעכן די עטאַבלירונג פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. אין די ערשטע טעג פון מאַי 1948 איז מדינת ישראל עטאַבלירט געוואָרן און אין משך פון דער קורצער צייט האָט די יונגע יידישע מדינה באַוויזן דער וועלט, וואָס פאַר אַ מענטשן זי האָט, וואָס פאַר אַ צוקונפט זי בויט פאַרן יידישן פאָלק, וואָס פאַר אַ מוסטער פון דעמאָקראַטיע ישראל איז, נישט נאָר אין נאָענטן מזרח, נאָר אין דער גרעסער וועלט.

די בראַווע חלוצים פון דער יונגער מדינה האָבן באַוויזן ווי אַזוי מען קאָן מיט ליבע און פלייס פאַרוואַנדלען וויסטעניש אין בליִענדיקע גערטנער; די יונגע ישראל־אַרמיי האָט באַוויזן דורך איר הויכער מאָראַל און פאַרבונדנקייט מיט דער מדינה, ווי אַזוי מען קאָן אָפּשלאָגן אַטאַקעס פון שונא און מנצח זיין גרויסע אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער.

נישט קיין אַנדערער פון די וועלט־דיפּלאָמאַטן וואָלט געווען בכוח אַזוי קרעפ־טיק אויסצודריקן אין ווערטער די שטימונגען און שטרעבונגען, די הויכע אידע־אַלן פון מדינת ישראל, ווי עס האָט עס באַוויזן צו טאָן אונדזער אַלעמענס באַ־ליבטער אבא איבן. יעדעס מאָל, ווען אבא איבן רעדט, צי דאָס איז ביים עמוד

אין דער „יו־ען״, אָדער אויף אַ יידישער אונטערנעמונג, צי פּאַר צייטונגס־קאָרעס־פּאָנדענטן, זענען זיינע ווערטער אַ סימפּאַניע פון געדאַנקען, רעפּרעזענטירן זיינע רייד טיפּזיניקע יידישע מחשבה, — איז דאָס די שטימע פון ישראל, וואָס ער טראָגט פונאַנדער ווי זונענשטראַלן פון דער יונגער יידישער מדינה צו די פעלקער פון דער וועלט. יעדעס וואָרט, וואָס קומט פון מויל פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר אבא איבן, איז איינגעראַמט אין לאָגיק, איז קולטיווירט אין היכער אָראַטאָריק און באַגלייט מיט אַ באַגאַזש פון גרויסן וויסן און פון קלאַסאַלער ערודיציע. פון איין רעדע ביז דער צווייטער פון אבא איבן מערקט מען ווי ער איז געשטיגן אין אייגענער פּאַרטיפונג, אין גרויסן כוח פון הסברה, ווי ער דערגרונטעוועט זיך צו די גייסטיקע אוצרות פון יידישן וועלט־באַנעם, פון וואַנען ער שעפּט זיין טיפּ־זיניקע מחשבה און קאָמענטירט מיט אַזוי פיל חשיבות די פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג בין־העמים!

עס איז אָפּטמאָל גאַנץ נודנע אין זיצונגס־זאַל פון דער „יו־ען״, ווו עס ווערן אָפּגעהאַלטן זיצונגען פון פאַרשידענע קאָמיטעטן, וועלכע באַטראַכטן פאַרשידענע אָנקלאַגעס פון אַראַבישע לענדער קעגן מדינת ישראל. די רעדעס פון די אַראַבישע פאָרשטייער און פון זייערע רויטע אונטערשטיצער פאַרמאָגן נישט קיין שום גע־דאַנק, חוץ רשעות אַנטהאַלטן זיי גאָרנישט. אָפּענע רשעות אָנגעטאָן אין ווערטער. אָבער ווען עס קומט דער ענטפער פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר, ווערט לעבעדיק אין זאַל, ווי די שכינה וואָלט זיך באַוויזן. פאָרשטייער פון מלוכות, די פרעסע־קאָרעס־פּאָנדענטן און די גאַלעריע פאַר באַזוכער שטעלן אָן אויג און אויער, קוקן דעם אַמבאַסאַדאָר אין פּנים אַריין, באַוווּנדערן זיין שטאַרקן פּערזענלעכן צויבער און יוגנטלעכן חן, קוקן אויף זיינע קלוגע אויגן און שלינגען יעדעס וואָרט זיינס, וואָס טראָגט אַזוי פיל אינהאַלט און וואָס שלאָגט אָפּ מיט אַזוי פיל איבערצייגונג און לאָגיק יעדן בייזוויליקן אָנפאַל פון די אַראַבישע פאָרשטייער אויף ישראל.

אין זכרון זענען פאַרבליבן רעגיסטרירט די פערלדיקע רעדעס פון אבא איבן, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו הערן מפּיו ביי די זיצונגען פון דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג און פון דעם זיכערקייטס־ראַט פון דער „יו־ען״ און ביי אַנדערע גע־לעגנהייטן. ווען מיר האָבן געלייענט טייל פון די דאָזיקע רעדעס אין דעם אָקאָרשט־דערשינענעם בוך, איז אָפּגעפרישט געוואָרן דער איינדרוק, ווי מיר וואָלטן די זעלבע ווערטער פון אים געהערט אויף דאָס ניי. אין די אויערן האָט אָפּגעקלונגען די געשמאַקע שטימע, דאָס מתיקותדיקע יידישע קול, — דאָס קול פון ישראל, וואָס נעמט דורך און צעוואָרעמט אַלע אברים. מיר האָבן אויפסניי באַנומען די טיף־דורכדרינגענדיקע לאָגיק, מיט וועלכער אבא איבן האָט באַקרעפטיקט און אויסגעטייטשט די גרויסצוגיקע פּאָליטיק פון מדינת ישראל.

נישט אומזיסט האָבן צייטונגען געשריבן, אַז איבנס פּרעזענטירן די עוולות

פון ישראל פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט און פון אַמעריקע איז אַ מייסטער־שטיק לויט אַלע סטאַנדאַרטן. יעדע פון זיינע רעדעס איז אַ מייסטער־שטיק, וואָס דאַרף געלייענט און שטודירט ווערן. יעדער היסטאָריקער, וואָס וועט וועלן נאָכפאָלגן די ראָל פון מדינת ישראל בין העמים, וועט זיך נישט קאָנען באַגיין אָן די רעדעס פון אבא איבן, וועלכער האָט אַזוי קאָלירפול, אַזוי מייסטער־האַפט פאַרגעשטעלט דעם שטאַנדפונקט פון דער ייִדישער מדינה פאַר די פעלקער פון דער וועלט.

די זאַמלונג רעדעס פון אבא איבן אונטערן נאָמען „די שטימע פון ישראל" דאַרף געלייענט ווערן פון יעדן איינעם. מיר גלויבן, אַז דאָס בוך וועט אויך איבערגעזעצט ווערן אין אַנדערע שפּראַכן, בכדי צו דערמעגלעכן וואָס מער פון אחינו בני־ישראל אין אונדזער צעשפּרייטקייט נהנה צו זיין פון די וווּנדערבאַרע רעדעס, פון די טיפע מחשבות פון איינעם פון די פעיִקסטע דיפּלאָמאַטן פון מדינת ישראל.

.1957

דער וויכוח אין היכל פון ציוניזם

(אַרום מלך נויס בוך „די נייעווירקלעכקייט")

מאַקס נאָרדוי ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט אויף אַ ציוניסטישער אסיפה, אַז ציוניזם בייטיקט זיך נישט אין קיין אויפקלערונג, מען געפינט די ציוניסטישע הסברה אין האַרצן פון יעדן ייִדן. ציוניזם, — האָט ער געזאָגט, — איז דער קווינטעסענץ פון ייִדישער האָפענונג. ווער עס טראַכט פון אויפהערן זיין אַ מינדערהייט צווישן פעלקער איבער דער וועלט, געפינט די לייזונג זיך מצרף זייענדיק צו דער שטרעבונג פון ציוניזם. ווער ס'וויל אויפהערן צו זיין נע־ונד, היימלאָז, אָן אַ פאָטערלאַנד, געפינט די לייזונג אין דער שטרעבונג פון ציוניזם אומצוקערן דעם ייִדישן פאָלק אַ געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל. ציוניזם שטרעבט, — האָט געזאָגט מ. נאָרדוי, — נישט נאָר צו פאַרוואַנדלען דאָס ייִדישע פאָלק אין אַ לעבעדיק פאָלק, וואָס זאָל דערפילן מלוכהשע אויפגאַבן און זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער פעלקער־משפחה, נאָר אויך צו געבן דער וועלט אַ מוסטער פון אַ פאָלק פון אמתע כהנים, וואָס ווידמען זיך דער דינסט פון אמת, פון ליבשאַפט, פון יושר און צדק; וועמענס אינערלעכע אָנפירונג און איר באַציִונג צו דער גאַנצער מענטשהייט איז באַזירט אויף די עשרת הדברות.

מ. ל. ליליענבלום האָט פאַרטייטשט די שטרעבונג פון ציוניזם, אַז די מדינה דאַרף זיין נישט קיין ממלכת כהנים נאָר ממלכת אכרים.

האָבן מיר, צום גליק, דערגרייכט אַ תקופה ווען שטרעבונג איז געוואָרן ווירקלעכקייט. מיטן אויפקום פון מדינת ישראל האָט זיך אָנגעהויבן דאַטירן אין דער ייִדישער געשיכטע אַ נייע עפּאָכע, האָט זיך אָנגעהויבן די נייע ווירקלעכקייט.

אין ציוניזם, — צי לויט דער אויפפאַסונג פון נאָרדוי, אָדער לויט דער שיטה פון ליליענבלום, ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען די מדינה, — גייט נישט אָן קיין וויכוח. טייל פירער פון דער מדינה האָבן לכתחילה פאַרפאַנצערט דעם וועג מיט זייער [illegible]־דיק, אַז ציוניזם קאָן נישט זאָגן קיין דעה און קאָן זיך נישט מישן אין דעם

געבוי, אין דער פאַרמירונג פון ישראלס מלוכהשאַפט. ווילן מיר נישט אַנטשיידן, צי דער צוגאַנג איז אַ ריכטיקער אָדער נישט. דאָס וועט די געשיכטע משפטן. מיר ווילן בלויז אָנווייזן, אַז מיטן אויפקום פון דער מדינה האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח אין היכל פון ציוניזם גופא אויף דער טעמע — וואָס איז ציוניזם? וואָס איז דער מהות פון ציוניזם אין דער תקופה פון מדינת ישראל? וואָס פאַרא אויפגאַבע האָט ציוניזם צו דערפילן כלפי דער מדינה און כלפי דעם יידישן פאָלק? אויף דעם 23סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1951 האָט מען זיך מיט די פּראָבלעמען באַשעפטיקט. עס האָט געהייסן, אַז דער 23סטער קאָנגרעס וועט אַרויסקומען מיט אַ נייעם ירושלימער פּראָגראַם, וואָס וועט באַצייכענען די צילן און אויפגאַבן פון ציוניזם, ווי עס האָט עס אַמאָל באַצייכנט דער באַזעלער פּראָגראַם. דער 23סטער ציון־קאָנגרעס האָט קיין נייעם ירושלימער פּראָגראַם נישט פאָרמולירט. פאַרשי־דענע מיינונגען זענען געקומען צום אויסדרוק. איצט דערוואַרט מען, אַז דער 24סטער קאָנגרעס זאָל קלאָר און דייטלעך פאָרמולירן די צילן און אויפגאַבן פון ציוניזם. דערווייל גייט אָן אין דער ציוניסטישער משפחה אַ וויכוח וועגן דעם איבערבוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מען זוכט נייע וועגן, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דער נייערווירקלעכקייט, וואָס דער אויפקום פון דער מדינה האָט מיט זיך געבראַכט. ד״ר גאָלדמאַן, דער פאָרזיצער פון דער יידישער אַגענטור אין אַמעריקע, האָט זיינע פאָרשלאָגן בנוגע די אָרגאַניזיר־פאָרמען פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אַגענטור. דוד בן־גוריון האָט זיינע מיינונגען און פאָרשלאָגן, דאָס גלייכן דער פּרעזידענט פון דער כנסת און פאָר־זיצער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט יוסף שפּרינצאַק. אין די ציוניסטישע פּאַרטייען גופא זענען פאַראַן גרויסע חלוקי־דעות בנוגע די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען און דער סטרוקטור פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

עס האָט זיך אין ציוניזם געשאַפן אַ מצב, וואָס פאָדערט גראָד קלאָרקייט. מיר זענען אַוועק פון יענער צייט, ווען מאַקס נאָרדוי האָט געקאָנט אויף אַ ציוי־ניסטישער טריבונע זאָגן, אַז ציוניזם דאַרף נישט קיין הסברה, ווייל ציוניזם איז אין האַרצן פון יעדן יידן. צו אונדזער גליק און צום גליק פון אַלע יידן איז אַנטשטאַנען די מדינה, און היינט קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אַז די מדינה איז אין האַרצן פון יעדן יידן (אויסער נאַטירלעך פון די אַפּטריניקעס פון יידישן פאָלק, ווי: קאָמוניסטן און דער קאָנסול פאַר דזשודאַיזם). די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז לעצטנס נישט די מאַסן־אָרגאַניזאַציע. פון אַלע זייטן זאָגט מען, אַז עס גייט אָן אַ קריזיס אין ציוניזם. עס איז נאָר פאַראַן אַ חילוקי־דעות, — צי דער קריזיס איז נישט מער ווי אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער, אָדער אויך אַן אידעאישער, אָבער אַז ציוניזם לעבט איבער אַ קריזיס איז לית מן דפליג. דער פאַקט ווערט פון קיינעם נישט אָפּגעפרעגט.

דער וויכוח גייט דערווייל אָן אויך אין די ענגע רייען פון די ציוניסטישע צענטראַל־קאָמיטעט, אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין קאָמיסיעס, וואָס דאַרפן צוגרייטן פּלענער און פאָרשלאָגן נייע וועגן פאַרן געבוי פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. עס איז אַ וויכוח אין היכל פון ציוניזם. די פּראָבלעם און שטרייט־פראַגן זענען דער ברייטער עפנטלעכקייט נישט באַקאַנט; גראָד פאַר־קערט, צווישן עולם הערשט אַ קאָנפוזיע. דער רוב ווייסט נישט פון די אַלע מיי־נונגען און פאָרשלאָגן. ביז איצט זענען דערשינען פאַרשידענע אַרבעטן פון פאַרטיי־פירער וועגן דער פּראָבלעמאַטיק אין ציוניזם; אָבער די אויסגאָבן האָבן נאָר דערגרייכט אַן ענגן קרייז פון טוער פון דער געגעבענער פּאַרטיי און נישט מער. אַפילו די אָפיציעלע אויסגאַבן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וועגן די פראַגן, וואָס זענען דערשינען אין ירושלים, האָבן אויך קיין מאַסן־פאַרשפּרייטונג נישט דערגרייכט. עס איז אָנגעקומען בלויז צו יחידי־סגולה.

עס האָט זיך געפילט אַ נויטווענדיקייט צו האָבן אַן אויסגאַבע, וואָס זאָל זיין צוטריטלעך פאַרן ברייטערן עולם, וועלכער זאָל לייענענדיק קאָנען אויף אַ קלאָרן אופן זיך פונאַנדערקלייבן אין עניינים און זיך אַליין פאַסן אַ מיינונג בנוגע די פראַגן. מיט איין וואָרט, עס האָט געפעלט אַ ספר, וואָס זאָל אין אַ קאָנדענ־סירטער פאָרם ברענגען די אַלע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, די אַלע פאָרשלאָגן בנוגע די נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פאַר דעם ברייטן עולם. אַ בוך, וואָס זאָל דעם וויכוח אַרויסנעמען פון היכל פון ציוניזם און אים אַריינפירן צווישן די ברייטסטע קרייזן פון יידישן פאָלק, צווישן ציוניסטן און סתם יידן.

מיר גלויבן, אַז דעם ציל האָט דערגרייכט מלך נוי (נוישטאַט) — דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע — מיט זיין פאַרעפנטלעכן דאָס בוך „די נייעווירקלעכקייט".

„די נייע ווירקלעכקייט" איז אַ ספר, וואָס גיט איבער פאַרן ברייטן עולם, אין אַ צוגענגלעכער, פּשוטער, פאַרשטענדלעכער שפּראַך, דעם גאַנצן וויכוח, די אַלע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, די אַלע פּלענער און פאָרשלאָגן בנוגע דעם אָרגאַ־ניזאַציאָנעלן איבערבוי פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. „די נייע ווירק־לעכקייט" איז אַ בוך, געשריבן אין יידיש, אין אַ קלאָרער פאָלקס־שפּראַך, און יעדער איינער, וואָס לייענט דעם ספר, באַקאַנט זיך מיט די אַלע מיינונגען און פאָרשלאָגן, קאָן זיך פאַרשאַפן אַן אייגענע מיינונג וועגן דער ראָל פון ציוניזם אין דער תקופה פון מדינת ישראל.

דער מחבר פון בוך „די נייע ווירקלעכקייט", מלך נוי, איז גוט באַהאַוונט אין די אַלע פּראָבלעמען. אַליין אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דער לאַנג־יעריקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער וועלט־באַוועגונג פון פּועלי־

ציון־התאחדות, — איז ער אויסגעבונדן אין אַלע װינקעלעך פון ציוניסטישן כדור הארץ.

מלך נוי גיט איבער אין זיין ספר די פאַרשידענע מיינונגען און פּלענער װעגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער װעלט־באַװעגונג און גיט צו זיין אייגענע מיינונג. אין פיל פאַלן איז נוי אַפילו מחולק מיט דער שטעלונג פון פירנדיקע חברים פון זיין אייגענער פּאַרטיי, װי, למשל, װעגן די אויפגאַבן פון ציוניזם אין חוץ־לארץ, װעגן דער שטעלונג צום ייִדישן לעבן אין גלות אאַז״װ. נוי ברענגט אַרויס אויך זיינע אייגענע מיינונגען און געדאַנקען אין צוגאָב צו דער שטעלונג פון אַנדערע, — סיי פירער פון דער מדינה און סיי פירער פון ציוניזם.

אין דער באַמערקונג צום בוך שרייבט דער מחבר צװישן אַנדערע:

„מיר זענען איצט אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַװעגונג עדות פון אַ פּראָצעס פון זוכענישן, װי אַזוי צוצופּאַסן אידעאָלאָגישע פאָרמולירונגען און אָר־גאַניזאַציאָנעלע פאָרמען צו דער דאָזיקער נייער װירקלעכקייט. איז דעריבער װיכ־טיק יעדער פּרוּװ אַריינצוברענגען קלאָרקייט, אָנצוװייזן אויף די װירקלעכע סיבות פון דער משונהדיקער דערשײַנונג, װאָס די אויפריכטונג פון דער ייִדישער מדינה האָט נישט גלייכצייטיק געבראַכט מיט זיך אַ באַדייטנדיקע פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ".

צום קרעדיט פונעם מחבר קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז דאָס בוך „די נייע װירקלעכקייט" ברענגט מיט זיך אַ סך קלאָרקייט אין דער פאַרװיקלטער ציוניס־זיס אין דער ציוניסטישער באַװעגונגטישער פּראָבלעמאַטיק. בנוגע דעם קרי־זשעניִרט זיך נישט מלך נוי צו דערציילן, אַז די טיפערע סיבות פונעם קריזיס דאַרף מען זוכן אין אַקטיװ פון די אָנפירנדיקע מענטשן פון דער באַװעגונג אין חוץ־לארץ. װי אַ באַװײַז באַנוצט זיך נוי מיט דער ברייטער ליטעראַטור, װאָס איז געשריבן געװאָרן פון פאַרשידענע ציוניסטן װעגן דער פראַגע, װי, למשל: װי אַזוי דאַרפן זיין פאַרטיילט די קאָמפּעטענצן צװישן דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע און דער ישראל־רעגירונג? װעלכע אויפגאַבן דאַרפן געהערן צו דעם און װעלכע צום אַנדערן צד? װער דאַרף רעפּרעזענטירן און רעדן אין נאָמען פון אויפבוי־װערק? אאַז״װ. זענען דען טאַקע דאָס די ענינים, — פרעגט נוי, — װאָס דאַרפן אין איצטיקן מאָמענט באַשעפטיקן ציוניסטן און װאָס זאָלן באַשטימען זייער באַציִונג צו מדינת ישראל? באַװײַזט דען נישט דאָס אַװעקשטעלן אין דער ערשטער ריי די פאָרמעלע קאָמפּעטענץ־פראַגע, אַז פון איין זייט װערט עפּעס נישט דערזאָגט און פון דער אַנדערער זייט זענען גאָר פאַראַן אַנדערע כװנות? אויב מען זאָל אַפילו אָננעמען, — שרייבט נוי, — אַז קיין זייטיקע כװנות זענען נישטאָ, מוז דאָך דער עצם־פאַקט, װאָס בראש פון ציוניסטישן װיכוח איז אַװעק־

געשטעלט געוואָרן די קאָמפּעטענץ־פראַגע, פירן דערצו, אַז ציוניסטן אין חוץ־לארץ זאָלן באַקומען דעם רושם, אַז די מדינה און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן קעגנזעצלעכע אויפגאַבן און צילן.

נוי ווייזט אָן אין זיין ספר וועגן די געמיינזאַמע צילן פון ציוניזם אין דער מדינה, ווי אויך וועגן די געמיינזאַמע טעטיקייטס־שטחים.

פון באַזונדערער וויכטיקייט איז די סעגרעגאַציע פון מיינונגען בנוגע דעם איבערבוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך בנוגע די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

אין דעם ספר „די נייע ווירקלעכקייט" האָט נוי אַריינגעלייגט אַ סך התמדה, אַ סך אַרבעט. האָט נישט געקאַרגט קיין מי און אָנשטרענגונג צוזאַמענצוזוכן אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן, פּראָטאָקאָלן פון אַסיפות און פאַרזאַמלונגען; פון זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, פון קאָנפערענצן פון „איחוד עולמי" און אַנדערע באַריכטן, אין צוגאָב צו דעם אויך זיינע אייגענע רעדעס און אַרטיקלען, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אין משך פון צייט־אָפּשניט 1948—1954, וועלכע באַהאַנדלען פראַגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין ליכט פון דער נייער ווירקלעכקייט, — דאָס מיינט, אין דער תקופה פון מדינת ישראל.

דאָס בוך „די נייע ווירקלעכקייט" דאַרף זיך בפירוש געפינען אין הויז פון יעדן ציוניסטישן עסקן, פון יעדן ציוניסט, וואָס ראַנגלט זיך מיט די אַלע פּראָבלעמען און וואָס זוכט אַ קלאָרע מיינונג בנוגע די אַלע פראַגן.

.1954

זעלבסטבאַפרייאונג

(75 יאָר נאָכן דערשיינען פון ד״ר פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״)

אין חודש אָקטאָבער פון יאָר 1882, אַלזאָ מיט 75 יאָר צוריק, איז דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך אַ בראָשור מיטן נאָמען: „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״, וואָס באַטייט אויף אונדזער אייגענעם מאַמע־לשון: זעלבסטבאַפרייאונג. דער מאָטיוו, וואָס טראָגט זיך דורך אין דער דערמאָנטער בראָשור איז: אַז נישט באַפרייאונג אַליין איז גענוג פאַרן יידישן פאָלק, — נאָר יידיש פאָלק נייטיקט זיך אין זעלבסט־באַפרייאונג; נישט נאָר גלייכע בירגערדעכט פאַר יידן אין די פלעצער, ווו זיי לעבן, איז גענוג, — נאָר גלייכהייט פון יידן אַלס אַ פאָלק איז נייטיק. ונהיה ככל הגויים, מיר דאַרפן ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך. נאָר אַזאַ גלייכהייט קאָן דינען אַלס די איינציקע תרופה אויף אויסצוהיילן דעם קראַנקן קערפּער פון יידישן פאָלק.

אויפן שער־בלאַט פון דער בראָשור איז אַנגעגעבן געוואָרן אַלס מאָטאָ דאָס וואָרט פון ר׳ הלל הזקן: „אם אין אני לי מי לי? ואם לא עכשיו אימתי?״

דער מחבר פון דער בראָשור, וואָס איז מיט פינף און זיבעציק יאָר צוריק באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קול קורא פון רוסישן יידנטום צום גאַנצן יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, איז געווען: ד״ר יהודה לייב פינסקער עליו השלום, אַן אָדעסער איינוווינער און פּראַקטיצירנדיקער אויגן־דאָקטער.

באַוויגן ד״ר פינסקערן צו שרייבן זיין בראָשור האָט די שווערע לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד פון יענער צייט, די אַנטיסעמיטישע כוואַליע וואָס איז געקומען אויפן רוסישן יידנטום, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געוואָרן קייסער פון רוסלאַנד. ווי שילדערט פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו יענע צייט:

„די ביוראָקראַטיע האָט געלייזט די יידנפראַגע אין די קאַנצעלאַריעס. די פּינצטערע פאָלקס־מאַסע האָט זי אָנגעהויבן לייזן אויף די גאַסן; איינאיינעם מיט דער רעכטלאָזיקייט איז געקומען דער פּאָגראָם. צוזאַמען מיטן מערב־אַנטיסעמיטיזם

אין זיין קולטורעלן לבוש, האָט אין רוסלאַנד אויפגעלעבט אַ יידן־שנאה און אָפענע פּאַרמען פון היידאַמאַטשענע פון 17טן יאָרהונדערט און פּאָליציי־רעפּרעסיעס פון ניקאָלאַיס צייטן".

אַ מבול פון פּאָגראָמען האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף יידן אין צענדליקער און צענדליקער שטעט אין רוסלאַנד; רוצחישע באַנדעס באַוואָפנט מיט בולאַוועס און מיט האַק זענען באַפאַלן די פרידלעכע יידישע איינוווינער, זיי געשלאָגן מכות־רצח און באַרויבט זייער פאַרמעגן. הונדערט יידישע ישובים אין דעם דרומדיקן טייל פון רוסלאַנד האָבן געליטן פון די שרעקלעכע פּאָגראָמען און יידן אין די אַלע אַנדערע וווין־פּלעצער אין דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד האָבן געלעבט אין אַ כסדרדיקער פּאַניק, אין אַ פּחד פאַר גוואַלט־טאָטן. אין יענער צייט האָט די רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן עפנטלעך דערקלערט, אַז עס ווערט די יידן געגעבן נאָר איין „רעכט", דהיינו: די רעכט צו עמיגרירן.

די נשמה פון פאָלק — דערציילן היסטאָריקער — איז געווען איבערפולט מיט פאַרביטערונג און געיאָמער. היות עפנטלעך פּראָטעסטירן איז געווען אוממעגלעך, האָבן יידן אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ אין בית־המדרש; יונג און אַלט, מענער און פרויען, אַלע, אַלע אַן אויסנאָם האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן, געקלאָגט אויף זייער גורל אַלס יידן, וואָס ווערן געפּייניקט, דערנידעריקט און באַליידיקט.

אין יענער צייט איז אויפגעשווומען די פראַגע: וווהין זאָל מען ריכטן דעם עמיגראַציע־שטראָם? קיין צפון־אַמעריקע, ווו עס איז פאַראַן ברויט און פרייהייט, אָדער קיין ארץ־ישראל און דאָרט געפינען אַ שוץ־פּלאַץ פאַר דער דערנידעריקטער און באַליידיקטער פאָלקס־נשמה.

דאָן האָט דער יידישער געלערנטער, דער משכיל, דער גרויסער מענטשן־פריינט, ד״ר י. ל. פּינסקער ע״ה, אָנגעשריבן זיין בראַשור: „אויטאָעמאַנסיפּאַציע", אין וועלכער ער האָט גערופן יידן, נישט נאָר יידן פון רוסלאַנד, נאָר יידן פון דער גאָרער וועלט, אַפילו פון די פּלעצער, ווו יידן האָבן גענאָסן פון פרייהייט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון לאַנד, — צו זעלבסטבאַפרייאונג, צו ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, צו האָבן אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע היים. פּינסקער האָט ווי אַ גענייטער מעדיקער באַטראַכט דעם שווערן מצב פון יידישן פאָלק און איז גע־קומען צום אויספיר, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער תרופה אויסצוקורירן די קראַנקהייט פון יידישן פאָלק, ווי נאָר דורך אַן אייגענע היים, ווי נאָר דורך ווערן זעלבסטבאַפרייט, ווערן ככל הגוים, אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך.

פאַר די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָט לויט פּינסקער געגלויבט אין אַסימי־לאַציע. געגלויבט, אַז דאָס אַסימילירן זיך פון יידן אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער וועט העלפן יידן קעגן אַנטיסעמיטיזם. די פּאָגראָמען אָבער האָבן אים דערשיטערט. ער האָט אָנגעהויבן איינצוזען, אַז אַסימילאַציע העלפט נישט קעגן

די אַלע פּיזישע און מאָראַלישע ליידן, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין אין אַ צאָל לענדער, ווו זיי לעבן. ער האָט אויך אָנגעהויבן איינצוזען, אַז יידן, דער רוב פון זיי, האָבן זיך גאָרנישט אַסימילירט אין די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. פּינסקער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרטראַכטן איבער די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. ער האָט זיך אַליין געשטעלט אַ פראַגע: וואָס זענען מיר? אַ פאָלק, אָדער נישט קיין פאָלק? אין די אויגן פון די בירגער פון לאַנד זענען יידן פאַררעכנט פאַר גרים, אין די אויגן פון די תושבים ווערן מיר פאַררעכנט פאַר נע־ונדניקעס; די יידישע סאָלידאַריטעט אַלס וועלט־פאָלק קומט צום אויסדרוק, ווען אַלע האָבן אונדז פיינט; דער יידישער אָפּוועך — איז דאָס אַנטלויפן, דאָס עמיגרירן, דאָס האַלטן דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט; די יידישע איינהייט איז אונדזער צעשפּרייטונג אויפן כדור הארץ; קאָן מיט אַזאַ אַרט לעבן אָנגיין אַ פאָלק, פון וועמען עס זענען פריִער אַרויסגעקומען די חשמונאים? ניין! האָט פּינסקער זיך געענטפערט; מען מוז געפינען אַ ראַדיקאַלע לייזונג צו דעם פּראָבלעם, און אַלס ראַדיקאַלע לייזונג, אַלס די איינציקע תרופה האָט ער אויסגעקליבן: זעלבסטבאַפרייאונג, זיך צו באַפרייען פון אַלע גלות־קייטן, פון אַלע חסדים פון די אומות־העולם; דער וועג דערצו איז: אויסצובויען אַן אייגענעם צענטער, אַן אייגן לאַנד, ווו עס זאָל קאָנען קאָנצענטרירט ווערן דער רוב פון יידישן פאָלק און אַזוי אַרום איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער אונדזער פאָלק קומט אויס צו לעבן.

כאָטש פּינסקער האָט אין דער בראָשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע” נישט אָנגעוויזן דעם פּלאַץ, ווו יידן זאָלן אויסבויען זייער היים, און טייל האָבן שוין אַפילו געוואָלט דעם פאַקט אויסטייטשן, אַז פּינסקער האָט מיט דעם געזאָלט אונטער־שטרייכן, אַז דער פּלאַץ פון דער יידישער היים מוז נישט זיין דווקא ארץ־ישראל, האָבן אָבער צו יענער צייט אַלע פאַרשטאַנען און בתוכם אויך פּינסקער אַליין, אַז דאָס פּאַסנדסטע לאַנד איז ארץ־ישראל. דאָס רוסישע יידנטום, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו פּינסקערס קול קורא, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט, האָט געטראָגן אין זיין האַרץ די אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, און אויך דעם באַוווסטזיין, אַז אין קיין אַנדער לאַנד אויף דער וועלט וועלן יידן נישט זיין אַזוי אָפּפערוויליק אין דער אויפבוי־אַרבעט ווי נאָר אין ארץ־ישראל. פּינסקער אַליין האָט געפילט, אַז דאָס יידישע האַרץ איז מיט ציון, אַז נאָר ארץ־ישראל קאָן ווערן ווידעראַמאָל די נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק.

פּינסקער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן אַרויסגעבן די בראָשור: פריִער נאָך, פאַרן דערשיינען פון זיין בוך און אויך שפּעטער האָט ער אַליין גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין, איז געפאָרן קיין אויסלאַנד, זיך זען מיט יידן און זיי אַגיטירן פאַר זיין אידעע פון „אויטאָעמאַנסי־פּאַציע”. די כראָניקער דערציילן אָבער, אַז פּינסקער האָט נישט באַקומען קיין

אויך קשבת אין זיינע שמועסן מיט די ייִדישע נאָטאַבלען פון אויסלאַנד; אָבער אין רוסלאַנד גופא איז אַנטשטאַנען די חובבי־ציון־באַוועגונג, פון וועלכער ד״ר י. ל. פּינסקער און מ. ל. ליליענבלום זענען געוואָרן די פירער.

די חובבי־ציון־באַוועגונג איז כידוע געווען דער פּרוזדור צום פּאָליטישן, הערצליאַנישן ציוניזם. נישט אומזיסט באַהויפּטן היסטאָריקער, אַז סיי ד״ר ט. הערצל און סיי ד״ר מאַקס נאָרדוי זענען געגאַנגען אין די פוסטריט פון ד״ר י. ל. פּינסקער. טייל זענען מיט דער מיינונג, אַז ד״ר הערצל האָט נישט געוווּסט פון פּינסקערס בראָשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״ און ער האָט אין זיין „יודענשטאַט״ אויך נישט אָנגעגעבן דעם געאָגראַפישן פּלאַץ פאַרן ייִדישן היימלאַנד, און דערפאַר איז ער נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם געווען גרייט אויך אָנצונעמען פאַר אַ צייטווייליקן מקום־מקלט „אוגאַנדאַ״. אָבער דאָס רוסישע ייִדנטום, פּונקט ווי עס האָט אין פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״ געזען נאָר ארץ־ישראל, און אַפילו אין דער מחשבה אָפּגעוואָרפן וועלכע עס זאָל נישט זיין אַנדערע טעריטאָריע, אַזוי געניי האָט דאָס זעלבע ייִדנטום אין הערצלס „יודענשטאַט״ געזען נאָר ארץ־ישראל און אָפּגעוואָרפן דעם „אוגאַנדאַ״־פּראָיעקט.

ד״ר מאַקס נאָרדוי האָט געשטעלט די זעלבע דיאַגנאָזע ווי ד״ר פּינסקער בנוגע צו דער לאַגע פון ייִדישן פאָלק. ער האָט געזען די תרופה אויסצוקורירן די קראַנקהייט פון ייִדישן פאָלק אין דעם אויסבויען אַ נאַציאָנאַלע היים, וואָס וועט פאַרזיכערן דעם קיום פון עם ישראל.

ד״ר לעאָן פּינסקער ווערט פאַררעכנט ווי דער פאָרגייער פון ד״ר ט. הערצל און ווי אַזעלכער איז ער אַריין אין היכל פון דער ציוניסטישער געשיכטע.

אָקטאָבער, 1957.

פייער, ווינט און וואַסער!

(נאכן טויט פון פראָפ׳ אַלבערט איינשטיין ע״ה)

אין די אַגדות ווערט דערציילט, אַזביים טויט פון גרויסע מענטשן, פון צדיקים, פון גדולי הדור זענען דעם רבונו של עולמס באַשאַפן נישט רויק: אַז ר׳ אבהו איז נפטר געוואָרן, האָבן אַלע זיילן אין דער שטאָט קיסרי געטריפט מיט טרערן. ביי ר׳ יוסיס טויט האָבן די דאַך־רינעס אין דער שטאָט צפורי געגאָסן מיט בלוט. ביי ר׳ יעקבס טויט האָבן זיך אין מיטן טאָג באַוויזן די שטערן. ביים טויט פון ר׳ חיא זענען פייערדיקע שטיינער געפאַלן פון הימל. ביי אביי און רבאס טויט — זענען ביידע ברעגן פון טייך דגלת געוואָרן ווי איינס.

וואָס עס האָט פאַסירט נאָכן טויט פון גדול הדור, פראָפ׳ איינשטיין ז״ל, ווייסן מיר נישט. כאָטש איינשטיין איז געשטאָרבן אויף אונדזער זינדיקער ערד, אָבער דער היינטיקער טעלעסקאָפּ איז נאָך אַלץ נישט גענוג גרויס, בכדי צו קענען ווייזן די רעאַקציעס פון גאָטס באַשאַפן נאָך אַזאַ געשעעניש, ווי עס איז געווען די פּטירה פון גרויסן נפטר, פון פראָפ׳ איינשטיין ז״ל. וואָס מיר ווייסן יאָ איז, אַז די וועלכע האָבן זיך מטפּל געווען מיט די רעשטן פון געניאַלן מענטשן, פון איינשטיינען, האָבן נישט געהאַלטן פון דעם פסוק: „אָדם יסודו מעפר, וסופו לעפר״. איינשטיינס רעשטן זענען נישט געבראַכט געוואָרן צו קבורה לויטן יידישן דין, נאָר מען האָט דעם קערפּער פאַרברענט אין אַ קרעמאַטאָריום און דאָס אַש איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער, אין „דעלאַווער ריווער״, און דער ווינט האָט עס צעטראָגן על פני המים, אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער.

פאַרשידענע טיילן פון איינשטיינס קערפּער האָבן דאָקטוירים גענומען פאַר שטודיום־צוועקן, ווי, למשל, דעם מאַרך און די אויגן.

דער ילקוט שמעוני גיט אונדז איבער פּרטים, ווי אַזוי אהרן הכהן איז געשטאָרבן.

— „פערציק יאָר נאָכדעם ווי די יידן זענען אַרויס פון מצרים האָט דער רבונו של עולם געזאָגט צו משהן: גיי און זאָג דיין ברודער אהרן, אַז עס איז

געקומען זיין צייט צו פאַרלאָזן די וועלט. ווען משה איז געקומען צו אהרנען — אויספאַלגנדיק גאָטס באַפעל — אין באַגלייטונג פון אליעזר און די נשיאים, האָט אהרן אַ פרעג געטאָן: „משה, מיין ברודער! זאָג מיר, וואָס דאַרפסטו מיך?״ האָט משה געענטפערט: „וואַרט ביז וואַנען מיר וועלן אַרויפגיין צום באַרג״. און ווען זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, האָט משה געזאָגט: „מיין ברודער! אפשר האָט דער אייבערשטער דיר פאַרטרויט עפּעס אַ פקדון און ער וויל עס איצט צוריק האָבן?״ אויף דעם האָט אהרן געענטפערט: „דער אוהל־מועד מיט אַלע זיינע כלים זענען מיר פאַרטרויט געוואָרן, אפשר האָב איך זיי נישט ריכטיק אָפּגעהיט?״ דערויף האָט משה געזאָגט: „די מנורה מיט אירע זיבן ליכט האָט דער אייבערשטער ביי דיר באַהאַלטן״. אהרן האָט נישט פאַרשטאַנען פון משהס רייד, אַז מיט זיין זאָג וועגן דער מנורה מיט די זיבן ליכט האָט ער מכוון געווען זיין נשמה. נאָכהער האָט משה געזאָגט צו אהרנען אין פאַרשטענדלעכע ווערטער: „אהרן, מיין ברודער! עס איז געקומען די צייט, וואָס דו דאַרפסט אַוועקגיין פון דער וועלט!״ משה האָט נאָכהער צוגעפירט אהרנען צו אַ הייל און אים געוויזן דעם פּלאַץ, ווו עס רוען די אָבות: אברהם, יצחק ויעקב. ער האָט אים געהייסן אויסטאָן די כהונה־קליידער און אַריינגיין אין דער הייל פון דער ערד. משה און אליעזר האָבן אים געקושט אין ביידע באַקן און דער אייבערשטער האָט אין דעם אויגנבליק ביי אהרנען צוגענומען זיין נשמה מיט אַ קוש.

ביי יידן איז תמיד געווען חל דער זאָג: הה׳ נתן והה׳ לקח — גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז קיין בר נש איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיין קערפּער. סיי דער גוף און סיי די נשמה געהערן צום באַשאַפער. ביי יידן פירט זיך, אַז טאָמער חלילה דאַרף מען אַמפּוטירן אַ קראַנקן אבר, איז מען אים מקבר.

ווי מיר דערוויסן זיך פון קאָמפּעטענטע קוועלן, היינו, פון איינשטיינס מקורבים, וועלכע פלעגן מיט אים עוסק זיין אין פאַרשידענע געשפּרעכן וועגן רעליגיע, מאָראַל און עטיק, — איז פּראָפ׳ איינשטיין ע״ה געווען אַ טיף־רעליגיעזער מענטש אין העכערן זין פון וואָרט. מען דערציילט, אַז ער האָט אין זיינע שמועסן אָפט געזאָגט, אַז עס איז קלאָר, אַז די וועלט, דער אוניווערז ווערט געפירט פון אַ באַשטימטער אָרדענונג, און דער כוח וואָס פירט עס איז געטלעכקייט, ווייל קיין שום מענטש איז נישט בכוח דאָס צו טאָן. משמע, אַז איינשטיין איז נישט געווען קיין פאַרלייקענער פון געטלעכקייט, און זיכער האָט ער געהאַט גרויס רעספּעקט צו די געטלעכע באַשעפענישן, צו וועמענס קאַטעגאָריע עס געהער דער מענטש, וועלכער איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין צלם אלוהים.

די פאַסירונג מיט איינשטיינס קבורה, דאָס פאַרברענען זיינע רעשטן אין קרעמאַטאָריום האָט אַרויסגערופן זייער פיל פאַרדרוס ביי אַ סך מענטשן.

אַזוי, למשל, שרייבט דער דיכטער ה. לייוויק, אַז די פאַרברענונג פון איינ־שטיינס רעשטן האָט אים ווי געטאָן ביז אין דער טיף פון זיין נשמה. לייוויק פרעגט מיט עמפּערונג: „וואָס פאַר אַ יחסן איז געוואָרן מיטאַמאָל פייער? פאַרוואָס קומט איינשטיינס קערפּער דעם הפקרדיקן ווינט? נאָר אין אַ דור, ווען דער מענטש־לעכער גוף איז בכלל געוואָרן הפקר, האָט אַזאַ זאַך געקענט פּאַסירן; אין אַ דור, ווען דער מענטשלעכער גוף איז געוואָרן אומהייליק, פאַרשוועכט, אין אַ דור, ווען מען האָט דעם מענטשלעכן גוף געשמיסן, געריסן אָדערן פון אים, געשונדן זיין הויט און געמאַכט פון דעם לאָמפּן־אַבאַזשורן, — נאָר אין אַזאַ דור, ווען דער מענטשלעכער גוף איז געוואָרן צו מיסט גליך — איז מעגלעך געוואָרן צו מאַכן פון אַ גוף אַש און ווינט". דער דיכטער לייוויק שרייבט, אַז ער זעט אין דער פאַרברענונג פון איינשטיינס גוף אַ גרינגשעצונג צו דער הייליקייט, און אָן דער הייליקייט פון מענטשלעכן גוף איז אויך נישטאָ קיין הייליקייט פון מענטש־לעכן גייסט!

לייוויק פרעגט אויך: „צי מעג מען נאָך טרעבלינקע און נאָך די מיידאַנעק־ און דאַכאַו־קרעמאַטאָריעס אַריינרוקן היינט אין אַ קרעמאַטאָריום אַ יידישן גוף, אַפילו ווען פרייוויליק, אַפילו ווען דאָס טוען די נאָענטסטע?"

מיט וואָס איז דאָס פייער יחוסדיקער? און פאַרוואָס קומט אים אַזאַ כבוד? דערפאַר, וואָס עס האָט אַזוי געטריי געדינט די דייטשן, די היטלעריסטישע צינ־דערס? פאַרוואָס קומט היינט זיינע פלאַקערן אַזאַ כבוד? און פאַרוואָס קומט דעם הפקרדיקן ווינט אַזאַ כבוד? אַז גראַד ער זאָל איבער אַלע ליידיקייטן צעשפּרייטן דעם אַש פון איינשטיינען? דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי הפקרדיק פונאַנדערגע־טראָגן איבער אַלע ליידיקייטן דעם רויך פון די דייטשע פייער־אויוונס, ווו עס האָבן זיך געפּרעגלט מיליאָנען פאַרברענטע יידישע לייבער?

אין זעלבן גייסט, נאָר מיט אַנדערע ווערטער, פרעגט די זעלבע שאלה דער באַקאַנטער פּובליציסט חיים ליבערמאַן. „עס האָט געפעלט — שרייבט ליבערמאַן — דאָס פרומע געפיל פון קדושה. דער טויטנטאַנץ אַרום דעם פאַרשטאָרבענעם גאון איז אָן אמתער טאַנץ פון שדים און מזיקים".

חיים ליבערמאַן באַצייכנט די פּאַסירונג מיט איינשטיינס גוף ווי אַ מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן איבערן טויטן קערפּער פון דעם געניאַלן זון פון יידישן פאָלק, דעם געניאַלסטן מענטש פון אונדזער צייט, — אַלבערט איינשטיין.

צוזאַמען מיטן דיכטער ה. לייוויק און שריפטשטעלער און פּובליציסט חיים ליבערמאַן זענען פיל, פיל מענטשן אין שטאַרקער עמפּערונג פאַר איבערגעבן איינשטיינס רעשטן צו פייער, ווינט און וואַסער.

ייִדן אין אייראָפּע צען יאָר נאָכן צווייטן קריג

(צום דערשייַנען פון בוך: „דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום צען יאָר נאָכן קריג")

דער אינסטיטוט פאַר ייִדישע ענינים ביים ייִדישן וועלט־קאָנגרעס האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן דעם מצב פון ייִדן אין זעכצן אייראָפּעיִשע לענדער, צען יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק פון ד"ר נחמיה ראָבינזאָן — דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט, און פאָלגנדיקע מחברים באַטייליקן זיך מיט זייערע אַרבעטן: י. פישער, וועלכער שרייבט וועגן רומעניע און אונגאַרן; ד"ר ג. יאַקאָבי — וועגן דייטשלאַנד; ד"ר קאַרבאַך — וועגן עסטרייך, גריכנלאַנד, בולגאַריע און איטאַליע; מאַקס קאַצענעלבויגן — וועגן בעלגיע; יעקב לעשצינסקי — וועגן פּוילן; אַרנאָלד מאַנדעל — וועגן עסטרייך; ג. פּאָלאַק — וועגן האָלאַנד; ראַבּיי סערעבּרעניק — וועגן לוקסעמבורג; פּנחס וועלנער — וועגן דענעמאַרק און ד"ר ש. סאָקאָל — וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע.

די אויבנדערמאָנטע מחברים זענען עקספּערטן אויפן געביט פון ייִדישן לעבן אין אייראָפּע. דער רוב פון די באַטייליקטע אין דעם קאָלעקטיוון בוך האָבן נאָך דער וועלט־מלחמה עטלעכע מאָל באַזוכט אייראָפּע און אויפן פּלאַץ, אין די באַזונדערע לענדער, דורכגעפירט אַ גענויעם שטודיום וועגן דער אַנטוויקלונג פון ייִדישן לעבן אויפן עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט און אויפן סמך פון דעם שטודיום זענען זיי געקומען צו געוויסע מסקנות וועגן דער לאַגע פון ייִדן אין זעכצן אייראָפּעיִשע לענדער, צען יאָר נאָכן צווייטן וועלט־קריג.

אַלע געדענקען מיר דאָס צאַפּלדיקע, דאָס שפּרודלדיקע ייִדישע לעבן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע פאַרן צווייטן וועלט־קריג. מיר זענען אַליין קינדער פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. פּריש איז ביי אונדז פאַרבליבן אין זכרון דאָס געשטאַלט פון די ייִדן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע און אויך אין מערב־אייראָפּע, איידער עס זענען געקומען די רוצחישע הענט פון די היטלער־הענקער.

אַט שטייען זיי פאַר אונדזערע אויגן, די הונדערטער טויזנטער באַבערדלטע און באַפּיאהטע ייִדן, פרומע און גאָטספאַרכטיקע ייִדן. אין אונדזערע אויערן איז פאַרבליבן דער קלאַנג פון דעם פאַרבענקטן גמרא־ניגון פון די טויזנטער און טויזנטער ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן אויסגעפילט די גרויסע תורה־אַנשטאַלטן אין מזרח־אייראָפּע. עס שטייען פאַר אונדזערע אויגן די אייראָפּעיִש־געקליידטע ייִדן, די סוחרים, פאַבריקאַנטן און פּראָפעסיאָנאַלן, די דאָקטוירים, דענטיסטן, אַפּ־טייקער, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן און לערער. אַט זעען מיר די טויזנטער און טויזנטער ייִדישע קינדערלעך, די משהלעך און שלמהלעך; די פון די תלמוד־תורהס, די פון די תרבות׳־, „ציש״א״־ און שול־קולט־שולן און אַנדערע טיפּן שולן, סיי אָרטאָדאָקסישע און סיי וועלטלעכע; די קינדערלעך פון וואַרשע און זשעליכאָוו, פון לעמבערג און פשעמישל, פון קראָקע און טאַרנאָוו, פון בוקאַרעשט און יאַסי, פון בודאַפּעסט און קלויזענבורג, פון פּראָג און בראַטיסלאַווא, פון ווילנע און סמאָרגאָן, פון קאָוונע און שאַוועל, פון ריגע און דווינסק. מיר הערן נאָך זייער געזאַנג און מיר פילן זייער שטיפערישקייט. אַט די קינדערלעך פון אונדזער פאָלק, די זין און טעכטער פון ישראל סבא, וועלכע זענען מיטאַמאָל אומגעבראַכט געוואָרן פון היטלערס מערדערישער האַנט.

קליינע רעשטלעך בלויז, געציילטע האָבן באַוויזן דורך ניסים זיך צו ראַטע־ווען פון היטלערס רוצחישע נעגל. דער רוב פון די על פּי נס לעבנגעבליבענע האָבן עולה געווען קיין ישראל. אַ קליינער פּראָצענט בלויז איז פאַרבליבן אין די לענדער פון אייראָפּע, אויף דער מיט ייִדיש בלוט אויסגעווייקטער ערד.

וואָס טוען די דאָזיקע ייִדן, וועלכע זענען פאַרבליבן לעבן אין די אייראָ־פּעיִשע לענדער נאָכן חורבן? וואָס איז זייער אינטערעס אין לעבן? וואָס האָבן זיי באַוויזן צו דערגרייכן אויפן געביט פון צוריק־אויפריכטן דאָס חרוב־געוואָרענע ייִדישע קולטור־לעבן אין משך פון די לעצטע צען יאָר, זינט די קאַנאָנען זענען שטיל געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער און די הייסע מלחמה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן ?

אַ געניגע תשובה אויף די דערמאָנטע פראַגן, צוזאַמען מיט אַ שלל פון אינ־פאָרמאַציע, באַקומען מיר אין דעם קאָלעקטיוון בוך, וואָס דער אינסטיטוט פאַר ייִדישע ענינים ביים ייִדישן וועלט־קאָנגרעס האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ גרעסערער אַרבעט פון באַקאַנטן געלערנטן יעקב לעשצינסקי וועגן פּוילן, ווו עס האָט געלעבט דער גרעסטער ייִדישער ישוב אין אייראָפּע. לעשצינסקי, — וועלכער האָט זייער גוט געקענט דאָס ייִדישע לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, ווו ער האָט אַליין פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט עטלעכע יאָר — גיט אונדז אַן איבערבליק וועגן ייִדישן לעבן פאַרן קריג און וועגן דעם לעבן פון דער שארית־הפליטה אין פּוילן.

לעשצינסקי שרייבט, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך צו קאָנען פאַרשטיין ייִדיש לעבן אין דעם היינטיקן קאָמוניסטישן פּוילן, נישט נעמענדיק אין אַכט דאָס פּוילישע ייִדנטום פון פאַר דער מלחמה. פון 3.250.000 ייִדן, וואָס האָבן גע־לעבט אין פּוילן פאַרן צווייטן וועלט־קריג, זענען אין דער גרויסער היטלער־קאַטאַסטראָפע בלויז אַרום 50.000 געבליבן לעבן. דאָס פּוילישע ייִדנטום פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם רעליגיעזן און גייסטיקן צענטער פון וועלט־ייִדנטום. 87 מיט אַכט צענטל פּראָצענט פון פּוילישן ייִדנטום האָבן אין יאָר 1931 אָנגעגעבן אין אַן אָפיציעלן מלוכה־צענזוס ייִדיש און העברעיִש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. 50% פון די ייִדישע קינדער אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן זענען געגאַנגען אין ייִדישע אָדער העברעיִשע שולן. פון די העברעיִשע שולן זענען עס אַרויסגעוואַקסן די שפּעטערדיקע חלוצים, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די דריטע עליה קיין ארץ־ישראל. די רעשטלעך לעבנגעבליבענע ייִדן נאָך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע האָבן זיך באַמיט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייאונג אויפצולעבן אין פּוילן די ייִדישע קולטור, צו אָרגאַניזירן שולן, צו לערנען אויך העברעיִש מיט די קינדערלעך. אָבער דער קאָמוניסטישער רעזשים האָט אָוועקגעלייגט זיינע לאַפּעס און בהדרגהדיק כמעט ווי אָפּגעווישט דאָס ייִדישע קולטורעלע לעבן. אַנטיסעמיטיזם שטאַרקט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אין פּוילן. צוליב דעם פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם ווילן וואָס מער ייִדן אַרויספאָרן פון פּוילן.

נאָכן איבערלייענען יעקב לעשצינסקיס אַלזייטיקע באַשרייבונג וועגן היינטיקן מצב פון ייִדישן לעבן אין פּוילן, ווערט פאַרשטענדלעך, אַז עס קאָן לגמרי קיין רייד נישט זיין וועגן ווידער אויפלעבן כאָטש אַ שמץ פון דעם אַמאָליקן ייִדישן קולטורעלן לעבן. פון איין זייט די שטאַרקע האַנט פון קאָמוניסטישן רעזשים, פון דער צווייטער זייט דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין די רייען פון פּוילישן פאָלק מאַכט אוממעגלעך וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט פון דער ייִדי־שער שארית־הפליטה אין פּוילן.

אַ לענגערע אַרבעט וועגן ייִדישן לעבן אין דייטשלאַנד, סיי אין מערב־ און סיי אין מזרח־דייטשלאַנד, האָט געשריבן ד״ר ג. יאַקאָבי, וועלכער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט דייטשלאַנד נאָך דעם קריג. ד״ר יאַקאָבי דערציילט אונדז, אַז ווען די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט אין יאָר 1933, האָבן אין דייטשלאַנד געלעבט 525 טויזנט ייִדן. אין יאָר 1931 זענען אין דייטשלאַנד געווען 963 ייִדישע קהילות, צו וועלכע עס האָבן געהערט 90% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. צווישן די יאָרן 1933—1941 האָבן פון דייטשלאַנד אויסגעוואַנדערט אַרום 360 טויזנט ייִדן. אָבער אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער צאָל זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נאַציס אין לענדער, וואָס זיי האָבן אָקופּירט. צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

האָבן זיך אין דייטשלאַנד געפֿונען אַרום 70 טויזנט ייִדן, פֿון וועלכע נאָר אַרום 15 ביז 20 טויזנט זענען געווען דייטשע ייִדן. די איבעריקע זענען געווען פֿון פֿאַרשידענע אייראָפּעיִשע לענדער, וועמען די היטלער־קאַטאַסטראָפֿע האָט פֿאַרטראָגן קיין דייטשלאַנד.

אין אויגוסט 1950 זענען אין מערב־דייטשלאַנד געווען אַרום 34 טויזנט ייִדן און אין חודש יאַנואַר 1955 האָט די פֿעדעראַלע דייטשע רעגירונג פֿעסטגעשטעלט, אַז אין יענער צייט האָבן זיך געפֿונען אין מערב־דייטשלאַנד 27 טויזנט ייִדן, פֿון דער צאָל 18 טויזנט דייטשע ייִדן און 9 טויזנט אויסגעוואָרצלטע ייִדן פֿון אַנדערע לענדער. היינט צו טאָג — צען יאָר נאָכן קריג, — געפֿינען זיך אין מערב־דייטשלאַנד אַרום הונדערט ייִדישע קהילות.

באַריכטן וועגן אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד — שרייבט ד״ר יאַקאָבי — באַווייזן, אַז די דייטשן אין היינטיקן דייטשלאַנד, צען יאָר נאָכן קריג, באַטראַכטן דעם ייִדן ווי אַ פֿרעמדן און אַז פּאַקטיש לעבן די ייִדן אין דייטשלאַנד ווי אויף אַן אינדזל פֿון מיספֿאַרשטייעניש.

אַ באַזונדער קאַפּיטל ווידמעט ד״ר יאַקאָבי דעם לעבן פֿון ייִדן אין מזרח־דייטשלאַנד. ער שרייבט, אַז אָפֿיציעל עקזיסטירט נישט קיין אַנטיסעמיטיזם דאָרט, ווייל די קאָנסטיטוציע פֿון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט דערקלערט פֿאַר אַ פֿאַרברעכן אַקטן פֿון רעליגיעזן־ און ראַסן־האַס, וואָס איז שטראָפֿבאַר און פֿאַלט אַרונטער אונטערן קרימינעלן געזעץ. זינט אָבער 1952 האָט זיך אין מזרח־דייטשלאַנד און אין מזרח־בערלין אַנטוויקלט אַן אַנטי־ייִדישע שטעלונג. אַ סך ייִדישע פֿירער און ייִדן אויף מלוכה־פּאָסטנס זענען באַזייטיקט געוואָרן פֿון זייערע אַמטן.

וועגן דער צוקונפֿט פֿון ייִדן אין דייטשלאַנד ברענגט פֿאַר אונדז ד״ר יאַקאָבי דרייערליי קורסירנדיקע מיינונגען, היינו: איין מיינונג וואָס האַלט, אַז די טענדענץ ווייטער צו פֿאַרוואַנדלען דייטשלאַנד אין אַ גרויסער מיליטערישער מאַכט, איז עלול צו מאַכן פֿון דייטשלאַנד אַ נייעם צענטער פֿון אַנטיסעמיטיזם און די ייִדן קאָן דאָרט אויסקומען צו לעבן ווי אויף אַ ווולקאַן. אַן אַנדער מיינונג איז פֿאַראַן, וואָס לויטעט, אַז צוליב דער סטראַטעגישער און געאָגראַפֿישער לאַגע, אין וועלכער דייטשלאַנד געפֿינט זיך, וועט דאָס לאַנד האָבן אַ צוציִונגס־קראַפֿט פֿאַר ייִדן. עס איז אויך פֿאַראַן אַ מיטעלע מיינונג צווישן די דערמאָנטעביידע עקסטרעמען, וואָס זאָגט, אַז מחמת דער אומפֿעיִקייט סיי פֿון די ייִדן און סיי פֿון די דייטשן צו פֿאַרגעסן וואָס עס האָט געטראָפֿן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט וועט ווייטער עקזיסטירן אַ וואַנט צווישן ייִדן און דייטשן און ייִדן וועט אויסקומען אין דייטשלאַנד צו לעבן איזאָלירט פֿון דער דייטשער באַפֿעלקערונג.

וועגן ייִדישן לעבן אין עסטרייך, שרייבט ד״ר קאַרבאַך, און ער קומט צום

אויספיר, אַז דער לעצטנס אונטערגעשריבענער טראַקטאַט, וואָס האָט צוריקגעגעבן עסטרייך פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט און פאַרזיכערט איר צוקונפטיקן נייטראַלן סטאַטוס, וועט שאַפן אַ סך עקאָנאָמישע און קולטורעלע מעגלעכקייטן, וועלכע קאָנען בייטראָגן צו אַ וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך צוציִען געוועזענע עסטרייכישע יידן, וואָס לעבן היינט צו טאָג אין אַנדערע לענדער, אַז זיי זאָלן צוריקקומען קיין עסטרייך. דער מחבר ברענגט אויך אַרויס אַ מיינונג, אַז צוליב דעם סוף פון דער אַליאירטער אָקופּאַציע אין מערב־עסטרייך קאָן גאָר קומען צו אַן אויסוואַנדערונג פון קליינע יידישע גרופּעס קיין אויסלאַנד.

וועגן יידיש לעבן אין טשעכאָסלאָוואַקיע שרייבט ד״ר ש. סאקאל. ער צעטיילט די געשיכטע פון יידישן לעבן אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָך דער באַפרייאונג פון די נאַציס אין דריי תקופות, היינו: דער פּעריאָד פון דער באַפרייאונג ביז צו דער קאָמוניסטישער הערשאַפט 1948—1945, נאָכהער די צייט פון דער מאַסן־עמיגראַציע אין די יאָרן 1948־49 און דער צייט־אָפּשניט, וואָס דאַטירט זיך פון יאָר 1949.

ד״ר סאקאל דערציילט אונדז, אַז אין די ערשטע יאָרן נאָכן קריג איז ציוניזם אין טשעכאָסלאָוואַקיע געווען דער דאָמינירנדיקער כוח אין דעם יידישן לעבן. די ציוניסטן זענען עס געווען די, וועלכע האָבן גענומען די איניציאַטיוו צו רעהאַביליטירן יידיש לעבן. די ציוניסטן זענען עס געווען די, וועלכע האָבן פּלאַנירט די צוקונפט פון יידישן לעבן. די אַזוי גערופענע „טשעך״־יידן, די אַסימילאַטאָרן, האָבן נישט געוואַגט זיך צו פאַרטשעפּען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אַסימילאַציע — שרייבט ד״ר סאקאל — איז בכלל נישט געווען פּאָפּולער אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָכן קריג. די איינציקע פּאָפּולערע באַוועגונג אין דעם לעבן פון די געראַטעוועטע יידן איז געווען דער ציוניזם. ציוניזם האָט אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן אין דעם באַפרייטן טשעכאָסלאָוואַקיע. אין די לעצטע יאָרן, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער אַנטי־ציוניסטישער קורס אין די סאַטעליטן־לענדער; זינט מען האָט אָנגעהויבן מיט דער שטאַרקער האַנט פון קאָמוניסטישן רעזשים אונטערצודריקן יעדן נאַציאָנאַלן אויפשטייג אין יידישן לעבן, איז אויך די לאַגע אין טשעכאָסלאָוואַקיע געוואָרן אַנדערש. ציוניזם איז געוואָרן פאַרפאָלגט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון ציוניסטן. היינט צו טאָג איז אין טשעכאָסלאָוואַקיע דער איינציקער סימן פון יידיש לעבן די עטלעכע בתי מדרשים, וואָס זענען פאַרבליבן, און די רעגירונג זאָל צוטיילן די פינאַנציעלע מיטלען, וואָס זענען נייטיק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אונטערצוקומען זייערע רעליגיעזע הצטרכותן. דאַקעגן זענען נישטאָ קיין שום יידישע שולן אין פּראָג, אין דעם גרויסן יידישן פּראָג, וואָס האָט אַזוי געשמט אין דעם נאָענטן עבר.

עס איז אוממעגלעך אויסצושעפּן אין אַ קורצן איבערזיכט אַלע אַרבעטן, וואָס

זענען אין דעם בוך פאַרעפנטלעכט. מיר האָבן נאָר אין ראשי פרקים איבערגעגעבן וועגן עטלעכע לענדער בלויז.

די אַלע פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן אין דעם בוך זענען זייער קלאָר און אָביעק־טיוו געשריבן געוואָרן. יעדע באַהויפּטונג האָט אַ יסוד, און עס מערקט זיך ווי די מחברים האָבן געוווּגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט. דאָס בוך איז אַ שטודיום און נישט סתם אַ באַשרייבונג. סיי די מחברים און סיי דער רעדאַקטאָר האָבן אָפּגעהיט שטרענג די כללים פון אַ שטודיום־אַרבעט. עקזאַקטקייט, פּרעציזקייט און באַגרינדונג זענען דער יסוד פון יעדער געשריבענער אַרבעט.

דאָס קאָלעקטיווע ווערק וועגן מצב פון ייִדן אין זעכצן אייראָפּעיִשע לענדער האָט באַרייכערט דעם אוצר פון שאַפונגען, וואָס דער אינסטיטוט פאַר ייִדישע ענינים גיט אַרויס. עס האָט צו גלייכער צייט אויך פאַרפעסטיקט דעם פּרעסטיזש פון דער אינסטיטוציע, וואָס שטייט אויף אַ הויכער אַקאַדעמישער מדרגה און איז שטאַרק אַחריותפול ביים צוגרייטן מאַטעריאַלן וועגן ייִדישן לעבן אין די תפוצות.

מיר זענען מיט דער מיינונג, אַז דער אינסטיטוט וואָלט געטאָן אַ זייער נוצ־לעכע און גוטע זאַך, ווען ער פירט דורך סעמינאַרן מיט ייִדישע סטודענטן אויף די אַמעריקאַנער הויך־שולן און באַקאַנט זיי מיטן ייִדישן לעבן אין היינטיקן אייראָפּע און אַנדערע פלעצער פון אונדזער צעשפּרייטקייט. דער אינסטיטוט איז באַרופן דאָס צו טאָן!

.1956

יידיש לעבן אין צפון־ און דרום־אַמעריקע

עס קומט בלי ספק אַ יישר־כוח די עטלעכע עסקנים, אַ דאַנק וועמען עס איז איצט דערשינען דער צענטער באַנד פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע „יידן". מיר ווייסן וויפל מי און ענערגיע דער קאָמיטעט פאַר דער ענציקלאָפּעדיע האָט אַריינגעלייגט, כדי דער צענטער באַנד זאָל אָנזען די ליכטיקע שיין.

די לייטונג פון דעם ענציקלאָפּעדיע־פאַרלאַג זאָגט אונדז אָן אין דער הקדמה צום צענטן באַנד, אַז עס ווערט פּלאַנירט אַרויסצוגעבן פון דער סעריע „יידן" נאָך צוויי בענדער: אַ באַנד „חורבן אייראָפּע" און אַ באַנד „מדינת ישראל". אונדז בלייבט אויסצודריקן אונדזערע ברכות צו די עקשנים פון דער אַלגעמיינער ענציק־לאָפּעדיע, אַז זיי זאָלן דעם פּלאַן רעאַליזירן מיט ווייניקער שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אויסטראָגן ביים אַרויסגעבן דעם צענטן באַנד.

פאַר אונדז ליגט אַ בוך מיט 448 זייטן, גרויסער פאָרמאַט — ענציקלאָפּעדיע־פאָרמאַט, געדרוקט אויף גוט און שיין פּאַפּיר, רייך אילוסטרירט מיט איבער 150 בילדער, און אין דעם בוך איז פאַראַן אַ סך אינפאָרמאַציע וועגן יידישן לעבן און יידישע פּראָבלעמען אין דער נייער וועלט, ווו עס איז היינט צו טאָג קאָנצענטרירט דער רוב בנין און רוב מנין פון יידישן פאָלק. דער באַנד הייבט זיך אָן מיט אַ גרעסערער אַרבעט וועגן „יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן", געשריבן פון באַקאַנטן געלערנטן — דעם זקן הסופרים יעקב לעשצינסקי. אין צען קאַפּיטלען גיט אונדז איבער דער מחבר אַ בילד וועגן יידישן לעבן אין אַמעריקע, וועגן דעם וווּקס און קאָנצענטראַציע זינט דעם אָנהייב פון דער יידישער איינוואַנדערונג. פון לעשצינסקיס אַרבעט דערוויסן מיר זיך וועגן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און וועגן דער אָרגאַנישער איינגלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַמע־ריקאַנער ווירטשאַפט, אַזוי אַז דער לייענער קאָן זיך שאַפן אַ בילד וועגן יידן און יידיש לעבן אין דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אויף דער וועלט — אין אַמעריקע. אין דער זעלבער אַרבעט, נאָך אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, דערציילט אונדז יעקב לעשצינסקי וועגן דעם קיבוץ גלויות אין דעם גלות אַמעריקע, ווו עס האָבן זיך

צוזאַמענגעטראָפן ייִדן פון אַלע עקן וועלט, פון אַרום דרייסיק אייראָפּעיִשע לענדער און פון אַ צענדליק אָריענטאַלישע לענדער. דער מחבר דערציילט אונדז ווי אַזוי דער קיבוץ גלויות אין אַמעריקע איז געגאַנגען אויף פאַרשידענע וועגן און אין אַ פאַרשידענעם טעמפּאָ ביי פאַרשידענע גרופּעס ייִדן. די ערשטע ראָלע זאָל לויט יעקב לעשצינסקין האָבן געשפּילט די רעליגיע. זי האָט עס די ערשטע צוזאַמענגעבראַכט אין בית המדרש אָדער אין טעמפּל אַריין די ייִדן, געקומענע פון פאַרשידענע לענדער און קולטורן. אַ באַדייטנדיקע ראָלע האָבן אויך געשפּילט די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן גרופּירט די ייִדן, געקומענע פון די אייראָפּעיִשע לענדער, אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, לויט דעם נאָמען פון די שטעט פון וואַנען די ייִדן זענען קיין אַמעריקע געקומען. שפּעטער ערשט, ווייזט אָן דער מחבר, האָבן אַ גרויסע ראָלע אויך אָנגעהויבן צו שפּילן די פאַרשידענע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, און אין די לעצטע יאָרן — פּירט אויס דער מחבר — שפּילן די גרעסטע און טיפסטע ראָלע אין דעם צוזאַמענשמעלצונגס־פּראָצעס פון אַלע טיפּן ייִדן אין אַמעריקע די געלט־קאַמפּיינען און גאַנץ באַזונדערס דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״. ביי די קאַמפּיינען דערשיינט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום אַלס גאַנצעס.

וועגן די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי ייִדן אין אַמעריקע שרייבט דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר פיליפּ פרידמאַן. ער הייבט אָן מיט דעם באַגינען, מיטן אויפקום פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זענען געשטאַנען מחוץ פון דער סינאַגאָגע, וואָס דאַטירט זיך פון יאָר 1761. ערשט ביים סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט — ווייזט אָן דער מחבר — האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. ד״ר פרידמאַן ווייזט אָן, אַז די ערשטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין אַמעריקע פון אַ גרויסן פאַרנעם האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרינדונג פון „בני ברית״, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1843. ד״ר פרידמאַן גיט איבער די געשיכטלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געגעבן דעם אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב דעם אימפּולס צו אָרגאַניזירן די ערשטע נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. דער סאַמע שטאַרקסטער פאַקטאָר איז געווען אַ דרויסנדיקער — די נויט פון ייִדן מחוץ אַמעריקע; ייִדן, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין מאַטעריעלער און פּאָליטישער הילף פון זייערע ברידער אין אַמעריקע, האָבן גורם געווען, אַז ייִדן אין אַמעריקע זאָלן זיך אָרגאַניזירן. פון דער זעלבער אַרבעט דערוויסן מיר זיך מכוח די כלערליי פּרוּוון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ פון די אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס דאַטירט זיך פון יאָר 1840, און ווי מיר ווייסן, עס האָט זיך עד־היום הזה נאָך נישט איינגעגעבן.

אַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע האָט צוגעגרייט פאַרן צווייטן באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע ש. ניגער ע״ה. ניגערס

אַרבעט נעמט אַרום די תּקופֿה פֿון פֿאַר דער ייִדישער מאַסן־אײַנוואַנדערונג קיין אַמעריקע ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער מחבר באַמערקט צום סוף פֿון זײַן אַרבעט, אַז קורצע סך־הכּלען פֿון פֿאַקטן און געשעענישן אין דער וועלט פֿון ייִדיש און דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע פֿאַר די לעצטע עטלעכע צענד־ליק יאָר געפֿינען זיך אין די בענדער: ייִדן ב׳ און ייִדן ג׳ פֿון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע.

וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע שרײַבט דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף משה שטאַרקמאַן. אין זײַן אַרבעט נעמט דער מחבר אַרום: פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, דראַמע, ליטעראַטור, קריטיק, זכרונות, טעאַטער־געשיכטע, ליטע־ראַטור־געשיכטע, חסידות און פֿאָלקלאָר, ייִדישע זשורנאַליסטיק, פּובליציסטיק און אַנדערע.

וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור אין אַמעריקע שרײַבט דער יונגער גע־לערנטער און אינטעלעקטואַל ד״ר י. ק. מיקלישאַנסקי, און זײַן אַרבעט נעמט אַרום דעם צײַט־אָפּשניט פֿון 1871 ביז 1914.

דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און שול־עסקן, זלמן יעפֿרויקין, איז פֿאַרטראָטן אין צענטן באַנד פֿון דער ענציקלאָפּעדיע מיט אַ גרעסערער אַרבעט וועגן ייִדישער דערציִונג, וואָס נעמט אַרום די ספֿרדישע תּקופֿה, דאַטירט פֿון 17טן יאָרהונדערט, און די אַשכּנזישע תּקופֿה, וואָס דאַטירט זיך פֿון 19טן יאָרהונדערט. אין זײַנע סך־הכּלען און אויספֿירן, שרײַבט דער מחבר פֿון „ייִדישע דערציִונג״, איז אין אַמעריקע, טראָץ דעם וואָס בײַ ייִדישע עלטערן איז אין די לעצטע יאָרן געשטיגן דער אינ־טערעס און ווילן צו געבן זייערע קינדער אַ ייִדישע דערציִונג, נאָך אַלץ פֿאַרבליבן דער אַלטער קוק אויפֿן ייִדישן חינוך, און דער אַלטער קוק מיינט, אַז דער חינוך באַדאַרף נישט זײַן קיין אינטענסיווער, קיין גרינטלעכער; עס זאָל נאָך הײַנט צו טאָג זײַן געגנוג אויבערפֿלעכלעכער וויסן. דער מחבר גיט אונדז אויך איבער, אַז וואָס קלענער דער ישוב, אַלץ העכער איז דער פּראָצענט קינדער, וואָס באַקומען אַ ייִדישע דערציִונג. אין קלענערע ישובֿים דערגרייכט דער פּראָצענט ביז 85 פֿון אַלע ייִדישע קינדער. יעפֿרויקין שרײַבט, אַז ייִדישער חינוך הײַנט צו טאָג איז נאָך אַלץ אַן ענין פֿון דער מינדערהייט. פֿאָלגנדיקע ציפֿערן באַדאַרפֿן באַקרעפֿטיקן יעפֿרויקינס באַהויפּטונג: אין יאָר 1908 האָבן 28 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדישע קינדער באַקומען אַ ייִדישע דערציִונג אין אַמעריקע. אין יאָר 1951 איז דער פּראָצענט געשטיגן אויף 42, און אין 1954, נאָך יאָרן מי און אַרבעט, דערגרייכט דער פּראָצענט עטוואָס מער פֿון 42. דאָס איז נוגע דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איבערן לאַנד. אין ניו־יאָרק, אין צענטער פֿון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, באַטרעפֿט דער פּראָצענט 31,2. — ווייניקער בכן פֿון איין דריטל. אמת איז — שטרײַכט אונטער דער מחבר — אַז אַן ערך 80 פּראָצענט פֿון אַלע

קינדער באַווײַזן זיך אין אַ ייִדישער שול, אָבער מען האַלט זיך נישט אויף אין דער שולע לאַנג.

וועגן דעם ייִדישן ישוב אין קאַנאַדע שרײַבן: ל. ראָזענבערג און דער באַקאַנ־טער שריפטשטעלער מלך ראַוויטש. דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע ווערט פאַרגעשטעלט פון א. ל. שוסהיים ע״ה. די ייִדישן שולן — פון ש. ראָזשאַנסקי און די ייִדישע ליטעראַטור — פון יעקב באַטאַשאַנסקי.

א. ליפּינער און ל. שמעלצינגער זענען פאַרטראָטן מיט אַרבעטן וועגן דעם ייִדישן ישוב אין בראַזיל. מ. מייזעל שרײַבט וועגן ייִדן אין מעקסיקע און ל. ראַן וועגן ייִדן אין קובאַ.

***

די אינפאָרמאַציע, וואָס איז פאַראַן אין צענטן באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע, איז אַ רעיעלע. יעדער מחבר האָט זיך באַמיט צו געבן דעם מאַקסימום, לויט זײַנע פעיִקייטן און וויסן. ווי עס זעט אָבער אויס, זאָל דער באַנד האָבן אַרויסגעגעבן געוואָרן אָן אַ געניטן רעדאַקטאָר. דער מאַטעריאַל איז וואַרשײַנלעך אַרײַן אין דרוק אַזוי ווי די מחברים האָבן צוגעשיקט, און אפנים האָט אַ געניטע זשורנאַ־ליסטישע פעדער דעם מאַטעריאַל קאָריגירט. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז דער צענטער באַנד באַשטייט פון אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען, געשריבן פון גוטע מחברים, טייל פון זיי ספּעציאַליסטן אויף זייערע געביטן. ווען די אַרבעט וועגן מעקסיקע, למשל, וואָלט בעסער רעדאַגירט געוואָרן, וואָלט זי אין ווייניקער שורות געגעבן אַ בעסערן שפּיגל. מען וואָלט מסתמא פאַרשפּאָרט אַרומצוזוכן צווישן די קאַפּיטלען דאָס ייִדישע פּאָליטישע לעבן פון ישוב, בפרט אַז אין דעם קליינעם ישוב זענען פאַרטראָטן אַלע פאַרטייען און ריכטונגען אין דעם ייִדישן לעבן. און ווי קליין דער ישוב זאָל נישט זײַן, האָט ער אָבער זיך דער־וואָרבן אַ שם פון אַ דינאַמישן ישוב. מיר וויסן אויך אַז ציוניזם, אין אַלע זײַנע שאַטירונגען, פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דעם לעבן פון די מעקסיקאַנער ייִדן. פון דער אַרבעט פון ט. מייזעל זעען מיר דאָס גאַנץ ווייניק.

זייער קאַרג איז אויך דערמאָנט די אַקטיווע בונדישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין דעם וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד״.

אַ וויסנשאַפטלעכער רעדאַקטאָר וואָלט צו אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן. ער וואָלט שוין אָפּגעהיט, אַז מען זאָל חלילה נישט קאָנען פאַרוואַרפן קיין שום צמצום־טענדענץ, ווען עס האַנדלט זיך אין שפּיגל פון ציוניזם און ציוניסטישער אַרבעט פון דעם מעקסיקאַנער ייִדנטום.

נעמענדיק אין באַטראַכט די שוועריקייטן, וואָס די לייטונג פון דער ענציקלאָ־פּעדיע האָט אַוודאי געהאַט אויפן געביט פון רעדאַקציע, — דאָס זעט מען אויך

פון פאַקט, וואָס נישט אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע און אויך אין אַנדערע לענדער קומען אַריין אין דער אינפאָרמאַציע, — דאַרף מען אָבער צוגעבן, אַז דער צענטער באַנד פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע איז אַ ווערטפול ווערק, וואָס דאַרף זיך געפינען אין יעדן ייִדישן הויז. עס איז אַ בוך צום לייענען און צום לערנען. ייִדיש לעבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס ציילט איבער אַ העלפט — כן ירבו — פון אונדזער פאָלק, איז אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר אויסגעוואָקסן צו אַ גרויסן כוח. עס איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דעם לעבן פון ייִדן אין גרויסן אַמעריקע, אין קאַנאַדע און מיט די אַנדערע לענדער אין דרום־אַמעריקע, ווי: אַרגענטינע, בראַזיל און מעקסיקע. דער צענטער באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע גיט אונדז אַ שלל פון אינפאָרמאַציע.

.1957

דערהויבענע פאָלקסטימלעכקייט

(אין אָנדענק פון מרדכי סטאָליאַר ע״ה)

אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן דערציילט י. ל. פרץ ז״ל וועגן צוויי וועגן, וואָס פירן צו זיין ליבן נאָמען — צו כביכול, וואָס איז די נשמה און דער תוך פון דער וועלט.

איינער איז דער וועג פון שכל, דער צווייטער — דער וועג פון האַרץ. דורך שכל שאַרפט דער מענטש זיין מוח; דורך האַרץ ווערט דער בשר ודם גערייניקט און געהייליקט.

על פי דרך הטבע ווערט יעדער בר־נש נתעלה — געהויכט און געהויבן דורך שכל; דורך שכל לערנט מען די תורה, וואָס איז דער חוק ומשפט — דאָס געזעץ פון דער וועלט. דורך שכל דערקענט מען דעם פּלאַן, לויט וועלכן דער בורא עולם האָט די וועלט אַרויסגעפירט פון תהו ובוהו. דורך שכל דערוויסט זיך דער מענטש וועגן די יסודות, אויף וועלכע די וועלט שטייט, און וואָס עס קאָן זי חרוב מאַכן. דורך שכל קאָן יעדער מענטש באַקומען אַ שטיקל דעה אין דער הנהגה פון דער וועלט. דורך שכל קאָן מען דערגרייכן אַ שטיקל שותפות צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי־בראשית.

אַ מענטש קאָן קומען צו אַ הויכער מדרגה אויך דורכן האַרץ — אויב די כוונה איז גוט און דאָס האַרץ איז גוט. אויב אין דעם האַרץ ברענט דאָס פייער פון גרויס ליבשאַפט צום בורא עולם, און עס רויכערן זיך דערויף מצוות און מעשים־טובים, ווי קרבנות אויפן מזבח...

אַשרי האיש — ווייל איז טאַקע דעם מענטש, וואָס גייט אויףביידע דרכים; וואָס עפנט זיך דעם הימל מיט ביידע שליסלען — מיטן שליסל פון שכל און מיטן שליסל פון האַרץ.

מרדכי סטאָליאַר ע״ה האָט בלי שום ספק געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע באַנוצן זיך אין לעבן מיט ביידע דרכים, סיי מיט האַרץ און סיי

מיט שכל. דער שכל פון מרדכי סטאַליאַר איז געווען באַמערקבאַר פאַר יעדן מענטשן, וועלכער איז נאָר געקומען מיט אים אין באַרירונג. מען האָט גלייך ביי יעדן געשפּרעך דערפילט די גראַדליניקייט, די פּשוטע לאָגיק, דאָס פאַרשטיין און באַנעמען ענינים; אַנאַליטיש זיך פונאַנדערקלייבן אין פאַרוויקלטע פּראָבלעמען, מבחין זיין בין טוב לרע — צווישן גוטס און שלעכטס, אָפּטיילן דאָס לאָגישע פון דעם אַבסורדאַלן, ברייט פונאַנדערגלידערן יעדן אַספּעקט פון וועלכן עס איז פּראָבלעם. שכלדיק — מיט אָפענעם מוח — ציִען מסקנות און פאַסן דעציזיעס — סיי אין פּריוואַטע און סיי אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

דורך זיין שכל איז מרדכי סטאַליאַר נתעלה געוואָרן, זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון ווערן אַן אינסטיטוציע — סטאַליאַר אין יידישן לעבן אין אַרגענטינע און ווייט־ווייט אויסער די גרענעצן פון אַרגענטינע, אין דער ברייטער יידישער וועלט, ווו יחידים און וועלט־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט דער מיינונג פון סטאַליאַרן וועגן יידישע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

דורך זיין שכל האָט מרדכי סטאַליאַר טיף באַנומען די יסודות, אויף וועלכע דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָן זיך האַלטן, סיי אין אַרגענטינע, סיי אין וועלט־מאַסשטאַב, און וואָס עס קאָן עס ח״ו חרוב מאַכן.

דורך שכל האָט מרדכי סטאַליאַר מבחין געווען וואָס עס איז און וואָס עס באַדאַרף זיין די מצווה, דער געבאָט פון יעדן יידן אין דער געזעלשאַפט און די געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצע איז מחויב מקיים צו זיין, און וואָס עס איז, אָדער קאָן ווערן אַן עבירה, פון וועלכער יעדער יחיד בפרט און די געזעלשאַפט בכלל דאַרף אַנטלויפן ווו דער פעפער וואַקסט, בכדי אויסצומיידן שלעכטע טאַטן.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, בעת זיינע באַזוכן אין אַרגענטינע אין געזעלשאַפטלעכע שליחותן, זיך צו איבערצייגן אין סטאַליאַרס שכלדיקע האַנדלונגען, אין ביז גאָר לאָגישע באַנעמונגען, אין קלוגע עצות און טאַטן אין געזעלשאַפטלעכע, שטאַרק־פאַרוויקלטע פּראָבלעמען.

אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער פון 1945, אין סוף פון צווייטן וועלט־קריג, נאָך דעם ווי די חיילות פון אַ גרויסער מדינה האָבן באַדייטנדיק געהאָלפן די דעמאָקראַטיעס זיגרייך צו פאַרענדיקן די מלחמה — האָט זיך אויף דער יידישער וועלט־גאַס אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע פון „פּראָגרעסיווע״ עלעמענטן צו דיסקאַנטירן דאָס פאַרגאַנגענע בלוט פון בראַווע קעמפער — מיטן ציל צו ווערן מיט־באַלעבאַטים אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן גראַד אין יענער צייט אָנגעטראָפן אויף אַ גוט אויער פון טייל יידישע פירער. אויך אין אַרגענטינע זענען געווען אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרכליניעט פון נחת און געחלומט, אַז עס קומט די צייט פון אחדות ישראל, פון שלום ושלוה אין אונדזערע רייען, פון נייע צייטן — ווען בעינינו ווערט מקוים דער טרוים פון „וגר זאב עם כבש״. מען האָט זיך

געזעצט צו אַ רונדן טיש, געשריבן טראַקטאַטן גאַנצע, פּלאַטפאָרמען פון אַ געמיינ־זאַמען פּראָגראַם פאַר טעטיקייטן. וואָס הייסט! עס איז געוואָרן שמחה וששון. ברידער האָבן זיך אָפּגעזוכט, נאָך אַ לאַנגער צעריסנקייט. זה היום שקיווינו לו — האָבן טייל געשריִען בקול רם. „לחיים ברידער" — האָבן אַנדערע אַרויסגעשעפּטשעט בקול דממה דקה. ווער ווייסט — האָבן זייטיקע זיך געסודעט — אפשר, אפשר טאַקע משיחס צייטן. ווער קאָן זיך דען דערלויבן צו פאַרהאַלטן משיחס טריט. אדרבה, מען מוז זיי צואיילן. דער כוס יגון פון יידישע צרות און ליידן איז דאָך שוין איבערפולט. אולי ירחם, טאָמער דאָך! מען דאַרף קיין יידן נישט פאַרטרייבן. עס איז דאָך בפירוש געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים: „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא". אפשר טאַקע וועט געלינגען מיט בשותפותדיקע כוחות צו־צואיילן די גאולה.

מיט אַ ניכטערן מוח, מיט אַ קלאָרן און גראַדליניקן שכל, מיט ווונדערבאַרער לאָגישער אַרגומענטאַציע, מיט אויסגעהאַמערטע באַווייזן, מיט אומאָפּפרעגבאַרע מאָטיוון, מיט שטאַרקע ראיות, מיט פּרעציזער זאַכלעכקייט — האָט ר' מרדכי סטאָליאַר ע"ה זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דעמאָלסטיקער נאָכגיביקייט און אומ־זיסטער פרייד פון געוויסע אונדזערע נאַציאָנאַלע פירער און עסקנים. דער שרייבער פון די שורות האָט זיך דאָן זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די שמועסן, וואָס ר' מרדכי סטאָליאַר ע"ה האָט געפירט מיט זיינע פריינט, מיט שליחים פון אויסלאַנד. די וויכוחים האָט סטאָליאַר געפירט ביי זיך — ביי זיין רעדאַקציע־טיש, אָדער באַגינען אין קאַפע, ביי אַ פאַרטי שאַך, ביי זיין טישל אָוונט־צייט אין קאַפע „קאָמערסיאַל".

געזיגט האָט דער שטאַנדפּונקט, די מיינונג פון סטאָליאַרן. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און יידן האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אַן איבעריק מאָל זיך צו איבערצייגן אין די כוונות פון די „פּראָגרעסיווע", אין זייער טענדענץ צו פירן דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. זיי האָבן באַוויזן גאָר בולט זייער אמתן פּרצוף. מען האָט זיך מיט מזל ווידער צעשיידט.

געזיגט האָט דאָן דער שכל־הישר פון ר' מרדכי סטאָליאַר!

אין דער זעלבער צייט איז אויף דער יידישער גאַס פאָרגעקומען אַ העפטיקער וויכוח צווישן צוויי גרויסע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס: דער וועלט־קאָנגרעס און דער „דזשאָינט". מען האָט זיך קעגנזייטיק באַקעמפט. עס האָבן זיך געפונען יחידים פון ביידע צדדים, וועלכע זענען נישט געווען צו איבערקלייבעריש אין די מעטאָדן פון דער מחלוקת. יעדער צד האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַרגענטינע „קאַרפן־קעפ" — גדולי הדור, בכדי צו איבערצייגן די ברייטע יידישע עפנטלעכקייט אין זיין גערעכטיקייט. ר' מרדכי סטאָליאַר ע"ה האָט פון דער נאָענט אָבסערווירט די

מחלוקת און מיט זיין קלוגן שמייכל, מיט זיינע איראָניע־ליפּן נישט איינמאָל גע־זאָגט, אַז די גאַנצע קריגעריי איז אַן איבעריקע און לחלוטין אומנויטווענדיקע זאַך אין ייִדישן לעבן. מען דאַרף פעסטשטעלן די געביטן פון טעטיקייט און זאָל יעדער זיך פאַרנעמען מיט זיין אַרבעט. ווער עס האָט געלט, זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער הילפס־טעטיקייט, און דער צווייטער צד זאָל אָרגאַניזירן דאָס פאָלק פאַר פּאָליטישן קאַמף, פאַר אָפּוועהר און פאַרטיידיקונג. נישטאָ קיין באַדן פאַר מחלוקת.

עס זענען אַריבער עטלעכע יאָר און די צייט און דאָס לעבן אַליין האָבן אַזוי איינגעשטעלט די באַציִונגען צווישן די אויבנדערמאָנטע צוויי גרויסע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, ווי ר׳ מרדכי סטאָליאַר ע״ה האָט מיט זיין שכל הישר פאָרמולירט.

מכוח דער מחלוקת פון די פּאַרטייען אין ציוניזם האָט דעם שרייבער פון די שורות ר׳ מרדכי סטאָליאַר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז דאָס וועט, חלילה, גורם זיין צו אַן אַלגעמיינער ירידה. ייִדן קאָנען עס נישט פאַרטראָגן. ייִדן דולדן נישט, אַז עמיצער רעדט עפּעס שלעכטס אויף דער מדינה. ייִדן ווילן זיך נישט פונאַנ־דערקלייבן אין די גרענעצן צווישן מדינה און ממשלה. מען מוז אין חוץ לארץ אָפּשטעלן דעם קאַמף. די קריגערייען שוואַכן אָפּ די גלײַענדיקע שפּאַנונג פון ייִדן צו דעם בוי און פאַרפעסטיקונג פון דער מלוכה. אַנשטאָט מחלוקת איז נייטיק די פולע קאָנצענטראַציע פון אַלע ציוניסטן — די שוין אָרגאַניזירטע און די נאָך נישט אָרגאַניזירטע פאַר ממשותדיקער הילף, פאַר בשותפותדיקע אָנשטרענגונגען אויסצובויען אין אַ שנעלערן, אין אַ וואָס גיכערן טעמפּאָ אונדזער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט. זאָלן די וועלט־אינסטאַנצן פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג דערקלערן אַ נייטראַליטעט־פּאָליסי אין וועלט־ציוניזם און אַלץ קאָנצענטרירן פאַר די נויטן פון דער מדינה.

ר׳ מרדכי סטאָליאַר ע״ה איז געווען אַנטשיידן קעגן עס זאָלן אין צייט פון מגבית און אַפילו בכלל פאָרקומען וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. עס וועט צונעמען די אויפמערקזאַמקייט פון ייִדן צו דער מדינה און אַלץ וועט צוגעשפּיצט ווערן צו אַ צווישנפּאַרטייאישן קאַמף, וואָס וועט ברענגען מער שאָדן ווי נוצן.

אין די ישובים פון דרום־אַמעריקע, האָט ר׳ מרדכי סטאָליאַר ע״ה געטענהט, איז נישטאָ קיין קריזיס אין ציוניזם; גראָד פאַרקערט, עס מערקט זיך אַן אויפ־לעבונג, ווייל עס האָט דאָך געזיגט די ציוניסטישע אידיי. אַ לעבעדיקער עדות פאַר דעם איז דאָך די עקזיסטירנדיקע מדינה. ציוניסטן פון די פאַרשידענע פּאַר־טייען קאָנען מיט זייערע קריגערייען חלילה צופירן צו אַן אַפּאַטיע אין ציוניסטישן לעבן, צו אַ גלייכגילטיקייט פון ייִדן צו די נויטן פון ישראל, וואָס קאָן זיין ערגער ווי אַ קריזיס.

ציוניסטן דאַרפן וויסן, — האָט סטאָליאַר ע״ה אַרגומענטירט, — אויף וואָס ציוניזם קאָן זיך שטיצן און וואָס עס קאָן דעם יסוד חלילה חרוב מאַכן. דער שטיצ־

פונקט פון ציוניזם איז דאָס ייִדישע פאָלק, איז נייטיק דעם קרן אַפּצוהיטן, אַלץ צו טאָן, בכדי צו פאַרינטערעסירן אים אין קאָנקרעטער טאַט לטובת דער מדינה און חלילה נישט אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק צו דער מלוכה דורך צוגעשפּיצטע אומנייטיקע מחלוקתן און קריגערייען.

דער שכל־הישר פון ר׳ מרדכי סטאָליאַר ע״ה באַשטעטיקט זיך אויך אין דעם פאַל. תמיד און אומאויפהערלעך איז דער שאַרפער מוח, דער שכל־הישר פון ר׳ מרדכי סטאָליאַר ע״ה געווען אויף דער וואַך און גענומען שטעלונג צו די פאַרשידענע, ביז גאָר וויכטיקע פּראָבלעמען אין ייִדישן לעבן אין וועלט־מאַסשטאַב בכלל און אין דער לאָקאַלער ייִדישער פּאָליטיק פון אַרגענטינע בפרט.

אין אַ סך פאַלן האָט מרדכי סטאָליאַר נישט נאָר אָנגעווענדט שכל, חכמה, — נאָר האָט אויך זיך דערהויבן צו אַ מדרגה פון בינה — פון פאַרשטאַנד. איז נישט נאָר געווען הרואה את הנולד, נאָר אויך אַ מבין דבר מתוך דבר. מיט איין וואָרט, סטאָליאַר ע״ה איז אויך געווען אַ נבון.

סײַ דעם שכל און סײַ דעם פאַרשטאַנד האָט סטאָליאַר ע״ה גענוצט פאַר קאָנסטרוקטיווע צוועקן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן אין זכר פון דעם אַרגענטינער ייִדישן ישוב און ווייט, ווייט אויסער די גרענעצן פון אַרגענטינע.

***

נישט נאָר מיט שכל אַליין האָט סטאָליאַר ע״ה אָפּערירט אין לעבן; ער האָט זיך באַנוצט מיט זייער פיל האַרץ. אַזוי ווי עס איז געווען מערקבאַר פאַר אַלעמען די קלוגשאַפט זײַנע, אַזוי איז אויך געווען אָפן זײַן האַרץ. פון סטאָליאַרס האַרץ איז געפלאָסן ברייטע, גרענעצלאָזע ליבשאַפט צו ייִדן, צו דער ייִדישער שפּראַך, צו ייִדישע שאַפונגען. אמתע, עכטע אהבת־ישראל.

סטאָליאַר ע״ה האָט געקאָנט אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן באַלאַנסירן און אָנ־האַלטן דעם גלייכגעוויכט צווישן זײַן מוח און זײַן האַרץ. ער איז דעריבער נישט אַריינגעפאַלן אין איין עקסטרעם. צום דין פון שכל האָט ער צוגעגעבן אַ ביסל סובטעלקייט פון האַרץ. צום רחמנות פון האַרץ האָט ער צוגעגעבן אַ ביסל תכלית פון שכל־הישר.

מיט רחמים פון האַרצן האָט ער געצוימט כעס און מיט זײַן שכלדיקן מוח געלאַשן עמאָציעס. פון דאַנען די גראַדליניקייט, די אויסגעהאַלטנקייט, וואָס האָט זיך אַזוי שיין, אַזוי וווּנדערבאַר אויסגעפאַרעמט ביי סטאָליאַרן און וואָס האָט אים געדינט ווי אַ צינגל אויף אַ וואַגשאָל אָנצוהאַלטן דעם פולן גלייכגעוויכט אויף זײַן פיל־שטחימדיקן לעבנס־וועג.

דעם שרייבער פון די שורות איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו אָבסערווירן גוטהאַרציקע מידות פון סטאָליאַרן ע״ה אין באַציִונגען בינו וחברו; אין פאַלן, ווו דער שכל־הישר האָט בפירוש דיקטירט דערווייטערונג, אַפילו איבעררייסן דעם קאָנטאַקט, נישט וועלן וויסן און נישט וועלן הערן, אָפּמעקן פון זכרון גוטפריינט־שאַפט. נאָר אַ דאַנק זיין גוט האַרץ איז אים געלונגען ביי זיך צו באַלאַנסירן די פאַרהעלטענישן צווישן מוח און האַרץ און פאַרבלייבן אַ געטרייער, איבערגעגעבענער, אויפריכטיקער פריינט. אַ דאַנק דעם באַלאַנס אָפּצוהיטן און ווי געהעריק אָפּצושאַצן דאָס ווערטפולע, דאָס פּאָזיטיווע אין מענטשן, נישט פאַרהוילנדיק דערביי דאָס נעגאַטיווע.

זעלטן ווען עמיצן געלינגט אָנצווווענדן אַזאַ אָביעקטיוון צוגאַנג צו חברים און פריינט, ווי עס פלעגט געוויינלעך געלינגען סטאָליאַרן ע״ה. זעלטן ווען עמיצן געלינגט, זייענדיק אין כעס, אָנצוהאַלטן די גרענעץ פון אויפריכטיקער פריינט־שאַפט, ווי עס איז על פּי רוב געלונגען סטאָליאַרן ע״ה. זעלטן ווען עס געלינגט עמיצן אַזוי צו קענען דינען אַ מענטשן מיט גרענעצלאָזער, איבערגעגעבענער גוטפריינטשאַפט און דערביי נישט פאַרווישן אין זכרון די שאָטן־זייטן אין זעלבן מענטש, ווי עס פלעגט געלינגען סטאָליאַרן ע״ה.

פון דאַנען די פאַרערונג, דער רעספּעקט, די באַציִונג, וואָס סטאָליאַר ע״ה האָט זיך דערוואָרבן ביים אַרגענטינער ייִדישן ישוב און ביי אַ סך, אַ סך מחוץ פון אַרגענטינע.

***

אין צוגאָב צו פּרצס שני דרכים פאַר מענטשלעכער דערהויבונג — פון שכל און האַרץ, — האָט סטאָליאַר ע״ה זיך אויסגעקליבן נאָך אַ וועג פאַר זיין אייגענער דערהויבונג, — דעם דרך פון קאָנסערווירן אין זיך, פון אָפּהיטן ביי זיך דאָס פאָלקסטימלעכע, פון גאַנץ־האַלטן די בריקן פון אונדזער אַלטן ייִדישן לעבנס־שטייגער און מיט דעם פאַקל צו באַלייכטן דעם וועג אויף פאָרויס.

אויב עמיצער איז קאַפּאַבל צו דערגרייכן התרוממות הנפש, זענען נאָך ווייניק די דרכים פון שכל און לב — פון דערקענען דעם סדר העולם און זיך אָפּגעבן מיט מעשים־טובים, וואָס איז אַן און פאַר זיך זייער וויכטיק. מען באַדאַרף אויך קאָנען זיך באַנוצן מיט דער צידה, — מיט דער שפּייז אויף די דערמאָנטע דרכים. און די שפּייז איז נישט קיין אַנדערע ווי די קערנער פון ייִדישן פאָלקס־לעבן, — דאָס פאָלקסטימלעכע.

באַנעמען די וועלט קאָן מען מיט אַ שכל, וואָס איז אַפילו נישט קיין ייִדישער. גוטע הערצער זענען אויך דאָ ביי טייל נישט־ייִדן. גראַד נישט־ייִדן האָבן אַ גרויסע דעה אין דער הנהגה פון דער וועלט. דער הייִנטיקער וועלט־סדר האָט זיך שטאַרק,

שטאַרק דערווייטערט, צום באַדויערן, פון כביכולס מעשי־בראשית. אמת איז, אַז דער הקדוש ברוך הוא האָט זיך אויסדערווײלט פאַר שותפים צו זיינע מעשי־בראשית ייִדן; אָבער, ליידער, דערקלערן זיך אַנדערע פאַר שותפים, און עס איז גאָרנישט אַזוי לייכט זיי זאָלן זיך לאָזן ברצון איבערצייגן אין זייער שקר.

בכדי נתעלה צו ווערן דורך די דרכים פון מוח און האַרץ מוז פריִער נתגלה ווערן דאָס ייִדישע האַרץ, דער ייִדישער שכל און די אַנטפּלעקונג איז נאָר מעגלעך צו דערגרייכן דורך אונדזער פאָלקסטימלעכן לעבנס־שטייגער, וועלכער האָלט אָן און איז בכוח אָנצוהאַלטן דעם צירוף און די שותפות צו מעשי־בראשית.

סטאָליאַר ע״ה איז פאַר אַלע זיינע לעבנס־יאָרן נישט אָוועקגעגאַנגען פון אונדזער פאָלקסטימלעכן לעבנס־שטייגער, האָט טיף געשטעקט אין פאָלק, אין אַלע מנהגים און מידות. זיין שכל איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער. דאָס פאָלקסטימלעכע אין סטאָליאַרן ע״ה האָט ברייט פונאַנדערגעעפנט די טויערן פון זיין האַרץ. דאָס פאָלקסטימלעכע האָט געמאַכט שפּרודלען זיין שכל־הישר.

דער גאַנצער לעבנס־וועג פון סטאָליאַרן ע״ה איז געווען דערהויבענע פאָלקס־טימלעכקייט, וואָס האָט פאַר אים ברייט פונאַנדערגעעפנט טיר און טויער און אים ראשית כל געגעבן די שליסלען צו זיין אייגענעם שכל — און צו זיין אייגן האַרץ, — וואָס איז געווען דאָס האַרץ און מוח פון אַ גוטן, איבערגעגעבענעם פאָלקסטימלעכן ייִדן.

דער גרונט־שטריך פון סטאָליאַרן ע״ה איז געווען גרויסע ליבע, הייסע פריינטשאַפט צו אַלץ, וואָס איז ייִדיש, צו אַלץ וואָס איז ייִדיש־פאָלקסטימלעך. אין יעדן שמועס זיינעם האָט ער ליב געהאַט אַריינצוטראָגן דעם עכטן, פאָלקס־טימלעכן געשמאַק, דעם נאַטירלעכן טעם פון דער פאָלקסטימלעכער ייִדישער גאַס.

באַזונדערס וועלן אַרגענטינער ייִדן לאַנגע, לאַנגע יאָרן טראָגן דעם זכרון פון ר׳ מרדכי סטאָליאַר ע״ה און געדענקען דעם פּראָטאָטיפּ פון עכטער ייִדישער דערהויבענער פאָלקסטימלעכקייט.

.1952

מיט ד״ר יעקב העלמאַן איבער דער וועלט

(זכרונות צו זיין פינפטן יאָרצייט)

פינף יאָר זענען פאַרביי זינט ד״ר יעקב העלמאַן האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן לעבנס־אָטעם. זיינע רעשטן רוען אין לאַנד פון זיין בענקשאַפט, אין לאַנד פון זיין טרוים — אין מדינת ישראל.

די, וועלכע האָבן פון דער נאָענט געקענט ד״ר העלמאַן ע״ה, פרעגן זיך די פראַגע: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער אומרויִקער צווישן די אומרויִקסטע מענטשן זאָל זיך אַזוי, מיר נישט — דיר נישט, האָבן אָפּגעטראָגן פון אונדז, פון דער וועלט, און ואיננו, ער איז מער נישטאָ! עס ווילט זיך קוים גלויבן, אַפילו היינט, מיט פינף יאָר שפּעטער, אַז ד״ר העלמאַן האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דעם טומל פון דער וועלט, מקבל־זייענדיק בגיד־אחת די רו פון דער אייביקייט. סטייטש, היתכן? רייסט זיך אַ שאלה, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, ווי אַזוי האָט עס דען געקאָנט פּאַסירן, אַז דער ד״ר העלמאַן, וועלכער האָט אַזוי רתבותדיק געקיניגט איבערן מלכות פון אומרויִקייט, איז מיטאַמאָל אויף אייביק רויִק געוואָרן?

ד״ר העלמאַן האָט געשמט מיט זיין אומרויִקייט. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אויף קיין פּלאַץ. אים האָט געטראָגן פון אָרט צו אָרט. זיין באַוועגונגס־רוים איז געווען די ייִדישע וועלט־מאַפּע, וואָס האָט אים געטראָגן כסדר און אומאויפהערלעך, אים געשפּאַנט און געמאַכט אומרויִק. טאָמער, חלילה, ערגעץ־ווו אַ סכנה פאַר ייִדן, האָט ער עס מיט זיין אומרויִקן גייסט תיכף דערשפּירט, און גלייך איז ער ווי אַ שטורעם געלאָפן, געפלויגן צום פּלאַץ פון דער סכנה, בכדי צו זיין מיט ייִדן און זען אפשר קאָן עפּעס געטאָן ווערן.

אויף ד״ר העלמאַנען האָט מען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן געזאָגט אין אַ האַלב־הומאָריסטישן טאָן, אַז ער עסט פרישטיק אין וואַרשע, מיטיק אין בריסל,

טרינקט 5 אַזייגער קאַווע אין ווין, עסט וועטשערע און הערט מוזיק אין לאָנדאָן און קוקט זיך צו ווי מענטשן טאַנצן און טרינקען שאַמפּאַניער אין פּאַריז. אויף דער פראַגע: ווען און ווו שלאָפט ער, איז געקומען די תשובה, אז העלמאַן שלאָפט נישט, אַז ער דאַרף גאָרנישט שלאָפן; ער האָט אַן אָפּמאַך מיט זיינעם אַ חבר, אַ גוטן פריינט, נאָך פון די סטודענטן־יאָרן, אַז יענער שלאָפט פאַר אים.

עס איז געווען אַ פאַקט: ד״ר העלמאַן האָט זיך אויסגעהיט פון שלאָפן. טאָמער האָט ער שוין יאָ אַמאָל געכאַפּט אַ דרימל, האָט ער זיך כסדר געוועקט, ווי ער אַליין וואָלט געווען זיין וועכטער, וואָס דאַרף אים אָפּהיטן פון שלאָף. דער לא ינום ולא ישון שומר העלמאַן איז געווען העלמאַן אַליין: מקורבים פלעגן זיך וויצלען און זאָגן, אַז העלמאַן טוט־נאָך נאָפּאַלעאָנען, וועלכער איז אויך נישט גע־שלאָפן, טענהנדיק, אַז אויב ער וועט שלאָפן, וועט ער דאָך נישט וויסן, אַז ער איז נאַפּאָלעאָן. דאָס זעלבע טוט ד״ר העלמאַן... אַנדערע פלעגן אָנגעבן אַ מער ערנסטערע סיבה צו העלמאַנס שלאָפלאָזיקייט. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש, נישטאָ אין אים קיין געזונטער אבר. אַלע אברים זענען שלאָף: דאָס האַרץ, די לונגען. און היות דאָס האַרץ איז נישט בכוח צו טרייבן דאָס בלוט און די לונגען קאָנען נישט פּאָמפּעווען קיין אָטעם, מוז ער דאָס אַליין טאָן. דערפאַר קאָן ער נישט שלאָפן. ד״ר העלמאַן אַליין פלעגט ענטפערן אויף דער פראַגע „הלמאי ער שלאָפט נישט״ מיטן תירוץ: סטייטש, ווי קאָן מען זיך עס דערלויבן צו פאַרשלאָפן דאָס לעבן? עס איז געווען זיינע אַ לעבנס־פילאָזאָפיע דאָס לעבן נישט צו פאַרשלאָפן. צוליבן שלאָף חלילה קיין זאַך נישט צו פאַרשפּעטיקן. ער האָט אָפּגעוואָרט דעם באַגינען, אַרויסגעטריבן די נאַכט מיט אַ יום תהילים, מיט אַ פרק זוהר, אָדער מיט אַ קאַפּיטל פון קאַנטס עטיק, האָט אויפגענומען דעם פריי־מאָרגן מיט אַ היסטאָריאָזאָפישן בליץ־געדאַנק. אויב ער איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער דעם געדאַנק פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכעלע. העלמאַן איז אַריינגע־גאַנגען אין טאָג אַריין אַ פול באַלאָדענער, מיט שווערער משא אויף די פּלייצעס, מיט לאַסטן פון יידישער נויט, פון יידישן אומגליק, פון יידישע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן זיך שטאַרק געמערט. ביז דער לעצטן טאָג פון זיין לעבן, דעם לעצטן פרייטיק — כ״ו אלול, אין סעפּטעמבער 1950, איז העלמאַן געטראָגן געוואָרן פון אַן אומרויקן גייסט, האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון יידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים געהאַלטן געשפּאַנט, ביז אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. דאָס איינציקע פרישע ביסל לופט איז צו אים דערגאַנגען פון מדינת ישראל, וועמענס בלויע הימלען האָבן אין ווייטן אַרגענטינע פאַר אים געעפנט נייע האָריזאָנטן.

**
*

דער שרייבער פון די שורות האָט אין משך פון אַ צאָל יאָרן זייער אָפט זיך באַגעגנט מיט ד״ר העלמאַנען ביי ציוניסטישער אָדער ביי יידישער כלל־ אַרבעט. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין פוילן און אַנדערע לענדער פון אייראָפּע און אין ארץ־ישראל, און בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַמעריקע, אייראָפּע און ישראל. מיר האָבן זיך געזעגנט אין גענף (שווייצאַריע) אָנהייב סעפּ־טעמבער 1939, בעת דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ד״ר העלמאַן איז פאַרבליבן אין דער שווייץ און מיר זענען צוריק געפאָרן, בעסער געזאָגט, צוריקגעלאָפן קיין פוילן. אין גענף, אין די טעג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, בעת די היטלער־קאַטאַסטראָפע איז שוין געהאַנגען אין דער לופטן, האָט העלמאַן נישט גערוט, האָט באַטראַכט פּלענער פון אַ גרויסצוגיקער רעטונגס־אַקציע, האָט גע־וואָלט איינשפּאַנען אין דער אַרבעט גרויסע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס. זיין אומ־רויִקער גייסט איז געוואָרן נאָך מער אומרויִק. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אין אַטלאַנטיק־סיטי (צפון־אַמעריקע) אויף דער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. דאָס איז געווען אין סוף פון 1944. עס זענען שוין אָנגע־קומען די שוידערלעכע ידיעות וועגן די גאַז־קאַמערן, וואָס די נאַציס האָבן אויס־געבויט און דאָרט אומגעבראַכט מיליאָנען יידן. העלמאַן איז געקומען קיין אַטלאַנ־טיק־סיטי מיט דער דעלעגאַציע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. העלמאַן האָט נישט גערוט קיין מינוט. ער האָט די דעלעגאַטן פון דרום־אַמעריקע נישט געלאָזט צורו, איז געלאָפן, געגאַנגען, גערעדט, געשריִען, געפּאָדערט, געמאָנט: רעטונג, הילף! מען זאָל נישט שווייגן. מען זאָל אָפּרייסן די טירן פון ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן. נישט צורו לאָזן קיינעם, בעת יידיש בלוט גיסט זיך אין ימים. זיין אומרויִקער גייסט האָט אים געהאַלטן אין גוואַלדיקער שפּאַנונג, פּונקט ווי אין וואַרשע, נאָכן פּאָגראָם פון פשיטיק, בעת יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גערופן צו אַ פּראָטעסט־שטרייק, צו דעמאָנסטרירן די גרויסע עוולה, וואָס ווערט געטאָן צו שוצלאָזע יידן אין אַנטיסעמיטישן פּוילן. ער האָט נישט גערוט, געלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן, געהייסן יידן פאַרמאַכן די געשעפטן, האָט אָפּגעשטעלט יידישע דראָזשקאָזשעס, פורמאַנעס אין מיטן גאַס און זיי געהייסן שטיין בלייבן אין צייכן פון פּראָטעסט. אַזוי האָט ער אין אַטלאַנטיק־סיטי מיט זיינע צעשויבערטע האָר, ווי שמשון הגבור, נישט געזעסן רויִק און האָט קיינעם נישט געלאָזט זיין רויִק. הלוואי וואָלט דאָן אין יענער צייט העלמאַנס אומרויִקייט מנצח געווען...

שפּעטער, אין ניו־יאָרק, שפּעט ביינאַכט אין אַ קאַפע־הויז, מיט חברים און פריינט. העלמאַן רוט ווידער נישט. זיין קאָפּ אַרבעט, זיינע מחשבות לויפן אַרום, זוכן, נישטערן, און פּלוצים אַ געדאַנק איז אים אויפגעשוווּמען: בויען אין ארץ־ישראל אַ מאָנומענט, בכדי צו פאַראייביקן די מיליאָנען יידן, וואָס זענען אומגעקומען

פון די נאַצישע נעגל. (שפּעטער איז פון דער מחשבה אַרויסגעוואַקסן דער פּלאַן פון דעם היינטיקן יד־ושם).

מיט חדשים שפּעטער באַגעגנענען מיר זיך אין די ישובים פון דרום־אַמעריקע, אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, אין סאַן פּאַולאָ, אין בוענאָס איירעס. מיר זענען צוזאַמען אין אורוגווי. און אומעטום, אומעטום טראָגט אים דער אימפּעט פון זיין אומרו:יקן גייסט. אַן אומרו:קייט, וואָס איז געקומען פון נישט קאָנען צוזען, פון נישט קאָנען פאַרטראָגן קיין רו:קייט אין אַ שטורעם...

נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, וואָס איז פאָרגעקומען אין סוף פון 1946, זענען מיר געפאָרן צוזאַמען באַזוכן פוילן, זען מיט די אייגענע אויגן דעם גרויסן חורבן. מיר זענען געווען אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין קראָקע און אין אַנדערע שטעט. העלמאַן האָט וואָס מער געוואָלט אין זיך איינזאַפּן פון חורבן, וואָס מער אַריינגעמען אין זיין האַרץ פון מאַידאַנעק, אוישוויץ און טרעבלינקע. עפּעס איז פון אים אויף אַ שטיקל צייט פאַרשוווּנדן די אומרו:קייט. אַנשטאָט אומרו האָט ער איבערגעלעבט יסורים. זיין גאַנצער גוף האָט זיך געקאָרטשעט אין דרייען פון שרעקלעכע יסורים, און ער האָט געוואָלט, אַז וואָס מער יסורים זאָלן אים פּייניקן. פאַרנדיק מיט אים איבער אַלע פּלעצער אין פוילן, זייענדיק מיט אים צוזאַמען גאַנצע נעכט, איז געווען מעגלעך צו אָבסערווירן אים פון דער נאָענט און אַרויספילן פון זיין האַרץ תרעומות: פאַרוואָס די ווייטיקן זענען נישט שטאַר־קער, זענען נישט גרעסער... שטייענדיק אויף די חורבות, אויפן פּלאַץ, ווו מען האָט געברענט און געבראָטן יידן, מענער, פרויען און קינדער; ווו מען האָט מיט אַזאַ סאַדיזם, מיט אַזאַ אַכזריות אומגעבראַכט מיליאָנען יידן — האָט העלמאַן געוואָלט דעם אומגליק אַליין איבערלעבן. פילן ווי ער ווערט צעפרעסן פון יסורים.

די אומרו:קייט האָט ווידער באַהערשט העלמאַנען, ווען מיר זענען אַריינגע־פאָרן קיין דייטשלאַנד, געקומען צו על פּי נס לעבנגעבליבענע יידן. געזען זייער מערכה אין די לאַגערן, די שרעקלעכע נויט. דאַן איז העלמאַן ווידער שרעקלעך בעשפּאַנט געוואָרן, האָט געוואָלט טאָן, מיט עפּעס העלפן. זיין געזיכט האָט זיך ווידער אָנגעצונדן, איז געוואָרן רויט. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אויף קיין אָרט, איז געלאָפן פון איין לאַגער אין צווייטן, אין דייטשלאַנד, נאָכהער אין איטאַ־ליע און אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. שפּעטער איז ער געפאָרן קיין פּאַריז, קיין לאָנדאָן, געגאַנגען צו יידן, געשריען, געלאַרעמט, לויט זיין שטייגער, לויט זיין אומרו, געטריבן פון יידישן אומגליק, פון יידישער נויט. זיין אומרו:קייט האָט זיך צעפּלאַמט, האָט דערגרייכט דעם העכסטן גראַד. די וועלט אָבער איז געבליבן רו:יק...

מיר זענען שפּעטער געווען צוזאַמען אין שטאָקהאָלם. דאָרט באַגעגנט זיך העלמאַן מיט זיין אַלטן פריינט: ד״ר מ. ערענפּרייז ע״ה, דעם ראַבינער. ווידער

איז אין הויז פון ראַבינער ערענפּרייז די טעמע פון געשפּרעך דער יידישער אומ־גליק, די גלייכגילטיקייט. העלמאַן באַקלאָגט זיך שטאַרק אויף פאַרשטיינערטע הערצער, אויף צופיל רויקייט, וואָס הערשט אין אַזעלכע שרעקלעכע צייטן פון שטורעם.

אין זעלבן שטאָקהאָלם באַגעגנט זיך העלמאַן מיט זיינעם אַ פריינט, אַ נישט־ייד, ווינטער, דער געוועזענער שוועדישער אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע. ביי אים האָט העלמאַן, אין נאָמען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, געקראָגן פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער שרעקלעכער לאַגע און באַקומען פעסער צו שיקן קיין אייראָפּע און אַזוי־אַרום ראַטעווען יידן. מיר זיצן צוזאַמען מיטן געוועזענעם אַמבאַסאַדאָר ווינטער אין אַ מסיבה און עס הערן זיך ווערטער, אַז אין דעם קאַלטן שוועדן, און ביי אַ קריסט, וואָס טראָגט דעם נאָמען ווינטער, איז געפונען געוואָרן אַ וואַרעם האַרץ. אַ האַרץ פול מיט מיטגעפיל צום גורל פון יידישן פאָלק.

יאָ! דער גורל פון יידישן פאָלק אין אַלע וועלט־עקן האָט העלמאַנען ע״ה אינטערעסירט. זיין אומרו איז געווען דער אומרו פון פאָלק.

אומרויק געלעבט. דער טויט האָט פאַרשטילט זיין אומרו!

.1955

III

א. אלמי (פאַרצייכענונגען צו זיין 65סטן געבוירנטאָג און צום האַלבן יאָרהונדערט זינט זיין שרייבערישן אָנהייב); — **„יידישע פרעסע אין וואַרשע"**; — **דער פאָלקס־נביא אליהו** (אויפן ראַנד פון א. מענעסעס „אליהו הנביא"); — **מגילות פון סאָוועטישן יאָמערטאָל** (אויפן ראַנד פון אברהם זאַקס „קנעכט זענען מיר געווען"); — **תשובה** (ל. פיינבערגס „דער פאַרמשפּטער דור" און „גאָט פון צאָרן"); — **די פערטע קרוין** (צום 50סטן געבוירנטאָג פון מאַרק טורקאָוו); — **דורכן פענצטער פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג"** (אויפן ראַנד פון ב. שעפנערס בוך „נאָוואָליפּיע 7"); — **פאַרשריבענע בלעטער** (ראשי פּרקים פון מלכה לאָקערס דיכטונג); — **דערציילונגען פון ניו־יאָרקער לעבן** (וועגן ש. איזבאַנס „די שטאָט פון צאָרן"); — **א. אַלמיס געזאַנגען**; — **געזאַנגען פון ישראל** (קעהאָס קליגערס „פּייזאַזשן פון ישראל"); — **„לאַכט אַ ייד אין ארץ־ישראל"**; — **„פון מעקסיקע ביז אילת און צוריק"** (מרדכי קאָראַנאָס בוך וועגן מדינת־ישראל); — **חסידות** (ארום מנשה אונגערס די „חסידישע וועלט"); — **„די שטימע" דאָרט און דאָ** (צום 50סטן געבוירנטאָג פון מ. רובינשטיין); — **אַן עסיי איבער אַ קאַפּיטל געשיכטע** („צווישן מלחמה און שלום" פון ד"ר יוסף טענענבוים); — **יידיש לעבן אין „עק וועלט"** (וועגן דער „געשיכטע פון יידישן ישוב אין טשילע" פון משה שענדעריי).

א. אַלמי

(פאַרצייכענונגען צו זיין 65סטן געבוירן־טאָג און צום האַלבן יאָרהונדערט זינט זיין שרייבערישן אָנהייב)

דאָס יאָר 1957 ברענגט פאַרן דיכטער א. אַלמי צוויי וויכטיקע דאַטעס אין זיין לעבן: עס ווערט היי־יאָר אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט ער האָט אין דער „ראָמאַן־צייטונג" צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט זיינס אַ ליד. אָנהייב הייניקס יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון זיין זעקסטער בר־מצוה. ער איז היינו געוואָרן 65 יאָר — יונג.

עס איז פאַראַן אַ לעגענדע, וואָס דערציילט, אַז כביכול ציילט נאָר די בר־מצוות אין מענטשנס לעבן. קאַלענדאַר־יאָרן מיינען גאָרנישט אין די הימלען. פאַראַן אַפילו אַ סברא, וואָס ווערדליך איר זאָל דער חשבון פון אַ מענטשנס לעבן במרומים געמאַכט ווערן פון איין בר־מצוה זיינער צו דער צווייטער און אַז די באַוויליקונג פון גאָט ברוך הוא צו אַ מענטשן אויף לעבן ווערט געגעבן אויף אַ בר־מצוה־תקופה.

האַרציקע ברכות באַגלייטן אונדזער פריינט א. אַלמי אין די ווייטערדיקע בר־מצוה־תקופות פון זיין לעבן. יהי רצון, אַז ער זאָל אין דעם צווייטן האַלבן יאָר־הונדערט פון זיין שאַפן פאַרעפנטלעכן נישט ווייניקער ביכער ווי אין די ערשטע פופציק יאָר.

***

ווען א. אַלמי כאַפּט אַ בליק אויף צוריק, אויף די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר, און זעט זיין ליטעראַרישן באַגאַזש, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט דורך זיין יצירה אין משך פון דער צייט, קאָן ער אינאיינעם מיט זיינע פאַרערער און פריינט שעפּן גרויס נחת און קריגן דערמוטיקונג פאַר זיין ווייטערדיק שאַפן. ער האָט אין פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט פאַרעפנטלעכט 26 ביכער, צווישן זיי: לידער, דערציילונגען, עסייען, פעליעטאָנען, זכרונות, ביכער וועגן פילאָסאָפיע און

ביכער וועגן רעליגיעס. די טעמאַטיק, וואָס אַלמי באַהאַנדלט אין זיינע ביכער, באַווייזט די פּילזייטיקייט פון דיכטערס יצירה. ווי האָבן באָבעס און מאַמעס געווונטשן: „הלוואי אויף ווייטער געזאָגט געוואָרן".

*
* *

דער דיכטער אַ. אַלמי זעט אָפּטמאָל דעם מענטשן, דעם בחיר היצירה, גאָטס באַשאַף און גאָטס אויסדערוויילטן, אַ שמייכלדיק־פאַרטרויערטן. אַזוי ווי ער אַליין האָט געזונגען אין זיינע לידער:

אָט אַזוי איז אויך מיין טרויער
אַ שמייכלדיקער מיט צוויי טונקל־גרויע אויגן".

שמייכלט וואָס:

דאָס לעבן רוישט פאַרביי
און רירט דיך מער נישט אָן.

פאַרטרויערט וואָס:

ביסט דאָ און ביסט נישטאָ
אין אייביקן פאַרגיין.
ביסט אויסגעטאָן פון וועלט און זיין
און פון דעם אייגענעם געביין.

אַלמי האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין סוד פון זיינע פעסימיסטישע בליקן. ער האָט דעם מאָטיוו גענויער נאָך אַרויסגעבראַכט אין זיין „אני מאמין", — אַ בוך וואָס איז דערשינען אין ענגליש מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַרויסגעגעבן פונעם שפּינאָזאַ־אינסטיטוט.

נאָך פופציק יאָר שאַפן, נאָך „ליטעראַרישע נסיעות", אין זיין קענען אויף אויסנווייניק „די רייד פון בודאַ", אין זיין באַהאַוונט זיין ווי אַ ייִד אין אַשרי אין „אויפן וועג פון די געטער" און אין „די כינעזישע פילאָסאָפיע"; נאָך דעם ווי ער האָט דער ערשטער, אָדער פון די גאָר ערשטע אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט די אָריענטאַלישע רעליגיעס און פילאָסאָפיעס, — נאָך די אַלע לידער, וואָס ער האָט פּאָעטיש געזונגען, זעט אַלמי דעם מענטשן אַ שמייכלענדיק־פאַרטרויערטן. עפּעס ווי דער דיכטער וואָלט באַדויערט, וואָס עד היום געפינט זיך דער מענטשלעכער שכל אין אַ שטייג פון באַשרענקטקייט און קאָן זיך נישט דערהייבן צו דער מדרגה פון משיג זיין דעם תכלית פון גאָטס באַשאַף און פון מענטשלעכן קיום בכלל.

שווער צו זאָגן, וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער דעם דיכטערס בליקן, ווען זיי זענען אַנגעשטעלט אויפֿן שמייכלדיק־פאַרטרויערטן מענטשן: רעליגיעזע מיסטיק, אָדער ליריש־פילאָסאָפישער קוק אויפֿן לעבן, אָדער גאָר זיין שאַרף פּאָלעמישער בליק און קריטישער צוגאַנג צו פּאַסירונגען און געשעענישן, צו אידייען און צו מענטש בכלל. מעשמעות מיינט עס אַלץ מיטאַנאַנד, מחמת א. אַלמי איז אַ דיכטער פון געפיל און געדאַנק צו גלייכער צייט.

**
*

וועגן ד״ר זשיטלאָווסקין האָט אַלמי געשריבן אין זיין בוך „מענטשן און אידייען״, אַז:

„זיין גאַנצע דערשיינונג איז אַ פּאָעטישע, און אַ ליד קלינגט אין זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער און ליטעראַרישער טעטיקייט״.

די זעלביקע ווערטער וואָלט מען בלי שום ספק געקאָנט זאָגן אויך וועגן אַלמין גופא: זיין גאַנצע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור און פּובלי־ציסטיק איז אַ פּאָעטישע, און אַ ליד קלינגט און זינגט אַרויס פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער שאַפונג. דאָס ליד, דאָס געזאַנג פאַרן מענטשן, דעם אויסדערוויילטן פון גאָטס יצירה. אַלמי, ווי געזאָגט, איז אַ פילאָסאָפישער שרייבער. ער איז עס אין זיין געפיל און מחשבה. אַ פּשיטא שוין אין דער דיכטונג איז אַלמי ליריש־פילאָסאָפיש. „שמייכלדיקער טרויער״ קאָן זען בלויז אַ דיכטעריש פילאָסאָפיש אויג.

אין דעם זעלביקן עסיי זיינעם וועגן זשיטלאָווסקין שרייבט אַלמי: „זיין נישט־אַרויסגעזאָגטער דעוויז איז געווען: דער מענטש איבער אַלץ״. אונדז שיינט, אַז אַלמיס דעוויז אין זיינע שאַפונגען איז אויך: „אַלץ פאַרן מענטשן״. ער איז גרייט אוועקצוגעבן אַלע נישט אויסגעלעבטע לעבנס, בכדי פאַרזיכערן די צוקונפט פון דעם מין מענטש. ווי זינגט דער דיכטער אין זיין ליד „מענטש פון צוקונפט״:

מענטש פון צוקונפט,
געשטאָרבן זענען מיר, אַז דו
זאָלסט לעבן די לעבנס וואָס מיר
האָבן נישט געלעבט.

**
*

אַלמיס דרך אין דער ליטעראַטור איז אַ פילזייטיקער. אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט מענטש, געפינט זיך אין דער שאַפונגס־ספערע פון אונדזער בעל־יובל. אַלמי האַלט, אַז יעדער צושטייער וואָס ווערט געמאַכט, בכדי די ליטעראַטור צו באַרייכערן, איז וויכטיק און דאַרף ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן: דער פּובלי־

ציסטישער, דער וויסנשאַפטלעכערביישטייער דאַרף אויפגענומען ווערן מיטן זעלביקן געהעריקן רעספעקט, ווי עס ווערט אויפגענומען דער בעלעטריסטישער ביישטייער. אין דעם שוין דערמאָנטן עסיי וועגן ד״ר זשיטלאָווסקי לייענען מיר אַגב:

„אין דער רשימה פון אונדזערע ליטעראַטור־שאַפער, וואָס ווערט ביי אונדז אַזוי אָפט אַרויסגעבראַכט אין פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען, קריטיקן, רעצענזיעס און אַפילו אין אַנאַנסן, געפינען מיר שטענדיק די נעמען פון בעלעטריסטן. די עטלעכע פובליציסטישע און וויסנשאַפטלעכע שריפטשטעלער אונדזערע זענען ווי שטיף־קינדער אין דער ליטעראַטור, כאָטש זייער ראָל אין דעם אויפבוי פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דעם גאַנצן קולטור־לעבן אויף דער יידישער שפּראַך, איז נישט קיין קלענערע און אין פיל פּרטים אפשר אַ גרעסערע און אַ וויכטיקערע ווי די פון בעלעטריסטן״.

אַלמי אַליין האָט במשך זיין האַלבן יאָרהונדערט יצירה געגעבן זיין ביי־שטייער צו דער יידישער ליטעראַטור אויף אַלע שטחים: אין דער פּאָעזיע, אַזוי ווי אין דער בעלעטריסטיק, אין דער פובליציסטיק, ווי אין דער וויסנשאַפט. ער האָט באַוויזן אין זיין שאַפן צו מאַכן עקסקורסיעס פון אַ גרויסן פאַרנעם אין אַלע רעגיאָנען פון מענטשלעכן געפיל און געדאַנק.

דער דיכטער און שריפטשטעלער אַ. אַלמי פילט זיך אומעטום, אין אַלע געביטן פון דער ליטעראַטור — אין דער היים. ער פאַרטייטשט אַזוי פאַרשטענדלעך פאַר זיינע לייענער אַ קאַפּיטל פון דער כינעזישער פילאָסאָפיע, די רייד פון בודאַ, ווי ער פאַרטייטשט אין זיינעם אַ ליד דעם אומעט, דעם צער, דעם טרויער און ווייטיק. דערפאַר איז ביי אַלמין טייער און הויך געשעצט יעדער געביט אין דער ליטעראַטור בכלל און אין דער יידישער ליטעראַטור בפרט.

**
*

אַלמי זעט דעם מענטשלעכן דרך אין לעבן — אין אַספּעקט פון תמיד גרייט זיין פאַר דער לעצטער שעה, און אין דער לעצטער שעה אויסגיין מיט דער נישט־געשטילטער פרייד פון נישט־דערגרייכטן ציל:

איך בין שטענדיק גרייט
יעדן טאָג און יעדע שעה
פאַר לעצטן טאָג — פאַר דער
לעצטער שעה.

און אין אַ צווייט ליד זינגט דער דיכטער:

סילועטן פון אַ דור

נישט אין געפינען, נאָר אין זוכן,
זוכן אין דעם אייביקן, אין אומאויפהערלעכן,
צאַפּלט זיך די גרויסע פרייד.

דער דיכטער לערנט דעם מענטשן, ער זאָל זיך תמיד געפינען אין סטאַדיום פון זוכן, ווייל:

אין דעם זוכן זענען אַלע גוטסקייטן און שיינקייטן
אין דעם זוכן זענען אַלע וועלטן.

אַלמי זוכט דאָס גליק פאַרן מענטשן, ווייל זיין דעוויז איז: „אַלץ פאַרן מענטשן", און אויב גליק פאַרן מענטשן באַטייט: אייביקע זוכעניש און נישט דער־גרייכטער ציל, אויב:

אין דעם זוכן זענען אַלע פריידן
אין דעם זוכן איז די וועלט־אילוזיע —

דערפאַר:

זאָל באַשערט מיר זיין דאָס אייביקע זוכן
דאָס אייביק ציען זיך
צו ווייטע אומבאַשטימטע צילן.

דער עיקר ביי אַלמין איז דער מענטש. אַלץ דאַרף זיין פאַרן מענטשן: אַלע אידייען, אַלע גלויבנס. די וועלט די גאַנצע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם מין מענטש.

***

וועגן א. אַלמיס סטיל אין שרייבן זאָגן עדות זיינע 26 ביכער, וואָס ער האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט. ביכער וואָס זענען פון אַ מאַזאַישער און פאַרבן־רייכער טעמאַטיק. ביכער וואָס האַלטן דעם לייענער געשפּאַנט מיט דעם אופן פונעם שרייבערס דערציילן, פילאָסאָפישער אויפקלערונג און אויסטייטשונג, אין אַ סטיל פון הויכן גראַד אין די מדרגות פון קונסט.

חוץ בכתב איז אַלמי אויך אַ פיינער דערציילער בעל־פה. ס'איז ממש אַ פאַר־געניגן צו זיצן מיט אים און הערן מפּיו ווי ער דערציילט פון זכרון זאַכן פונעם נאָענטן אַמאָל; פון זיינע ערשטע אַרבעטן ווי אַ רעדאַקציע־סעקרעטאַר אין וואַר־שעווער „מאָמענט"; פון זיינע אָפטע באַזוכן ביי פּרצן אין הויז אין וואַרשע; פון זיינע ערשטע טריט אויף דער יבשה פון קאָלומבוסעס מדינה; פון זיין אַרבעט אין די רעדאַקציעס פון די יידישע טאָג־צייטונגען אין ניו־יאָרק.

אַ. אַלמי געדענקט פּאַסירונגען. ער קאָן זייער גוט מענטשן און ווייסט ווי אַזוי וועגן זיי צו רעדן. ער קאָן אויך בעל־פּה אַרויסברענגען די פאַרהוילנסטע

ביואַנסן פון דער מענטשלעכער פסיכיק און דערביי חלילה נישט אַריבערשפּרייזן די גרענעץ פון בולטער „אַנטישקייט" צו עמיצן, — אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט דערצו אַ גרונט.

**
*

אין מאָטאָ צו זיין בוך „מענטשן און אידייען" שרייבט אַלמי:
דער מענטש — דאָס איז די העכסטע אידייע פון דער שאַפונג.
שעפעריש צו זיין — דאָס זאָל זיין די העכסטע אידייע פון דעם מענטש.

אין דעם האַלבן יאָרהונדערט פון קינסטלערישער יצירה האָט אַלמי דערגרייכט די העכסטע אידייע פון מענטש: שעפערישקייט. ער איז נאָך פינף בר־מצוות שע־פעריש, פריש אין זיין ליד און אין זיין עסיי, אין זיינע באַטראַכטונגען וועגן געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונגען און אין זיין קריטיק. ער איז ביי זיין דיכטערישער מוזע — דער עכטער און אמתער אויסדרוק פון זיין גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט — בכתב און בעל־פּה.

ביים אַריינטרעטן אין צווייטן האַלבן יאָרהונדערט פון זיין שאַפן ווינטשן מיר אונדזער פריינט אַלמין, ער זאָל נאָך אַ סך בר־מצוות, אַ געזונטער, אַ פרישער און אַ צאַפּלדיקער, מיט אַלע פריידן, עוסק זיין אין זוכן, אין דעם אייביקן און אומאויפהערלעכן זוכן אַלע שיינקייטן און אַלע גוטסקייטן פאַרן מענטשן!

.1957

די ייִדישע פּרעסע אין וואַרשע

דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד פון דער אינטערעסאַנטער ביכער־סעריע אונטערן נאָמען „פון נאָענטן עבר". דער צווייטער באַנד איז געווידמעט דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און נעמט אַרום גרעסערע אַרבעטן וועגן פיר ייִדישע טאָג־צייטונגען, דהיינו: „היינט", „מאָמענט", „פאָלקסצייטונג" און „דאָס ייִדישע טאָגבלאַט".

דער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע שרייבט אין זיין הקדמה, אַז פאַר די ווייטערדיקע בענדער פון דער ביכער־סעריע ווערן געמאַכט ווערן באַמיִונגען צו פאַרעפנטלעכן מאָנאָגראַפיעס וועגן די ייִדישע טעגלעכע צייטונגען אין די גרעסערע שטעט פון פוילן חוץ וואַרשע.

די מאָנאָגראַפיע וועגן „היינט" איז געשריבן געוואָרן פון מ. גראָסמאַן, חיים פינקעלשטיין. פאַראַן אויך קורצע אַרבעטן פון יצחק גרינבוים און פון ד"ר ע. קאַרלעבאַך ע"ה. וועגן „מאָמענט" האָט געשריבן מענדל מאָזעס און וועגן „טאָג־בלאַט" משה פּראַגער. דער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע איז יעקב פּאַט.

די ייִדישע טאָג־צייטונגען אין וואַרשע פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געטיילט אויף פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס: „ציוניסטישע, אַנטי־ציוניסטישע און פּאַרטייאיש". אונטערן וואָרט „פּאַרטייאיש" פאַרשטייען מיר אַזעלכע צייטונגען, וואָס האָבן אויף זייערע שפּאַלטן אויך געדרוקט ציוניסטישע מאַטעריאַלן און אַר־טיקלען. די צייטונגען פון פּאַרטייאישן כאַראַקטער האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, געהאַלטן פאַר פרייע טריבונעס, און ווי צייטונגען האָבן זיי באַדאַרפט געבן דעם שפּיגל פון אַלע שטרייטן, פון אַלע שאַטירונגען אין ייִדישן כלל־לעבן.

פון די פיר ייִדישע טאָג־צייטונגען, וועמענס מאָנאָגראַפיעס עס זענען געדרוקט אין דעם בוך „ייִדישע פּרעסע אין וואַרשע", איז דער „היינט" די אויסגעשפּראָכענע ציוניסטישע צייטונג. דער „מאָמענט" איז די פּאַרטייאישע צייטונג, די „פאָלקסצייטונג" און „דאָס ייִדישע טאָגבלאַט" זענען די אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ציוניסטישע צײַ־

טונגען. די „פאָלקסצייטונג" איז געווען דער אָרגאַן פון „בונד" און „דאָס יידישע טאָגבלאַט" איז געווען דער אָרגאַן פון אגודת ישראל. ביידע דערמאָנטע פּאַרטייען: דער „בונד" און „אגודת ישראל" האָבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, און דער הויפּט־אינסטרומענט אין דעם דאָזיקן קאַמף זענען געווען זייערע טאָג־צייטונגען.

אויף די שפּאַלטן פון די יידישע צייטונגען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער שווע־רער גוראַנגל, אַלע ליידן און פריידן (צום באַדויערן זענען געווען ווייניק פריידן) פון יידישן לעבן אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן, אַלע פּאָליטישע, קולטורעלע און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון יידישן מאַסן־לעבן אין פּוילן האָבן געהאַט דעם שפּיגל אין די יידישע צייטונגען. ריכטיק באַמערקט דער רעדאַקטאָר פון בוך אין זיין הקדמה, אַז די יידישע טאָג־צייטונגען פון פּוילן זענען אַ שטיקל יידישע געשיכטע.

די מחברים פון די מאָנאָגראַפיעס פון די דערמאָנטע פיר יידישע טאָג־צייטונגען זענען אַליין זשורנאַליסטן, דער רוב פון זיי זענען געווען מיטאַרבעטער און רעדאַקציע־מיטגלידער פון די צייטונגען. אין אַ רויער פאָרם שילדערן טייל די מחלוקתן צווישן איין צייטונג און אַ צווייטער. די מחברים זענען אויסן געווען איבערצוגעבן אַ שפּיגל פון פולסירנדיקן יידישן לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, ווי עס האָט אַרויסגעשיינט פון די שפּאַלטן פון די יידישע טאָג־צייטונגען. דער סלע המחלוקת פון יידישן מאַסן־לעבן אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז נישט געווען דער איינגעשפּאַרטער ווילן פון אַ מנין, אָדער פון עטלעכע מנינים יידן צו פאַרווען אַ באַזונדער קיניגרייך, צו האָבן אַ באַזונדער שול מיט אַ באַזונדער גבאות. ניין! דער סלע המחלוקת איז גאָר געווען אויף אַן אַנדער שטח. עס איז געווען דער צוגאַנג צו יידישע פּראָבלעמען, וואָס יעדע גרופּע האָט זיי אַנדערש פאַרשטאַנען, אויפגעפאַסט.

אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָבן זיך אין יידישן לעבן פון פּוילן אויסקריסטאַליזירט דריי הויפּט־שיטות, היינו: ציוניזם, בונדיזם און אגודת ישראל. אין די ערשטע יאָרן, גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן, איז אויך געווען שטאַרק טעטיק די „פאָלקס־פּאַרטיי", וואָס האָט פאַרטראָטן אַ באַזונדער שיטה אין יידישן לעבן, איז אויך געווען אַנטי־ציוניסטיש, אָבער אָן דער תורה און אָן סאָציאַליזם. מיט דער צייט אָבער איז דער כוח פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי" באַדייטנדיק שוואַכער געוואָרן און האָט פאַרלוירן די השפעה אויף די יידישע מאַסן. אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן זענען געווען שטאַרק טעטיק די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אויף דער יידישער גאַס, ווי למשל: די סוחרים, קליינהענדלער און האַנטווערקער, וועלכע האָבן אויפן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן שטח אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט, אָבער דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון פּוילישן

ייִדנטום איז געווען רעפּרעזענטירט אין די דריי דערמאָנטע הויפּט־שיטות: איין שיטה אַן אויסגעשפּראָכן ציוניסטישע, דאָס מיינט דער ציוניסטישער לאַגער מיט אַלע זיינע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, און די אַנדערע צוויי דורכויס אַנטי־ציוניסטישע, הײַנו: דער „בונד", וואָס האָט געזען די לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, און די אַגודת ישראל, וואָס האָט געוואַרט אויף משיחן, אַז ער זאָל לייזן אַלע פראַגן און פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן. (מיר דערמאָנען נישט די ייִדישע קאָמוניסטן, ווייל מיר האַלטן נישט, אַז די קאָמוניסטן האָבן אין ייִדישן לעבן פון פּוילן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדער שיטה).

אין די פיר מאָנאָגראַפיעס וועגן די ייִדישע צייטונגען, געדרוקט אין דעם צווייטן באַנד „פון נאָענטן עבר", שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ באַדייטנדיקער פאָרם דער גרויסער קאַמף, וואָס די אויסגערעכנטע דריי הויפּט־שיטות האָבן צווישן זיך געפירט.

אַ ביז גאָר געראָטענע אַרבעט איז די מאָנאָגראַפיע וועגן ציוניסטישן „הײַנט", געשריבן פון משה גראָסמאַן און חיים פינקעלשטיין און באַגלייט מיט צוויי וויכטיקע אַרטיקלען פון יצחק גרינבוים און ד"ר ע. קאַרלעבאַך ע"ה. משה גראָסמאַן שרייבט וועגן „הײַנט" זינט זיין גרינדונג ביז 1915. ער נעמט אַרום דעם ערשטן פּעריאָד פון דער „הײַנט"־געשיכטע, און חיים פינקעלשטיין שרייבט וועגן דער צווייטער תקופה: פון 1915 ביז צו די היטלער־טעג, ווען די זון איז פאַרגאַנגען אויף כלאָדנע 8 (די גאַס און נומער פון הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון „הײַנט" אין וואַרשע). חיים פינקעלשטיין, וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען אי אַ מיטאַרבעטער, אַ מיטרעדאַקטאָר און אי דער פאַרוואַלטער פון קאָאָפּעראַטיוו, ווייזט אַרויס אין זיין אַרבעט אַ ספּעציעלן ציטער פאַר דער ציוניסטישער פעסטונג, וואָס דער „הײַנט" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. מ'פילט פון יעדער שורה ווי ער אָטעמט נאָך הײַנט צו טאָג מיט דעם אָטעם פון דער אַמאָליקער אַטמאָספער פון דעם קאָלירפולן לעבן פון פּוילישן ייִדנטום.

מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן אונדזער פאַרוווּנדערונג צו חיים פינקעלשטיינען, וועלכער האָט אין זיין אַרבעט וועגן „הײַנט" אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין דעם ייִדישן לעבן פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, — ווי קומט עס צו אים נישט צו דערמאָנען, אַז מיט דער שול־געזעלשאַפט „שול־קולט" האָט אָנגעפירט די פועלי ציון־צ. ס. פּאַרטיי? אַגב אַדרעסירן מיר די טענה אויך צום רע־דאַקטאָר פון בוך — יעקב פּאַט. אויב אַ שרייבער קאָן זיך אַמאָל פאַרגינען דעם לוקסוס פון שכחה, איז דער חוב פון רעדאַקטאָר צו דערמאָנען דעם מחבר אין פאַרגעסענע זאַכן. אַגב, איז דער רעדאַקטאָר יעקב פּאַט אַליין געווען טעטיק אין דער ייִדישער שול־באַוועגונג אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן און ער ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז מיט שול־קולט האָט אָנגעפירט די פועלי ציון־פּאַרטיי, און

עס איז געווען זיין חוב גלייכצושטעלן פאַר דער געשיכטע דעם „פּאַרגעסענעם״ טייל אין דער אַרבעט פון חיים פינקעלשטיין.

די אַרבעטן פון משה גראָסמאַן, פון יצחק גרינבוים און פון ד״ר ע. קאַרלעבאַך ע״ה זענען זייער באַלערנדיק און אין זיי געפינט זיך אַן אוצר פון מאַטעריאַל. אַ שפּיגל פון די פּאָליטישע קאַמפן, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט געפירט אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן שטח, געפינט מען אין דער אַרבעט פון יצחק גרינבוים, און אַ שפּאַציר איבער די פּאַסירונגען און געשעענישן אין יידישן לעבן פון דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן געפינט מען אין דער וווּנדערבאַרער אַרבעט פון ד״ר ע. קאַרלעבאַך ע״ה, וועלכער האָט די אַרבעט געשריבן האַרט פאַר זיין טויט.

אַ שפּיגל פון יידישן לעבן אין דעם אָרטאָדאָקסישן סעקטאָר, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אַגודת ישראל, תורה־אינסטיטוציעס, גוטע יידן, רבנים און רביים, געפינט מען אין דער מאָנאָגראַפיע וועגן „דאָס יידישע טאָגבלאַט״, געשריבן פון משה פּראַגער. באמת אַ שלל מיט מאַטעריאַל.

די מאָנאָגראַפיע וועגן דער „פאָלקסצייטונג״ האָט געשריבן פּנחס שוואַרץ, וועלכער איז אַליין געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג און אַליין אַ טעטיקער טוער אין „בונד״. ער דערציילט וועגן דער „פאָלקסצייטונג״ ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט די פאַרשידענע געשעענישן און פּאַסירונגען אין יידישן אַרבעטער־לעבן פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וועלכע האָבן געהאַט דעם שפּיגל אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג. מען מערקט פון דער מאָנאָגראַפיע, אַז דער מחבר האָט געהאַט שוועריקייטן ביים באַהערשן דעם גרויסן מאַטעריאַל, וואָס ער טראָגט אין זיין זכרון וועגן דער צייטונג און וועגן דער אַרבעט פון „בונד״. ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר טאַקע אויפמערקזאַם מאַכן דעם חשובן רעדאַקטאָר פון בוך, אַז דער שלל פון פּנחס שוואַרצס מאַטעריאַל האָט זיך גע־בויטיקט אין רעדאַקציע. מיר קאָנען זייער גוט פאַרשטיין דעם מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע, וועלכער טראָגט אין זיין האַרץ און מוח אַזויפיל פון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער „פאָלקסצייטונג״ און יעדעס ברעקעלע איז פאַר אים אַ קערן, ממש אַן אוצר. אַ רעדאַקטאָר אָבער קאָן זיך לייכטער אַן עצה געבן און מיט אַן אָביעקטיוו אויג רעדאַגירן וואָס נייטיק איז, בכדי צו געבן דעם לייענער אַן אַרבעט, וואָס רופט נישט אַרויס קיין פאַרוווּנדערונג. אַט, למשל, וואַרפט זיך עס אין די אויגן גלייך ביים אָנהייב פון דער מאָנאָגראַפיע וועגן דער „פאָלקסצייטונג״. דער מחבר שרייבט: „פאַראַן אַזאַ ווערטל, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט האַלב ווי אַ פראַגע און האַלב ווי אַן אַרויסרוף: וואָס איז אַ נאָמען?״ דער מחבר פּנחס שוואַרץ האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז דאָס ווערטל ווערט באַנוצט אין שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליאַ״ און ווידער אַמאָל: אויב דער מחבר האָט געקענט פאַרגעסן, טאָר אָבער באַין אופן דער רעדאַקטאָר נישט פאַרגעסן.

דאָס זעלבע האָט דער רעדאַקטאָר נישט געטאָרט דעם מחבר לאָזן זיך באַנוצן מיט אַן אויסדרוק: „פּרייוויליקע וואָלונטירן", אָדער „ווי אַ קריסט זאָגט די פּסוקים אין קלויסטער". אַפילו פאַר די לייענער פון דער „פאָלקסצייטונג" איז געווען אַ סך נענטער דער אויסדרוק: „ווי אַ ייִד זאָגט די פּסוקים פון תהילים", איידער דער אויסדרוק: „ווי אַ קריסט זאָגט די פּסוקים אין אַ קלויסטער". עפּעס פּאַרט זיך נישט דאָס וואָרט פּסוק מיט קלויסטער. עס וואָלט ממש צופיל פּלאַץ פאַרנומען דאָס אָנווייזן ווו אַלץ עס איז געווען נייטיק אַ רעדאַקטאָר, וועלכער האָט באַדאַרפט ווידמען אַ ביסל צייט ביים לייענען די באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס און זיי רעדאַגירן.

וועגן „מאָמענט" האָט געשריבן מענדל מאָזעס, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער ייִדישער טעלעגראַפן־אַגענטור אין פּוילן. דער מחבר אַליין האָט משמעות פאַרויסגעזען די טענות, וואָס מען וועט צו אים האָבן, האָט ער זיך באַוואָרנט מיט אַ פאַרענטפער און ער שרייבט, אַז היות ער האָט געהאַט ווייניק מאַטעריאַלן, איז ממילא זיין אַרבעט נישט מער ווי אַן אַריינפיר, ווי ראשי פּרקים צו אַ ברייטער מאָנאָגראַפיע.

קאָנען מיר בכן נישט האָבן קיין טענות צום מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע. ער האָט פאַר זיין געוויסן יוצא געווען מיט אַ פאַרענטפער, אָבער צום רעדאַקטאָר קאָנען מיר יאָ האָבן טענות: ווי דערלאָזט ער עס צו אַזאַ זאַך? קאָן מען דען טאַקע אָפּפטרן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַזאַ גרויסער ייִדישער טאָג־צייטונג, ווי עס איז געווען דער „מאָמענט", מיט אַ תירוץ, אַז עס איז נישט געווען קיין מאַטעריאַלן? דער רעדאַקטאָר, ווי אַ ייִדישער שרייבער און זשורנאַליסט, וועלכער האָט געלעבט אין פּוילן און האָט פּערזענלעך וואַרשיינלעך געקענט די מערסטע מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", ווייסט, אַז עס האָבן זיך געראַטעוועט אַרום 15 צי מער געוועזענע מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" און זיי האָבן געקענט דערגאַנצן דעם בלויז אין דער אַרבעט, ווו דעם מחבר האָט געפעלט מאַטעריאַל.

בכלל, גלויבן מיר, וואָלט דאָס בוך וועגן די ייִדישע טאָג־צייטונגען אין וואַרשע אַ סך בעסער אַרויסגעקומען, ווען די מאָנאָגראַפיעס וואָלטן געשריבן געוואָרן נישט דורך יחידים, נאָר דורך אַ קאָלעקטיוו. אַ ראיה האָבן מיר פון דער „היינט"־מאָנאָגראַפיע. כאָטש די גרעסטע אַרבעטן זענען געשריבן געוואָרן פון גראָסמאַן און חיים פינקעלשטיין, אָבער דער צוגאָב פון די ביידע אַרטיקלען פון יצחק גרינבוים און ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך גיבן צו זייער פיל און באַרייכערן די מאָנאָגראַפיע פון „היינט". דער מוסטער פון דער „היינט"־מאָנאָגראַפיע ברענגט אונדז אַרויף אויף דעם געדאַנק, אַז דאָס זעלבע האָט געדאַרפט געטאָן ווערן וועגן די אַנדערע טאָג־צייטונגען.

מיר דערוואַרטן, אַז די רעדאַקציע פון דער ביכער־סעריע „פון נאָענטן עבר״ וועט אין די ווייטערדיקע בענדער, ווו עס דאַרפן ווערן פאַרעפנטלעכט די מאָנאָגראַפיעס וועגן די אַנדערע יידישע טאָג־צייטונגען, סיי אין וואַרשע און סיי אין די גרעסטע שטעט פון פוילן, זיך באַנוצן מיט קאָלעקטיווע אַרבעטן לויט דעם מוסטער פון „היינט״.

בדרך כלל איז דאָס בוך „יידישע פרעסע אין וואַרשע״ אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

1956.

דער פאָלקס־נביא אליהו

(אויפן ראַנד פון א. מענעסעס „אליהו הנביא״)

צו וועמען קומט היינט דער פאָלקס־נביא אליהו? פאַר וועמען באַווייזט ער זיין לעגענדאַר געשטאַלט? מיט וועמען זיצט ער אין די נעכט און לערנט תורה און צו וועמען לויפט ער בייטאָג מיט אַ שייטל האָלץ אויף די אַקסלען, בכדי אָנצוּוואַרעמען אַ קאַלטע שטוב פון אַ אָרעמאַן, אָדער אים צו ברענגען אַ רענדל אויף שבת צו מאַכן, אָדער גאָר אַן אָרעמע כלה חתונה צו מאַכן?

צו וועמען קומט היינט אליהו הנביא, אָט דער ברויזנדיקער, טעמפּעראַמענט־פולער און פּלאַמיקער קעמפער פאַר רעליגיעזער דערהויבונג און סאָציאַלער גע־רעכטיקייט? אָט דער שומר פון אייביקן בונד צווישן גאָט ברוך הוא און זיין פאָלק ישראל? עפּעס הערט מען לעצטנס פון אים אַזוי ווייניק. איז אונדזער דור טאַקע נישט ראוי אים צו זען? זענען די היינטיקע זינדיקע ערד־מענטשן נישט ראוי צו געניסן פון אליהו הנביאס הילף, צו געניסן פון זיין תורה? אָדער אפשר האָט ער זיך גאָר אין גאַנצן אַנטוישט אין מין מענטש, וועמען ער האָט פאַר דורות און יאָרן געהאָלפן — לויט די לעגענדעס — מיט מאַטעריעלער הילף; גע־וועקט צו בטחון, צו גלויבן אין גאָט און צו גלויבן אין מענטש, וועמען ער האָט געוויזן אַ דרך אין לעבן; געמונטערט, אַז אין די ערגסטע צייטן טאָר זיך אַ מענטש נישט מיאש זיין, נאָר זיך אָנגורן מיט האָפענונג, מיט בטחון. און דערביי האָט אליהו הנביא — לויט די פאָלקס־לעגענדעס, וואָס זענען וועגן אים פאַרשפּרייט געוואָרן — זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט הוילע ווערטער, נאָר אויך דורך מעשים באַוויזן דעם מענטשן, אַז אין די ערגסטע מינוטן, ווען עס ווייזט זיך דעם מענטשן אויס, אַז כלו כל הקיצין, אַז אַלץ איז פאַרלוירן און עס איז שוין נישטאָ די מינדסטע האָפענונג, אַז באו מים עד נפש — אין די ערגסטע מינוטן, אין דער לעצטער סעקונדע, האַרט פאַר ליכט־צינדן, קומט גאָטס הילף בפועל ממש, נישט מיט קיין טרייסט־ווערטער, נאָר אויף אַן אמת. צו וועמען קומט היינט צו טאָג דער פאָלקס־נביא אליהו?

אין דער צייט פון דער צווייטער דינאַסטיע פון מלכות ישראל, אין די מלוכה־יאָרן פון מלך אחאב, האָט לויט דער ייִדישער געשיכטע דער נביא אליהו אָנגעפירט אַ העפטיקן סאָציאַל־רעליגיעזן קאַמף. דעם קאַמף האָט אליהו הנביא געפירט קעגן דער פעניצישער מלכה איזבל פאַר איר איינפירן אין ישראל די מנהגים פון פעניצישן קעניגלעכן הויף און דעם קולט פון זייער אָפּגאָט בעל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אָפּשיילעכער אויסגעלאַסנקייט און פון צייט צו צייט אויך גע־פאָדערט מענטשלעכע קרבנות.

אין יענער צייט איז אליהו הנביא מיט דער פולער קראַפט פון זיין ברויזנ־דיקער נאַטור אַרויס אין קאַמף קעגן דעם קולט פון בעל און מיט זיין פּלאַמיק, וואָרט האָט ער אָנגעוויזן אויף איין גאָט פון די אָבות: „י.ה.ו.ה." דער נאָמען אליהו זאָל טאַקע לויט טייל היסטאָריקער באַדייטן: אלי־הו, דאָס מיינט אויף מאַמע־לשון: מיין גאָט איז י.ה.ו.ה." דער קורצער נאָמען פון גאָט פון די אָבות. נישט נאָר אויפן רעליגיעזן באַדן האָט דער פאָלקס־נביא אליהו געקעמפט מיט מלכות, נאָר אויך אויפן סאָציאַלן געביט איז דעם נביא אויסגעקומען צו פירן פיל קאַמפן. דער דעמאָלטדיקער מלך פון ישראל, אחאב, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיין פרוי די פעניצערין איזבל, האָט זיך אויפגעפירט נישט צו שטאַרק דעמאָקראַטיש און אויך נישט לויט מידת הדין. ווען, למשל, עס האָט זיך דעם מלך אחאב פאַרוואָלט האָבן אַ ווייַנגאָרטן פון איינעם נבות, וועלכער האָט זיין נחלה נישט געוואָלט פאַרקויפן, האָט די קעניגין איזבל פּראָוואָצירט אַ פּראָצעס קעגן נבות כלומרשט פאַר באַליידיקן דעם מלך. נבות איז פון ריכטער־טריבונאַל אויפן סמך פון עדות פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און זיין פאַרמעגן האָט באַדאַרפט קאָנפיסקירט ווערן לטובת דעם מלך אחאב.

אליהו האָט זיך דאַן אָנגענומען די קריוודע פון נבות און האָט נישט דער־לאָזט אחאבן אויף אַזאַ ווילקירלעכן אופן צו באַרויבן אַ בירגער פון זיין נחלה, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיינע עלטערן, דער נביא אליהו איז געקומען צו אחאבן און אים אויסגעמוסרט מיט די שאַרפסטע ווערטער. די געשיכטע דער־ציילט אונדז, אַז דער קעניג אחאב האָט אַראָפּגעשלונגען ווי אַ ביטערע פּיל די־שטראָף־רייד פון נביא אליהו און דערמיט אָנערקענט, אַז דער נביא איז גערעכט.

אליהו הנביא האָט געפירט שווערע און האַרטנעקיקע קאַמפן קעגן די כהנים און נביאים פון קולט בעל. אין זיין קאַמף האָט ער נישט אויסגעמיטן די קעניגין איזבל, וועלכע איז געווען די פאַרשפּרייטערין פון בעל־קולט. בעת די קאַמפן איז אליהו הנביא פאַרשוווּנדן געוואָרן. דאָס פאָלק האָט פאַרשפּרייט לעגענדעס, אַז דער פאָלקס־נביא איז אַרויף אַ לעבעדיקער אויפן הימל, און זינט יענער צייט איז אליהו אַריין אין דער לעגענדע פון פאָלק. מען האָט אין אים געזען דעם

אייביקן מאָנער פון גערעכטיקייט, דעם וועקער פון מיטגעפיל צו נויטבאַדערפ־טיקע און דעם מוסטער פון קומען צו הילף אין צייט צו מענטשן, וועלכע נויטיקן זיך אין שטיצע און הילף.

כאָטש לויט דער געשיכטע האָט זיך אָפיציעל די פאָלקס־נבואה אָנגעהויבן אין די צייטן פון דער יוהא־דינאַסטיע, אין די צייטן פון ירבעם בן יואש, בעת דער נביא עמוס הייבט אָן צו זאָגן זיינע נבואות, — ווערט אָבער דער נביא אליהו פאַררעכנט ווי דער פאָטער פון דער פאָלקס־נבואה, און ער איז אַריין אין פאָלק ווי דער פאָלקס־נביא. דער נביא אליהו האָט אויסגעפירט אַ טאָפּלטע מיסיע. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פון מענטש און האָט געמאָנט פון מענטש אָפּצוהיטן גאָטס געבאָט.

זינט יענער צייט, ווען אליהו הנביא האָט געלעבט און געווירקט, זענען אַוועק אַ קימא לן פון קרוב צו דריי טויזנט יאָר, לויט דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג. דורות נאָך דורות האָבן דערציילט און איבערדערציילט די גרויסע ווונדער, וואָס דער נביא אליהו האָט באַוויזן צו טאָן פאַר יחידים און פאַרן כלל. אליהו הנביא איז געוואָרן די לעגענדאַרסטע געשטאַלט אין אונדזער פאָלקס־לעבן. ווי זאָגט אַ באַקאַנט פאָלקס־וואָרט: „אליהו הנביא איז נישט נאָר געווען אין זיין צייט, נאָר ער איז מיטן פאָלק אין אַלע צייטן". ער באַוואַכט יעדן ייִדן פון טאָג פון געבוירן ביז צום לעצטן אָטעם־צוג. דאָס פאָלק זאָגט, אַז נישט יעדער דור האָט זיך זיין אליהו הנביא, נאָר אַז אין אַלע דורות שוועבט אַרום דער גייסט פון זעלבן נביא אליהו, וועלכער איז דער אייביקער שומר פון פאָלק ישראל. ער היט אָפּ דעם כלל ישראל דורך זיין שמירה פון יחיד.

אַרום די גוטע מעשים פון נביא אליהו האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן אוצר פון דערציילונגען, אַ גאַנצע ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן אַרום דער פערזענלעכקייט פון נביא אליהו. אַ ליטעראַטור צעוואָרפן אין פאַרשידענע ספרים פון פאַרשי־דענע צייטן.

דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און געלערנטער אברהם מענעס האָט צו־נויפגעזאַמלט און באַאַרבעט די אַלע אגדות און פאָלקס־מעשיות וועגן אליהו הנביא אין דער „ציקאָ"־ביכער־פאַרלאַג, מיט דער מיטהילף פון מ. קראַנשטאַט־פאָנד, האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון דער סעריע: „פון אונדזער אוצר — אליהו הנביא".

אברהם מענעס האָט לויט אַ סדר צונויפגענומען די אַלע אגדות און פאָלקס־מעשיות וועגן נביא אליהו און זיי באַאַרבעט. ער הייבט אָן מיט דער אליהו־טראַדיציע אין תנ"ך, איבערגעבנדיק די פאַרשידענע תקופות פון מלכות ישראל וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אליהו הנביא־פערזענלעכקייט. אין צוועלף קאַפּיט־

לען גיט אונדז איבער דער מחבר די אַלע פֿאָלקס־מעשיות וועגן נביא אליהו, ווי אין לויף פֿון אונדזער געשיכטע איז דאָס דאָזיקע לעגענדאַרע געשטאַלט אַריין אין פֿאָלקס־לעבן דורך אַ געוועב פֿון דערציילונגען, פֿון וווּנדערלעכע פּאַסירונגען.

אברהם מענעס האָט נישט געזוכט צו געבן קיין אויסטייטשונגען צו די סיפּורי המעשיות וועגן דער קאָלירפֿולער געשטאַלט פֿון אליהו הנביא, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין אונדזער פֿאָלקס־אוצר אין משך פֿון דורות. דער מחבר האָט איבערגעגעבן די אגדות און מעשיות אַזוי ווי זיי זענען פֿאַרשריבן געוואָרן אין פֿאַרשידענע ספרים. מענעס האָט נאָר געגעבן אַ קורצן אַריינפֿיר צו די פֿאַרשי־דענע קאַפּיטלען פֿון בוך. לייענענדיק דאָס בוך „אליהו הנביא", טויכט אויף אין זכרון די גרויסע באַגייסטערונג, די באַוווּנדערונג, וואָס מיר האָבן אַלע מאָל געטראָגן פֿאַר דעם גרויסן בעל מידות און גרויסן בעל מעשים, וועמען דאָס פֿאָלק האָט אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות אַרויסגעשטעלט פֿאַר דער אייביקייט ווי אַ מוסטער פֿון מענטש, פֿאַר דעם בחיר היצירה פֿון גאָטס באַשאַף.

פֿאַר די אמתע ליבהאָבער פֿון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט; פֿאַר די אַלע, וועלכע זענען גרייט פֿאַרן אמת צו קעמפֿן; פֿאַר די אַלע, וועלכע זענען גרייט צו העלפֿן דעם מענטש און קעמפֿן פֿאַר זיין פֿרייהייט, — פֿאַר די אַלע וועט אליהו הנביא פֿאַר אַלע דורות בלייבן דער פּראָטאָטיפּ פֿון מענטשלעכער ווערדע, פֿון העכסטער און אמתער מענטשלעכקייט. צו די אמתע קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע, צו די הערלעכע געשטאַלטן פֿון היינטיקן דור באַווייזט זיך אויך די לעגענדאַרע געשטאַלט פֿון אליהו הנביא, וואָס דינט ווי אַ מוסטער פֿון איבער־געגעבנקייט און ליבע צום מענטש; אַ מוסטער פֿון מסירת נפש אויפֿן מזבח פֿון אמת און גערעכטיקייט אויף גאָטס וועלט.

.1956

מגילות פון סאָוועטישן יאָמער־טאָל

(אויפן ראַנד פון אברהם זאַקס „קנעכט זענען מיר געווען")

אין דער ביכער סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, איז מיט אַ קורצער צייט צוריק דערשינען אַברהם זאַקס צוויי ביכער אונטערן נאָמען „קנעכט זענען מיר געווען". ביכער וואָס שרייען אויס דעם טיפן ווייטיק, די שוידערלעכע איבערלעבונגען פון מענטשן אין דעם שוידערלעכסטן גיהנום אויפן כדור הארץ — אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אברהם זאַק, דער האַרציקער דיכטער און דערציילער, וויקלט פונאַנדער אין צוויי ביכער די מגילות פוןליידן און פיין, פון גרויזאַמע אַכזריותן, וואָס מענטשן אין מיליאָנען, און ער אַליין ווי איינער פון זיי, האָבן איבערגעלעבט אין דעם סאָוועטישן גיהנום, אין סטאַלין־לאַנד.

אברהם זאַק האָט זיינע ביכער באַטיטלט מיטן נאָמען „קנעכט זענען מיר געווען". מיר וואָלטן די ביכער אַ נאָמען געגעבן „אין גיהנום זענען מיר געווען", ווייל פון דעם אינהאַלט פון די ביכער, פון יעדן קאַפּיטל שרייט אַרויס די גרויסע רשעות, די גרויזאַמסטע פאַרברעכנס, די שרעקלעכסטע ליידן און יסורים, וואָס זענען געטאָן געוואָרן צו מענטשן אין סאָוועט־רוסלאַנד. די ביכער דערציילן פון דעם שרעקלעכסטן גיהנום, וואָס דער מענטשלעכער כוח־הדימיון קאָן פאַרטראַכטן. די ביכער פון אברהם זאַק זענען אָבער — ווי דער מחבר אַליין דריקט זיך אויס אין זיין הקדמה — „נישט קיין פּראָדוקט פון שרייבערישן כוח־הדימיון. ס'איז, צו דער חרפה פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, די טרויעריקסטע וואָר".

לייענענדיק מיט גרויס שפּאַנונג די ביכער „קנעכט זענען מיר געווען" פון אברהם זאַק, האָבן מיר פאַר זיך אַליין געפּרוווט צו מאַכן אַ שטיקל חשבון פון 40 יאָר, זינט דער רוסישער רעוואָלוציע; זינט דעם טאָג, ווען אין די הערצער פון מיליאָנען מענטשן אין רוסלאַנד און אויך אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד האָט זיך צעפלאַקערט די גרויסע האָפענונג אויף אויסלייזונג, אויף פרייהייט,

אויף פולער מענטשלעכער דערליידונג. עס האָט זיך דאַן אויסגעוויזן, ווי עס ווערט אונטערגעצונדן דער גיהנום, וואָס האָט געפּייניקט און געמאַטערט דעם מענטש, האָט אים געהאַלטן פאַרשקלאַפט און געמוטשעט מיט כלערליי יסורים; עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם פינצטערן גיהנום וועט פאַרבייטן אַ ליכטיקער גן־עדן, ווו גאָטס באַשאַף, דער מענטש, וועט זיך פילן פריי, אויסגעלייזט פון אַלע אַכזריותן. און לסוף ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מיט 40 יאָר צוריק האָט נישט נאָר נישט אונטערגעצונדן דעם גיהנום, נאָר אַז די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אונטער סטאַלין און זיינע יוצר־משרתים האָבן דעם גיהנום אויפדאַסניי אָנגעצונדן; אַ גיהנום, וועמענס פייער־צונגען עס ברענען און בראָטן מיליאָנען מענטשן; אַ גיהנום פון יסורים, טרערן און פּיין; אַ גיהנום, וואָס איז — ווי דער מחבר דריקט זיך אויס: „די חרפּה פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, וואָס קוקט זיך צו מיט פאַרלייגטע הענט צו דעם אַכזריותדיקן באַרבאַריזם ביי דער העלער שיין פון דער זון״...

מיר האָבן זיך אַמאָל געפרעגט אַ טעאָרעטישע פראַגע: וואָס איז שטאַרקער, וואָס איז גרויזאַמער, וואָס איז ווייטיקפולער: די ליידן און יסורים פון אַן אָפענער וווּנד, אָדער דער ווייטיק פון געשטיקטער פּיין, פון קאַלירלאָזע טרערן? מיר האָבן מיט דער פראַגע מכוון געווען די צוויי דיקטאַטאָרישע רעזשימען, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען (איין רעזשים פאַרנעמט זיך נאָך עד היום) מיט פּייניקן, מיט אונטערדריקן פיזיש און גייסטיק דעם מענטש, וואָס איז דאָך אין גאָטס געשטאַלט באַשאַפן געוואָרן. די רעזשימען זענען היטלער־דייטשלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד. אין היטלער־דייטשלאַנד האָבן אַרויסגעשריען די יסורים, די פּיין, די שרעקלעכע ליידן — דורך אָפענער, צעבלוטיקטער וווּנד, דורך די גאַז־קאַמערן, דורך די קרעמאַטאָריעס. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן מיליאָנען זיך געשטיקט און שטיקן זיך נאָך עד היום אין טרערן און האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אויסצושרייען דעם גרויסן ווייטיק. די שרעקלעכע ליידן און פּיין ווערן דערשטיקט אין שטיל טריפנדיקע, קאַלירלאָזע טרערן. אברהם זאַקס מגילות פון יאָמער־טאָל, אָדער ווי ער אַליין באַצייכנט די איבערלעבענישן אונטערן נאָמען: „קנעכט זענען מיר געווען״, ווייזן אונדז אָן, אַז די פאַרשטיקטע קאַלירלאָזע טרערן פון די פאַרשקלאַפטע און געפּייניקטע אין סאָוועטישע גיהנומס, לאַגערן בלע״ז, זענען נישט ווייניקער ווייטיקפול, נישט ווייניקער גרויזאַם, ווי דער דראַסטישער, אויסשרייענדיקער רויטער בלוט־קאָליר פון דער אָפענער וווּנד אין היטלער־דייטשלאַנד. ווי דעפּינירט אין סאָוועטישן לאַגער אַ קאָמוניסט פון פּוילן די איבערלעבענישן און די צייט פון לאַגערן: „יאָרן אין לאַגער — דאָס איז אַ לאַנגזאַמער טויט פון גוף און נשמה״.

אברהם זאַק הייבט אָן זיינע מגילות פון זיין אַנטלויפן פון חרובן וואַרשע,

פון זיין איבערשמוגלען זיך איבערן טייך בוג און זיין אָנקומען אויפן סאָוועטיש־אָקופּירטן געביט פון פּוילן, אין שטעטל סעמיאַטיטש, די ערשטע סטאַנציע, ווו ער באַגעגנט זיך מיט ייִדישע פּליטים, אַנטלאָפענע פון די דייטשן: „ווי פון אַ שריפה, ווי פון אַן אונטערגייענדיקער שיף". נאָכדעם פאָרט ער קיין ביאַליסטאָק, ווו ער דערפילט, אַז „ער קאָן זיך באַוועגן פראַנק און פריי איבער די גאַסן, אָן דער געלער לאַטע, אָן אַ מגן דוד, ווו קיינער כאַפּט נישט, קיינער פּאַרפאָלגט נישט". פון ערשטן צוזאַמענטרעף מיט קאָלעגן־שרייבער פון וואַרשע אין ביאַליסטאָק, אין דעם הויז פון שרייבער־פאַריין און אין דער קיך פאַר פּליטים, האָט זיך דער מחבר דערוווּסט, אַז עס איז ווייט נישט פויגלדיק אין דעם נייעם קעניגרייך און אַז נישט אַלע קאָנען זיך האַלטן פראַנק און פריי און אַז עס איז אַ סך גלייכער צו זיין אַ זייטיקער באַאָבאַכטער.

אין רירנדיקע שורות שילדערט פאַר אונדז אברהם זאַק זיין באַגעגעניש מיט דעם ייִדישן שרייבער פון מינסק — זעליג אַקסעלראָד, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ לענגערן שמועס, און אים איבערגעגעבן אַ געטרײַעם גרוס פון ייִדישן לעבן אונטער דעם נאַצישן רעזשים אין די פאַרנומענע געביטן אין פּוילן. אַקסעלראָד, דערציילט זאַק, האָט געשלונגען ממש יעדע ידיעה. זאַק האָט אים געוויזן די געלע לאַטע, וואָס ער האָט געטראָגן אין וואַרשע און אַקסעלראָד האָט געמורמלט: „מיטלאַלטער אין 20סטן יאָרהונדערט".

פון ביאַליסטאָק פאָרט זאַק אַריבער קיין גראָדנע, ווו עס האָבן געלעבט זיין מוטער און שוועסטער. דאָרט צווישן אייגענע האָט ער זיך געפילט נישט אַזוי פאַראייַנזאַמט. אין דער שטאָט גראָדנע, די שטאָט פון ר' נחומקען זצ"ל, די שטאָט וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס די פאָרשטאָט צו ירושלים דליטא — ווילנע, דאָרט אין היימישן גראָדנע אין אַן אַטמאָספער פון ליבע און האַרציקייט פון זיינע נאָענטע משפחה־מענטשן, דערפילט דער מחבר אַ געוויסע לינדערונג אין געמיט נאָך די שווערע איבערלעבונגען אין וואַרשע אונטער די נאַציס.

אָבער די דאָזיקע לינדערונג איז נישט קיין דויערהאַפטע. עס נעמט נישט קיין סך צייט און דער סאָוועטישער גיהנום הייבט אָן אַרויסצוקריכן פון זיין באַהעלטעניש און הייבט אָן צו שפּריצן מיט זיינע פייער־לאַוועס איבער פרידלעכע מענטשן. און דער גיהנום האָט אויך זאַקן אַריינגעוואָרפן אין אַן אומרו. ער האָט צוגלייך מיט אַנדערע פאַרלוירן „די זיכערקייט ביי טאָג און דעם שלאָף ביי נאַכט". ער, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, איז „געלעגן שלאָפלאָז אין בעט און זיך צוגעהערט צו איטלעכן שאָרך פון דער גאַס, צי דערנענטערט זיך נישט אַ מאַשין צו דער שטוב?". מען האָט אין עשאַלאָנען אָנגעהויבן אַרויסשיקן פּליטים טיף, טיף קיין רוסלאַנד. און נישט נאָר פּליטים האָט מען געשיקט אין דעם ווייטן סיביר, אין די אומבאַקאַנטע רוסישע מרחקים, נאָר אויך אָרטיקע איינוווינער, אויב נאָר זיי זענען

געווען פאַררעכנט אַלס בורזשויען, פּאָליטישע טוער, בונדיסטן און אַלע אַנדערע, וועמען די נייע מושלים האָבן דערקלערט ווי „שונאים פון פאָלק" (ווראַגי נאַראָדאַ). זאַק שילדערט ווי אין דעם גראָדנע, אין דער עיר ואם בישראל, די שטאָט פון משכילים, פון אַ גרויסער און אַ בכבודיקער יידישער אינטעליגענץ, וווּ עס האָט געשפּרודלט אַ געזעלשאַפטלעך־יידיש לעבן, איז מיט אַמאָל אַלץ שטום געוואָרן. אויך דאָס יידישע לשון איז פאַרשטומט געוואָרן. די נייע מאַכט האָט היינו גענומען יידישע שולן און זיי פאַרוואַנדלט אין רוסישע; האָט אַריינגעפירט קריסטלעכע קינדער אין הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע קלאַסן און אַראָפּגעבראַכט לערער פון רוסלאַנד און ליקווידירט דאָס יידישע לשון ווי אַ קעגנשטאַנד אין דער שולע, וווּ פריער, ווו שפּעטער — דערציילט זאַק. אין אַנדערע פאַרנומענע שטעט איז עס נישט צוגעגאַנגען אַזוי שנעל. יידיש איז אַזוי אומעטום אויסגעוואָרצלט געוואָרן ביי דער יידישער שול־יוגנט.

זאַק שילדערט די פאַרענדערטע שטאָט גראָדנע, ווי עס האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פון דער שטאָט: „עפּעס אַן אומעטיקע כמאַרע איז פאַרצויגן געוואָרן איבער דער שטאָט. וווהין און צו וועמען איר זאָלט נישט קומען — יעדער לעבט פאַר זיך, אָפּגעשלאָסן אין זיינע אייגענע ד' אמות, גלייך ווי מענטשן וואָלטן פּלוצים פאַרלוירן דעם צוטרוי צו די אַנדערע...". מיט שטאַרקער פאַרביטערונג דערציילט דער מחבר ווי ער האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אויף דער גאַס, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען נאָכן יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער לייב ניידוס, און די נייע מושלים האָבן אַראָפּגענומען דעם נאָמען ניידוס און די גאַס אַ נאָמען געגעבן: 1טע מאַי גאַס. דער מחבר האָט געפילט, אַז „עס איז פאַרשוועכט געוואָרן דער נאָמען פון אַ יידישן דיכטער און צוגלייך מיט דעם איז אויך פאַרשוועכט געוואָרן דער נאָמען פון דעם 1טן מאַי — ווייל כלומרשט אין נאָמען פון אַרבעטער־יום־טוב, — וואָס איז דאָך אַ סימבאָל פון פרייהייט — איז פאַרשוועכט געוואָרן דעם פאָלקס אַ הייליקייט".

שפּעטער שילדערט אַברהם זאַק זיין אַרעסט אין גראָדנער טורמע, זיינע באַגעגענישן מיט מענטשן אין תפיסה־קאַמער, די געשרייען אין דער נאַכט פון טורמע און די שרעקלעכע פּייניקונגען אין מיטן דער נאַכט, בעת דעם פאַרהער פון די אַרעסטאַנטן דורך די סאָוועטישע סאַטראַפּן — די נ. ק. וו. ד.־לייט. אויך דער מחבר אַליין האָט איבערגעלעבט אַזעלכע שרעקלעכע פאַרהערן אין מיטן דער נאַכט אין גראָדנער טורמע.

און אַזוי קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל שילדערט אברהם זאַק זיינע אייגענע איבערלעבענישן צוזאַמען מיט די איבערלעבענישן פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען יידן און נישט־יידן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, אין לאַנד פון כלומרשטער „פרייהייט", פון דעם צוגעזאָגטן סאָוועטישן „גן־עדן".

אַברהם זאַק דערציילט בלחש, רויִק אַלץ וואָס ער צוזאַמען מיט אַנדערע האָבן איבערגעלעבט אין די סאָוועטישע גיהנומס. אָבער גראָד דער בלחש, דאָס שטילע לשון ווירקט שטאַרק אויפן לייענער, איז אַזוי שטאַרק איבערצייגנדיק, אַז עס רייסט מיט און דער לייענער וואַנדערט־מיט מיט די פאַרשיקטע אין די קאַלטס־טע סטעפּעס פון סיביר. ער גייט אין וואַלד אויף שווערער אַרבעט, ליידט פון הונגער און דורשט, פון צינגא און אַנדערע חולאתן, ווערט פיזיש און גייסטיק געפּייניקט פון כלערליי אַנטיסעמיטן און סתם אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן צוליב קרימינעלע פאַרברעכנס און אין די לאַגערן געוואָרן בריגאַדירן, וועלכע איזדעקעווען זיך איבער אַנדערע.

די מגילות דאַרפן געלייענט ווערן פון יעדן איינעם און אויך אויף עפנטלעכע יידישע פאַרזאַמלונגען. עס איז אַ דאָקומענט פון גרויל, פון שרעקלעכער פּיין, פון דער גרעסטער אוממענטשלעכקייט, וואָס אַ רעגירונג פון דעספּאָטן, פון זעלבסט־הערשער האָבן געטאָן און זעצן פאָר צו טאָן צו מיליאָנען מענטשן.

דער מחבר, כאָטש אַליין אַ געליטענער, איינער פון די קרבנות, וועלכער האָט אַליין אויף אייגענער הויט דורכגעמאַכט דעם שרעקלעכן גיהנום, האָט אָבער נישט פאַרזעצן קיינעם. ער האָט נישט פאַרזעצן צוו. אַנד. דעם גלח שולמינסקי, וועמען דער מחבר באַצייכנט אַלס גרויסן סבלן, אַ קרישטאָל־ריינעם מענטש, וועלכער איז געוועזן פריי פון אַנטיסעמיטישן גיפט, מיט וואָס אַנדערע פון פּוילישן קלער זענען געוועזן פאַרסמט. דאָס אויג פון שריפטשטעלער זאַק זעט און באַטירט אַלץ, יעדע פּאַסירונג, יעדע געשעעניש און יעדן מענטשן. קיין מענטשלעכע שוואַכקייט אין די לאַגערן און קיין שום פאַרדאַרבנקייט בלייבט נישט פאַרהוילן פון זיין אויג. זייער געשיקט מאָלט פאַר אונדז אַברהם זאַק אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון פאַר־שיקטע, סיי די פון סאָוועט־רוסלאַנד גופא און סיי די פון די פּליטים.

עס פאַרדינט דער מחבר און דער פאַרלאַג אַ גרויסן יישר־כוח פאַר ברענגען די שרעקלעכסטע מגילות פון סאָוועטישן יאָמער־טאָל צו דער עפנטלעכקייט; פאַר באַקענען דער וועלט מיט דער שוידערלעכסטער עוולה, וואָס ווערט אָפּגעטאָן לגבי מיליאָנען אין אַ לאַנד, ווו מיטן בלוט פון זיינע זין און טעכטער האָט אַ גרופּע פון דעספּאָטן, פון דיקטאַטאָרן דערגרייכט מאַכט און מיטן כוח פון דער מאַכט ווערן מיליאָנען מענטשן געפּייניקט הינטער די תפיסה־ווענט און אין וויטן סיביר אויף קאַטאָרגע־אַרבעט, פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק.

דער מחבר פרעגט אין זיין הקדמה: „צי איז דען מעגלעך פאַר אַ יחיד אויסצושעפּן אַזאַ ים פון טרערן און פּיין?” ניין! — איז אונדזער תשובה. עס איז טאַקע נישט מעגלעך. דער מחבר האָט אָבער דערגרייכט זיין אויפגאַבע מיטן צופירן דעם לייענער צום ים פון טרערן און פּיין; אַריינצופירן אים אין אַן אַטמאָס־

פער פון דער גרויזאַמסטער רשעות און צו באַקענען אים מיט דעם אכזריותדיקסטן באַרבאַריזם פון סאָוועטישן גיהנום.

די ביידע ביכער פון אַברהם זאַק „קנעכט זענען מיר געווען" זענען דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע אונטערן נאָמען: „אַ וועלט גייט אונטער". מיר דערוואַרטן דעם דריטן טייל, וואָס דאַרף לויט דעם פּלאַן פון מחבר אַרומנעמען די תקופה פון זיין פאַרברענגען אין רוסלאַנד נאָכן פריי ווערן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, ביזן סוף קריג — ביז צום פאַרלאָזן דעם עמק הבכא, דעם גרויזאַמען יאָמער־טאָל פון סטאַלין־לאַנד.

מיר דערוואַרטן מיט אומגעדולד דאָס דערשיינען פון די וויטערדיקע ביכער, וועלכע וועלן זיכער זיך לייענען מיט דער זעלבער שפּאַנונג ווי עס לייענען זיך די ערשטע צוויי טיילן פון דער טרילאָגיע. דער שריפטשטעלער און דיכטער אַברהם זאַק גיט אונדז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דעם.

.1957

תשובה

(אויפן ראַנד פון ל. פיינבערגס 2 ביכער: „דער פאַרמשפּטער דור״ און „גאָט פון צאָרן״)

פאַרשידן זענען די וועגן, וואָס פירן אַ מענטשן צו תשובה: איינער באַרעכנט זיך אויף זיינע חטאים, מאַכט אַ שטיקל חשבון־הנפש און זעט זיך אַרום, אַז ער האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט, האָט חרטה און איז מתקן זיינע מעשים דורך תשובה; אַ צווייטער באַקערט זיך צום וועג פון תשובה נאָך אַ שווערער אַנטוי־שונג, ווען ער זעט זיך אַרום, אַז ער איז פאַרפירט און אָפּגענאַרט געוואָרן; אַז זיינע הערלעכע געפילן און זיינע גוטע כוונות זענען פון אַנדערע געטראָטן געוואָרן מיט די פיס, זענען אויף אַ ברוטאַלן אופן אויסגענוצט געוואָרן, און דאַן ווערט ער אַ בעל־תשובה.

תשובה מיינט: זיך אומקערן צוריק צו דער פריערדיקער באַזע פון גלויבן, פון וועלכן מען איז אַוועקגעגאַנגען. חרטה אַליין איז נאָך קיין תשובה נישט. מען קאָן חרטה האָבן אויף אַ באַגאַנגענעם חטא, ליידן געוויסנסביסן, אָבער מען קערט זיך נישט אום צוריק צו דער פריערדיקער באַזע, מען בלייבט שטיין ביים גע־וויסנסביסן. חרטה איז אַ וועג צו תשובה; איינער פון די מדרגות, וואָס באַקערן אַ מענטשן צוריק צו זיין אַמאָליקן גלויבן.

דער מהות פון תשובה — לויט אונזער תורה — באַשטייט פון דריי זאַכן, היינו: ודוי, חרטה און עזיבת־החטא.

אַ גמרא אין מסכת יומא׳, דף פו׳, לערנט אונדז, אַז אין באַגיין עבירות שבין אָדם לחברו צריך לפרסם ולהודיע החטא ברבים, אבל בעבירות שבין אָדם למקום אין צריך לפרסם. — דאָס מיינט, אַז אין באַגיין זינד פון מענטש קעגן מענטש איז נייטיק די זינד מודיע צו זיין פאַר דער עפנטלעכקייט, אָבער אין זינד פון מענטש קעגן גאָט איז נישט נייטיק די זינד מפרסם צו זיין.

צי מיינט חרטה דאָס זעלבע וואָס אַנטוישונג? פאַרשידן איז די מיינונג; טייל

באַהויפּטן, אַז חרטה איז אַ העכערע מדרגה ווי אַנטווישונג, ווייל צו חרטה קאָן אַ מענטש קומען אַליין, דורך אייגענעם חשבון־הנפש, בעת צו אַנטווישונג פירן אַנדערע, אויסערלעכע גורמים. אַנדערע ווידער טייטשן, אַז דער אונטערשיד צווישן חרטה און אַנטווישונג באַשטייט אין דעם, וואָס חרטה זאָל קומען אויף עבירות שבין אָדם למקום, און אַנטווישונג קומט אויף באַגאַנגענע זינד בין אָדם לחברו — פון מענטש קעגן מענטש. דערביי איז טשעקאַווע אַ באַהויפּטונג, וואָס מיר האָבן אַמאָל געהערט: ווען אַ מענטש אַנטווישט זיך אין גאָט, קאָן אַזאַ אַנטווישונג חלילה פירן צו אַן עבירה, ווייל דער מענטש ווערט הפקרדיק, פאַרלירט דעם גלויבן, גייט אַרויס פון גדר און ווערט פון קיין זאַך נישט געצוימט. ווען אָבער איין מענטש אַנטווישט זיך אין צווייטן, קאָן אַזאַ אַנטווישונג אויך פירן צו מצוות. ווען איז דאָס אָבער געזאָגט געוואָרן, ווען נאָך חרטה און נאָך אַנטווישונג קומט תשובה, ווייל תשובה אַליין איז לויטן דין איינע פון די זעקס הונדערט און דרייצן מצוות.

דער דיכטער ל. פיינבערג, וועלכער איז היינטיקס יאָר געוואָרן אַ בן־שישים, און זיין יובל איז געפייערט געוואָרן פון „פען־קלוב" און אַנדערע קולטור־אינסטי־טוציעס אין ניו־יאָרק, ווערט פאַררעכנט אַלס בעל־תשובה און לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג האָט ער זיין וועג צו תשובה דורכגעמאַכט אי דורך חרטה און אי דורך אַנטווישונג. דעם וועג האָט אונדז דער דיכטער באַוויזן אין זיינע צוויי גרויסע ווערק „דער פאַרמשפּטער דור" און „גאָט פון צאָרן".

אין ביידע דערמאָנטע ווערק שפּיגלט זיך אָפּ די פיינבערג־געשטאַלט אין דער אַקציע פון די הויפּט־העלדן. אויב אין בוך „דער פאַרמשפּטער דור" קומט צום אויסדרוק די טיפע אַנטווישונג, די אָפּנאַרעריי, די פאַרפירטקייט; אַן אַנטווישונג אין רעזולטאַט פון האַנדלונגען בין אָדם לחברו, ווערט בולטער אַרויסגעבראַכט אין בוך „גאָט פון צאָרן" חרטה, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט מער פון באַציִונגען בין אָדם למקום. ראשית כל איז אלישע בן אבויה געווען דער אָפּטרי־ניקער פון גאָט, און אין רעזולטאַט פון דעם האָבן זיך שוין געגומען אַלע אַנדערע חטאים. מען האָט אים אַפילו פאַרגעוואָרפן חטאים קעגן זיין אייגן פאָלק. די העלדן פון ביידע ביכער זענען בעלי־תשובה, מענטשן וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט צום ייִדישן פאָלק, צום ייִדישן לעבן, צו ייִדישקייט.

ביידע ווערק זענען פאַרפאַסט געוואָרן פון דיכטער ל. פיינבערג אויף דער קאַנווע פון היסטאָרישע געשעעניש. „דער פאַרמשפּטער דור" נעמט אַרום די תקופה פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון מיט פערציק יאָר צוריק. דער הויפּט־העלד איז דוד בלאַנק. און דאָס לעצטע בוך פון פיינבערגן, „גאָט פון צאָרן", נעמט אַרום די היסטאָרישע עפּאָכע פון צווייטן יאָרהונדערט. דער הויפּט־העלד איז

אלישע בן אבויה, וועלכער איז אויך באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „אחר״, וואָס באַטייט: דער אַנדערער, דער אָפּטריניקער.

ביידע ווערק זענען פון מחבר געשריבן געוואָרן אין פּערזן. דער דיכטער ווייזט אַרויס אַ קאָלאָסאַל־קינסטלערישן טאַלאַנט ביים באַהעפטן דעם גראַם, ביים אויסדריקן אין געשמידטן פערז אַלע וואַריאַציעס פון מענטשלעכע איבערלעבע־נישן, פון מענטשלעכן געראַנגל, פון מענטשלעכע געפילן, פון צאַרטסטער ליבע און ליידנשאַפט.

אין ביידע ווערק ווערט אָפּגעשפּיגלט די אינדיווידואַליטעט פון דיכטער, וועלכער איז נאָך ווי אַ יונגער בחור געוואָרן אַן אָנערקענטער רוסישער פּאָעט, און איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין ראָד פון קאָמוניזם, — פון יענער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט צוגעזאָגט צו באַפרייען די מענטשהייט, איר צו ברענגען גליק, לעבנס־פרייד און אייביקן פרידן, און האָט אין לויף פון יאָרן באַוויזן צו ווערן די דעספּאָטישסטע באַוועגונג, די ממשלת זדון, וואָס האָט באַרויבט די פרייהייט פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן און זיי פאַרשקלאַפט.

אַ זונדל פון אַ רבנישער משפחה איז אונדזער דיכטער. „געבוירן אין רויש פון געוויטער״, אויפן שייד־וועג פון גרויזאַמע צייטן. צו דריי יאָר האָט אים דער טאַטע אָוועקגעפירט אין חדר. און דאָס אַלץ דערציילט אונדז דער דיכטער אין פערזן:

„דער בעלפער נעמט אים אויף די פּלייצעס
און טראָגט דעם רבין אים אַריין.
דער רבי וויקלט אים אין טלית
און זעצט אַוועק אים אויף דער קני.
דער מאַמעס האָרץ — אַ שיר המעלות,
אין אויגן — נחתדיקער גלי״.

פון קליינעם שטעטל איז דער דיכטער אַריינגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין — קיין אָדעס:

„פון בלאָטיקן אוקראַינער שטעטל
אין שטאָט פון וויסן און פּראָגרעס
האָט דוד בלאָנקן צו אַ פעטער
געבראַכט די מאַמע קיין אָדעס.״

קליין־פּאַריז רופט אָן דער דיכטער די שטאָט אָדעס, די שטאָט פון פּושקינען און דיקן (פראַנצויזישער שטאָטסמאַן, וואָס האָט געהאָלפן בויען די שטאָט אָדעס):

„פּונדאַנען האָבן די ,בילואים׳
געלאָזט זיך שווימען קיין כנען״.

פנחס שטיינוואקס

די שטאָט פון חכמי אודיסה, וווּ:

„דאָס שאַרפע ליכט פון חכמי אודיסה
האָט אויפגעלויכטן פאַר דער וועלט.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אָבער רוסיפיצירט זיך ל. פיינבערג אויך אין אָדעס. ער ווערט אַ רוסישער פּאָעט. ער ווערט שפּעטער אויך פאַרכאַפּט פון קאָמוניזם, דינט אין דער רויטער אַרמיי. און שפּעטער אין אַמעריקע איז ער ביז צום סטאַלין־היטלער־פּאַקט אַ קאָמוניסטישער שריפטשטעלער. נאָכהער קומט די אַנטוישונג אין דעם ליגנערישן, פאַרפירערישן וועג פון סאָוועט־רוסלאַנד און פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער קערט זיך אָפּ פון די קאָמוניסטן, ניכטערט זיך אויס פון דער רויטער שכרות, דערזעט דעם חוזק און אָפּנאַרעריי פון די קרעמל־מושלים און שרייבט די צוואה פון אַנטוישטן קאָמוניסט:

„כ'האָב געשריבן מיט בלוט און מיט פייער
מיין צוואה די לעצטע צוויי יאָר —
זאָל דאָס זיין מיין קליינער צושטייער,
מיין צינז דעם פאַרמשפּטן דור,
אונדזער דור האָט געמאָנט אַ קרבן,
נאָר ס'האָט גאָט ניט געשיקט קיין לאַם —
איז פאַרמשפּטער דור געשטאָרבן —
אליין אויף עקדה־פלאַם".

די לעצטע ווערטער פון דודס צוואה זענען שווערע ווערטער פון אַנטוישונג:

אַ גוטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
נישט טראָגט צו מיין קבר אונדזער רויטע פאָן:
צעטראָטן און וויסט, צווישן ביינער און שאַרבנס,
זי ליגט אַ פאַרשוועכטע פון קאָט און שפּיאָן
אונדזער פאָן, וואָס געקעמפט האָט קעגן טראָנען און געטער
קעגן מאַכט פון טיראַן, קעגן תליונס פאַרלענד, —
איצטער וויקלט אין איר זיך דער מיאוסער פאַררעטער
און ווישט אָפּ אין איר די פאַרבלוטיקטע הענט.

און אין דער צוואה קומט אויך די תשובה פון דיכטער. ער בלייבט נישט שטיין אַנטוישט, פאַרצווייפלט; די אַנטוישונג פירט אים נישט אין יאוש אַריין, נאָר פירט אים צו תשובה:

„צעפיצלט, פאַרשוועכט ליגט דיין באַנער פון דלות,
די פאָן פון גאולה, פון האָפענונג און קאַמף...
איז וויקלט מיך איין אין מיין זיידנס טלית,
אין דעם זיבערן קלייד פון מיין ליכטיקן שטאַם".

אויך אין צווייטן ווערק „גאָט פון צאָרן" קומט צום אויסדרוק דער געראַנגל פון יחיד פאַר תשובה. דער יחיד איז דער תנא אלישע בן אבויה. דער דיכטער ל. פײַנבערג קאָן נישט רוען. ער קאָן נישט לעבן גלייכגילטיק און זיך צוקוקן ווי אַ טייל פון כדור הארץ ברענט און אין דעם פייער ווערן געפּייניקט, געברענט און געבראָטן מיליאָנען, און די זעלבע פּייער־צונגען ווילן אײַנשלינגען און אַרײַנשלעפּן אין זייער זשאַר די גאַנצע מענטשהייט. ער קאָן זיך נישט באַפרייען פון די קאָשמאַרן פון יענער צייט. כאָטש ער איז שוין לאַנג אַוועק פון יענעם זומפּ, זוכט ער אָבער אין אונדזער געשיכטע צו באַווייזן ווי תשובה לייזט אויס, ווי תשובה העלפט דעם מענטשן זיך באַפרייען.

דורך דעם היסטאָרישן ראָמאַן אין פערזן, ווו דער הויפּט־העלד איז אלישע בן אבויה, זוכט דער דיכטער צו באַקרעפטיקן זיין טעזע פון תשובה. אויב דער גאַנצער דור האָט נישט געטאָן קיין תשובה און איז דערפאַר פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, קאָנען אָבער יחידים פון דור יאָ תשובה טאָן. און דער דיכטער באַווייזט, אַז ער איז נישט דער איינציקער. אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק זענען געווען בעלי־תשובה. אַזוי ווי דוד בלאַנק — דער הויפּט־העלד אין „דער פאַרמשפּטער דור" — זאָגט אָן אין זיין צוואה, אַז מען זאָל אויסקריצן אויף דער מצבה דעם טאָטנס צווי הייליקע צעדוכנטע הענט, און דאָס זאָל זיין דער צייכן, ווי ער האָט תשובה געטאָן, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין שטאַם, צו פאָלק ישראל, — אַזוי נעמט דער דיכטער דעם היסטאָרישן העלד אלישע בן אבויה און באַווייזט אים ווי ער קערט זיך אום צוריק צום יידישן גאָט און יידישער אמונה.

„פאַרנאַכט ר' מאיר ז'אַנגעלאָפן,
דערהערט אלישעס גסיסה־קרעל:
— טו תשובה, רבי — ס'איז נאָך אָפן
דער שער פון רחמים פאַר דיין זעל! —
אלישע עפנט אויף די אויגן:
— אַ ביסל... וואַסער... תלמיד... ברענג...
איך האָב געזינדיקט, בלויז בשוגג...
כ'וויל שטאַרבן... מיט... דיינע הענט...

ר' מאיר וואַשט זיין רבינס גלידער
זיי פינקלען זויבערדיק און ריין,
ער זאָגט מיט גוסס אָפּ די ווידוי.
אלישע ברעכט אויס אין געוויין:
— איך גלויב... איך גלויב... איך גלויב אין בורא!
פאַרמייד, אל־רחמים... האַרבסטע שטראָף...
עס שוועבט... אַ פייערדיקע תורה...
אין בלויען חלל... פון אין סוף..."

צו זעכציק יאָר איז דער דיכטער ל. פײנבערג קרעפטיק, שטאַרק, פּראָדוקטיוו. אין די דערמאָנטע צוויי ווערק שלענגלט זיך דורך די הערלעכקייט פון דיכטער, זיין הערלעכע שטרעבונג צו פרייהייט, פרייהייט פאַר מענטש.

ל. פײנבערג האָט זיין ליטעראַרישע קאַריערע אָנגעהויבן ווי אַ רוסישער פּאָעט. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַ גרויסן איינפלוס אויף אים האָבן געהאַט די רוסישע פּאָעטן. עס איז שווער צו פאַרהוילן פון אויג דעם בליק, וואָס פינקלט דורך און באַט אָן אַ שטיקל פאַרגלייך פון ל. פײנבערג מיט דעם רוסישן פּאָעט לערמאָנטאָוו. פון אים — לערמאָנטאָוון — האָט זיך משמעות פײנבערג געלערנט צו שאַפן און אויפצוהייבן זיינע פערזן ביז צום גראַד פון העכסטער און אמתער מוזיק. לערמאָנטאָוו איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ גרויסער פאַרערער פון פרייהייט און אַ שרעקלעכער שונא פון אונטערדריקונג. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט ווי אַ יונגער, צוויי און צוואַנציק־יעריקער יונגערמאַן מיט אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן פּושקינס טויט און אין דער פּאָעמע געבראַכט צום אויסדרוק די עמפּערונג, דעם צאָרן קעגן די „הענקער פון זשעני. פון פרייהייט, פון רום". ל. פײנבערגס תשובה איז ווי לערמאָנטאָווס בשעתו באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס, וואָס קעמפן אַזוי שטאַרק אין דעם מענטשנס האַרץ און אין דעם וועלט בכלל.

ל. פײנבערג האָט באַוויזן אין זיין דיכטונג אַרויפצוגיין אויף אַן אייגענעם וועג. געהאָלפן אין דעם האָט אים זייער פיל, וואָס ער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרטיפן און צו שעפּן פון די מקורות פון אונדזער געשיכטע. ער האָט אָנגעהויבן צוצוקומען צו די קוואַלן פון זיין אייגענעם שטאַם, וועמענס העלדן עס אָטעמען מיט דער גרעסטער שיינקייט און זענען באַצירט מיט אַן אומגלויבלעכן רייכטום פון מענטשלעכע געפילן, מיט דעם אייביקן חזון פאַר גוטס, פאַר יושר און גערעכטיקייט.

מיט די ווערק „דער פאַרמשפּטער דור" און „גאָט פון צאָרן" האָט דער דיכטער ל. פײנבערג באַוויזן צו דערגרייכן אַ גאָר הויכע מדרגה ווי אַ קינסטלער. מיר ווינטשן אונדזער פריינט און חבר ל. פײנבערג, אַז ער זאָל בקרוב מיט זיין מוזיקאַלישן פערז באַזינגען אונדזער געבענטשטן דור — דעם דור פון חלוצים, וועלכע האָבן מיט זייער אומגעהייערן הערא‌יזם דערפירט צו דער עטאַב־לירונג פון מדינת ישראל, וואָס איז געוואָרן דער שטאָלץ פון יידישן פאָלק און אויך אַ שטאָלץ פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער. און זאָל טאַקע די פּאָעמע טראָגן דעם נאָמען: „דער געבענטשטער דור".

די „קאָפּירייט" פון דעם נאָמען גיבן מיר איבער לצמיתות אונדזער חבר און גוטן פריינט, דעם דיכטער ל. פײנבערג.

.1957

די פערטע קרוין

(צום 50סטן געבוירן־טאָג פון מאַרק טורקאָוו)

רבי שמעון אומר: שלושה כתרים הם: כתר תורה, כתר כהונה וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהם — רב שמעון זאָגט, דריי קרוינען זענען פאַראַן: די קרוין פון תורה, די קרוין פון כהונה און די קרוין פון מלוכהשאַפט. איבער די אַלע דריי קרוינען איז די קרוין פון גוטן נאָמען.

צום פופציקסטן געבוירן־טאָג פון מאַרק טורקאָוו בעט זיך צו ציטירן דאָס באַרימטע וואָרט פון רב שמעונען, ווייל טורקאָוו האָט זוכה געווען אין משך פון זיינע פיל יאָרן פון אַרבעט לטובת הכלל צו דערגרייכן די פערטע קרוין, די קרוין, וואָס איז איבער אַלע קרוינען — דעם גוטן נאָמען, וואָס איז אַזוי שטאַרק באַקאַנט אין אַלע ווינקעלעך פון ערד־קוגל, וווּ ייִדיש לעבן איז פריי זיך צו באַוועגן, וווּ ייִדיש לעבן ווערט געפירט און קאָנטראָלירט נאָר פון ייִדן אַליין.

די ידיעה, אַז מאַרק טורקאָוו איז פופציק יאָר אַלט, וועט ביי פיל מענטשן אַרויסרופן אַ צווייאיקע רעאַקציע. טייל וועלן זיך וווּנדערן: ערשט איצט געוואָרן פופציק יאָר, היתכן? אַזוי פיל יאָרן, אַז מען קען אים פון זיינע אַקטיוויטעטן אין ייִדישן לעבן, היינט צו וויפל יאָר האָט ער עס אָנגעהויבן, אויב ער ווערט ערשט איצט אַ בן חמישים? אַנדערע ווידער וועלן זיך גאָר שטאַרק חידושן און דערביי אַ פרעג טאָן: ווי קומט עס, ער זעט דאָך אויס אַזוי יונג! ווי לאַנג איז דען, ווי טורקאָוו איז געווען באַרימט ווי דאָס באַליבטע קינד, דער באַליבטסטער צווישן דער שרייבער־משפחה אויף טלאָמאַצקע 13 אין וואַרשע, אָדער אין פיקאַדילי־רעסטאָראַן, וווּ זשורנאַליסטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען נאָך חצות. דער באַליבטסטער און ייִנגסטער צווישן כלל־טוער, צווישן פּאַרטיי־פירער. ווי שנעל די צייט לויפט. ווי שנעל די יאָרן רוקן זיך אַוועק!

דער אמת איז, אַז ביידע־ערליי חידושים זענען ריכטיק און אמת. ווי פלעגט ביי אונדז אין שטעטל זאָגן תמיד ר' שמואל בונים דער מעקלער: „יאָרן אַליין

ציילן זיך אויך. מען דאַרף זיך נאָר אויסהיטן פון אַלטקייט, אָבער יאָרן שאַדט נישט צו ציילן אַ סך, גאָר אַ סך".

יאָ! מאַרק טורקאָוו איז אַ בן חמישים, מיט איבער דרייסיק יאָר פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט. האָט אָנגעהויבן זייער יונג, און זיך באַקאַנט געמאַכט איבער דער וועלט מיט זיין שרייבן אין וואַרשעווער „מאָמענט"; מיט זיינע רעפּעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס און מיט זיין עסקנות לטובת הכלל. אין די לעצטע פופצן יאָר זיך קונה שם געווען אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע, ווו ער איז טעטיק אין כלל־לעבן און ווי אַ שרייבער.

מענטשן זאָגן, אַז טורקאָוו האָט זיך באַרימט געמאַכט איבער דער יידישער וועלט מיטן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", פון וועלכן ער איז דער רעדאַקטאָר, און האָט ביז היינט שוין אַרויסגעגעבן העכער 100 ספרים. איז דאָס טאַקע אמת, אָבער נישט דער גאַנצער אמת. דער פולער אמת איז, אַז טורקאָוו איז אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער וועלט נאָך מיט יאָרן לאַנג צוריק איידער ער צוזאַמען מיטן פריינט מיטעלבערגן האָבן אָרגאַניזירט דעם פאַרלאַג. פּאָפּולער און באַקאַנט געמאַכט האָט אים ראשית כל זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט, — אַ געביט, ביי וועלכן ער איז שנעל, ממש ראַשיק שנעל געוואָקסן און אויסגעוואָקסן. אָט זעט מען אים אַלס יונג בחורל, שיין ווי די וועלט, מיט אַלע זיבן חנען, ווי דער ספּאָרט־רעפּאָרטער, און גלייך, אָט טאַקע באַלד מיטן זעלבן אָטעם, מיט דער זעלבער פליסיקייט, מיט דער זעלבער געשיקטקייט, איז ער שוין דער קאָרעספּאָנדענט פון די זיצונגען פון אַמאָליקן פעלקער־בונד; נעמט אינטערוויוען ביי גרויסע אייראָפּעישע מלוכה־מענער, דערטאַפּט ביי יעדן פון זיי דעם פּאָליטישן דופק, אָריענטירט זיך אויף אַ גלענצנדיקן אופן אין די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, ווייסט וואָס פּילסודסקי וועט פאַרלאַנגען פון וואַלדעמאַראַסן. דערזעט די גרויסע פּערזענלעכקייט פון גרעסטן אייראָפּעישן הומאַניסט מאַסאַריק און די פּאָליטישע פיגור פון בענעש און אַנדערע; שרייבט גלענצנדיקע באַריכטן, פון וועלכע דער שעף־רעדאַקטאָר פון „מאָמענט", צבי פּרילוצקי ע"ה, איז שטאַרק צופרידן, און נעמט אויס ביים ברייטן לייענער־עולם. מיט דער זעלבער התמדה איז טורקאָוו אַ כלל־טוער. אָט האָט מען אים געזען ווי אַ יונגן גימנאַזיסט, אויף וועמענס ליפּן עס איז נאָך געלעגן דער טעם פון די וואַרשעווער זעמעלעך מיט פּוטער און „שטשיפּיאָרעק" — אין ציוניסטישע קרייזן מיט אַ קרן קימת־פּושקע, און אָט איז ער שוין אַ גאַנצער כלל־טוער, זעלבסטשטענדיק, פון קיינעם נישט אָפּהענגיק, אַגיטירט פאַר וואַל־ליסטעס צום פּוילישן סיים, אַגיטירט פאַר די, וועמען ער מיט זיין שכל־הישר באַטראַכט פאַר די פּאַסנדיקסטע, און אָט זעט מען אים שוין אין אַנטי־נאַצי־קאָמיטעט, אין קאָמיטעט פאַר די זבאָנשינער פּליטים, איז אַ בן־בית אין הויז פון פּראָפעסאָר שאָר ז"ל, ביי רפאל שערעשאָווסקי דעם באַנקיר,

איז אַ מעורב בין הבריות, צווישן סוחרים כלל־טוער, צווישן פּאַרטייאישע פירער, ציוניסטן, פּאָלקיסטן, אגודת ישראל, אַ גאַנצער מחותן מיט ר׳ איטשע מאיר לעווין, און מיט וועמען נישט. דערביי האָבן אים אַלע ליב, איז צווישן אַלעמען היימיש, באַקאַנט; מען רעדט פּאָליטיק, מען מאַכט פּאָליטיק און ער, טורקאָוו, איז דאָ דערביי, איז וועגן אַלץ און אַלעמען אינפאָרמירט, וואַרפט אַריין אין די שמועסן זיינעם אַן אייגענעם איינפאַל, אָבער גיט נישט קיינעם קיין עצות; אַט פאָרט ער קיין אַמעריקע מיט דער שיף „קאָשטשושקאָ״ און אַט באַזוכט ער אַרגענטינע און אומעטום ווערבירט ער פריינט, אומעטום לאָזט ער זיך דערקענען מיט זיין פריינט־שאַפט און חברישקייט; אומעטום און צווישן אַלעמען דער גוטער ברודער, דער פריינט, דער חבר. אָט איז ער געווען אין אַרגענטינע און באַלד באַווייזט זיך זיין אָנגעשריבן בוך וועגן יידישן לעבן ביים סאַמע שפּיץ פון דער וועלט, וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע. און וואָס ער האָט געזען, געהערט, איז געווען מיט אַ געניט אויג און מיט אַן אויפמערקזאַמען אויער און דער עיקר מיט אַ יידיש האַרץ. געזען און פאַרצייכנט און דערביי געשריבן מיט אַ סך האַרץ, מיט אַ סך פאַר־שטענדעניש, מיט אַ לירישער פען געטונקען אין דער אייגענער נשמה — אין דער זעל פון אייביקן נוח לבריות. אַזוי ווי אַ קינד פון מאַרטירער־פאָלק זעט זאַכן, אָבסערווירט געשעענישן, דערפילט סכנה, דערשמעקט פּחד, אַזוי האָט ער זיי געזען. היינט איז דען אַ ווונדער, וואָס טורקאָוו איז געוואָרן דער פאָלקס־ליבלינג און איז אַזוי שטאַרק באַקאַנט געוואָרן אויפן יידישן כדור הארץ — נאָך איידער ער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון פאַרלאַג.

ווייל מאַרק טורקאָוו איז אַזוי געווען באַקאַנט אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן. איז דען ווידעראַמאָל אַ חידוש, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו רעדאַקטירן די חורבן־ליטעראַטור, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה מיט היטלערן ימח שמו בראש האָט גורם געווען דעם יידישן לעבן? איז דען אַ ווונדער, וואָס ער האָט מיט אַלע זיינע נשמה־צאַפּלען, מיט אַזוי פיל בענקשאַפט נאָך דעם יאָדער־דיקן און זאַפטיקן יידישן לעבן אין פוילן; אַ לעבן, וואָס האָט געברויזט מיט עקשנות און ענערגיע אויף אַלע שטחים — צונויפגענומען אַלע גרוילטאַטן, אַלע אומגליקן און צרות, אַלע איבערלעבענישן און גיהנומס, וואָס זענען פון על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע פאַרצייכנט געוואָרן און בייגעשטייערט פאַר דער יידישער געשיכטע מיט העכער הונדערט אַרויסגעגעבענע ווערק?

מאַרק טורקאָוו איז נישט קיין פּאַרטיי־מענטש. ער קאָן גאָר אַזאַ נישט זיין. ער איז נישט ביכולת זיך אַריינצוצוימען אין גרענעצן פון אַ פּאַרטייאישער דאָגמע, וואָס דאַרף שפּילן די ראָל ווי אַן אָרגאַניזאַציע אין פאָלק. ער איז תמיד מיטן פאָלק אַלס גאַנצעס. ער האָט גאָר נישט די אַמביציעס וואָס אַ פּאַרטיי־מענטש מוז האָבן, היינו: צו ווערן דער פירער פון פאָלק. ניין! טורקאָוו וויל זיין אין דינסט פון פאָלק,

און נישט ווי אַ פֿאָלקס־פֿירער; איז ער דערפֿאַר מכל ימיו טעטיק אויף אַלע שטחים פֿון ייִדיש געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס פֿרעטענדירן נישט אויף דער ראָל פֿון פֿאָלקס־פֿירערשאַפֿט, נאָר אויף פֿאָלקס־דינסט. אָט, למשל, איז טורקאָוו אַ ציוניסט, ער גייט אָבער נישט צו קיין שום פּאַרטיי אין ציוניזם. ציוניזם איז ביי טורקאָוון די פֿאָלקס־באַוועגונג, דאָס פֿאָלק גופא, דערפֿאַר איז ער אַזוי נאָענט און היימיש אין אַלע ציוניסטישע קרייזן, אַזוי באַליבט צווישן זייער פֿיל מלוכה־מענער פֿון אונדזער מדינת ישראל, אומאָפּהענגיק פֿון זייער פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט.

מאַרק טורקאָוו איז קודם־כל אַ פֿאָלקס־מענטש, געטובלט אין אַלע פֿריידן און ליידן פֿון פֿאָלק, מיט אַ פֿיינעם, איידעלן חוש פֿאַר אַלע פֿאָלקס־פּראָבלעמען און פֿאָלקס־נויטן, און ווי אַזעלכער האָט ער זיך קונה שם געווען אין אַלע קרייזן פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן מיט זיין באמת אומבאַגרענעצטער געטריישאַפֿט און איבערגעגעבנקייט צום אייגענעם צלם העם, צו דער געשטאַלט פֿון פֿאָלק.

מאַרק טורקאָוו האָט אַ דאַנק זיין פֿאָלקס־געטריישאַפֿט זיך דערוואָרבן אין משך פֿון יאָרן־לאַנגער טאַט אויפֿן שטח פֿון ייִדישן לעבן דעם אמתן שם טוב, ציילנדיק אַרום זיך אַזוי פֿיל פֿריינט און גוטע פֿריינט אין דער ברייטער ייִדישער וועלט. צו זיינע 50 יאָר איז ער דערגאַנגען צו דער מדרגה פֿון האָבן די זכיה צו טראָגן די פּערטע קרוין, וואָס איז איבער אַלע קרוינען — די קרוין פֿון גוטן נאָמען.

1954

דורכן פענצטער פון דער ווארשעווער „פאלקסצייטונג"

(אויפן ראַנד פון ברוך שעפנערס בוך: „נאַוואַליפּיע 7")

„נאַוואַליפּיע 7" פון ברוך שעפנער, וואָס דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" אין אַרגענטינע האָט נאָר־וואָס אַרויסגעגעבן, איז אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און עסייען, וואָס שעפנער האָט געדרוקט אין די לעצטע יאָרן אין ניו־יאָרקער „פאָר־ווערטס". דער רוב פון די אַרטיקלען האָט אַ שייכות — ווי דער מחבר וויזט אָן — מיט נאַוואַליפּיע 7, — דעם אַדרעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־צייטונג, אָרגאַן פון „בונד" — די „פאָלקסצייטונג".

די מענטשן, וועגן וועמען שעפנער שרייבט, זענען מיט אויסנאַם פון דיכטער איציק מאַנגער — אים צו לאַנגע יאָר — מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע: י. ל. פּרץ און יוסף כמורנער האָבן אָפּגעגעבן זייערע נשמות צו די הימלען מיט אַ סך יאָרן צוריק. פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער האָבן די באָלשעוויקעס אויף אַן אַכזריש־מערדערלעכן אופן די נשמות אַרויסגעריסן בגוואַלד, מיט רציחה. אַנדערע, ווי ב. יאָושזאָן, שלמה מענדעלסאָן, דער טונקעלער, ז. סעגאַלאָוויטש און צביון זענען געשטאָרבן אין די לעצטע יאָרן.

אין זיין אַריינפיר־וואָרט שרייבט דער מחבר צווישן אַנדערע: אַז דאָס הויז פון דער ווארשעווער „פאָלקסצייטונג", וווּ ער האָט פאַרבראַכט די שענסטע יאָרן פון זיין לעבן, איז שוין מער נישטאָ; אָבער דאָס פענצטער איז ביי אים געבליבן, און אַזוי לאַנג ווי זיינע אויגן וועלן זיין אָפן, וועט ער דורך דעם פענצטער קוקן אויף דער וועלט.

די ווערטער פון מחבר זענען ווי אַ שבועה פון טריהייט צו די אידעאַלן, וועמען די „פאָלקסצייטונג" האָט געדינט. עס איז אַ שבועה פון אַ מענטשן, וואָס האָט אין משך פון 17 יאָר געטריי און איבערגעגעבן מיט זיין פעדער באַרייכערט די צייטונג, פאַרטייטשנדיק פאַרן ברייטן עולם די סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

די אידעאַלן פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" זענען געווען די אידעאַלן פון יידישן אַרבעטער־בונד אין פוילן. דער גלויבן אין סאָציאַליזם, דער גלויבן אין ענדגילטיקן נצחון פון פאַרשקלאַפטן מענטש איבערן טייוול, דאָס זען משיחס טריט אין דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם אויף דער וועלט, ווו יושר און צדק וועלן זיצן אויף דער שטול פון מלכות און האַלטן פאַר אַלע אייביקייטן דעם מענטש פון אַלע ראַסן און קאָלירן פריי און אויסגעלייזט.

„נאָוואַליפּיע 7" איז אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און עסייען, וואָס ב. שעפנער האָט געשריבן אין ניו־יאָרק, אין זיין היינטיקן „דאָ". אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן און געדרוקט אין זיין אַמאָליקן „דאָ", אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, אין וואַרשע, איז חרוב געוואָרן אין דעם גרויסן און שרעקלעכן חורבן פון פוילישן יידנטום.

***

אין פאַרמלחמהדיקן פוילן איז ב. שעפנער געווען אַ פּרינץ פון געדרוקטן יידישן וואָרט. זיינע פעליעטאָנען אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" האָבן אָנגעצונדן מאַסן. יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן זיך געקוויקט מיט שעפנערס אַרטיקלען, וואָס האָבן אָנגעפילט די הערצער פון דער יידישער אָרעמקייט מיט האָפענונג און גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן.

ב. שעפנער האָט אין זיינע פּראַקטיקע פעליעטאָנען אין וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג" פאַרטייטשט פאַרן ברייטן עולם די פרשה פון סאָציאַליזם, האָט מסביר געווען דעם אָרימאַן און דעם אָרימען אַרבעטער פון וואַנען עס נעמט זיך זיין אָרעמקייט און נויט, ווער עס געניסט פון זיין פראַצע, ווער עס טרינקט זיין בלוט און שוויס. יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן זיך געקוויקט מיט שעפנערס פעליעטאָנען, האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין כוח הסברה, זיין לייכטע שפּראַך, שפּילעוודיקער סטיל האָט אים שטאַרק געהאָלפן אין זיין ברייט־פאַרצווייגטער אויפקלערונגס־אַרבעט. אויסטייטשנדיק דאָס שלעכטע פון היינט, די צרות און נויט פון היינט, האָט שעפנער אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן אין דער אויס־טייטשונג געפונען פלאַץ צוצוטראָגן אַ ביסעלע האָפענונג אויפן מאָרגן. ווי אַ בלומען־ציכטער, וואָס טרינקט אָן די בלומען מיט וואַסער און פרישט זיי אָפּ, היט זיי אָפּ פון וועלקן, אַזוי האָט שעפנער די בלומען פון דער יידישער אָרעמקייט — די אַרבעטער־ און פאָלקס־מענטשן — אָפּגעפרישט מיט זיין דערמוטיקונג, מיט זיין כסדרדיקן סטימולירן און וועקן צום קאַמף פאַר אַ בעסערן און גערעכטן מאָרגן.

נישט נאָר דעם סאָציאַליזם פון ברויט האָט שעפנער געטראָגן צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פאַרמלחמהדיקן פוילן; ער האָט אויך זייער פיל בייגעשטייערט און געהאָלפן פורעמען און געשטאַלטן דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידישע אַרבעטער

און פאָלקס־מאַסן. אין זיינע פעליעטאָנען האָט ער געשריבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וועגן טעאַטער. האָט אין צוגאָב צו זיין אַרבעט בכתב אויך זייער פיל געלייסטעט בעל־פה, אַרומפאָרנדיק איבער דער גרויסער פּראָווינץ פון פוילן מיט פאָרטראָגן אויף פאַרשידענע טעמעס פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן כאַראַקטער.

נישט אומזיסט האָט מען אין פוילן געזאָגט אויף שעפנערן, אַז ער האָט מער צוהערער ווי עס האָט דער „בונד" — אים זענען געקומען הערן נישט נאָר בונדיסטן — און אַז ער האָט מער לייענער ווי עס האָט די „פאָלקסצייטונג", ווייל זייער פיל האָבן געלייענט נאָר שעפנערס פעליעטאָנען אין דער „פאָלקסצייטונג".

***

די זאַמלונג אַרטיקלען און עסייען פון „נאָוואָליפּיע 7" זענען געשריבן מיט האַרץ און נשמה. דערצו מיט אַ סך פאַרערונג און ליבשאַפט צו מענטשן, נישט נאָר צו זיינע אידייען־גענאָסן, נאָר אויך צו קעגנער. שעפנער פאַרמאָגט דעם כוח פון סינטעטיזירן מוח מיט האַרץ. זיין פעדער איז אַזוי געשניצט, אַז ער איז בכוח זי צו טונקען אין מענטשלעכן האַרץ און דערגרייכן צו די סובטעלסטע קעמערלעך, פון וואַנען ער נעמט אַרויס די אינטערעסאַנטסטע שטריכן אין כאַראַקטער פון מענטש.

אין איינער פון זיינע עסייען דערציילט שעפנער וועגן ב. יאושזאָן ע"ה. שעפנער מיט יאושזאָנען האָבן צווישן זיך געפירט תמיד אַ שאַרפע פּאָלעמיק. יאושזאָן איז עס געווען, ווי שעפנער שרייבט, „דער שאַרפסטער און טעמפּעראַ־מענטפולסטער ציוניסטישער זשורנאַליסט אין פאַרמלחמהדיקן פוילן". שעפנער איז געווען פון די טעמפּעראַמענטספולסטע בונדישע זשורנאַליסטן. וועגן ציוניזם און בונדיזם איז צוריק מיט יאָרן אָנגעגאַנגען אַ הייסער ויכוח צווישן זיי. איך האָט יאושזאָנען נישט ליב געהאַט — שרייבט שעפנער — איך האָב אָנערקענט זיין שרייבערישן טאַלאַנט, אָבער האָב אים נישט געקענט מוחל זיין זיין חוזק־טאָן לגבי סאָציאַליסטן (מסתמא האָט יאושזאָן דאָס זעלבע געטראַכט וועגן שעפנערן. ע ר האָט אָנערקענט זיין טאַלאַנט, אָבער האָט נישט געקענט אים מוחל זיין זיין אַנטי־ציוניזם). פּערזענלעך האָבן זיך די ביידע מענטשן נישט באַגעגנט. אונדזערע וועגן — שרייבט שעפנער — זענען געווען קעגנזעצלעכע און עס איז נישט געווען קיין איין פּונקט, אין וועלכן זיי זאָלן זיך צונויפטרעפן. אָבער — דערציילט שעפנער — איז געקומען די מלחמה, און איך האָב מיטאַמאָל דערזען לעבן זיך — יאושזאָנען; און זינט יענעם מאָמענט איז דער דאָזיקער פאַרביסענער פּאָליטישער קעגנער מיינער געוואָרן איינער פון מיינע אינטימסטע און נאָענט־סטע פריינט.

אַט אַזאַ איז שעפּנער, פון אַזאַ לירישן טייג געקנאַטן. אַז מען קאָן זיך מיט אים פון דער נאָענט, ווערט מען גוטע פריינט. ער קאָן גאָרנישט אַנדערש. עס שפּרודלט פון אים גוט־פריינטשאַפט, חברישקייט, איבערגעגעבנקייט, זאָרג און קומער. ממש ווי אַ ברודער. און אינטערעסאַנט ווי די ביידע קעגנער זענען געוואָרן שטאַרק באַפריינדעט, אַז די פריינטשאַפט האָט אַרויסגערופן אַ סך אויפמערקזאַמקייט ביי פיל מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט פון דער ביטערער פּאָלעמיק, פון דער שאַרפער און בייסיקער דיסקוסיע, וואָס איז יאָרן לאַנג אָנגעגאַנגען צווישן די ביידע מענטשן. דער שרייבער פון די שורות דערמאָנט זיך, אַז זייענדיק אין ווילנע און אין קאָוונע ווי אַ פּליט פון פּוילן אין אָנהייב 1940, האָט ער אַליין דאָן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער נאָענטקייט און גוט־פריינטשאַפט צווישן שעפּנערן און יאושזאָנען. אין די פּליטים־קיכן און אין די אינטערנאַטן, אויף חברותא־צוזאַמענקונפטן האָט מען צווישן זיך גערעדט און איינער דעם אַנדערן האָט דערציילט וועגן דער גרויסער פריינטשאַפט צווישן די ביידע הויפּט בר־פּלוגתאם פון „היינט" און דער „פאָלקסצייטונג" — צווישן שעפּנערן און ב. יאושזאָנען.

רירנדיק איז יאושזאָנס בריוו, וואָס שעפּנער ציטירט, וועלכן ער האָט באַקומען פון ארץ־ישראל צוזאַמען מיט דער פינצטערער בשורה וועגן זיין טויט. יאושזאָן שרייבט צו שעפּנערן צווישן אַנדערע: „לעצטנס ווער איך כסדר געפּייניקט פון געדאַנק, אַז דאָס גרעסטע פּאַרברעכן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן אין מיין זינדיקן לעבן איז, וואָס איך האָב זיך באַמיט צו זיין איינער פון די דאָזיקע גליקלעכע יחידים און — אַבי זיך, דאָס אייגענע נפשל געראַטעוועט, אָבער אַזעלכע שטייגער קלאָג ווילט זיך נישט און מען טאָר נישט שרייבן צו אַ גוטן פריינט. נאָך וואָס מצער זיין און רייסן די בשותפותדיקע וווּנד?" די לעצטע ווערטער פון בריוו: „און גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן זוכה זיין צו זען זיך אין פריידן. ווי מיינסטו, מיר וועלן נאָך זוכה זיין?"

שעפּנער פאַרענדיקט זיין ווונדערבאַרע אַרבעט וועגן יאושזאָנען מיט די ווערטער:

„ניין, מיר וועלן נישט זוכה זיין"...

אין די געציילטע ווערטער דריקט שעפּנער אויס אַזוי פיל פון זיין צער און עגמת נפש, אַזוי פיל פון זיין בענקשאַפט נאָך אַ פריינט, וואָס איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט.

זייער פיל פאַרערונג ווייזט שעפּנער אַרויס צום פאַרשטאָרבענעם פירער פון „בונד", שלמה מענדעלסאָן, וועמען ער באַצייכנט ווי אַ באַגאַבטן פובליציסט און רעדנער. ווען מענדעלסאָן האָט צוזאַמען מיט סמאָטשע און סטאַווקע (גאַסן פון דער קאָנצענטרירטער ידישער אָרעמקייט אין פאַרמלחמהדיקער וואַרשע) אָנגע־

דער אינגעגן זיין יידישע עוולה „אויפן גרויסן בוים פון דער וועלט־עוולה״ (דער אויס־דרוק איז ציטירט פון מענדעלסאָנען) האָט ער שוין די פאַרבינדונג מיט דער וועלט אויף קיין אײן מינוט נישט איבערגעריסן. דערמיט מיינט שעפנער צו זאָגן, אַז שלמה מענדעלסאָן האָט געזען די באַפרייאונג און אויסלייזונג פון יידן אין דער פרייהייט און אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווען סמאָטשע און סטאַווקע — שרייבט שעפנער — זענען איינגעמויערט געוואָרן אין די געטאָס און שפּעטער געטריבן געוואָרן אין די טויט־קאַמערן, איז עס געווען מענדעלסאָן, וואָס האָט דעם לעבעדיקן גערויש פון די געטאָס און די שרעקלעכע שטילקייט פון די טרעבלינקעס געבראַכט אין די פאַרזאַמלונגס־זאַלן און אין די היימען פון אַ סך טויזנטער יידן אין אַמעריקע.

אַ סך ליבשאַפט פילט זיך אין שעפנערס שורות, געווידמעט העניריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, יוסף כמורנער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי — זיינע קאָלעגן פון דער רעדאַקציע „פאָלקסצייטונג״, מיט וועמען עס איז אים אויסגעקומען אין משך פון יאָרן צוזאַמענאַרבעטן. שעפּנער דערציילט אונדז וועגן דער טיפער פאַרערונג, וואָס יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן געהאַט פאַר ערליכן און אַלטערן, פאַר וולאַדימיר קאָסאָווסקין און פאַר נחן, פאַר כמורנערן, פאַר ביינישׂ מיכאַלע־וויטשן און פאַר אַנדערע יידישע אַרבעטער־טוער, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דעם קאַמף פאַר אמת און יושר, פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט — פאַר סאָציאַליזם.

אין זיין אַרטיקל וועגן פאַרשטאָרבענעם יוסף טונקעל דערציילט שעפּנער, ווי דער באַרימטער הומאָריסט פלעגט אַליין אויסלאַכן זיינע אייגענע פעלערן, ווי ער האָט זיך געוויצלט איבער זיין קורצן פוס, צוליב וועלכן ער האָט אונטער־געהונקען. שעפנער פאַרטייטשט דאָס מיט דעם, וואָס טונקעל האָט פאַרלאָפן דעם וועג אַנדערע, זיי זאָלן אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן. טונקעל האָט זיך געשראָקן פאַר רחמנות, איז אַנטלאָפן פון רחמנות. שעפנער דערציילט וועגן טונקעלערס לעצטע יאָרן אין אַמעריקע, וועגן זיינע שווערע פיזישע און מאָראַ־לישע ליידן. ביזן לעצטן טאָג פון טונקעלערס לעבן האָט געצויטערט זיין בענק־שאַפט „אַ היים״, צו דער חרובער יידישער היים — צום גרעסטן און מעכטיקסטן קולטור־צענטער פון גרעסטן יידישן ישוב אויף דער וועלט, דער גרעסטער רע־זערוואַר פון אַלע שטרעבונגען און אידייען, וואָס האָבן גענערט און געשפּייזט אַלע יידישע קיבוצים פון אַלע לענדער און קאָנטינענטן.

מיר פאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז זייער פיל פון דער דאָזיקער בענקשאַפט טליִעט ביי שעפּנערן גופא. מען פילט עס אַרויס פון יעדער שורה זיינער, פון יעדן וואָרט.

1954

פאַרשריבענע בלעטער

(ראשי פרקים פון מלכה לאָקערס דיכטונג)

דער ישוב אין אַרגענטינע און דער ישוב אין מעקסיקע האָבן לעצטנס אויפגענומען די יידישע שריפטשטעלערין מלכה לאָקער.

מלכה לאָקער האָט געמאַכט איר טור צוזאַמען מיט איר לעבנס-באַגלייטער, דעם באַקאַנטן ציוניסטישן מנהיג, דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע, בערל לאָקער; אָבער מלכה לאָקער איז געקומען מיט איר אייגענער וויזיט-קאַרטע, — די וויזיט-קאַרטע פון אַ יידישער דיכטערין, וועלכע האָט באַוויזן דורך אירע ביז איצט דערשינענע שאַפונגען זיך דורכצושלאָגן אַן אייגנאַרטיקן וועג אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל פאַרמעסט איך זיך נישט צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג פון מלכה לאָקערס דיכטונג. אַמבעסטן פאַרטייטשט זיך און גיט זיך צו דערקענען דער דיכטער אַליין. איך וויל בלויז באַרירן די ראשי-פרקים פון מלכה לאָקערס שריפטשטעלערישער אַרבעט.

אין 1947 איז אין ניו-יאָרק דערשינען לאָקערס אַ באַנד לידער אונטערן נאָמען: „די וועלט איז אַן אַ היטער". דאָס זענען לידער געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג-בוך. ווי מלכה לאָקער שרייבט אַליין אין איר הקדמה: „בלעטער פאַר-שריבן פון אַ גייער אויף אַ פאַרלוירענעם שליאַך; פון איינעם, וואָס האָט נישט געטאָגט דאָרט, ווו ער האָט גענעכטיקט".

„אַ טייל בלעטער, — שרייבט מלכה לאָקער, — פעלן אינגאַנצן. דאָס זענען די, וואָס דער מענטשלעכער לשון האָט נישט קיין גענוגנדיקן צייכן פאַר זיי. איך האָב זיי אויסגעלאָזן, כדי זיי זאָלן אין זייער ווייטער אָפּוועזנהייט אונטערשטרייכן דאָס פינצטערע פון מיין טרויער".

„די וועלט איז אַן אַ היטער" איז אַ זאַמלונג פון צונויפגעקליבענע לידער

פון די מלחמה־יאָרן, ווו מלכה לאָקער ברענגט אויף אַ לירישן אופן צום אויסדרוק דעם ווײ־געשריי פון דעם גרויזאַמען חורבן, וואָס האָט זיך צעבושעוועט איבער דער וועלט, און עס איז נישט געווען קיינער ווער עס זאָל פון דעם פאַרהיטן. מלכה לאָקער שרייט אויס מיטן געזאַנג פון איר ליד:

„איך וואָלט וועלן קדיש זאָגן,
קדיש זאָגן מיטן קול פון גאָר אַ קינד.
וואָס ווייס נאָך ניט ווי אַזוי צו קלאָגן,
נאָר אַלע שכנים זאָגן: יתום.

איך וואָלט וועלן קדיש זאָגן
מיטן וואָרט, וואָס זאָגט שוואַרץ
און קלאָג איז קלאָג אָן טרייסט און אָן טאָג.
און בלייבן זאָל נאָר די נאַכט
די גרויסע אייביקע אייזן־נאַכט אין מיין האַרץ".

אויך דאָס פאַרשריבענע בלאַט פון מלכה לאָקער אונטערן נאָמען „ממעמקים" ברענגט בולט צום אויסדרוק די עמפּערונג, דעם פאַרדרוס, דעם גרויסן צאָרן וואָס די וועלט גייט אָפּ אין בלוט און עס איז נישטאָ קיין היטער:

„ממעמקים: יאוש רייט אויף שוואַרצע פליגלען
און שטיקט די וועלט מיט ביטול, וויינט מיט צאָרן,
און האָט פאַריגלט אַלע ריגלען.
מיינע תפילות וועגן צענטנס, נאָר די מאָסן זענען דיינע.
וועג ניט אויס די לייד געברוינטע, ממעמקים
מיינע האָבן אויסגעברענט.

ממעמקים! די זון איז אַן אָפענע וווּנד
און גיסט מיט רויטן בראַנד
און שרעקט מיין קינד מיט רויטן צונד
דעם גאַנצן רונדן יאָר. ממעמקים!

מען דאַרף די פאַרשריבענע בלעטער לייענען, זיך אַריינטראַכטן אין יעדעס וואָרט, געדיכטעט פון אַ פּאָעטישער נשמה, וואָס האָט אין די גרויליקע טעג פון וועלט־חורבן אַרומגעוואָגלט אויף פאַרלוירענע שליאַכן און געזוכט דעם שומר פון דער וועלט, אָבער אים לײדער נישט געפונען.

נישט נאָר אייגענע שטימונגען, אייגענע איינדרוקן האָט מלכה לאָקער אויף איר דיכטערישן לשון געבראַכט צום אויסדרוק. זי האָט אויך באַוויזן אַריינצובליקן אין דער דיכטערישער נשמה פון אַ צווייטן דיכטער, — צו פאַרטייטשן, בעסער

געזאָגט, איבערצודיכטן אויף ייִדיש און באַרייכערן די ייִדישע ליטעראַטור מיט די שאַפונגען פון באַקאַנטן פראַנצויזישן דיכטער זשאַן אַרטור רעמבאָ.

„דער נאָמען אַרטור רעמבאָ, — דערציילט מלכה לאָקער, — רופט אַרויס אַ בילד פון אַ יונגן, זאַפטיקן, קרעפטיקן בוים, וואָס איז אין סאַמע מיטן צעבלי אָפּגעהאַקט געוואָרן; אָדער פון אַ מעכטיקן אָדלער, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ וועלט, ווו קיין רוים איז נישטאָ". „דער נאָמען אַרטור רעמבאָ רופט אַרויס אַ געפיל פון מורא, פון פחד פאַר עפּעס, וואָס מוז קומען, ווי עס קומען טאָג און נאַכט. נישט אויסצוהיטן זיך דערפון. עס איז דאָס איינמאַליקע, דאָס עלעמענטאַרע, וואָס דערשרעקט אונדז. מיר זענען פאַרכאַפּט פון דעם קוואַל פרישקייט, דערשי־טערט פון דעם קוואַל טיפקייט פון זיין וועזן".

דעם 20סטן אָקטאָבער איז געוואָרן 100 יאָר זינט אַרטור רעמבאָ איז געבוירן געוואָרן אין שאַרלערואַ, די אינדוסטרי־שטאָט אויף דער בעלגישער גרענעץ. די שטאָט פון פאַבריקן און קוימענס, וועמענס קוילן־רויך האָט אַרויסגערופן געשפּענס־טער און אפשר טיילוויז געלייגט דעם חותם אויף רעמבאָס שאַפונגען.

אין דער וועלט־ליטעראַטור איז דער נאָמען רעמבאָ זייער באַקאַנט. זייער פיל איז וועגן אים געשריבן געוואָרן. נאָך מער איז וועגן אים געשריבן געוואָרן נאָך זיין טויט. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון קוים 37 יאָר.

פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מלכה לאָקער מיט איר איבערדיכטן רעמבאָ און גלייכצייטיק מיט איר פאַרטייטשן רעמבאָ אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך.

עס איז נישט לייכט צו געבן אַ פּירוש צו רעמבאָס שאַפונגען. עס איז פיל לייכטער צו שרייבן סתם קריטיק. אָבער זיך אַריינצולעבן אין דער מוזע פון אַ דיכטער, שטודירן זיין לעבן, זיינע אַלע ראַנגלענישן און קאַפּריזן, זיך באַקענען מיט די יסורים פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין לאַנג זיין אָטעם אויסגעהויכט, איז זייער שווער. מלכה לאָקער אָבער האָט איר ציל דערגרייכט. איר פאַרטייטשונג מאַכט מעגלעך פאַר יעדן לייענער זיך צו באַקענען מיט דעם לעבן און מיט דעם שאַפן פון דעם אייגנאַרטיקן פּאָעט אַרטור רעמבאָ.

1954

דערציילונגען פון ניו־יאָרקער לעבן

(וועגן ש. איזבאַנס „די שטאָט פון צאָרן")

ניו־יאָרק געהער צו די פּילפאַרביקסטע און גרעסטע שטעט פון דער וועלט. וועגן ניו־יאָרק ווערט יעדן טאָג געשריבן. טויזנטער און טויזנטער באַזוכער, טוריסטן פון אַנדערע שטעט אין אַמעריקע גופא און פון דער גאַנצער וועלט קומען יעדן טאָג קיין ניו־יאָרק און באַוווּנדערן די שטאָט מיט אירע וואָלקן־קראַצער, מיט אירע פּאַרקן און גערטנער און מיט אירע אַלע זעאונגס־מערקווירדיקייטן.

ביז היינט צו טאָג האָט נאָך קיינער נישט אַרויסגעטראָגן קיין ענדגילטיקן פּסק־דין אין דער פראַגע צי ניו־יאָרק איז אַן אַמעריקאַנער שטאָט, אָדער איז בלויז אַ שטאָט פון אַמעריקע. תיקו! — די פראַגע פאַרבלייבט נישט פאַרענטפערט. סיי די וואָס זענען מיט דער מיינונג, אַז ניו־יאָרק איז אַן אַמעריקאַנער שטאָט און סיי די וואָס טענהן, אַז זי איז נישט מער ווי אַ שטאָט אין אַמעריקע, האָבן גענוג מאָטיוון און ראיות צו ברענגען, וואָס זאָלן באַקרעפטיקן זייער מיינונג. איין זאַך איז אָבער קלאָר און אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז ניו־יאָרק איז אַ פּילפאַרביקע שטאָט. מענטשן פון דער גאָרער וועלט, פון ארבע פּינות העולם שטעלן צוזאַמען די אַכט־מיליאָניקע באַפעלקערונג פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק! אַלע לשונות הערט מען רעדן אויף ניו־יאָרקער גאַסן; מענטשן פון פאַרשידענע קולטורן וווינען אין ניו־יאָרק און זיי אַלע צוזאַמען שאַפן דעם רעגנבויגן פון ניו־יאָרקער פּילפאַרביקייט.

וועגן ניו־יאָרק, וועגן דעם לעבן אין ניו־יאָרק איז שוין אַ ליטעראַטור אַ גאַנצע אָנגעשריבן געוואָרן: רייזע־באַשרייבער, בעלעטריסטן און פּאָעטן האָבן אויף אַלע לשונות באַשריבן און באַזונגען ניו־יאָרק. די בעסטע קינסטלער האָבן זייערע פעדערס און פּענדזלען געטונקען אין דער רעאַליטעט און אין דער פאַנטאַזיע און אָפּגעשפּיגלט ניו־יאָרק. די טעמע איז אָבער נישט אויסצושעפּן, ווי מען קאָן

בישט אויסשעפּן דעם וווּנדער פון דער זון. אויף דער שטאָט ניו־יאָרק איז חל דער באַרימטער זאָג: „כל המרבה לספר הרי זה משובח״.

וועגן דער הויפּט־שטאָט פון בראַזיל, — ריאָ־דע־זשאַנעיראָ — ווערט דער־ציילט, אַז אַן ענגלישער רייזנדער האָט אַמאָל אונטערגענומען אַ וועלט־רייזע, איז געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד און אין יעדן לאַנד פון שטאָט צו שטאָט און אַזוי אַרומ־געקרייזט דעם ערד־קיילכל. ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה אַהיים און האָט באַשריבן די שיינקייט פון דער וועלט, האָט ער וועגן בראַזילס הויפּט־שטאָט געשריבן: „גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און געלייגט זיין חתימה מיט ריאָ־דע־זשאַנעיראָ״. מיט דעם זאָג האָט דער רייזנדער געמיינט אויסצודריקן, אַז ריאָ איז די שענסטע שטאָט אויף דער וועלט. וואָרום אויף איר שיינקייט האָט גאָט אַליין — דער באַשעפער פון דער וועלט — געגעבן זיין אונטערשריפט. אויף דער שטאָט ניו־יאָרק קען גילטן אַן ענלעכער זאָג, היינו: אַז די שטאָט באַקומט איר אויסדרוק דורך איר פאַרשידנאַרטיקער באַפעלקערונג, און יעדער מענטש, וואָס איז דאָך בצלם אלוקים באַשאַפן געוואָרן, לייגט זיין חותם אויף דער שטאָט.

ש. איזבאַן, דער באַקאַנטער שרייבער און דערציילער, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען אַלס גלענצנדיקער בעלעטריסט, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַרן ריז ניו־יאָרק, נאָר האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיין טאַלאַנטפולער פּען, אויף זיין אייגנ־אַרטיקן לשון, אויף אַ געשמאַקן און פערלדיקן יידיש, צו ברענגען זיין שפּיגל פון דער ניו־יאָרקער פילפאַרביקייט דורך אַ צאָל דערציילונגען אין זיין בוך „די שטאָט פון צאָרן״.

אַזוי האָט דער שריפטשטעלער ש. איזבאַן געזען די שטאָט ניו־יאָרק. זיינע העלדן, וואָס באַוווינען די שטאָט אין פאַרשידענע געגנטן, זענען על פי רוב עלנטע מענטשן פון פאַרשידענעם אָפּשטאַם: כינעזער און איטאַליענער, דאָקטוירים און בעטלער, בוכהענדלער, שיפס־קאַפּיטאַנען און טענצערינס; אַ שוחט און אַ קצב, אָפּגעלעבטע, פאַרעלטערטע פרויען וכדומה, וכדומה.

ש. איזבאַן, ווי שוין דערמאָנט, איז אַ פּרעכטיקער דערציילער און צו וואָס פאַר אַ שטייגער לעבן ער רירט צו זיין פעדער, שפּיגלט ער דאָס אָפּ מיטן עכטן טאַלאַנט, אַזוי אַז ער האַלט דעם לייענער געשפּאַנט און צוגעשמידט צו זיין דער־ציילונג. ש. איזבאַן איז געבענטשט מיט יכולת צו שילדערן סיטואַציעס און צו מאָלן פּאָרטרעטן פון מענטשלעכע געשטאַלטן, צו טונקען זיין פּען אין די טיפעניש פון מענטשלעכע איבערטראַכטענישן, זיך צו דערגרונטעווען צו די חשבון־הנפש־שטימונגען פון מענטשן און אין אַ לייכטער שפּילעוודיקער שפּראַך צו דערציילן פון מענטשלעכער צניעות און אויסגעלאַסנקייט, פון זיינע חרטה־געפילן אויף אַלע חטאים, פון דראַנג און גענוס, פון אַן אַ מאָס אומגעזעטיקטער ליידנשאַפט. ש. איזבאַן דערציילט עלעגאַנט. זיינע העלדן זענען באַרעדעוודיק און רעדן אַרויס פון זיך

דראַמאַטיש אַלע זייערע טראַכטעניש און איבערלעבונגען. אַט די אַלע העלדן זיינע, וואָס פילן אויס זיינע דערציילונגען, זענען אַ טייל פון די, וועלכע שטעלן צוזאַמען דאָס קאָלירפולע לעבן פון דער שטאָט ניו־יאָרק.

ביים שילדערן סיטואַציעס, ביים מאָלן מענטשן, ווער די דאָזיקע מענטשן זאָלן נישט זיין, פון וואָס פאַר אַ שטאָט זיי זאָלן נישט קומען, איז ש. איזבאַן אַ בן־בית, פילט ער זיך ווי אין דער היים. לייענענדיק די שילדערונגען בלייבט מען אונטערן רושם, אַז דאָס האָט געשריבן אַ מענטש פון זעלבן שטאַם, פון דער זעלבער ראַסע און קאָליר. איזבאַן ווייזט אַרויס אַזוי פיל באַהאַוונטקייט אין לעבן פון די פאַרשידענע מענטשן, וואָס ער שילדערט, אַזוי פיל ווייסן און קענטעניש פון זייער לעבנס־שטייגער, אַזאַ טיפן, אינעווייניקסטן אַריינבליק אין דער נשמה פון מענטש, אַז עס שטעלט אים אויף אַ גאָר הויכער קינסטלערישער מדרגה.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ דערציילונג וועגן קויאָווער לאַנדסלייט, אחינו בני־ישראל. אין דער שטאָט פון צאָרן, אין דעם גרויסן און טומלדיקן ניו־יאָרק, פאַלט איזבאַנס אויג אויף ברוך ווינטער, אַ קויאָווער לאַנדסמאַן, וועלכער ראַנגלט זיך מיט אַ חלום: הונדערט און זיבן געפייניקטע יידן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין שלאָף און אים געמאַטערט מיט זעאונגען. די הונדערט און זיבן יידן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די שארית־הפליטה פון זיין געבורט־שטאָט, וואָס האָט געציילט פופצן טויזנט יידן. אַלע זענען פון היטלערס האַרדעס אויסגעקוילעט געוואָרן, דערשטיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, צי לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן. נאָר הונדערט און זיבן יידן האָבן זיך געראַטעוועט. זיי זענען על פּי נס לעבן געבליבן און — זיי בעטן מען זאָל זיי ראַטעווען. זיי אַרויסנעמען פון דער אין יידיש בלוט געווייקטער ערד. ווינטער האָט באַקומען אַ בריוו פון זיינע געראַטעוועטע לאַנדס־לייט, ער קאָן נישט רוען. ער רופט אַ פאַרזאַמלונג פון זיינע שוועסטער און ברידער פון דער זעלבער שטאָט. עס קומט אַ גרויסער עולם, אָבער אַלץ פאַלקס־מענטשן. די גרויסע גבירים זענען נישט געקומען. מען פּראָקלאַמירט אַ פאָנד פון פופציק טויזנט דאָלאַר צו קאָנען העלפן דער שארית־הפליטה. אויפן אָוונט ווערט נאָר גע־זאַמלט קאַרגע צען טויזנט דאָלאַר. דער עולם איז געווען ברייטהאַרציק. יעדער האָט געגעבן לויט זיינע יכולת. אָבער די סומע איז נישט גענוג, מען דאַרף מער. איזבאַן דערציילט: ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז נאָר קאַרגע צען טויזנט דאָלאַר איז געזאַמלט געוואָרן, האָט זיך דער עולם איבערגעקוקט און געשוויגן. און אין דעם שווייגן, — זאָגט דער מחבר, — איז געווען בושה, שפלות. ווינטער האָט אויפגעכאַפּט די בליקן פון זיינע לאַנדסלייט און האָט געטראַכט: ווו זענען אַהינ־געקומען די איינוווינער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט, וואָס איז די רייכסטע צווישן די שטעט? און איזבאַנס העלד פרעגט: איז דאָס די שטאָט פון טרייסט, צי די שטאָט פון צאָרן? „דער נביא האָט אָנגערופן די פאַראַרעמטע

ירושלים: „די שטאָט פון טרייסט" און די הונדערט און זיבן געפּייניקטע ייִדן רופן דעם רייכן כּרך: „די שטאָט פון צאָרן".

אין דער שטאָט פון צאָרן איז איזבאַנס אויג אויך געפאַלן אויף ד"ר וויליאַם פּינעטאָ, אַ דאָקטאָר אין וויליאַמסבורג, וועלכער האָט אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר געהיילט די אָרעמע, בלינדע, טויבע און געלעמטע. דער מחבר דערציילט, אַז ד"ר פּינעטאָס קאַבינעט איז געווען דאָס הויז פון גערעכטיקייט; אַ שטוב, ווו מען טיילט אויס דעם גערעכטן זיין שכר און דעם רשע זיין שטראָף. ער האָט זיינע פּאַציענטן איינגעטיילט אין קאַטעגאָריעס. פון די אָרעמע, דערשלאָגענע און דורכגעפאַלענע האָט ער נישט גענומען קיין באַצאָלט. אָבער פון די שיכורים און פערד־שפּילער האָט ער געשונדן די הויט. קיין איינזען איז ביי אים נישט געווען פאַר פוילענצער און קיין וואַך אויער פאַר אַרומשלעפּער. ווען דער דאָקטאָר פּינעטאָ איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט זיך אין אים פאַרליבט אַ רייכע פּאַציענטקע, אַ טאָכטער פון אַ באַנקיר. דער באַנקיר האָט צוגעזאָגט דעם דאָקטאָר אויסצובויען אַ גרויסע סאַנאַטאָריע, אַבי ער זאָל חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער. אָבער אין יענעם טאָג, ווען עס האָט באַדאַרפט פאָרקומען די חתונה און עס זענען שוין געשטאַנען גרייט די חופּה־שטאַנגען, איז דער דאָקטאָר אַרויסגערופן געוואָרן צו אַ קראַנק נעגער־קינד, און ער האָט באַדאַרפט פאָרן פון ניו־יאָרק אַזש קיין ווירדזשיניע. דער פאָטער אירער האָט פונאַנדערגעטריבן די געסט און געלאָזט וויסן דער פאַרבעטענער משפּחה, אַז אַ חתן, ביי וועמען אַ שלאָף נעגער־קינד איז בילכער ווי זיין אייגענע חתונה, וועט אומגליקלעך מאַכן זיין טאָכטער. צו זיבעציק יאָר איז ד"ר פּינעטאָ — פון ייִדישן אָפּשטאַם — געשטאָרבן. איבער דעם וועג צום ייִדישן בית־עולם האָט זיך געצויגן אַן אויסטערלישע קאַוואַלקאַדע — דערציילט דער מחבר — לאָמע, טויבע, בלינדע, קרעציקע און געלעמטע אויף וועגעלעך. נאָכן טויט פון דאָקטאָר האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט קיין געלט נישט געהאַט. מען האָט אים מקבר געווען אין אַ זייטיקן קבר, וואָס אַ פּאָר וויליאַמסבורגער פילאַנטראָפּן האָבן אין איילעניש געקויפט. אַ חודש נאָך דער לוויה האָבן פרומע נעגערס זיך אַרומגעזען, אַז מען באַדאַרף אויף דעם דאָקטאָר פּינעטאָס קבר שטעלן אַ מצבה. עס איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח וואָס אָנצושרייבן אויפן שטיין. איינער האָט געוואָלט לאָזן אויסקריצן אויף דער מצבה אַ פּאָר שורות פּאָעזיע און אַ צווייטער איז באַשטאַנען אויף אַ פּסוק פון תהילים. אַלע פּלענער אָבער זענען געווען צו שפּעט — דערציילט דער מחבר — ווייל אַ נעגער, וואָס איז מיט יאָרן צוריק שיער נישט געלינטשט געוואָרן און ד"ר פּינעטאָ האָט געהיילט זיינע וווּנדן, האָט זיך דערמאָנט אין זיין דאָקטאָר. ער איז געווען אָרעם, קיין געלט אויף אַ מצבה האָט ער נישט געהאַט; האָט ער אַרויסגעריסן דאָס שילדל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צום שטיינערנעם דיל פון הויז, ווו דער דאָקטאָר האָט

געוווינט, האָט זיך ביינאַכט אַריינגעגנבעט אויפן בית־עולם און דאָס זעלבע שילדל אַריינגעשטעקט אין דעם בערגלדיקן קבר. איזבאַן דערציילט אונדז, אַז דאָס שילדל מיט אַן אויסגעמאָלענער פייל ווי אַ ווייזער צום הימל, האָט אָנגעזאָגט: „דאָקטאָר וויליאַם פּינעטאָ — זיין קאַבינעט אויבן...״

דאָס בוך „די שטאָט פון צאָרן״ האָט ניין דערציילונגען און אַלע לייענען זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָס בוך דאַרף געלייענט ווערן, ווייל עס רעגט אָן צו טראַכטן און זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער אייביקער פראַגע פון „וועלט און מענטש״.

1954

א. אַלמיס נעזאַנגען

עס איז געווען איבערצוקוקן דעם קאַטאַלאָג פון ספרים, וואָס א. אַלמי האָט ביז איצט שוין אַרויסגעגעבן, כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף וועגן אַלמין דעם דיכטער און מענטש. וועגן וואָס האָט נאָך אַלמי נישט געשריבן? פעליעטאָנען, עסייען, וועגן פילאָזאָפיע, וועגן רעליגיע, וועגן פּאָעזיע, ליטעראַטור־קריטיק, אַפילו זכרונות. און צו דעם אַלעם קומען נאָך צו אין קאַטאַלאָג די עטלעכע ביכער לידער. און אַז מען איז נאָך צו דעם אַלעם מצרף זיינע פּאַראַדיעס, הומאָרעסקעס און שאַרזשן, וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן, און זיי געפינען זיך אין די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקן אין טאָוולען, דאַן האָבן מיר פאַר אונדזער ראיה דעם אַלזייטיקן דיכטער און שריפטשטעלער, פילאָזאָף און דענקער א. אַלמי.

אַלמי האָט אונדז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק מזכה געווען מיט אַ באַנד לידער אונטערן טיטל „לעצטע געזאַנגען", וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס אין 1954 און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון פאַרבאַנד פון וואַר־שעווער און פּראָגער יידן אין אַרגענטינע.

מיט אַ שטיקל פּאַרשפּעקטיקונג האָבן מיר איצט געהאַט די מעגלעכקייט איינצושליגגען די 56 לידער־געזאַנגען פון א. אַלמי, וואָס זענען פונאַנדערגעטיילט לויטן אינהאַלט אין דריי רובריקן: א) מיט פאַרבראָכענע הענט; ב) אַליין און באַ־נאַנד; ג) אָמר ר׳ יוחנן הסנדלר.

אין דער הקדמה צום באַנד לידער שרייבט אַלמי צווישן אַנדערן, אַז דער טיטל „לעצטע געזאַנגען" דאַרף נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ באַשלוס מער נישט צו שרייבן קיין לידער. אַזאַ באַשלוס, שרייבט ער, קאָן נישט אָננעמען קיינער, וואָס איז געבענטשט, אָדער פאַרשאָלטן מיטן מיסטישן דראַנג זיך אויסצודריקן אין פערזן אָדער אין וועלכער ס׳איז אַנדערער קינסטלערישער פאָרם. דער נאָמען „לעצטע געזאַנגען", שרייבט אַלמי, איז די רעגיסטראַציע פון אַ באַשלוס מער נישט אַרויסצוגעבן קיין לידער אין בוכפאָרם, אַפילו ווען זיין לעבנס־שפּאַן זאָל זיך אַ ביסל פאַרציִען.

נו, ווילן מיר ראשית־כל מודיע זיין אונדזער דיכטער א. אַלמי, אַז מיר

ווינטשן אים פון טיפן האַרצן, אַז זיין לעבנס־שפּאַן זאָל זיך פאַרציִען און פאַרציִען אויף אַ סך, אַ סך יאָרן. און וואָס שייך דער רעגיסטראַציע פון זיין באַשלוס מער נישט אַרויסצוגעבן קיין לידער אין בוכפאָרם, וועלן מיר שוין ערגעץ קריגן אַ וועג אין איינעם פון די ערב יום־כיפּורס ווי אַזוי אים מתיר־נדר צו זיין. זאָל ער נאָר דערווייל אָנגיין מיט זיין געבענטשטן טאַלענט און וואָס מער אַרויפּנעמען אויפן פּאַפּיר דעם געזאַנג פון זיין קינסטלערישער מוזע.

א. אַלמיס געזאַנגען זענען אַ מייסטערהאַפטער געפילס־אויסגוס פון אַן ערלע־כער און ריינער נשמה. אַלמי שפּאַנט אויף גאָטס וועלט און באַאָבאַכטעט דורך אויג און האַרץ געשעענישן, פּאַסירונגען און באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש. פון אַלמיס האַרץ טראָגט זיך אַ געשריי פון פּראָטעסט קעגן די אכזריותן, וואָס מענטש באַגייט לגבי מענטש; פון דיכטערס האַרץ טראָגט זיך אַ שרייאיקער פּראָ־טעסט קעגן אל צבאות פאַר די אַלע אכזריותן, וואָס דער בורא־עולם האָט אָנגעשיקט דורך זיינע פינצטערע שליחים אויף ייִדן.

„יום־הדין" איז דער נאָמען פון אַלמיס געזאַנג פון צאָרן קעגן דער שוידער־לעכער רשעות און אכזריות פון די מענטשן פון בערלין, וועלכע האָבן געשאָכטן און אומגעבראַכט די זין און טעכטער פון פאָלק ישראל. דעם דיכטערס פּראָטעסט און צאָרן גייט נאָך ווייטער און גרייכט אַזש צום כסא־הכבוד, ווען ער שאַנעוועט נישט, נאָר ער דריקט־אויס צו אים און קעגן אים זיין עמפּערונג און קלאָגט אים אָן פאַרן בלוט פון די קינדער פון ישראל!

אַלמי זינגט:

דאָס האָסטו דאָ, גאָט, דו קאָסמישער, באַזויפטער שעכטער
געפירט אַ פאָלק צו דער עקידה
ווי ס'האָט אברהם, אונדזער זיידע.
געפירט אַמאָל זיין זון — אויף דיין באַפעל.
זע, אונדזער בלוט איז אויף דיין שוועל!
אַלמעכטיקער, וואָס בין איך קעגן דיר? אַ וואָרעם,
ווי אַלע קדושים אין די קברים
דאָך שטיי איך דאָ פאַר דיר אין פעלד,
אָן פּחד — און איך קלאָג דיר אָן פאַר נאַכט און וועלט,
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אינעם קאָסמאָס נישט קיין רו געפינען
און אייביק זאָל דיך פּייניקן דאָס איכה־ליד
פון ברענענדיקן ייִד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען.

א. אַלמי זעט מיט זיין דיכטערישער נשמה דעם ברענענדיקן ייִדן, וועלכער פאַרלעשט זיך מיט די לעצטע שטערן ווי אַ פאַרראַטענער פון גאָט און גוי. זיין

דיכטעריש האָרץ דערבליקט אָבער אויך די אייביקייט, זיין טיפן גלויבן אין דער אייביקייט פון ישראל. אין זיין ליד „שמע ישראל" זינגט דער דיכטער:

דאָס קול פון מדבר און פון שייטער־פלאַם,
דאָס קול פון פאָלק, וואָס איז אי לייב, אי לאַם,
אַ האַר און קנעכט, אַ שטאָלצער און פאַרשפּאָט.
צען טויזנט מאָל געטויט — און אייביק דאָך, ווי גאָט.

אין דעם משפּט צווישן גאָט און מענטש זעט אַלמי, אַז ענדגילטיק וועט דער מענטש געווינען און גאָט אַליין וועט אָנערקענען די גערעכטיקייט פון זיין שטאָלצן האַר — דעם מענטש. פאַרן מענטשן האָט דער דיכטער אויסגעקליבן נישט קיין אַנדערן ווי איובן, דעם געקריוודעטן, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך דורות פון טרויער, אומגליק און טויט. אין זיין געזאַנג מיטן נאָמען „איוב" זינגט דער דיכטער:

דורות לעשן זיך ווי שטערן
און צינדן זיך שוין מער ניט אָן;
מיט קינס צייכן אויפן שטערן
זיצט אל־שדי אויפן טראָן.

איוב שטייט פאַר אים אַ שטאָלצער
און מאָנט חשבון, ווי אַ האַר —
פאַר דורות טרויער, טויט און אומגליק,
פאַר יאָרהונדערטער פון צער.

שטערן לעשן זיך, ווי דורות.
שטאָק־פינצטערניש. געוויין, קאָשמאַר.
גאָט שטייגט אַראָפּ פון טראָן און בוקט זיך
פאַר איובן, זיין שטאָלצן האַר.

דאָס זענען די געזאַנגען פון דיכטער מיט פאַרבראָכענע הענט, וואָס דריקן־אויס זיין געמיט, זיין שטימונג, זיין ווייטיק איבער דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די זין און טעכטער פון זיין פאָלק און אויך **דעם גלויבן אין דעם נצח ישראל; דעם** זיג פון מענטש, פון דעם מענטשלעכן אין דעם מענטשן איבער דער רשעות, איבער דער רציחה און אַכזריות פון מענטש.

אָבער בכדי דער מענטש זאָל דערגרייכן צו נצחיות, לערנט דער דיכטער דעם מענטשן צו האַלטן ריין זיינע ווערטער, צו האַלטן ריין זיינע קליידער, לייב און נשמה. דער דיכטער זינגט אין זיין ליד „ווערטער":

ווערטער זענען קליידער,
פאַרביקע מלבושים —
פאַרן ציטער־פלאַטער
פון די חושים.

סילועטן פון אַ דור

האַלטן ריין די קליידער,
ווי דיין לייב און גלידער;
און זאָל דיין נשמה
זיין אַ סידור.

ווערטער אינעם סידור,
תפילות אין די ווערטער;
שטיי פאַר גאָט אַ ריינער,
גאָטס באַשערטער!

אין די געזאַנגען „מיט פאַרבראַכענע הענט״ דריקט דער דיכטער אויס זיין צאָרן און פּראָטעסט צו גאָט. ער רופט אים צו משפט, ער שיקט צום בורא־עולם די „ברכות״, אַז דאָס איכה־ליד פון ברענענדיקן ייִד זאָל אים אייביק פּייניקן. אין זיינע געזאַנגען אָבער, וואָס דער דיכטער זינגט דורך יוחנן הסנדלר, האָט ער שוין געזאַנגען פון לויב צו גאָט, אַ דאַנק צו גאָט פאַרן האָבן די זכיה צו טראָגן שטאָלץ זיין סיני־וואָרט און זיין געזעץ:

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ׳בין אַ ייִד
און נישט קיין הייד, וואָס דינט צום געץ —
און כ׳האָב דעם זכות צו טראָגן שטאָלץ
דיין סיני־וואָרט און דיין געזעץ.

זייער עמאָציאָנעל זענען די שטימונגען פון א. אַלמי, ווי ער דריקט זיי אויס אין זיינע געזאַנגען, וואָס ער האָט פונאַנדערגעטיילט אין דריי רובריקן: פון אָנהייב, אין די טעג פון חורבן, אין די יאָרן פון ייִדישן אומקום, יסורים און פּיין, בעת היטלערס האָרדעס ברענגען אום אויף די תליות, אין די גאַז־קאַמערן זיין און טעכטער פון ייִדישן פאָלק, הערן מיר געזאַנגען פון צער, פון ווייטיק, פון צאָרן, וואָס רייסט זיך צו כביכול און רופט אים צו משפט. שפּעטער דריקט אונדז אויס דורך זיינע געזאַנגען דער דיכטער זיינע שטימונגען פון „אַליין, ווו ער זעט דעם איינזאַמען ליגן טויט אין זיין הויז״ (דאָס ליד: „דער איינזאַמער״); אָדער ער באַזינגט דעם געראַנגל פון די פּיינטלעכע ברידער, זיך צוהערנדיק מיט זיין צאַרטן אויער צום געשריי און יאָמער פון הבל און קין (דאָס ליד „ברידער״); אָדער ער זינגט ווי ער גייט נאָך דער אייגענער לוויה (דאָס ליד: „לוויה״); אָדער ווי ער באַזינגט דעם וויכוח צווישן שפּולער זיידן זכרונו לברכה מיט בודאַן, בעת דער שפּולער זיידע גייט אין די פוסטריט פון בעל־שם, וועלכער האָט אין גאָטס יצירה געזען לויטער פרייד; פרייד וואָס איז דער אייביקער קוואַל, וואָס טרינקט אָן אַלע וואָרצלען פון בוים און מענטש. דער דיכטער הערט די ווערטער פון בודאַ, וועלכער האָט גערופן דעם מענטש זיך אויסצוטאָן פון די ערדישע הנאות און זיך צו באַהעפטן מיט טויט. אַלמי זינגט אין זיין ליד: „טראַפּנס זון״:

פנחס שטיינוואַקס

כ׳האָב אויף דעם קאָפּ, די שטוב איז פול מיט חלום.
איך לויף אַרויס צו שטערן און לאָמטערן־שיין;
און ס׳דאַכט מיר: יעדער מענטש איז אַ בעל־שם־טוב,
נאָר איך ווי בודאַ, וואָגל אין נישט זיין...

אין זיין לעצטער רובריק, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ זינגט דער דיכטער אַ תהילימדיקן למנצח פאַר כביכולס כבוד און פאַרן מענטשנס כבוד (דאָס ליד — „תהילים״). אַלמי זינגט אַ שיר צום יידישן בעל־מלאכה („אַ מזמור שיר לשוסטער״); אַ זמר צו מענטש און אַ זמר צו גאָט. אויך אַ געזאַנג פון די הייליקע טעג, וואָס דער דיכטער ברענגט אַרויס אין זיין ליד „הייליק״:

ווי וואויל איז אונדז, יידן,
בני תורה און שמידן
און שוסטערס און וועבערס
און טעפּערס און גרעבערס,
וואָס אונדז איז באַשערט
גאָטס שבת אויף דר׳ערד.

**
*

אָט אַזוי זינגט דער דיכטער אַלמי זיינע געזאַנגען; אַ געזאַנג פון אומעט, פון איינזאַמקייט און אַ געזאַנג פון צאָרן און פּראָטעסט; אַ געזאַנג צום בעל־מלאכה און אַ געזאַנג צו גאָט. ער זינגט אויס דעם ווייטיק פון אומקום, פון מענטשלעכער רשעות און באַזינגט דעם נצחון פון איובן, צו וועמען עס בוקט זיך דער בורא עולם ווי צו זיין שטאָלצן האַר. זוכט נישט קיינער קיין קאָנטראַדיקציעס אין אַלמיס געזאַנגען. אָט אַזוי זענען זיינע שטימונגען. און די אַלע שטימונגען צוזאַמען: אומעט און צער, פּראָטעסט, צאָרן און ליבע צו גאָט, שטעלן צוזאַמען דעם שלמותדיקן, דעם קאָלירפולן דיכטער א. אַלמי. אָט אַזאַ איז ער, אַלמי, — אַ געמיש פון געזאַנג און געוויין, פון אומעט, פּעסימיזם און גלויבן. אָבער דער בעל־נצחון איז ביי אים דער גלויבן, די אמונה אין דער אייביקייט פון מענטש. הלוואַי, זאָל אונדזער האַרציקער גוטער פריינט א. אַלמי אונדז מזכה זיין וואָס אָפטער מיט זיינע געזאַנגען. געזאַנגען, וואָס קומען פון די טיפענישן פון זיין דיכטעריש האַרץ; געזאַנגען, וואָס יעדער איינער לייענט זיי, זעט דעם שפּיגל פון אייגענע שטימונגען, פון אייגענע איבערלעבענישן, פון אייגענעם פּחד און פון אייגענעם גלויבן, געזאַנגען פון מענטשו!

.1956

גע׳זאַנגען פון ישראל

(קעהאַס קליגערס „פּייזאַזשן פון ישראל״)

דער באַקאַנטער פּאָעט קעהאַס קליגער האָט אונדז מזכה געווען מיט זיין 7טן בוך לידער אונטערן נאָמען: „פּייזאַזשן פון ישראל״, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק דערשינען אין בוענאָס איירעס.

אין פרייע פערזן זינגט אויס דער דיכטער אויף זיין לירישן שטייגער זיינע געפילן און איבערלעבונגען אויף ישראלס ערד. דער פּאָעט קעהאָס קליגער קלאַסיפיצירט זיינע לידער אין צוויי טיילן: 25 לידער באַצייכנט ער ווי פּייזאַזשן און 15 לידער נעמט ער אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון פּיוט. סיי די פּייזאַזשן־לידער און סיי די פּיוט־לידער לייענען זיך מיט גרויס פאַרווּנדערונג צום מחבר פאַר זיין מייסטערהאַפטן, קינסטלערישן טאַלאַנט אויסצודריקן אין פרייע פערזן אַלץ וואָס ער האָט געזען, געפילט און איבערגעלעבט בעת זיין באַזוך אין דער יידישער מדינה.

ביים לייענען פערזן, איבערהויפּט פרייע פערזן, איז ממש אַ חיות ווען מען קען באַוווּנדערן יעדן פערז, יעדעס וואָרט. עס איז אַ חיות צו קאָנען זאָגן: ווי שיין איז דער פערז געשריבן געוואָרן, מיט וויפל מייסטערשאַפט און טאַלאַנט האָט דער דיכטער אויסגעדריקט די פאַרשידענע ניואַנסן פון זיינע געפילן און איבערלעבונגען, באַוווּנדערן אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי עס האָבן עס אַמאָל געטאָן געטרייע לייענער פון די פּאָעטן־קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

עס האָט זיך געפאָדערט גרויס טאַלאַנט אַרויסצוברענגען אין פּייזאַזשן, באַשריבן אין פרייע פערזן, די פּילפאַרביקע געשטאַלט פון מדינת ישראל, צו ברענגען צום אויסדרוק דעם דיכטערס צאַרטע, לירישע געפילן פון ליבע צום יידישן היימלאַנד, אַרויסצוברענגען פון זיך, פון דער אייגענער נשמה, די טיפע איבערלעבונגען, דאָס געזאַנג פון האַרצן, וואָס ליגט פאַרבאָרגן ביים דיכטער. דאָס איז די אַלטע בענקשאַפט פון יידישן פאָלק אין משך פון דורות, די נאָסטאַלגיע

צו ארץ־ישראל. מיר ווילן גלייך ביים אָנהייב באַהויפּטן, אַז דער טאַלאַנט האָט געטריי און איבערגעגעבן געדינט דעם פּאָעט קעהאָס קליגער ביים שרייבן זיינע פּייזאַזשן און פּיוטים פון ייִדישן היימלאַנד, פון מדינת ישראל.

אַלץ וואָס דער דיכטער האָט געזען אין ישראל, אין שטאָט און אין דאָרף, אין קיבוץ און ביים ים, אין עמק און אין גליל, האָט ער אויף אַ פּשוט לירישן אופן, אין אַ מתיקותדיקער פאָלקסטימלעכער שפּראַך פאַרצייכנט אין פערזן אין אַ ראַזאָוון־וואָליגער לשון, וואָס אָטעמט מיט צאַרטקייט. פון יעדן פערז שלאָגט אַרויס אַ געשמאַקער, מחיהדיקער ריטם.

דער דיכטער רעדט צו ישראל און ישראל רעדט צום דיכטער. נישט אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג, עס איז גיכער אַ סאָלאָ־געזאַנג. אָט שטייט דער פּאָעט קעהאָס קליגער ביים ים־התיכון און הערט זיך צו ווי דער ים רוישט, און ער באַזינגט דעם ים:

„וואָס ראָלט זיין כוואַליקע גבורה צום ברעג
צו די גרינע זאַמדיקע בערגלעך".

אין אַנדערע לידער דערציילט דער דיכטער וואָס ער האָט געזען און איבער־געלעבט. ער דערציילט עס דורך געזאַנג. אָט, למשל, דערציילט ער אונדז פון זיין באַזוך אין קרית־שמואל. שטילקייט, שלום־שלווהדיקייט האָט קעהאָס קליגער דאָרט געזען אין דעם:

„גאָלדזאַמדיקן קרית־שמואל
און לימענע־ביימלעך
מיט מילגרוים־צווייגלעך
רוישן צווישן זיך פאַרסודעס,
אייביק
און דער ליכטיקער צוויט
פון צעעפנטע רויזן
איז פול מיט דופטיקן פרילינג, —
און זיי בעטן זיך — קושט אונדז".

דוכט זיך עטלעכע פערזן בלויז, אָבער וויפל האָט דער דיכטער באַוויזן אונדז דורך זיי צו דערציילן; וויפל געזאַנג ליגט אין יעדער שורה, און וויפל בענקשאַפט באַהאַלט זיך אונטער יעדן אות.

אַזוי מעסט דער דיכטער אויס די ייִדישע מדינה אין דער לענג און אין דער ברייט, פון ברעג צו ברעג, אין עמק און איבער דעם גליל. ער שפּאַנט איבער די זאַמדן אין קרית־חיים און איבער די „פּאַלמעס אַרום קישון"; ער באַזוכט ירושלים, חיפה, צפת, די פאַבריקן אין כפר־אתא און ער באַזינגט די פאַבריק־קוימענס, וועלכע:

סילועטן פון אַ דור

„רעוועז אויס העכער און שטאַרקער
דעם ביי־וואַכיקן מזמור של ייד״.

ער באַזינגט די „בלומען אין קרית־עמל״ און די „שטערן איבער גבעתיים״ און אויך אַנדערע פלעצער פון זיינע באַזוכן.

פון איין פלאַך האָט אונדז דער דיכטער פאַרפעלט איבערצוגעבן אַ גרוס, אויסצוזינגען זיין צופרידנקייט אָדער חלילה זיין אומצופרידנקייט. און דאָס איז פון תל־אביב.

פון רמת־גן, אַ טריט בלויז פון תל־אביב, האָט אונדז דער דיכטער אויסגעזונגען אַ גרוס, אַ פריידיקן גרוס, פול מיט לויב, מיט אַ ברכה אין באַגלייטונג:

„זיי געבענטשט, רמת־גן,
אין דיין וווּנדערלעכן גריגבלי,
אין דיין טיפגרין, פאַרכשופטער שלווה״.

פון דעם רוישיקן און רעשיקן תל־אביב אַ וואָרט נישט, נישט אַפילו אַ צייכן, ווי עס וואָלט גאָר אַזאַ שטאָט אין יידישן הימלאַנד נישט עקזיסטירט. פאַרוואָס? האָט דען דער שטילער און צאַרטער ליריקער קעהאָס קליגער חס ושלום מורא געהאַט אונדז צו דערציילן, אַז ער, דער רויקער, דער וואַלינער ליריקער, פון אַרום די ווערבעס ביים טייך בוג, און שפּעטער ביים לאַ־פּלאַטאַ־טייך, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם גרויסן טומל אין תל־אביב, דעם רעש פון די קאָפּעהייזער, דעם הו־האַ, דעם גערודער, דעם געלויף, דעם אייביקן יאָגן זיך פון מענטשן אין דער גליענדיקער זון, צעוויקט פון שווייס? אַ שאָד, כ׳לעבן, אַ שאָד, וואָס דער דיכטער קעהאָס קליגער האָט פאַרפעלט דורך זיין צאַרטער שטימע, פון זיין ליריש האַרץ, אַרויסצוזינגען פאַר אונדז זיין גרוס פון תל־אביב!

צום סוף פון זיינע געזאַנגען האָט דער דיכטער אויסגעגאָסן זיין פאַרבענקט האַרץ אין אַ פּיוט ביים ים־כנרת. ער שטייט ביים ים־כנרת און רעדט צו אים; גיסט אויס זיין האַרץ, דערציילט אים פון זיין וואָלינער שטעטל, ווו אים איז געוואָרן ענג:

„אין די רחבותדיקע פליינען פון נויט
פון שרעק און לויות״.

דער דיכטער שטעלט זיך פאַר פאַרן ים־כנרת, ער דערציילט דעם ים פון זיין אָפּשטאַם, פון זיין פאַרגאַנגענהייט, ער ברענגט דעם כנרת אַ גרוס פון אַנדערע טייכן:

„פון די ווערעמדיקע ווערבעס ביים בוג,
פון מוטנעם לאַ־פּלאַטאַ־טייך״.

דער דיכטער שרייט אויס צום כנרת:

פנחס שטיינוואַקס

„דאָס בין איך, דער בראָדיאַגע פון טרערנטייך,
דעם שטיאיקן מאַפּאַטשאַ".

און ער זאָגט דערביי:

„אָבער פונעם בוג ביזן לאַ־פּלאַטאַ,
פון מאַפּאַטשאַ ביזן כנרת
בין איך אומעטום דער זעלבער לירניק,
דער זעלבער פּייטן
דער זעלבער בראָדיאַגע
און דער זעלבער פאַרוואָגלטער פויגל".

אין אַ שטילן פּיוט שרייט אויס דער דיכטער דעם ווייטיק פון זיין פאַרוואָגלט הארץ, קאָרטשעט זיך פון בענקשאַפט, און ער פרעגט דעם ים־כנרת אַן עצה וואָס צו טאָן:

„כ'ווייס נישט וואָס צו טאָן, כנרת,
זאָג וואָס זאָל איך טאָן, כנרת?".

דער דיכטער דערציילט אונדז נישט, וואָס פאַר אַ תשובה ער האָט באַקומען פון ים כנרת. די תשובה האַלט ער בסוד־סודות. ער וועט דעם סוד אַזוי לאַנג טראָגן אין זיך ביז ער וועט זיך אומקערן צום ים־כנרת און דאָרט אויסבויען זיין נעסט, און דאָרט:

„אונטערן אויסגעשטערנטן פּרוכת
און ביי דיין גראַנאַטענעם סאַמעט"

שפּינען זיין גליק, דאָס גליק פון יִדישן פאָלק אויף זיין אייגענער ערד אין זיין אייגן לאַנד; און דער דיכטער וועט רעאַליזירן זיין חלום, ווי ער זינגט אין זיין ליד:

„ביים כנרת שטייט אַ הויז
מיט גרין געפאַרבטע טירן,
אַך ווי שיין דאָרט וואַקסט מיין רויז
וואָס הייסן הייסט זי זמירה".

דעם צאַרטן ליריקער, דעם דיכטער קעהאָס קליגער אַ האַרציקן יישר־כוח פאַר זיין בוך געזאַנגען פון ישראל. ווי האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט דער שריפטשטעלער ל. שמעוני אין מדינת ישראל: „אַ חדווה די זיסע פּליסיקע מוזיק פון זיינע פערזן!".

יולי, 1957.

„לאַכט אַ ייִד אין ארץ־ישראל"

דער באַקאַנטער שרייבער מ. נודעלמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „לאַכט אַ ייִד אין ארץ־ישראל". עס איז אַ רעפּאָרטאַזש פון געהערטן און געזעענעם אין מדינת ישראל, וווּ דער מחבר איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אויף אַ באַזוך. אין פינף און צוואַנציק באַזונדערע קאַפּיטלען גיט נודעלמאַן איבער אַלץ, וואָס ער האָט באַוויזן צו זען און צו הערן אין דער ייִדישער מדינה. ער דערציילט פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין ישראל, פון געמיט פון דעם ישראלדיקן בירגער. ער שילדערט די אַרבעטער און לופט־מענטשן, דאָס לעבן אין דער מעברה און דאָס נאַכט־לעבן, זיינע אָבסערוואַציעס אין דער ישראל־אַרמיי און אין אַ ישראל־תפיסה; וועגן די בעטלער־טיפּן, וואָס ער האָט באַגעגנט בעת זיינע באַזוכן אין ירושלים און אין תל־אביב.

אין אַ שפּאַנענדיקער שפּראַך, וואָס פאַרכאַפּט ממש דעם לייענער, גיט אונדז איבער מ. נודעלמאַן אַ גרוס פון אונדזער היימלאַנד, — אַ פול בילד פון דעם לעבן, בוי און קאַמף אין מדינת ישראל.

גרוסן פון מדינת ישראל זענען שוין היינט צו טאָג נישט קיין „נאָווינע", — מען שרייבט ברוך השם אַ סך וועגן ישראל. די פּאַסירונגען און געשעענישן אין דער ייִדישער מדינה ווערן פּערמאַנענט איבערגעגעבן אין די גרעסטע צייטונגען פון דער וועלט. עס פאָרן זשורנאַליסטן, שרייבער, פּובליציסטן, פּאָליטיקער, רעגירונגס־מענטשן און דיפּלאָמאַטן קיין ישראל. די גרעסטע נייעס־אַגענטורן און צייטונגען האָבן זייערע קאָרעספּאָנדענטן אין דער ייִדישער מדינה. די ייִדישע צייטונגען דרוקן אָפטע קאָרעספּאָנדענצן פון זייערע פאָרשטייער און פאַרעפנטלעכן די נייעסן, וואָס זיי באַקומען פון די טעלעגראַפן־אַגענטורן. מ. נודעלמאַנס גרוס פון מדינת ישראל צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַ ביסל אַנדערשקייט, מיט גאָר אַן אַנדער נוסח. דאָס געזעענע האָט ער איבערגעגעבן אין אַ געוואַלדיק שפּרודלדיקן סטיל, אַז עס לייענט זיך ממש אַליין, אָן אָנשטרענגונג. דער מחבר איז באַשאָנקען מיט אַ פּעדער, וואָס איז בכוח צו בייגן אַ זאַץ אין אַלע זייטן און דערביי

אָפּהיטן עס זאָל חלילה נישט צעבויגן ווערן דער געדאַנק. נודעלמאַנס רעפּאָרטאַזשן זענען געשריבן מיט אַ פּעדער, וואָס ער האָט געטונקען אין אַ לייכטן חנעוודיקן הומאָר, וואָס מאַכט די באַשרייבונגען בילדלעך און לעבעדיק.

אין דער הקדמה צום בוך שרייבט דער מחבר: „נישט בלויז מיט האָניק און מילך איז דורכגעזאַפּט די ישראל־ערד, און נישט בלויז מיט בלומען זענען באַצירט די וועגן און פעלדער, וואָס דער נייער ישראל־ייִד האָט מיט מי און שווייס אויס־געטריקנט, פאַראַקערט און פאַרזייט. גענוג דערנער זענען פאַראַן אויף די דאָזיקע וועגן, דערנער וואָס דער שונא וואַרפט כסדר אונטער. אָבער דער ישראל־ייִד גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. אָנשטאָט צו קוקן אַראָפּ צו די דערנער, קוקט ער בעסער אַרויף צו די בלויע הימלען, וואָס באַוואַכן די בערג פון יהודה. דאָס קוקן אין דער הויך איז באַגלייט מיט פרייד און געלעכטער; און — צו להכעיס די שונאים — לאַכט דער ייִד אין ארץ־ישראל!״

יאָ, שווער איז דאָס לעבן אין אונדזער מדינה. גענוג געפאַרן לויערן איבער דער יונגער מלוכה. די אַראַבישע שונאים וואָלטן וועלן אונדז דערטרינקען אין בלוט. שווער איז דער גראַנגל פאַר עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט. שווער איז דער קאַמף איינצוהאַלטן אונדזער פּאָליטישע פרייהייט. אָבער טראָץ אַלעמען, טראָץ אַלע שוועריקייטן בויט זיך אַ מדינה, וואָס וועט פאַרזיכערן דעם אייביקן קיום פון ייִדישן פאָלק.

מ. נודעלמאַן האָט געזען די אַלע שוועריקייטן, האָט דערפילט דעם גרויסן געראַנגל, וואָס גייט אָן אין דער מדינה אויף די פראָנטן פון דער פּאָליטיק, עקאָ־נאָמיק, זיכערקייט און שוץ; אָבער איבער דעם אַלעמען האָט ער אויך דערפילט דאָס געזאַנג פון לעבן. ווי דריקט ער זיך אויס אין זיין בוך: „דאָס לעבן באַזינגט זיך אַליין״.

מיר ווילן ברענגען אַ קיצור פון אַ שמועס, וואָס נודעלמאַן האָט דאָרט געהאַט מיט אַ מויערער, בכדי צו אילוסטרירן די שפּרודלדיקייט פון מחברס שפּראַך:

„ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אַרויסגעקוקט פון פענצטער פון מיין האָטעל־צימער אין תל־אביב, האָב איך געזען ווי צוויי מויערער הייבן זיך אָן פּאָרען ביים שטעלן אַ נייע געביידע. אין די ערשטע טעג פון מיין וווינען אין האָטעל האָב איך באַדאַרפט אַראָפּקוקן צו די מויערער. מיט אַ וואָך שפּעטער האָבן די מויערער שוין צו מיר אַראָפּגעקוקט״.

דער מחבר וויל דערמיט דערציילן וועגן דעם געוואַלדיקן טעמפּאָ פון אַרבעט, וואָס גייט אָן אין ישראל.

כאַראַקטעריסטיש איז דער דיאַלאָג צווישן נודעלמאַנען און דעם מויערער אין ישראל. אָט זענען די ווערטער:

נודעלמאַן פרעגט: — פּרנסה האָט איר? דער מויערער ענטפערט: — געלויבט צו גאָט. איך באַקלאָג מיך נישט. אַ מויערער איז אַ גוט פאַך אין ישראל. אַזוי ווי איך בין אַ גוטער בעל־מלאכה, פאַרדין איך מיר טאַקע מיינע צוועלף פונט אַ טאָג. איך האָב מיך שנעל אויסגעלערנט דעם אלף־בית. איר ווייסט וואָס איז מיין אלף־בית? — אייזן־בעטאָן. נודלמאַן פרעגט: — ווי פאַרברענגט איר די אָוונטן, — איר גייט אַמאָל אין אַ טעאַטער? ענטפער: — ווודען? וואָס זאָל איך טאָן מיטן געלט?! פראַגע: — צייטונגען לייענט איר? ענטפער: — עפּעס פרעגט איר קלאָץ־קשיות! וועלכער ייִד אין ישראל לייענט נישט קיין צייטונגען? איך לייען צוויי צייטונגען אַ טאָג: אַ העברעיִשע צייטונג לייען איך, ווייל איך וויל וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און אַ ייִדישע צייטונג לייען איך, ווייל איך וויל האָבן אַ הנאה!... (ז' 58).

נודעלמאַן דערציילט אונדז אין זיין בוך וועגן אַ שמועס מיט אַ ייִדישן בעטלער. נודעלמאַן שרייבט:

„איך האָב איינמאָל אויסגענוצט מיין מטבע, וואָס איך האָב אים געגעבן, און געפרעגט: — ר' ייִד, איז טאַקע אמת, וואָס די גאַס זאָגט, אַז איר האָט אַ הויז? — עץ זענט ביטערע מענטשן, — האָט ער מיר גלייך צוריק געענטפערט, — צי איך האָב אַ הויז, דאָס ווילן אַלע וויסן, אָבער צי איך בין אַן אָרעמאַן — דאָס וויל קיינער נישט וויסן!"

נודעלמאַן דערציילט, אַז די בעטלער אין ישראל לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע. ווען אַ בעטלער בעט אַ נדבה ביי עמיצן און דער עמיצער ענטפערט אים, אַז ער האָט נישט, — זאָגט דער בעטלער: גיי אַרבעטן! (ז' 107).

וועגן בריוו־טרעגער אין ישראל דערציילט נודעלמאַן, אַז אין ישראל קומען אָפטמאָל פאָר קאָנפליקטן צווישן בריוו־טרעגער מיט די אַדרעסאַטן אויפן ליטעראַרישן באָדן. עס פּאַסירט, אַז אַבאָנענטן פון צייטשריפטן באַקומען צוגעשטעלט די זשורנאַלן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. די סיבה איז גאָר אַ פּשוטע: דער בריוו־טרעגער פאַרהאַלט ביי זיך אַמאָל אַ צייטשריפט אויף עטלעכע טעג, ווייל ער וויל איבערלייענען אינטערעסאַנטע אַרטיקלען. (ז' 53).

עס איז אוממעגלעך אין אַ קורצן אַרטיקל איבערצוגעבן אַפילו אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס דער מחבר דערציילט אונדז אין זיין בוך. מען דאַרף דאָס בוך לייענען און הנאה האָבן, ממש הנאה האָבן, ווייל פון יעדער שורה טראָגט זיך דער באַטעמטער אַראָמאַט פון מחברס שילדערונגען. עס איז בפירוש אַ באַטעמטער גרוס פון ישראל.

וואָס אונדז איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך, דורכלייענענדיק דאָס פּרעכטיקע בוך פון נודעלמאַנען איז, — פאַרוואָס האָט ער דאָס בוך באַטיטלט מיטן נאָמען:

„לאַכט אַ ייִד אין ארץ־ישראל" און נישט „לאַכט אַ ייִד אין מדינת ישראל"? איז דאָך דער מחבר געווען אויף אַ באַזוך אין מדינת ישראל! אין דער הקדמה שרייבט דער מחבר: „אַ רייזע איבער מדינת ישראל האָט געבוירן דאָס בוך. דער אינהאַלט פון בוך האָט געבוירן דעם נאָמען. דער נאָמען איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אינהאַלט".

לויטן אינהאַלט פון בוך האָט דער נאָמען באַדאַרפט זיין „לאַכט אַ ייִד אין מדינת ישראל!".

.1956

„פון מעקסיקע ביז אילת און צוריק"

(מרדכי קאַראַנאַס בוך וועגן מדינת ישראל)

ראשית ווילט זיך שטילן אַ טיפן באַגער צו באַדאַנקען מיין חבר און פריינט מרדכי קאַראַנאַ פאַר צושיקן מיר זיין ספר וועגן זיין רייזע קיין מדינת ישראל, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך נחת רוח. איך האָב דעם ספר געלייענט און איבער־געלייענט. ספּאָנטאַן קומט די רעאַקציע: מה טוב ומה נעים! — ווי גוט און ווי שיין איז דאָס בוך געשריבן, ווי ערלעך און ווי האַרציק האָט קאַראַנאַ איבערגע־געבן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט בעת זיין באַזוך אין מדינת ישראל. עס איז בפירוש שווער זיך אָפּצוקילן פון דער באַגייסטערונג, וואָס דאָס בוך האָט ביי מיר אַרויסגערופן.

די שורות, וואָס ווערן דאָ געשריבן, איז נישט מיט דער כוונה פון קריטיק, נישט אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם מחבר אויף געוויסע קאַרעקטורן, וואָס דאַרפן ביי דער צווייטער אויפלאַגע אין בוך אַריינגעבראַכט ווערן. אויך נישט פונאַנדער־צוקלייבן זיך אין דעם ליטעראַרישן ווערט פון דעם ספר. דאָס האָבן שוין געטאָן שרייבער, וועלכע פילן זיך באַרופן אַלס קריטיקער, אָדער די, וועלכע האָבן שוין זוכה געווען אַליין אָנצושרייבן ביכער און „געשטאָכן" צו ווערן פון דער פעדער פון קריטיקער.

אונדזער כוונה איז בלויז זיך צו טיילן מיט די לייענער מיטן נחת רוח, וואָס דאָס בוך האָט אונדז פאַרשאַפט און אָנרעגן צו לייענען די באמת געלונגענע, ביז גאָר רעאַלע פאַרצייכענונג פון מרדכי קאַראַנאַס נסיעה קיין ישראל. זייער פיל איז געשריבן געוואָרן אין משך פון די לעצטע 5 יאָר וועגן מדינת ישראל. נישטאָ ממש קיין ווינקעלע אין דעם לעבן פון ישראל, וואָס איז שוין נישט באַשריבן געוואָרן פון שרייבער, קינסטלער, פון זשורנאַליסטן, פון ספּעצן אויף פאַרשידענע גע־ביטן: פון ייִדן און נישט־ייִדן, פון פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן. גראָד דערפאַר איז עס גאָר נישט קיין לייכטע מערכה זיך צו פאַרמעסטן און אָנשרייבן אַ גאַנצן

ספר וועגן אַ רײַזע קײַן ישראל. צום גליק איז דאָס מרדכי קאַראַנאַן געלונגען — הלוואי אויף אַנדערע געזאָגט געוואָרן.

עס איז אַ קונסט צו קאָנען פֿאַרשיכורט זען און ניכטער פֿאַרשרײַבן. עס איז אַ גרויסע קונסט צו זײַן בכּוח, קומענדיק קײַן ישראל נאָך אַ פֿערטל יאָרהונדערט פֿון טיפֿער בענקשאַפֿט, פֿון הערלעכן באַגער, אויף דער ערד פֿון ישראל זיך קונה צו זײַן מיט אַזויפֿיל חכמת האמת, מיט אַזוי פֿיל שלימות, צו קאָנען באַגרײַפֿן און משׂיג זײַן די טיפֿע סודות פֿון דער ישׂראל־ווירקלעכקייט, — ווי עס האָט עס אַזוי וווּנדערבאַר באַוויזן צו דערגרייכן מ. קאַראַנאַ.

אונדזערע מקובלים האָבן אַמאָל געגלויבט, אַז ארץ־ישראל איז אַ סגולה צו „רוח הקודש", צו אַנטפּלעקן פֿאַרן מענטשן דאָס געטלעכע, דאָס הייליקע, די קדושה, וואָס טראָגט זיך דאָרטן אין דער לופֿטן. איבערלייענענדיק מ. קאַראַנאַס בוך ווילט זיך צוגעבן, אַז ישראל איז אויך אַ סגולה צו רוח חיים, צו אַנטפּלעקן פֿאַרן מענטשן דעם גייסט פֿון פֿאָלק; די הייליקייט, די קדושה, וואָס טראָגט זיך פֿון פֿאָלקס־יצירה, וואָס קאַראַנאַ האָט געזען און בעיקר דערזען פֿאַרבײַפֿאָרנדיק אַלע „גן־עדן־פֿלעקן" (קאַנאַראַנס אויסדרוק), וואָס זענען באַשאַפֿן געוואָרן פֿון ייִדן אויף די וויסטעניש אין נגבֿ.

ווי דערציילט אונדז קאַראַנאַ: „די אַלע קיבוצים גרינען און בלישטשען אַרויס ווי אַן אויסגעחלומטער אָאַזיס אין אַ מדבר. עס שפּיגלט אָפּ זייער צווייבער אונטער די גאָלדענע שטראַלן, וואָס קומען פֿון אַ פֿײַערדיקער זון". (ז' 156. חג המים וחג הבכורים בנגב).

דער מעזעריטשער מגיד האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „ציון איז דער עיקר פֿון דער וועלט". אין ציון איז פֿאַראַן אַ טייל פֿון אַלע מדינות פֿון דער וועלט און יעדע מדינה קומט דעריבער קײַן ציון און נעמט חיות, שעפּט שפֿע און יניקה פֿון דעם חלק, וואָס די באַטרעפֿנדיקע מדינה האָט אין ציון". מיר ווילן צוגעבן, אַז יעדער ייִד האָט זײַן חלק אין ציון, מען דאַרף נאָר זײַן ביכולת צו קאָנען שעפּן חיות בשפֿע פֿון דעם דאָזיקן לאַנד. די יכולתן האָט קאַראַנאַ אַרויסגעבראַכט מיט אַ סך שפֿע אין זײַן בוך, נאָך זײַן באַזוך אין ישראל.

מרדכי קאַראַנאַ געהער צו דעם טיפֿ ייִד, וואָס דאַרף נישט תּפֿילה טאָן אויף בענקשאַפֿט נאָך ישראל. ער איז אַליין טיף דורכגעדרונגען מיט גרענעצלאָזן באַגער, מיטן לעבנסלענגלעכן טרוים אין הארצן, צו זען דאָס לאַנד פֿון אונדזער גאולה. די דאָזיקע בענקשאַפֿט אָטעמט אַרויס פֿון יעדן קאַפּיטל, וואָס קאַראַנאַ האָט פֿאַרשריבן אין זײַן ספר. די בענקשאַפֿט קומט צום אויסדרוק אָנהייבנדיק פֿון ישראל־קאָנסולאַט אין מעקסיקע, איבער אַלע גרענעצן, וואָס ער איז דורכגעפֿאָרן אויפֿן וועג קײַן ישראל — ביז זײַן צוריקקומען קײַן מעקסיקע. זײַענדיק אין ישראל איז קאַראַנאַ באַהערשט פֿון דער זעלבער בענקשאַפֿט שוין ביים שטעלן די ערשטע

טריט אויף דער מאַמע־ערד. אין ווידערדערוואַכונג טליִעט אַ געוואַלדיקע בענק־שאַפט ביי קאַראַנאַן נאָך יענער צייט, ווען ער איז מיט קרוב דרייסיק יאָר צוריק צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל; ווען די רייזע איז געווען פאַרבונדן מיט אַזוי פיל מסירות־נפש. ער בענקט נאָך די שטרויענע קוישלעך, שווער אָנגע־לאָדענע מיט שטיינער, וואָס ער צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער בחורים האָבן דאַן געטראָגן אויף די אַקסלען און זיי געשלעפּט צום ים־ברעג אין חיפה און שטיין נאָך שטיין אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין, בכדי צו פּלאַנירן דעם ברעג. ער בענקט נאָך יענער צייט, ווען ער אַליין איז געווען אַ שותף צו דער יצירה, צו דער שאַפונג וואָס האָט דערפירט צו דער עטאַבלירונג פון אונדזער היינטיקער מדינת ישראל.

היינט דערקענט נישט קאַראַנאַ חיפה, זיין אַמאָליקע חיפה. היינט איז חיפה אויסגעפּלאַסטערט מיט ברייטע בולוואַרן, איינגעראַמט אין גרינע ביימער. ער באַוווּנדערט די מאַיעסטעטישע הויכע געביידעס, דעם שיינעם וואָקזאַל, די ריזיקע מאָדערנע אויטאָבוסן־סטאַנציע, די גרויסע טראַפיק, פונקט ווי אין איינער פון די מאָדערנע גרויסע שטעט.

„פאַרוואָס דערקען איך דאָ גאָרנישט?“ — פרעגט קאַראַנאַ זיך אַליין מיט אַ טיפער בענקשאַפט נאָך יענע פינף יאָר, ווען ער האָט אין חיפה געלעבט און געקענט יעדעס געסל, יעדעס ווינקעלע.

„ווו איז צו געפינען כאָטש אַ שפור פון יענער חיפה?“ — פרעגט קאַראַנאַ ביי זיך אַליין און איר דערפילט אין דער פראַגע די לירישע בענקשאַפט נאָך יענעם חלוץ, נאָך יענעם פּיאָנער, וואָס האָט שוין דאַן געזען דעם סוד פון קץ — דעם סוף פון יידישן גלות אין אַן אייגענער מדינה — אין ישראל.

וויפל בענקשאַפט ליגט אין די טיפע רעיונות ביי קאַראַנאַן נאָך יענער פאַרגאַנגענהייט, בעת ער האָט זיך געפרעגט אין חיפה, טראַגנדיק די שטרויענע קוישלעך מיט שטיינער אויף די אַקסלען: „מוז איך דען בלויז אויף מיינע פּלייצעס טראָגן און אַרונטערוואַרפן אַלע שטיינער, וואָס יידן טראָגן אין גלות?“... (ז׳ 107).

אָ! ווייניק איז דאַן געווען די צאָל פון די שטיינער־טראָגער צום חיפהער האַפן. קאַראַנאַ איז געווען איינער פון די ווייניקע. די שטיינער געהערן צו די אבני גאולה. זיי האָבן עס געלייגט דעם סוד פון אונדזער היינטיקער מדינה. דערהויבן דאַרף זיך פילן קאַראַנאַ, וואָס זיינע אַקסלען האָבן אַ חלק אין דעם.

וואָלט איך אין מיין הקדמה נישט צוגעזאָגט, זיך נישט צו פאַרנעמען מיט קריטיק, וואָלט איך בפירוש אַ פרעג געטאָן מיין חבר און פריינט קאַראַנאַן: פאַר־וואָס איז ער אַזוי האַסטיק, אַזוי שנעל אַנטלאָפן פון זיינע טיפע רעיונות, פאַר־בונדן מיט יענע שטיינער, וואָס ער האָט געשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס אין חיפה? פאַרוואָס נישט ווייטער ממשיך זיין די פאַרטיפונג אין די רעיונות — נישט נאָר פון אַרונטערוואַרפן גלות־שטיינער פון די אַקסלען, נאָר אויך ווי זיי זענען פאַר־

נוצט געוואָרן פאַר בויען און אויסבויען די מדינה? אָבער, ווי פאַרזיכערט, געהער דאָס נישט צו מיר, ודל...

וויפל בענקשאַפט רופט אַרויס ביי קאַראַנאַ דער קבלת־שבת אין מאה שערים. אמתע בענקשאַפט נאָך יידישקייט, נאָך עכטער יידישקייט, נאָך דעם מקור, נאָך דער סביבה, נאָך דער אומגעבונג, פון וואַנען ער איז אַליין אַרויסגעוואַקסן. ער אַליין איז אין די קינדער־יאָרן פריי אַרומגעשווומען אין גאַנצן חומש, מיט פירוש רש״י און שפּעטער אין גמרא, ווי דאָס ייִנגעלע מיט די לאַנגע פּאותלעך אין ירושלים.

וויפל בענקשאַפט איז פאַראַן ביי קאַראַנאַ ביים דערזען די בלויקייטן פון דעם שיינעם ים־סוף, ביים זון־אונטערגאַנג. אויך דאָ, ווען איך וואָלט נישט וועלן האַלטן מיין צוזאָג זיך נישט צו פאַרנעמען מיט קריטיק, וואָלט איך דערמאָנט, אַז די אַסאָציאַציע צו דער בלויער שיינקייט פון ים־סוף איז די שילדערונג אין אונדזער חומש, וואָס איז פאַרבליבן אין זכרון, אין האַרץ און אין מוח ביי קאַראַנאַ און פון וואַנען אויך שאגאל האָט געשעפּט זיין אינספּיראַציע ביים איבערגעבן אין פּרעכטיקער קונסט די הערלעכע, די לויטערע און בלויע קאָלירן.

וויפל בענקשאַפט אוז צעגאָסן אין דעם ווילנדיקן (קאַראַנאַס אויסדרוק) בלאָנדזשען אויפן הר־הכרמל און זיך צוקוקן צו דער אומבאַגרענעצטער רחבות, זיך צוהערן צום געררויש פון די בלעטער, צום זינגען פון די פייגל. ווי שרייבט קאַראַנאַ (ז׳ 226): „אייגנטלעך, וואָס איז מיר דען די נפקא מינה ווו איך גיי, ווען יעדער ווינקל, יעדער טריט, יעדער שאָרך, פונוואַנען ער זאָל נאָר נישט קומען, איז מיר אַזוי נאָענט, אַזוי אייגן, אַזוי ליב״.

אונדזער דור פון חלוצים, איבערגעלאָדן מיט מסירות־נפש, האָט באַוויזן אויף אַ בראַוון אופן צו פאַרוואַנדלען טרוים איןווירקלעכקייט, בענקשאַפט אין רעאַליטעט. קאַראַנאַ האָט אויף אַ ביז גאָר געלונגענעם אופן באַוויזן אין זיינע באַשרייבונגען צו האַלטן דעם שפּיגל פון חלום, פון זיין אייגענער בענקשאַפט, אויף דער אויבערפלאַך פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט אין מדינת ישראל.

דערפאַר איז דער גאַנצער ספר קאַראַנאַס פול מיט ליבשאַפט, מיט נחת־רוח, מיט ענטוזיאַזם פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען און דורכגעלעבט בעת זיין באַזוך אין דער מדינה. צום שלעכטן איז נישטאָ קיין שנאה און צום גוטן איז נישטאָ קיין גרענעץ פון פרייד.

עס איז בפירוש אַ גרויס פאַרגעניגן צו לייענען און זיך צו פאַרטיפן אין ספר פון מרדכי קאַראַנאַ, וואָס איז מיט אַזוי פיל האַרץ, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט געשריבן געוואָרן.

1953.

חסידות

(וועגן מנשה אונגערס „די חסידישע וועלט״)

חסידות האָט טויזנט טייטשן. חסידות איז אַ וועג-ווייזער אין לעבן פון מענטש. חסידות ווייזט אָן די הימל־וועגן, דורך וועלכע אַ מענטש קען דערגרייכן צו די שערי־השמים און נאָך העכער — ביז צו כביכול. חסידות ווייזט אויך אָן דעם ערדישן וועג פון מענטש. חסידות באַגלייט דעם מענטשן פון וויגעלע ביז צום גריבעלע.

שאלות בין אָדם ומקום ובין אָדם לחברו האָבן געפונען תשובות אין דער חסידישער באַוועגונג לויט די פאַרשידענע שיטות און אויסטייטשונגען פון חסידישע מנהיגים און מפרשים. וויפל מיר זאָלן נישט לערנען וועגן חסידות, איז דאָס נאָך אַלץ נישט גענוג, בכדי צו קענען זיך דערגרונטעווען צו דעם טיפן אומ־אויסשעפּלעכן קוואַל, וואָס חסידות שטעלט מיט זיך פאָר.

חסידות מה היא? — וואָס איז דאָס אַזעלכעס חסידות?

„חסידות איז ווי מן — שרייבט אליעזר שטיינמאַן אין זיין ספר „באר החסידות״. — מן, אין וועלכן מען קען געפינען אַ סך טעמים״. שטיינמאַן פאַררופט זיך אויף אַ מאמר פון ר׳ פּנחס בן־יאיר אין מסכת סוטה, אין וועלכן ער רעכנט אויס די פאַרשידענע מדרגות אויפן לייטער פון מעלות. די ערשטע מדרגה איז תורה, די לעצטע איז רוח־הקודש. חסידות געהערט צו אַ מדרגה, וואָס איז נאָך דער ערשטער און פאַר דער לעצטער. אַ חסיד — לויט ר׳ פּנחס בן־יאיר — געהער צום אָדם העליון, וועלכער איז אין זיין מדרגה אַפילו גרעסער פון אַ צדיק.

לויט רבינו בחיי איז אַ חסיד דער, וועלכער דינט גאָט מתוך חשבון־הנפש. אַ חסיד איז מער האוהב אלוקים, ווי אַ ירא־אלוקים.

לויטן של״ה הקדוש איז אַ חסיד ראשית כל אַ ירא־שמים, אַ מענטש, וועלכער איז מקיים די מצוות מיט מסירת־נפש.

דער בעל־שם־טוב האָט געוויזן נייע וועגן פאַר חסידות. אויב די פריער־

דערמאָנטע וועג־ווייזער פון חסידות האָבן פאַרלאַנגט צו פייניקן דעם נפש, צו פאַסטן, צו עצבות און צו פרישות, — האָט דער בעל־שם־טוב אנגעוויזן, אַז מען באַדאַרף גאָר זיין פריילעך, אַז מען טאָר זיך נישט פייניקן. עצבות — האָט ער געזאָגט — איז גאָר אַן עבירה. אַ מצווה איז פריילעך צו זיין, וואָרום אין פסוק ווערט געשריבן: „עבדו את הה' בשמחה — דינט גאָט מיט פרייד".

חסידות — שרייבט שטיינמאַן — איז נישט קיין פלאַש, אין וועלכער מען קען אַריינגיסן פאַרשידענע ווייַנען, — חסידות איז דער ווין גופא! אַ ווין, וואָס האָט אַ סך טעמים. חסידות איז גבורה און חכמה. חסידות איז אַ תורה, וואָס מען באַדאַרף זי לערנען!

לערנט מיט אונדז שטיינמאַן די תורה פון חסידות. ער פרעזענטירט פאַר אונדז זיבן זיילן פון חסידות: דעם זייל פון אמת אין דער פערזאָניפיקאַציע פון ר' פנחס קאָריצער; דער זייל פון דמיון, וואָס ווערט פערזאָניפיצירט דורך ר' שלמה שפּולע — באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אונטערן נאָמען: דער שפּולער זיידע; דער זייל פון ענטוזיאַזם — ר' נחמן בראַסלאַווער; דער זייל פון יחוס — ר' ברוך פון מעזשבוזש; דער זייל פון חן, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער סטריקאָווער ר' זאב וואָלף און דער זייל פון צער — אין דער פערזאָניפיקאַציע פון ר' מנחם־מענדל קאָצקער.

מנשה אונגער אין זיין בוך „די חסידישע וועלט" גייט אויפן זעלבן וועג ווי שטיינמאַן און ער לערנט מיט אונדז די תורה פון חסידות, פאַרשטעלנדיק אונדז זעקס גרויסע חסידישע מנהיגים, וועלכע האָבן פאַרפלאַנצט חסידות אין פוילן און אין מזרח־ און מערב־גאַליציע. די מנהיגים זענען: ר' אלימלך פון ליזשענסק, וועלכער איז געווען דער תלמיד פון מעזריטשער מגיד. ר' ישראל אפשטיין; דער קאָזשעניצער מגיד, וועלכער האָט געהערט צום דריטן דור פון בעל־שם־טוב; דער חוזה פון לובלין, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק; דער רבי ר' מענדעלע פון רימאַנאָוו, אויך אַ תלמיד פון רבין ר' אלימלך; דער ראָפּשיצער רבי ר' נפתלי צבי, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס דער חכם פון די רביים, און דער רבי ר' הערשעלע פון זידיטשויוו, באַקאַנט אַלס גרויסער בעל־מקובל, וועלכער האָט מחבר געווען אַ פירוש אויף זוהר.

מנשה אונגער פירט אונדז אַריין דורך זיין בוך אין די חדרי חדרים פון די דערמאָנטע רביים. ער באַקאַנט אונדז מיט זייער לעבן, מיט זייער התנהגות. ער לערנט מיט אונדז זייער דרך אין חסידות. ער דערציילט אונדז פון זייערע מידות טובות. ער ווייזט אונדז אָן אויף זייער דרך אין לערנען. ער גיט אונדז איבער זייערע תורה און זייערע תורה־ווערטלעך. ער מאָלט פאַר אונדז אַ פול בילד וועגן לעבן און שאַפן פון זעקס מנהיגים פון חסידות אין פוילן און גאַליציע.

יעדער פון די זעקס מנהיגים פון חסידות האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זייל,

אויף וועלכן יידישקייט און יידיש לעבן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט. דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זייל פון פאַרבאָרגענער צדקות און פון אַ גרויסן בעל־מוסר און פון אַ מוסטער אין מידות טובות און עניוות.

דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ זייל אין תפילה. ער האָט געלערנט יידן ווי אַזוי אין צייט פון תפילה צו דערגרייכן כוונה. דערצו איז ער אויך געווען אַ זייל אין דרשה. ער האָט נישט געשטראָפט קיין יידן אין זיינע דרשות, נאָר מיט גוטע רייד באַקערט יידן צו דינען מיט כוונה גאָט ברוך הוא.

דער חוזה פון לובלין איז געווען אַ זייל פאַר שמחה. ער האָט געלערנט יידן ווי אַזוי זיך אָפּצוהיטן פון אומעט, פון עצבות. כאָטש אַליין איז ער געווען אַ פאַרמרה־שחורהטער, האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער זעצט אַריין אין יעדן חסיד אַ נייע נשמה אין זיין גוף און סטימולירט אים צו שמחה. דער חוזה האָט אויך געלערנט יידן ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון גאווה, פון גרויסהאַלטעריי. ער האָט גערופן יידן זיך אָפּצוהיטן פון עצבות. מנשה אונגער דערציילט אונדז אין קאַפּיטל וועגן חוזה פון לובלין, אַז אַמאָל האָט אַ חסיד זיך געקלאָגט פאַרן חוזה, אַז שלעכטע תאוות דריקן זיין האַרץ און דערפאַר איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות. האָט דער חוזה צו אים געזאָגט, אַז עצבות איז ערגער און שאַדט מער פון אַ חטא, ווייל די גאַנצע כוונה פון יצר־הרע איז נישט, אַז דער מענטש זאָל זינדיקן, נאָר דורך דער עבירה זאָל ער אַריינפאַלן אין אומעט. (ז׳ 149).

דער רבי ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער איז געווען אַ זייל פון אהבה, פון גרויס ליבשאַפט צו מענטשן. ער האָט געלערנט, אַז דער יסוד פון אַלע מצוות איז דער ואהבת לרעך כמוך, ליב צו האָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין. ער האָט אויך גע־לערנט יידן די מידה פון שלום. ער האָט געזאָגט, אַז די מידה פון שלום איז די העכסטע פון אַלע מידות און אַלע מצוות עשהס פון דער תורה זענען כולל אין איר. (ז׳ 201).

דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ זייל פון חכמה. נישט אומזיסט האָט מען אים געהאַלטן פאַרן חכם פון די רביים. די הויפּט־שיטה פון ראָפּשיץ איז באַ־שטאַנען — שרייבט מנשה אונגער — אין שמחה, טאַנץ, געזאַנג און חכמה. דער ראָפּשיצער אַליין האָט געהאַלטן, אַז חכם עדיף מנביא, אַז אַ חכם איז גרעסער פון אַ נביא.

דער רבי ר׳ הערשעלע זיידיטשויוער איז געווען אַ זייל אין תורה און אַ גרויסער בעל־מליץ פאַר יעדן יידן. ער האָט געלערנט, אַז אַפילו ווען אַ ייד איז אַ כופר, דאַרף מען אַריינדרינגען אינעם שורש פון זיין כפירה און אים ברענגען צו תשובה.

פון דער אָנגעגעבענער ביבליאָגראַפיע אין בוך זעט מען, אַז דער מחבר מנשה אונגער האָט נישט געקאַרגט קיין מי און קיין צייט דורכצולייענען זייער

פיל ספרים, נאכצוזוכן אלע תורהס און תורה־ווערטלעך, וואס זענען צעווארפן איבער זייער פיל ספרים פון דער חסידישער ליטעראטור, בכדי צו געבן אן אלזייטיקע פארשטעלונג וועגן די מנהיגים פון חסידות.

מנשה אונגער דערציילט אונדז אין זיין בוך בשם אמרו, אז דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק האט פאר זיין פטירה, מיט קארגע 170 יאר צוריק (ראש־חודש אדר, תקמ״ז), ארויפגעלייגט די הענט אויף זיינע געטרייע תלמידים און האט צווישן זיי פארטיילט די חלקים פון זיין גוף. דאס ליכט פון זיינע אויגן האט ער געגעבן דעם לובלינער (דערפאר טאקע האט מען דעם לובלינער גערופן דער חוזה — ווייל ער האט געהאט א לויטערן בליק). דאס הארץ האט ער אוועקגעגעבן דעם קאזשעניצער מגיד. זיין נשמה האט ער געגעבן דעם רימאנאווער, דאס מויל צום אפטער. און גלייך נאך דעם איז ער נסתלק געווארן.

חסידים צווישן זיך האבן געשמועסט, אז בכדי צו זיין א חסיד דארף מען באזיצן אויגן פאר יראת־שמים, א הארץ פאר כוונה און פאר מידות טובות, א נשמה פאר רוח־הקודש און א מויל פאר מאמע־לשון, ווארום אזוי האט דער רבי אלימלך פארטייטשט חסידות דורכן פארטיילן חלקים פון זיין גוף צווישן זיינע תלמידים.

חסידישע רביים האבן דערצויגן דורות יידן, זיי געלערנט ווי זיך נוהג צו זיין אין לעבן. חסידישע רביים האבן ווי די שטערן אין הימל באלויכטן יידיש לעבן אין שווערע צייטן פון פינצטערניש אין אונדזער גלות־געשיכטע. אהבת־ישראל, ליבשאפט פון איין ייד צום צווייטן, איז געווען דער לייט־מאטיוו פון חסידות; אוהב אלוקים איז געגאנגען צוזאמען מיט אוהב את רעך.

„די חסידישע וועלט״ פון מנשה אונגער איז א וויכטיק לערן־בוך, וואס גיט איבער אין א ציקל לעקציעס וועגן זעקס חסידישע מנהיגים פון פוילן און גאליציע — א בוך, וואס דארף פון אלעמען געלייענט און געלערנט ווערן.

גוטע ביכער האבן א טבע, אז זיי נייטיקן זיך נישט אין קיין הסכמות און אין קיין פירושים. דאס בוך פון מנשה אונגער „די חסידישע וועלט״ געהער בלי שום ספק צו די גוטע ביכער. דער מחבר האט באוויזן פונאנדערצוּוויקלען די פרשה פון חסידות אין יידישן לעבן מיט זייער פיל בקיאות און זאך־קענטעניש.

נאוועמבער, 1956.

„די שטימע" דאָרט און דאָ

(צום פופציקסטן געבוירנטאָג פון משה רובינשטיין)

געבוירן געוואָרן איז משה רובינשטיין (רעדאַקטאָר פון „די שטימע" אין מעקסיקע) אין גראָדנע. אין דעם גראָדנע, ווו עס האָט געלעבט און געווירקט אַן עדה יידן פון אַלע שיכטן, אָרעמע און רייכע, פרומע און פרייע, ציוניסטן און בונדיסטן, פּראָגרעסיווע און אגודהניקעס. גראָדנע די עיר ואם בישראל, די שטאָט ווו יידן זענען געוואָרעמט געוואָרן פון די שכינה־שטראַלן פון באַרימטן צדיק ר' נחומקע ז"ל און אַנדערע גדולי התורה. גראָדנע די שטאָט פון עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ און פון סטעפאַן באַטאָרי. אין דער שטאָט, ווו עס האָט ווייט־ווייט אָפּגעהילכט דער גמרא־ניגון פון ישיבה, בית המדרש און פון די תלמוד־תורהס און דאָס געזאַנג פון די קינדער אין די תרבות־ און „צישאָ"־שולן, האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אונדזער חבר און פריינט — דער בעל־היובל משה רובינשטיין.

בערך איין יאָר נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 איז נאָך די אַטמאָספער פון רעוואָלוציאָנערן דראַנג נאָך פרייהייט נישט אָפּגעקילט געוואָרן. די האָפענונג פון אַרבעטער־קלאַס אויסגעלייזט צו ווערן פון פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע איז געווען גרויס, טראָץ דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. די פּראָלעטאַריער פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן האָבן זיך געגרייט צו נאָך אַ פאַרמעסט אויף צו צערייסן די קייטן פון אונטערדריקונג און דערגרייכן פולע פרייהייט, ווען „אָרעם און רייך וועלן זיין גלייך".

אַלס יונגער בחור נאָך, אַלס שילער פון ווילנער טעכניקום, האָט משה רובינשטיין זיין אייגענעם גורל פאַרבונדן מיטן גורל פון אַרבעטער־קלאַס. אין זיין האַרץ, ווי אין די הערצער פון טויזנטער יוגנטלעכע און עלטערע פון יענער צייט, איז געוואָקסן און געקוואָלן די ליבע צום אַרבעטער. צוזאַמען מיט זיי האָט ער דעם גורל פון יידישן בעל־מלאכה און האָרעפּאַשניק פאַרבונדן מיט דער פרייהייטס־באַוועגונג פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. דאָס רעוואָלוציאָנערע

ליד, דאָס אַרבעטער־ליד, האָט געוועקט און געמוטיקט דעם ווילן און דראַנג צום קאַמף פאַר פרייהייט אויך ביי חבר רובינשטיינען. ער האָט אויסגעקליבן דעם אַרבעטער־סעקטאָר און זיך מיט אים פאַרבונדן אין דעם געמיינזאַמען גורל און געמיינזאַמען קאַמף פאַר באַפרייאונג.

זייער יונג ווערט רובינשטיין באַקאַנט אין גראָדנע ווי אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, ווי אַ רעדנער, פּראָפּאַגאַנדיסט פון די רעוואָלוציאָנערע אידייען און ווי אַ שרייבער און פובליציסט. אין עלטער פון 21 יאָר רעדאַגירט ער די אַרבעטער־ציַיטונג „גראָדנער שטימע" אין גראָדנע, אַ וואָכן־צייטונג געווידמעט די אינטע־רעסן פון יידישן אַרבעטער און האַרעפּאַשניק; אַ צייטונג, וועלכע האָט געדינט דער אידיי פון „בונד" אין פוילן; אַ באַוועגונג, וואָס האָט מיט בלוט פון אירע רעוואָלוציאָנערן אַריינגעשריבן אַ העראָיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר פּאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט פון אַרבע־טער־קלאַס.

פון די מיטאַרבעטער אין דער „גראָדנער שטימע", וואָס דער יונגער רעדאַק־טאָר משה רובינשטיין האָט געהאַט, איז כדאי צו דערמאַנען עטלעכע גוט־באַקאַנטע נעמען פון גראָדנע, ווי, למשל: ד"ר ליפּניק, אַבראַמאָוויטש (דער פירער פון „טאָז"), דער יונגער דיכטער לעוו, דער פובליציסט מיכל קאַפּלאַן, דער לערער שיפּרעס א"אַ. ד"ר ליפּניק ע"ה איז געווען דער פירער פון דער פּאַרטיי, אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און מיט גרויסער ערודיציע; האָט פאַרטראַטן די פּאַרטיי אין שטאָט־ראַט און אין דער קהילה; אַ פאָלקס־טריבון פאַר עקסעלאַנס, וועלכער האָט מיט זיין וואָרט ממש אַנגעצונדן און באַצויבערט מאַסן. דער ד"ר ליפּניק האָט אויך אין דער מעדיציניִשער וועלט, ווי אַ מעדיצינער פון פאַך, פאַרנומען אַ זייער חשובן פּלאַץ מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ צאָל צייטשריפטן.

משה רובינשטיין האָט דעמאָלט פיל געשריבן. אמת, נישט דווקא קורץ און אַזוי שאַרף, ווי ער שרייבט אין „די שטימע"; דאָרט האָט מען באַדאַרפט אַ ביסעלע מאריך זיין, אַ ביסעלע מער פאַרטייטשן די טאָג־טעגלעכע געשעעניִשן פון פּאָלי־טישן לעבן און געבן אַ פּירוש צום גרויסן הונגער, אָבער טאַקע בוכשטעבלעך צום הונגער און נויט פון די נויטבאַדערפטיקע.

בעת דער שרייבער פון די שורות איז געהאַט געקומען קיין גראָדנע צו אַ צוזאַמענפלי פון דער פּועלי־ציון־יוגנט פון גראָדנער קרייז שבועות פון יאָר 1929, האָט שוין דאַן משה רובינשטיין פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם פּאָלי־טישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער גראָדנער אַרבעטער־באַוועגונג. די צייטונג „גראָדנער שטימע" האָט געהאַט זייער פיל צו דערציילן און איבערצוגעבן דער אַרבעטער־עפנטלעכקייט. ראשית כל האָט משה רובינשטיין געדאַרפט דער־

ציילן פון די טעטיקייטן פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין שטאָט־ראַט און פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין דער יידישער קהילה. עדיטאָריעל האָט מען באַדאַרפט אויסדריקן די אָפיציעלע ליניע און גלייכצייטיק אויך שרייבן פּאָלעמישע אַרטיקלען, אין וועלכע מען האָט באַקעמפט די קעגנער. דאַן איז געווען אַ קולטור־לעבן, מיט שולן, דראַמאַטישע קרייזן, פאָלקס־בילדונג. דאַן דער עקאָנאָמישער סעקטאָר, פּראָפעסיאָנעלע סינדיקאַטן פון אַרבעטער, שטרייק־אַקציעס, לוין־אַקציעס וכדומה. היינט וואָלן צום שטאָט־ראַט, קהילה, פּוילישן סיים. אומעטום האָט די דאָזיקע צייטונג באַדאַרפט דערגרייכן מיט איר וואָרט, וואָס האָט געבראַכט צום אויסדרוק די געדאַנקען פון אַ גרויסער פּאָליטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

שפּעטער איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען עטלעכע יאָר צו לעבן אין גראָדנע און אויך זיין טעטיק דאָרט אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיטצואַרבעטן דאָרט אין דער טעגלעכער צייטונג „דער גראָדנער מאָמענט“, וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון דוד בערעזאָווסקי ע״ה, און אויך העלפן רעדאַגירן די פּועלי־ציון־צייטונג „דאָס וואָרט“, וואָס איז דערשינען וועכנטלעך אונטער דער רעדאַקציע פון חבר ד״ר צבי בעלקא ע״ה. אין און אַרום די אַלע קולטור־טעטיקייטן איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט דעם יונגן טוער משה רובינשטיין, וועלכן אַלע האָבן חבריש גערופן: מיישל (אַ גראָדנער אידיאָם).

מיר האָבן זיך געקענט. מיר פלעגן זיך באַגעגענען אויף געמיינזאַמע זיצונגען פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין שטאָט־ראַט און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. מיר פלעגן זיך אויך טרעפן אין צענזור־אַמט פּרייטיק גאַנץ פרי, ווען ער איז געקומען מיט דער „גראָדנער שטימע“ און איך מיטן „דאָס וואָרט“ ווייזן דער צענזור די געדרוקטע שורות און קריגן די חתימה אויף „כשרות“. און זייער אָפט האָט מען אין אונדזערע צייטונגען געמוזט לאָזן „ווייסע פלעקן“.

די „גראָדנער שטימע“, וואָס משה רובינשטיין האָט רעדאַגירט דאָרט, האָט פאַרטראָטן איין סעקטאָר אין יידישן לעבן, כאָטש זייער אַ וואָגיקן סעקטאָר, זייער אַ צאָלרייכן, אָבער דאָך נישט דעם גאַנצן יידישן כלל. איצט אָבער, אין מעקסיקע, דינט „די שטימע“ די אינטערעסן פון גאַנצן יידישן כלל, כאָטש דער ישוב איז אַ קלענער אין פאַרגלייך מיט דער יידישער באַפעלקערונג פון דעם פאַרמלחמהדיקן גראָדנע.

.1955

אַן עסיי איבער אַ קאַפּיטל געשיכטע

(אויפן ראַנד פון „צווישן מלחמה און שלום"
פון ד"ר יוסף טענענבוים)

אַ לעגענדע דערציילט, אַז אין טאָג ווען אין ירושלים איז דאָס בית המקדש אויפגעגאַנגען אין פלאַמען, — איז אין דער זעלבער צייט געבוירן געוואָרן משיח. די לעגענדע ווערט פאַרטייטשט, אַז תמיד, ווען נאָר ייִדיש לעבן געפינט זיך אין אַן עת צרה, דאַרפן זיך ייִדן נישט מיאש זיין, זיי דאַרפן נישט פאַרצווייפלען. זיי דאַרפן גלויבן, אַז רעטונג איז נאָענט, אַז פון די הימלען ווערט אַראָפּגעשיקט אַ משיח צו העלפן ייִדן אויסגעלייזט צו ווערן פון זייערע ליידן.

אונדזער ייִדישע מאַרטירער־געשיכטע איז רייך מיט קאַפּיטלען פון ייִדישן פּיין און נויט, און אין יעדער צייט ווען עס איז אויפגעשטאַנען אַ רשע און זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס פאָלק ישראל — האָט זיך אין דער זעלבער צייט באַוויזן אַ גואל, אַן אויסלייזער, וועלכער האָט געהאָלפן ראַטעווען ייִדן פון דער סכנה. אין די צייטן פון פּרעה מלך מצרים, וועלכער האָט פאַרשקלאַפט ייִדן, זיי געפּייניקט און זיי געוואָלט אומברענגען, איז געקומען משה בן־עמרם — דער באַ־פרייער און אויסלייזער. אין דער צייט פון המן הרשע — זענען געקומען מרדכי הצדיק און אסתר המלכה, וועלכע זענען פון גאָט אַליין געשיקט געוואָרן צו העלפן ייִדן אין זייער סכנותפולער שעה פון קיום.

אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס איז פול מיט ליידן און פּיין, גייט כסדר מיט דער אני־מאמין אין משיחן, דער טיפער גלויבן פון פאָלק אין זיין באַפרייער. כאָטש עס פּאַסירט, אַז משיח פאַרשפּעטיקט זיך אַ ביסל מיט זיין קומען, דאָך האָט דאָס פאָלק קיינמאָל נישט אויפגעגעבן זיין גלויבן אין אים.

אין דער לאַנגער גלות־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק גייט תמיד פאַרביי דער עקשנותדיקער קאַמף פאַר באַפרייאונג. עס איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס. אין ייִדישן לעבן פאַר דורות און יאָרן, צו קעמפן פאַר אויסלייזונג און פרייהייט. יע־

דער דור האָט אויף זיין שטייגער אַרויסגעבראַכט זיינע געפילן פון ציגעבונדנקייט צום אייביקן יידישן היימלאַנד — צו ארץ־ישראל, און יעדער דור האָט אויף זיין שטייגער געקעמפט פאַר זיינע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער פון אַלע גלותן.

נישט אַלע מאָל, צום באַדויערן, האָבן אין אונדזער געשיכטע אויסגעקעמפטע אין דעראָבערטע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט אין די וווין־לענדער פון די תפוצות געהאָלפן. מיר ווייסן פון דעם נאָענטן עבר, פון דער צייט צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה, אַז יידישע רעכט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע זענען געבליבן נאָר רעכט אויפן פּאַפּיר. אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אָבער זענען יידן אין די מדינות פון מזרח־אייראָפּע באַרויבט געוואָרן פון זייערע רעכט, טראָץ דעם, וואָס די דאָזיקע רעכט זענען געווען גאַראַנטירט דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלער פעלקער־אָרגאַניזאַציע, ווי דאָס איז געווען די „פעלקער־ליגע״. אָבער דאָך האָט דאָס יידישע פאָלק ממשיך געווען דעם היסטאָרישן קאַמף זיינעם צו לעבן אין די תפוצות ווי גלייכע און גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. האָנט אין האַנט מיטן גרויסן היסטאָרישן קאַמף, וואָס יידיש פאָלק האָט געפירט דורך זיין אַוואַנגאַרד, דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, פאַר יידישער אומאָפּהענגיקייט אין ארץ־ישראל, איז אויך געפירט געוואָרן דער קאַמף פאַר גלייכע רעכט אין די לענדער פון די תפוצות.

אַ גרויס קאַפּיטל געשיכטע פון דעם קאַמף, וואָס יידן האָבן געפירט גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַר רעכט און גלייכבאַרעכטיקונג אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, האָט ד״ר יוסף טענענבוים איצט פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „צווישן מלחמה און שלום״, דערשינען אין אַרגענטינע, אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״. דאָס בוך איז אַ גרויסער ביישטייער צו דער היסטאָרישער ליטעראַטור פון יידישן פאָלק. עס איז אַ גרויס קאַפּיטל געשיכטע פון אַ שווערן קאַמף, וואָס יידן האָבן געפירט אויף דער שלום־קאָנפערענץ גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער מחבר איז אַליין געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער דעלעגאַציע אויף דער דערמאָנטער שלום־קאָנפערענץ. ער איז געווען אַן עד ראיה און אַן עד שמיעה. ער האָט אַליין איבערגעלעבט די גרויסע שפּאַנונג, וואָס האָט דאַן געהערשט צווישן די מיטגלידער פון דער יידישער דעלעגאַציע צו דער שלום־קאָנפערענץ.

דאָס בוך „צווישן מלחמה און שלום״ פון ד״ר יוסף טענענבוים אַנטהאַלט 17 קאַפּיטלען, וועלכע נעמען אַרום די תקופה פון יידישן לעבן פון פאַרן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פון יאָר 1918 און שליסט זיך מיט אַ קאַפּיטל וועגן דער גרינדונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין יאָר 1936 אין זשענעווע, — אין דער צייט

ווען — ווי דער מחבר דריקט זיך אויס — „די כמאַרעס פון היטלערס שוואַרצן רויך האָבן פאַרדעקט די האָריזאָנטן פון דער צוקונפט און די דונערן און בליצן פון דעם „דריטן רייך" האָבן פאַרויסגעזאָגט אַ שרעקלעכן שטורעם — אַ שטורעם, וואָס האָט שפּעטער אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער און צע־שטערט אַ טויזנט־יעריקע ציוויליזאַציע פון פּוילישן ייִדנטום".

אין די זיבעצן קאַפּיטלען פון בוך גיט אונדז ד"ר טענענבוים אַ קוואָר־שניט אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם פון דעם שווערן געראַנגל פון דער ייִדישער דעלע־גאַציע צו דער שלום־קאָנפערענץ מיטן צוועק צו פאַרזיכערן ייִדישע רעכט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. דער געראַנגל וועט בלי שום ספק פאַרבלייבן אין דער ייִדישער געשיכטע ווי אַ ליכט־טורעם פון ייִדישע באַמיִונגען ביי די אומות העולם צו גאַראַנטירן די רעכט פון ייִדן צו קאָנען לעבן ווי פולבאַרעכטיקטע ביר־גער אין זייערע רעספּעקטיווע וווין־פלעצער.

דער מחבר, ד"ר טענענבוים, וועלכער איז באַקאַנט פון זיינע ביז איצט פאַר־עפנטלעכטע זיבעצן ספרים, כמנין טוב, און פון זיין רייכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, סיי אויפן שטח פון ייִדישן לעבן בכלל און סיי פון ציוניזם בפרט, — האָט אונדז מיט דעם איצטיקן בוך מזכה געווען נישט מיט אַ טרוקענער כראָנאָלאָגיע פון געשיכטע, נישט מיט אַ טרוקענער דערציילונג פון פאַקטן און פאַסירונגען, נאָר מיט אַן אָפּהאַנדלונג, מיט אַן עסיי איבער אַ גרויסער געשעעניש אין ייִדישן לעבן, ווי עס איז געווען די גרויסע ייִדישע אָנשטרענגונג ביי דער שלום־ קאָנ־פערענץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאָ קומט באמת דעם מחבר אַ יישר־כּוח פאַר אויפלעבן און אַרויסברענגען אַזוי לעבעדיק די גרויסע און אומשטערבלעכע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין דעם לעצטן דור, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל נאַציאָנאַלן שטאָלץ, מיט אַזוי פיל ווירדע און מוט רעפּרעזענטירט די טיפע ייִדישע טראַגעדיע פון ליידן און פּיין. די אַלע פיגורן פון ייִדישער פירערשאַפט שטייען אונדז פאַר די אויגן, מיר זעען זיי אין זייער פולער פּראַכט ווי די ווירדיקע און אומבויגזאַמע קעמפער פאַר ייִדישע רעכט.

דער מחבר שילדערט אונדז אין אַ גלענצדיקער פאָרם די שטימונגען פון ייִדן אין מזרח־אייראָפּע, שטימונגען פון האָפענונג און בטחון אויף דער שלום־קאָנפערענץ. דער מחבר דערציילט אונדז אין אַ לעבעדיקער שפּראַך וועגן גרויסן ייִדישן באַגאַזש פון צרות און איבערלעבענישן וואָס יענע דעלעגאַציע האָט מיט־געפירט מיט זיך אין זייערע הערצער צו דער היסטאָרישער שלום־קאָנפערענץ; די האָפענונגען, וואָס האָבן אָנגעפילט די הערצער פון די ייִדישע שליחים, וועלכע האָבן ביי זיך געטראַכט, אַז „לא אלמן ישראל".

דער מחבר שילדערט אונדז די פרייד, די גרויסע איבערלעבעניש ביי די

שליחי העם, ווען ברידער יידן, פאַרטרעטער פון פאַרשידענע וועלט־טיילן, פון פאַרשידענע לענדער, האָבן זיך גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַגעגנט. ד״ר טענענבוים שרייבט: „איך בין געווען אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט, נישט נאָר פון דערווילטע, נאָר פון אויסדערווילטע — פון די בחירי העם. איך האָב באַקומען אַ ברייטן שלום עליכם פון סאָקאָלאָוו: — „אַט גוט, וואָס איר זענט שוין דאָ״. באַלד איז צוגעלאָפן מאָצקין צעשויבערט און פאַרפלאָנטערט: — „נאָך אַ דעלעגאַט איז אָנגעקומען״! — איז ער ממש געשפּרונגען פון גדולה״. (ז׳ 55). דער מחבר שרייבט ווייטער אויף דער זעלבער זייט און אויף ז׳ 56: „עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשטעלן איינער פאַרן אַנדערן, אַ דריקן די הענט, אַן אמת פריינטלעכער שמייכל אויף די ליפּן, אַ גלאַנץ אין די אויגן פון פרייד ביי מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געזען אַזוי לאַנג, אָדער גאָר אינגאַנצן זיך נישט געקענט און וועלכע דער גורל האָט איצט צונויפגעבראַכט פון ווייטע לענדער, נאָך אַ מער־דערישער מלחמה, וואָס האָט צעריסן דאָס יידישע פאָלק אויף אַזוי פיל שטיקער, ווי עס זענען געווען פראָנטן״. דער מחבר מאָלט, ווי אַ קונסט־מאָלער, מיט זיין פּעדער די פּאָרטרעטן פון די יידישע פּערזענלעכקייטן פון גאָר דער וועלט, די מנהיגי הדור, די פירער און עסקנים פון יידישן לעבן אויף דער וועלט. אָט זענען מיר די געשטאַלט פון נחום סאָקאָלאָוו ע״ה, דעם קוועקזילבערדיקן לעאָ מאָצקין, דעם העכסטן ריכטער פון אַמעריקע, פעליקס פראַנקפורטער, ד״ר רייך, ד״ר י. טהאָן און אַנדערע.

ד״ר טענענבוימען איז געלונגען אַרויסצוברענגען אין אַ לעבעדיקער פאָרם די אַלע פּאַסירונגען אויף דער שלום־קאָנפערענץ; אַפילו די קאָנפליקטן צווישן די יידישע דעלעגאַטן, וואָס ער באַהאַנדלט אין אַ ספּעציעל קאַפּיטל אונטערן נאָמען: „די יידישע שלום־שליחים אין אַ קאָנפליקט״. ער ברענגט אַרויס די יידישע פאַר־טרעטער פון די פאַרשידענע לענדער. אָט זענען מיר דעם שטאָלצן ל. מאַרשאַל פון אַמעריקע, ווילהעלם פילדערמאַן פון רומעניע, ריכטער מעק פון אַמעריקע, נחמן סירקין, מ. מ. אוסישקין, יוסף בּאראַנדעס, חיים ווייצמאַן, אליהו בערלין, יצחק ווילקאַנסקי, הרב יעקב נעמיראָווער, מיכל רינגעל און אַנדערע. און די דאָזיקע מענטשן, פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אידייאישע שיטות אין יידישן לעבן, ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן, פרומע און פרייע — אַלע האָבן צווישן זיך דיסקוטירט די פאַרשידענע אַספּעקטן פון יידישן לעבן אין אייראָפּע אין יענער צייט און דער עיקר דעם וויכטיקסטן אַספּעקט: יידישע נויט צוליב יידישער היימלאָזיקייט. דער קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס צו דער דעמאָלטיקער שלום־קאָנפערענץ איז געווען אַ דעמאָקראַטיש געווײלטע קערפּערשאַפט, איז באַשטאַנען פון דעלע־גאַטן פון פאַרשידענע ריכטונגען אין יידישן לעבן. איידער מען איז געגאַנגען צושטעלן די תביעות צו דער שלום־קאָנפערענץ האָט מען ראשית כל באַדאַרפט

האָבן שלום אין די אייגענע רייען, מען האָט באַדאַרפט באַשאַפן אַחדות און די געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם פון אַלעמען. אַט די שווערע קאָנפליקטן צווישן די פּאַר־טיידענע דעלעגאַציעס שילדערט אונדז דער מחבר אַזוי קלאָר, אַזוי לעבעדיק, אין אַזאַ צוגענגלעכער שפּראַך, אַז מיר לייענען דאָס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

אַזוי לייענט זיך יעדעס קאַפּיטל פון בוך מיט שפּאַנונג, מיט אינטערעס. דאָס איז דערפאַר, וואָס דעם מחבר איז געלונגען אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר די פּאַסי־רונגען און געשעענישן נישט אין אַ טרוקענער כראָנאָלאָגיע, נאָר ווי אַ שפּיגל, גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעפאָטאָגראַפירט די אַלע פּאַסירונגען, צוזאַמען מיט אַלע מענטשן. דאָס בוך איז ווי אַן עקראַן פון אַ קלאַנג־פילם, וווּ מען זעט די סצענעס און געשעענישן אויף אַ שפּאַנענדיקן אופן.

דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס, וועלכער האָט זיך משתדל געווען פאַר יידישע רעכט ביי דער שלום־קאָנפערענץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם משיחישן קאָלעקטיוו פון יענער צייט, וועלכער איז געקומען צו הילף יידן אין זייער נויט און פּיין. יידן זענען תמיד געווען גע־ווינט צו פאַרטייטשן יידישע צרות, יידישע פאַרפאָלגונגען און פּיין, וואָס דאַרפן איבערגעטראָגן ווערן מיט אהבה, בכדי צו קאָנען זוכה זיין צו דער גרויסער שעה פון אויסלייזונג. די תקופה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידיש לעבן איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט פון שרעקלעכע און שוידערלעכע פּאָגראָמען און רציחות פון כל־ערליי האַרדעס פון מערדער און רוצחים, האָט אויף אַ וויַיל געפונען אַן אויסלייזונג דורך די פאַרזיכערטע רעכט אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין אַ צאָל לענדער אין מזרח־איירופּע. דער גואל אין יענער צייט איז געווען דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין דער צייט, ווען יאוש און רעזיגנאַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין די הערצער פון יידן. יידן האָבן מורא געהאַט, אַז עס קומט אַ סוף צו יידיש לעבן.

די תקופה וואָס עס שילדערט אונדז ד״ר טענענבוים — דער מחבר פון בוך „יידן צווישן מלחמה און שלום״ — איז נאָך אַ בלאַט אין דער בלוטיקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. איידער נאָך מיר האָבן באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון יענער גרויסער קאַטאַסטראָפע איז גלייך געקומען די גרעסערע, די שרעקלעכערע קאַטאַסטראָפע — די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט געבראַכט דעם אומקום פון אַ דריטל פון יידישן פאָלק. אויך אין דער שרעקלעכסטער תקופה אין יידישן לעבן, אין דער עפּאָכע פון נאַציזם, האָבן יידן געהאַט אַ גואל, און דאָס איז געווען די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט דעם היסטאָרישן געראַנגל פאַר זעלבסט־שטענדיקייט דערפירט צו דער עטאַבלירונג פון יידישן שטאַט, פון מדינת ישראל. דער מחבר פון בוך פאַרפעלט נישט צו דערציילן אין זיין בוך דעם גרויסן היס־טאָרישן קאַמף פון ציוניזם פאַר יידישער באַפרייאונג און אויסלייזונג און די היס־

טאַרישע ראָל פון ציוניסטן אויף דער דערמאָנטער שלום־קאָנפערענץ, צו באַוואָכן די אינטערעסן פון פאָלק פאַרן באַקומען פולע זעלבסטשטענדיקייט און אויסלייזונג פון ארץ־ישראל.

מיר ווילן צום סוף באַמערקן אונדזער פריינט ד״ר טענענבוים, דעם מחבר פון דעם פּרעכטיקן בוך „צווישן מלחמה און שלום״, אַז מיר פרעגן אָפּ זיין פּסוק אין דער הקדמה פון בוך, „אַז אָן ווערסאַל וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין ירושלים״. נייִן, ליבער ד״ר טענענבוים! ירושלים איז געווען פאַר ווערסאַל. ווי האָט געשריבן אין זיין ספר „ירושלים״ ד״ר יעקב העלמאַן ע״ה: „ירושלים איז פינף טויזנט־יעריקער יידישער לעבנס־אָטעם, צוויי טויזנט־יעריקער יידישער לעבנס־אָנשפּאַר אין אַ ביטערן נע־ונד. פון הלל הזקן, רבי יהודה הלוי, דעם רמב״ם און רמב״ן, איבער עובדיה פון ברטנורא, איבער דער עליה פון חסידים און פרושים ביז צו די מאָדערנע עליות און די עליות פון די מעפּילים און פון „עקזאָדוס״ פון אונדזער דור, איז מען געגאַנגען באַוווסטזיניק אויף מסירת־נפש, אויף קידוש־השם צוליב ארץ־ישראל און ירושלים״. נישט בכן צוליב ווערסאַל האָבן מיר באַקומען ירושלים, נאָר צוליב דעם בלוט פון דורות פון יידישן פאָלק, וואָס איז תמיד פאַר אַלע אייביקייטן געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיין היימלאַנד ארץ־ישראל מיט דער הויפּט־שטאָט ירושלים.

די דעראָבערונג פון אונדזער אייביקער און אויף אייביק־פאַרבלייבנדיקער הויפּט־שטאָט ירושלים דאַרף פאַרצייכנט ווערן אויפן קרעדיט פון די דורות־לאַנגע יידישע ליידן און יסורים אין אַלע גלותן פון דער וועלט. באין אופן טאָר נישט אַרויסגעהויבן ווערן אַן איינצל־דאַטע אין דער יידישער געשיכטע, ווי עס פּרוּווט דאָס צו טאָן אונדזער חשובער ד״ר טענענבוים אין זיין הקדמה צום בוך „צווישן מלחמה און שלום״.

לולא זאת, חוץ דער דאָזיקער באַמערקונג גיבן מיר דעם מחבר פון בוך ד״ר יוסף טענענבוים און דער לייטונג פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום״ אונדזער האַרציקסטן יישר־כּוח פאַר מזכה זיין אונדז מיט אַזאַ פּרעכטיקער עסיי איבער אַ גרויס און וויכטיק קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע.

.1956

ייִדיש לעבן אין „עקוועלט״

(וועגן דער „געשיכטע פון דעם ייִדישן ישוב אין טשילע״
פון משה שענדעריי)

דאָס וואָרט „טשילע״ זאָל באַטייטן עק וועלט. ווייטער איז שוין מער קיין וועלט נישטאָ. מער זאָל דער ריבונו של עולם נישט האָבן באַשאַפן אין די זעקס טעג פון זיין יצירת העולם.

אַ קייט פון ריזיקע בערג — די אונדז־באַקאַנטע בערג און דער ים — שניידן אָפּ דעם ווייטערדיקן יבשה־וועג. טשילע שטייט מיטן רוקן צו דער וועלט; מיט איר פּנים קוקט זי אַרויף צו די הויכקייטן פון די בערג און צו די ווייטקייטן און טיפענישן פון ים.

אַ שיין לאַנד איז טשילע, מיט אַ סך נאַטירלעכע אוצרות. טשילע ווערט פאַררעכנט פאַר איינע פון די שענסטע און רייכסטע לענדער פון דער וועלט. ריינע לויטערע הימלען פאַרמאָגט טשילע, ווי עס זינגט זיך אין דעם נאַציאָנאַלן הימן פון לאַנד:

„ריין דיין הימל, טשילע, לויטער דורכגעבלויט!״

אַהין זענען ייִדן געגאַנגען, צו פוס פון אַרגענטינע, און אויף אייזלען געריטן איבער די הויכע אַנדן־בערג. פון אייראָפּע, פון וואַנען זיי זענען געטריבן געוואָרן פון פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע רעזשימען, האָט זיי דער ים געטראָגן. דאָרט אין דעם ווונדערלעכן לאַנד טשילע האָבן אַחינו בני ישראל באַקומען אַ וווין־פּלאַץ און מעגלעכקייטן אויף עקזיסטענץ.

פופציק יאָר איז געוואָרן זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן צו בילדן אַ ייִדישער ישוב דאָרט ביי יענעם עק וועלט. צו דער געלעגנהייט האָט דער באַקאַנטער היסטאָריקער משה שענדעריי אָנגעשריבן די געשיכטע פון ישוב, וואָס דער פאַרלאַג „דאָס ייִדישע וואָרט״ אין סאַנטיאַגאָ האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין זעכצן קאַפּיטלען, וואָס נעמען אַרום אַלע

אַספּעקטן פון דעם ייִדישן לעבן אין טשילע. פּאַראַן אויך אַן אַריינפיר פון מחבר און אַ היסטאָריש־געאָגראַפישער איבערבליק איבערן לאַנד טשילע.

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך אין דער ליטעראַטור־געשיכטע, אַז עס איז אָפּהענגיק פון היסטאָריקער, צי מען וועט יאָ אָדער נישט לייענען זיין ווערק. עס איז אָפּהענגיק פון געשיכטע־שרייבער ווי אַזוי ער וועט באַאַרבעטן און איבערגעבן פאַרן לייענער דעם מאַטעריאַל. דער היסטאָריקער משה שענדעריי האָט דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל וועגן פּופּציק יאָר ייִדיש לעבן אין טשילע אַזוי גוט באַאַרבעט, אַז אַלע קאַפּיטלען פון בוך לייענען זיך מיט גרויס שפּאַנונג. און הלמאי זאָלן מיר נישט דערציילן דעם אמת, אַז דער שרייבער פון די שורות האָט בנשימה אחת, מיט איין אָטעם ממש, אַריינגעשלונגען דאָס בוך פון דריי הונדערט און פופציק זייטן.

פופציק יאָר געשיכטע פון אַ ישוב איז אַ קליינער צייט־אָפּשניט פאַר אַ היסטאָריקער צו שרייבן געשיכטע. מען קאָן זייער לייכט אַריינפאַלן און אָנשטאָט שרייבן געשיכטע גאָר נאָטירן אַ כראָנאָלאָגיע. פופציק יאָר איז פאַר אַ היסטאָריקער אַ גאָר קורצע צייט צו זען געשעענישן און פּאַסירונגען דורך דער פּריזמע פון געשיכטע. האָט זיך טאַקע געפאָדערט גרויסע פּאַכקענטעניש, בכדי איבערצוגעבן צו דער אייביקייט וואָס געשיכטע שטעלט מיט זיך פאָר — די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר קיום פון דעם ייִדישן ישוב אין טשילע. און זאָל דאָ טאַקע אויפן אָרט באַלד געזאָגט ווערן, אַז דער מחבר משה שענדעריי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער פּאַכקענטעניש. דאָס בוך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן ייִדישן ישוב אין טשילע, שטעלט מיט זיך פאָר אַ געשיכטע און נישט קיין כראָנאָלאָגיע.

אין דער הקדמה צום בוך, וואָס די פּירער פון ייִדישן ישוב אין טשילע האָבן געשריבן, לייענען מיר צווישן אַנדערע: „אין די קאַפּיטלען פון דאָזיקן בוך וועט דער לייענער געפינען סימני־בוגרות פון אַ קליינעם ייִדישן ישוב. הגם דער ישוב שליסט ערשט אָפּ זיינע ערשטע פופציק יאָר עקזיסטענץ, באַרעכטיקן אָבער די דאָזיקע רייפקייטס־שטריכן זיין געוואַגטן פאַרמעסט פון אָנהייבן פאַרשרייבן זיין געשיכטע. מיר מיינען, אַז דער היסטאָרישער סך־הכל פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער שעפערישקייט באַרעכטיקט אונדזער פאַרמעסט. מיט באַשרענקטע מעגלעכקייטן האָבן מיר געמאַכט אָנשטרענגונגען אויפצונעמען די ירושה פון דורות און אויסצופילן דעם טראַגישן חלל, וואָס דער גרויסער חורבן האָט איבערגעלאָזט אויפן אָרט פון קהילות קדושות, וואָס זענען אומגעקומען, צו בויען אַ ניי לעבן".

איבערלייענענדיק די זעכצן קאַפּיטלען פון משה שענדערייס בוך קענען מיר רויק זאָגן צו די פּירער פון ייִדישן ישוב אין טשילע, אַז דאָס טשילענער ייִדנטום קאָן זיין שטאָלץ מיט דער גרויסער אַרבעט, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו טאָן אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן אין די ערשטע פופציק יאָר פון עקזיסטענץ. פון האַרצן רייסט זיך אַ ברכה, אַז הלוואי, אין די קומענדיקע פופציק יאָר זאָל

די אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין טשילע גיין אין דער זעלבער ריכטונג און באַהערשט ווערן פון דעם זעלבן נאַציאָנאַלן גייסט, ווי אין דעם ערשטן האַלבן יאָרהונדערט.

***

פראָפ׳ שמעון דובנאָוו שרייבט אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו זיין צען־בענדיק ווערק „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק“ צווישן אַנדערע: „ווי אין דער אַלוועלט־לעכער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַזוי דאַרף אויך אין דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק אָנגעווענדט ווערן דער סינטעטישער מעטאָד. די היסטאָרישע שול פון צונץ און גרעץ האָט אָנגענומען די טעאָריע פון צוויי פאַקטאָרן אין דער גלות־געשיכטע: פון גייסטיקן שאַפן און העלדישן מאַרטירערטום (גייסטעס־ אָדער ליידנס־געשיכטע). דער הויפּט־אינהאַלט פון פאָלקס־לעבן ווערט רעדוצירט פון איין זייט צו אַ ליטעראַטור־געשיכטע און פון דער צווייטער צו אַ מאַרטיראָלאָגיע. ערשט אין דער לעצטער צייט הייבט מען אָן איבערצוגיין צו אַ מער וויסנשאַפט־לעכער קאָנצעפּציע פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע מען קען אָנרופן — סאָציאָלאָגישע. אין גרונט פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע ליגט דער געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק איז תמיד און אומעטום געווען דער סוביעקט, דער שאַפער פון זיין געשיכטע, נישט נאָר אין גייסטיקן, נאָר אויך אין סאָציאַלן לעבן, סיי אין מלוכהשן און סיי אין גלות־פּעריאָד פון זיין געשיכטע“.

דער מחבר פון דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין טשילע משה שענדעריי האָט אָנגענומען דעם וויסנשאַפטלעכן קאָנצעפּט פון דער יידישער געשיכטע, דעם אַזוי גערופענעם סאָציאָלאָגישן קאָנצעפּט, לויט פּראָפ׳ דובנאָווס פאָרמולירונג, און אין די זעכצן קאַפּיטלען פון בוך האָט ער איבערגעגעבן 50 יאָר, דער ערשטער האַלבער יאָרהונדערט פון זיין קיום. ער האָט דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל באַאַרבעט לויט אַ טיפן אַנאַליז פון די מקורות פון די פאַקטן און האָט לויט אַ סינטעטישער אַרכיטעקטור אויסגעבויט דעם פיינעם בנין, וואָס הייסט די געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין טשילע.

***

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט זיך צו דערוויסן פון די קאַפּיטלען: וועגן דער פאָרגעשיכטע פון יידישן ישוב; אַז די ערשטע דעראָבערער פון גאָט־געבענטשטן לאַנד טשילע זענען געווען אַ סך אָפּשטאַמער פון די אנוסים; אַז אין טשילע זאָלן האָבן פאָרגעקומען וויניק פּראָצעסן — רעלאַטיוו גענומען — פאַר אָנגעהעריקייט צו יידישקייט; אַז אין טשילע גופא איז קיין אינקוויזיציע־טריבונאַל

נישט געווען. משה שענדעריי דערציילט: „די ריינע הימלען פון טשילע זענען קיינמאָל נישט פאַרוואָלקנט געוואָרן פון דעם רויך פון שייטערהויפן, פון דער אינקוויזיציע (אויטאָ דע פע)". דער מחבר דערציילט, אַז צווישן די אַנוסים אין טשילע האָבן זיך געפונען נישט נאָר אָפּטריניקעס און פּחדנים, נאָר אויך מענטשן מיט שטאַרקע כאַראַקטערן; מענטשן וועלכע האָבן געשטעלט זייער ייִדישקייט העכער פון זייערע לעבנס, ווי עס איז ,למשל, געווען דער פאַל מיט דעם מעדיקער פראַנסיסקאָ מאַלדאָנאַדאָ דע סילוואַ. ווען ער איז געכאַפּט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע אין יאָר 1626, האָט ער זיך נישט געלאָזט רופן מיט קיין אַנדער נאָמען ווי נאָר „העלי נאַזאַרענאָ", וואָס דאָס מיינט אליהו הנזיר. דער מחבר קומט צו דער מסקנה אויפן סמך פון פאַרשידענע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן: „אַז דער ייִדישער בייטראָג צו דער פאָרמירונג פון טשילענער פאָלק איז אויך אַן עטנישער. און דאָס טשילענער פאָלק האָט צום ייִדישן בלוט־בייטראָג נישט דערלייגט. זיינע אָפּשטאַמער זעט מען אין די אוניווערזיטעטן ווי אין די תפיסות. פאַר דעם ייִדישן היסטאָריע־שרייבער און לייענער איז כדאי דורכצוגיין דעם פּאָרהיסטאָרישן פּעריאָד, וואָס איז פאַרזייט מיט סאָציאַל־אַרכעאָלאָגישע ברוכשטיקער פון פאַרשוווּנדענע ייִדן, וועמענס קינדער און קינדס־קינדער האָבן דאָך דערהאַלטן אַ געדעכעניש, אַ פּיעטעט און אַ שטאָלץ מיט זייער אָפּשטאַם. און צווישן די היסטאָרישע ברוכשטיקער טליִען נאָך פונקען פון ייִדישן באַוווּסטזיין און ייִדישע געפילן, וואָס צעגליִען זיך פון צייט צו צייט און וואַרפן ליכט אויף די ערשטע שריט פון ייִדישן מענטשן אין דער דרומדיקסטער רעפּובליק אין זיד־אַמעריקע — צווישן די אַנדן און דעם פּאַסיפיק: די רעפּובליק טשילע. דער טשילענער ישוב קאָן שטאָלץ זיין אויך מיט זיין פּאָרהיסטאָריע.

די ערשטע שפּורן פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין טשילע — דערציילט אונדז דער מחבר — דאַטירן זיך פון אָרגאַניזירטן ערשטן מנין, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הויז פון יוסף ראַבינאָוויטש אין יאָר 1906 און צו יענער צייט, מיט איבער פופציק יאָר צוריק, זאָלן שוין האָבן געלעבט אין סאַנטיאַגאָ (הויפּטשטאָט פון טשילע) אַ 30־40 ייִדישע מענטשן, עטלעכע פון זיי מיט זייערע משפּחות. דער אָנהייב פון אַ ציוניסטישער טעטיקייט אין לעבן פון ייִדישן ישוב אין טשילע דאַטירט זיך פון יאָר 1910, ווען דער פּיאָנער פון ציוניזם אין טשילע ר' אליעזר מירסקי האָט פאַרשפּרייט שקלים און געזאַמלט געלט פאַרן קרן קימת.

דער ייִדישער ישוב אין טשילע — דערציילט אונדז דער מחבר — צעוואַקסט זיך אין זיין צאָל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָכהער אין די היטלער־יאָרן, ווען אַ באַדייטנדיקע צאָל ייִדן פון דייטשלאַנד האָט אימיגרירט קיין טשילע. די יאָרן 1917־1919 באַצייכנט דער מחבר ווי גורלדיקע יאָרן. דאָס איז די צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער ישוב נעמט אונטער אַן איניציאַטיוו

צו פאַררופן אַ ייִדישן קאָנגרעס. פון יענער צייט אָן דאַטירט זיך דער אָנהייב פון אַ ייִדישער פּרעסע אויף שפּאַניש. דער ערשטער ייִדישער קאָנגרעס אין טשילע איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אין יאָר 1919, ווען דער ישוב האָט צו יענער צייט געפייערט די בר־מצווה פון זיין קיום. דאַן האָט דער ישוב אויף זיך גענומען די התחייבות אין ברייטן אומפאַנג פאַרן ייִדישן לעבן אויפן אָרט, אין ארץ־ישראל און אין די תפוצות.

די יאָרן 1920־1939 באַצייכנט דער מחבר אַלס יאָרצענדליק פון קאָנסאָלי־דאַציע פון ישוב. די יאָרן 1930־1935 — ווי יאָרן פון אומרו. דאָס איז די צייט ווען עס קומען פאָר שטרייטן אין ציוניסטישן לאַגער און אין אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס. „אין שאָטן פון האַקנקרייץ" באַצייכנט דער מחבר די תקופה פון יאָר 1933 ביז 1939. דאָס מיינט די צייט זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ באַזונדער קאַפּיטל אין בוך פאַרנעמט די צייט פון קריג, וואָס דער מחבר באַצייכנט טאַקע מיטן נאָמען „אין מלחמה־יאָרן". נאָכהער קומען „אין יאָרן פון געראַנגל פאַר דער מדינה" וכדומה.

יעדעס קאַפּיטל אין בוך צייכנט אָפּ אַ תקופה אין לעבן פון ייִדישן ישוב, וואָס איז אייגנטלעך אַ שפּיגל פון אַ תקופה אין לעבן פון פאָלק. עס איז ווי פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו האָט געהאַט געשריבן: „דער גורל פון ייִדישן פאָלק האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעלייגט, אַז ער האָט אַליין זיין אייגענע אַלוועלטלעכע געשיכטע". דאָס מיינט טאַקע גאָר פּשוט, אַז דאָס לעבן פון ייִדישן ישוב שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון גאַנצן ייִדישן פאָלק אויפן כדור־הארץ.

***

עס פאַרדינט אַ יישר־כוח דער מחבר משה שענדעריי פאַר זיין גלענצנדיקער אַרבעט „די געשיכטע פון ייִדישן ישוב אין טשילע" און אַ יישר־כוח פאַרדינען די פירער פון טשילענער ייִדישן ישוב פאַר זייער זאָרג אַרויסצוגעבן אַ באַנד גע־שיכטע צום יובל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט קיום פון זייער ישוב.

אַלע אַנדערע ייִדישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע דאַרפן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון דעם ייִדישן ישוב אין טשילע און זאָרגן פאַר דער געשיכטע פון זייערע ישובים.

.1957

IV

טראַפּ (פראָפ׳ סאַלאָמאָן ראָזאָווסקיס „טראָפּ אויף תנ״ך); — **אין קיניגרייך פון מוזיק**
(סאַלאָמאָן קאַהאַן און זיינע „מוזיקאַלישע עסייען״); — **דאָס געזאַנג פון דורות**
(„אַנטאָלאָגיע פון יידישער מוזיק״, צוגעגרייט פון נ. ווינאַווער); — **„בערעלע״**
(אויף אַ פאָרשטעלונג לכבוד נ. כאַנין); — **„דורות בונדיסטן״; — באָריס**
אייסוראָוויטש (אַ טרער אויף זיין קבר); — **עפּיזאָדן פון אַ לעבן; —**
אין היכל פון יצירה (פון אַ באַזוך ביים קינסטלער זיגמונט מענ־
קעס); — **געוואַרעמט פון דער אַלטער וועלט; — „די איינ־**
זאַמע שיף״ (די דראַמע פון מ. דלוזשנאָווסקי); —
דער טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק; — ד״ר יונה
סאַלק און זיין גרויסע דערפינדונג; — די
פּערספּעקטיוון פון קונסט און וויסנ־
שאַפט (אויפן ראַנד פון ד״ר
ראָבערט אָפּענהיימערס אַ
רעדע).

טראפ

(פראפ׳ סאַלאָמאָן ראַזאַווסקי און זיין ווערק „טראָפ אויף תנ״ך״)

פ״ז־רדר. ווער האָט עס נישט אין די חדר־יאָרן געקראָגן אָנגעדרייט די אויערן פון רבין, ווען ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים דעם טראָפּ, ווי אַזוי מעביר צו זיין די סדרה, און דערביי האָט דער רבי מיט כעס אַ געשריי געטאָן: „פ״ז־רדר, פאַרשטאָפּטע קעפּ״. און דערצו טאַקע געדרייט דעם אויער, אַזש פייער־פונקען זענען געפלויגן פאַר די אויגן פון גרויס ווייטיק. און אַז דער רבי איז פאַרטיק געוואָרן מיט פ״ז־רדר, האָט ער זיך גענומען צו: „תלישא קטנה״ און „תלישא גדולה״, און ווידעראַמאָל געדרייט די אויערן ביז פלאַמיקער רויטקייט. דאָס דרייען די אויערן פון רבין איז געווען דערפאַר, ווייל דער תלמיד האָט נישט געקענט לייענען די פרשה מיט טראָפּ, און דער רבי האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויפן נישט קענען און האָט דערפאַר באַצאָלט מיט דרייען די אויערן. דערפאַר אָבער, אַז מען האָט זיך שוין יאָ אויסגעלערנט צו לייענען די סדרה מיט טראָפּ, איז דאָס געווען דער גרויסער שכר פאַרן ווייטיק. עס איז ממש געווען אַ מחיה דאָס קענען לייענען מיט טראָפּ. יעדעס וואָרט האָט געפונען דעם געהעריקן פּלאַץ אין פּסוק. מען האָט געוווּסט ווען צו מאַכן אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע פּויזע; ווען צו לייענען העכער און ווען שטילער, ווען צו אַקצענטירן די ערשטע זילבע און ווען די לעצטע. דער טראָפּ האָט אויך געדינט ווי אַ שליסל צום טייטש, צום פּירוש־המלות.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער טראָפּ? ווער איז דער באַשאַפער פון די סטענאָגראַפישע פּינטעלעך, וואָס באַצייכענען דעם טראָפּ? אין וועלכער צייט איז דער טראָפּ געשאַפן געוואָרן, און וואָס איז זיין באַדייט? אויף די פראַגן גיט אונדז אַ תשובה פראָפ׳ סאַלאָמאָן ראַזאַווסקי, וועלכער האָט אָקאָרשט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסער ווערק אונטער דעם נאָמען: „דער טראָפּ פון תנ״ך״. אַ בוך פון קאַרגע זיבן הונדערט זייטן, וואָס נעמט אַרום נאָר דעם טראָפּ אויף די פינף חומשים:

בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים. אַ בוך וועגן טראָפּ לויט דעם אַשכנזישן לייען־אַרט אין ישראל, וואָס איז ענלעך צום טראָפּ, וואָס מען האָט באַנוצט אין מזרח־אייראָפּע. דער מחבר — פּראָפ׳ ראַזאָווסקי — איז ממשיך זיין אויספאָרשונגס־אַרבעט וועגן טראָפּ אויף די איבעריקע טיילן פון תנ״ך.

איבער דרייסיק יאָר האָט פּראָפ׳ ראַזאָווסקי געאַרבעט אויף דעם ערשטן באַנד פון זיין מאָנומענטאַל ווערק וועגן טראָפּ. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגליש אין אַ פּרעכטיק שיינעם באַנד.

מיר זענען געזעסן אין ביוראָ פון דער יידישער אַגענץ אין ניו־יאָרק, וווהין דער מחבר איז געקומען אין די ענינים פון זיין בוך און מיר האָבן געמיטלעך געשמועסט וועגן מוזיק, וועגן טראָפּ, וועגן ניקוד, וועגן ניגון און וועגן אַנדערע יידישע און וועלטלעכע פּראָגן.

עס איז אַ פאַרגעניגן צו שמועסן מיט פּראָפ׳ ראַזאָווסקי. פון זיינע אויגן שטראַלט אַרויס חכמה. זיינע לאַנגע, גרוי־באַזילבערטע האָר דערציילן פון דער־פאַרונג און איבערלעבונגען. זיין ברייטער שטערן מיט צעפּאַלדעוועטע קנייטשן זאָגט עדות אויף זיין אַנאַליטישן קאָפּ. פון פּראָפ׳ ראַזאָווסקי טראָגט זיך אַ היימיש־קייט. ער נעמט אַרום זיין מיטשמועסער מיט אַ פריינטלעכקייט, און דערביי רעדט ער אין אַ פאָלקסטימלעכן יידישן לשון, וואָס צעוואַרעמט אַלע איברים אין קערפּער.

מיר האָבן געפרעגט פּראָפ׳ ראַזאָווסקי, וואָס עס האָט אים באַוויגן זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ שווערער, קאָמפּליצירטער וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונגס־אַרבעט, ווי עס איז דאָס ציפערירן דעם טראָפּ. אויף דעם האָט אונדז דער מחבר מיט טיף פינקלדיקע אויגן און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי ער וואָלט אָפּגעוואָרט אויף דער שאלה, געענטפערט: „ראשית־כל, ווייל איך בין ברוך לייב ראַזאָווסקיס אַ זון — דער יינגסטער זון, — און ווער עס איז געווען ברוך לייב ראַזאָווסקי באַדאַרף איך דאָך אייך מסתמא נישט זאָגן. איר ווייסט דאָך געוויס, אַז ר׳ ברוך לייב ראַזאָווסקי איז געווען דער באַרימטער חזן פון ריגער כאָר־שול. 49 יאָר איז ער געשטאַנען ביים עמוד פון ריגער כאָר־שול (די שול האָט מען אויך גערופן: „ראַזאָווסקיס שול״) און טראָץ פיל איינלאַדונגען צו ווערן חזן אין אַנדערע שטעט, האָט ער נישט געוואָלט פאַרלאָזן ריגע. פאַרשטייט איר דאָך, אַז ווי אַ זון פון ר׳ ברוך לייב ראַזאָווסקי האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט דער וווּנדערלעכער מוזיק, וואָס דער טראָפּ אַנטהאַלט. שבת ביי קריאת התורה האָב איך זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דער שטאַרקער מתיקות, וואָס דער טראָפּ־ניגון אַנטהאַלט. איך האָב דעריבער באַשלאָסן געבוני צו שטודירן דעם אורשפּרינגלעכן אָנהייב פון טראָפּ און אויסגעפינען די צייט פון דער אַנטשטייאונג פון טראָפּ. צום ערשטן שטויס אין דער ריכטונג דאַרף איך דערמאָנען דעם אָנבאָט, וואָס איך האָב באַ־

קומען פון דער העברעיִשער אוניווערזיטעט אין ירושלים, זיך צו פאַרנעמען מיט דער אויספאָרשונגס־אַרבעט וועגן טראָפּ״.

„דער צווייטער שטויס איז געווען, וואָס איך האָב אַמאָל מיטגעאַרבעט מיט דעם באַקאַנטן געלערנטן דוב מגיד. מיר האָבן געאַרבעט אויף אַ ווערק וועגן די פאַרשיידענע מוזיק־אינסטרומענטן, וואָס ייִדן האָבן באַנוצט. אַרבעטנדיק אויף אַט דעם ווערק זענען מיר געקומען אויך אויף די פראַגן פון טראָפּ. אין יאָר 1925, בכן מיט 32 יאָר צוריק, ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט מיר פּראָפ' מאַגנעס — דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון דער העברעיִשער אוניווערזיטעט — געפרעגט, וואָס איך וואָלט געקאָנט טאָן. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך וואָלט וועלן ממשיך זיין מיין ווייסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגס־אַרבעט וועגן טראָפּ און צוגרייטן צום דרוק אַ גרעסער ווערק וועגן דעם. די זענען, ווי איר הערט, די מאָטיוון, וואָס האָבן מיך באַוויגן זיך צו פאַרנעמען מיט אַן אויספאָרשונגס־סטודיע וועגן טראָפּ״.

מיט איבער 52 יאָר צוריק האָט פּראָפ' ראַזאָווסקי געענדיקט יוריספּרודענץ אין קיִעוו און האָט גלייך אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אַדוואָקאַטור אין פּעטערבורג, — די דעמאָלטדיקע הויפּט־שטאָט פון צאַרישן רוסלאַנד. געצויגן האָט אים אָבער תמיד צו מוזיק, און פּראַקטיצירנדיק אַדוואָקאַטור האָט ראַזאָווסקי גלייכצייטיק שטודירט מוזיק אין דער קעניגלעכער קאָנסערוואַטאָריע אין פּעטערבורג. זיינע לערער זענען געווען די באַרימטע מוזיקער פון יענער צייט: רימסקי־קאָרסאַקאָוו, גלאַזונאָוו און ליאַדאָוו. באַקאַנט ווי די דריי גדולים פון דער רוסישער מוזיק.

לאַנגע יאָרן איז ראַזאָווסקי געווען דער מוזיק־קריטיקער פון פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן אין רוסלאַנד, גאַנץ באַזונדערס פון דער גרויסער פּעטערבורגער טאָג־צייטונג „דיען״, וווּ ער האָט געשריבן קריטיק וועגן מוזיק — ביז לענין האָט פאַראָרדנט צו שליסן די צייטונג אין יאָר 1917.

צוליב רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט פּראָפעסאָר ראַזאָווסקי אויף אַ שטיקל צייט געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין לייפּציג און דאָרט ווייטער שטודירט מוזיק, בעיקר זיך געלערנט ווי צו דיריגירן. זיינע לערער זענען געווען די באַרימטע מוזיקער: טאָסקאַניני און אַרטור ניקיש. מיט קאַרגע 50 יאָר צוריק — אין יאָר 1908 — איז פּראָפ' ראַזאָווסקי געווען דער גרינדער פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט פאַר פאָלקס־מוזיק און אַ מיטגרינדער פון דער געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקס־מוזיק. פּאַראַלעל האָט אַזאַ געזעלשאַפט אויך עקזיסטירט אין מאָסקווע אונטער דער פירערשאַפט פון באַקאַנטן מוזיקער ענגעל.

שפּעטער איז פּראָפ' ראַזאָווסקי געוואָרן דער מוזיק־דירעקטאָר פון גראַנאָווסקיס טעאַטער און איינער פון די פיר מיטגרינדער. די 4 זענען געווען:

גראַנאַווסקי — דער תּלמיד פון מאַקס ריינהאַרד,
בעל־מחשבות,
פּריוועסמאַן
און פּראָפ׳ ראַזאַווסקי.

שלמה מיכאָעלס איז געווען זייער תּלמיד. דערביי האָט אונדז ראַזאַווסקי דערציילט אַ ביז גאָר טשעקאַווע מעשה וועגן שלמה מיכאָעלס. ראַזאַווסקי געדענקט מיכאָעלסן פון יענע צייטן, ווען מען האָט אים גערופן „וואָפסי״. ער איז געקומען אין יאָר 1918 קיין פּעטערבורג מיט אַ זייער הייזעריקער שטימע. עס איז אים אָנגעקומען זייער שווער צו רעדן און וואָס ער האָט גערעדט, האָט מען שווער געקענט פאַרשטיין. דאַן האָט אים ראַזאַווסקי רעקאָמענדירט צו פּראָפ׳ טאַמאַרס — אַ באַרימטער ספּעציאַליסט פאַר קראַנקהייטן פון די שטים־בענדער — און אין משך פון 9 חדשים האָט אים פּראָפ׳ טאַמאַרס געהיילט און האָט ביי אים אַנטוויקלט אַ פּרעכטיקע שטימע, — אַזוי אַז ער האָט שפּעטער געקאָנט שפּילן ראָלן אין די פּיעסן „דער קעניג ליר״ און „אוריאל אַקאָסטאַ״.

אין יאָר 1920 האָט פּראָפ׳ ראַזאַווסקי געגרינדעט די יידישע קאָנסערוואַטאָריע פאַר מוזיק אין ריגע (לעטלאַנד), וואָס איז צו יענער צייט געווען די גרעסטע יידישע מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע אין דער וועלט, מיט 300 שילער און 24 מוזיק־פּראָפעסאָרן. די לעטישע רעגירונג האָט געשטיצט די קאָנסערוואַטאָריע. ראַזאַווסקי איז געווען דער דירעקטאָר און דער פּראָפ׳ פון קאָמפּאָזיציע.

אין יאָר 1925 איז פּראָפ׳ ראַזאַווסקי עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער איז געווען לערער פון מוזיק אין דער קאָנסערוואַטאָריע פון ירושלים און האָט געשריבן מוזיק פאַר די טעאַטערן „הבימה״, „אוהל״ א״אַ. ער האָט געשריבן מוזיק צו שלום עליכמס „אוצר״, צו למדנס „כתר דוד״, צו לייוויקס „דער גולם חלומט״, צו „יעקב און רחל״ פון משה הלוי א״אַ. וואָס ראַזאַווסקי זאָל אין זיין פאַרצווייגטער מוזיקאַלישער טעטיקייט נישט האָבן געטאָן, האָט ער אָבער זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אַרום זיין וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונגס־אַרבעט וועגן טראָפּ פון תנ״ך. וועגן די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט האָט ער געלייענט לעקציעס אין פאַרשידענע אוניווערזיטעטן: אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ א״אַ. אין די לעצטע אַכט יאָר וווינט פּראָפ׳ ראַזאַווסקי אין ניו־יאָרק, וווּ ער האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם ערשטן באַנד פון זיין וויסנשאַפטלעך ווערק.

אין דער מוזיקאַלישער וועלט האָט ראַזאַווסקיס אַרבעט וועגן טראָפּ אַרויסגערופן אַ געהעריקן אָפּקלאַנג. נאָך אין יאָר 1932 — בכן מיט אַ פערטל־יאָרהונדערט צוריק — ווי גיך נאָר ראַזאַווסקי האָט באַקאַנט געמאַכט זיינע ערשטע אויספאָרשונגען, האָט דער באַקאַנטער מוזיק־קריטיקער פון דער „ניו־יאָרק טיימס״ אלין דאונעס געשריבן אין דער מוזיק־ביילאַגע פון דער צייטונג, אַז „ראַזאַווסקיס

פאַרשונגס־אַרבעט וועגן טראָפּ איז אַ שליסל צוצוקומען צו די מקורות פון דער אַלטער יידישער מוזיק, וואָס איז פאַרבליבן אַ מיסטעריע ביז צום היינטיקן טאָג".

בעת אונדזער שמועס האָבן מיר אויך אַ פרעג געטאָן פראָפ' ראַזאָווסקין, וואָס ער קאָן אונדז דערציילן וועגן דעם גמרא־ניגון, אַט דעם באַקאַנטן ניגון פון ישיבה און בית־המדרש, מיט וועלכן יונג און אַלט האָבן געלערנט תלמוד און זיך פאַרטיפט אין די שווערע סוגיאָס; אַט דער גמרא־ניגון, וועמענס מתיקות עס איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע גלידער. אויף דער פראַגע האָט אונדז פראָפ' ראַזאָווסקי געענטפערט, אַז דער גמרא־ניגון איז אַנשטאַנען אין פאָלק און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט טראָפּ; אַזוי ווי דער תהילים־ניגון האָט נישט צו טאָן מיט טראָפּ, נאָר איז אַנטשטאַנען אין פאָלק. דערביי האָט אונדז פראָפ' ראַזאָווסקי געזאָגט, אַז דער ניגון פאַר די דריי ביכער, וואָס זענען באַקאַנט לויט די ראשי תיבות פון „אמת", דהיינו: איוב, משלי און תהילים, איז לגמרי אומפאַרשטענדלעך. די דערמאָנטע ספרים האָבן אַ טאָפּלטן טראָפּ; פון אונטן און פון אויבן, און עד־היום הזה איז נאָך די וויסנשאַפט נישט צוגעקומען צו די מקורות פון זייער טראָפּ.

טראָפּ — האָט אונדז פראָפ' ראַזאָווסקי דערקלערט, און האָט דערביי ציטירט פון זיין בוך, — האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין 6טן יאָרהונדערט נאָך קריס־טוס. אין דער צייט זאָל זיך אויך האָבן אויסקריסטאַליזירט דער ניקוד. אין דעם בריטישן מוזעאום געפינט זיך אַ מאַנוסקריפּט פון דער תורה פון 9טן יאָרהונדערט און אין דעם מאַנוסקריפּט געפינט מען שוין סיי טראָפּ און סיי ניקוד.

אין דעם ווערק וועגן טראָפּ ברענגט פראָפ' ראַזאָווסקי שטעלן פון תלמוד וואָס זענען אַן אָנדייט וועגן לייענען מיט טראָפּ: „אין מסכת מגילה דף ל"ב עמוד א' ווערט געזאָגט: „אַז ווער עס לייענט אָן אַ מעלאָדיע, און ווער עס לערנט די משנה אָן אַ טאָן, אויף אים זאָגט דער פסוק אין „יחזקאל" כ' כ"ו: „אויך איך האָב אייך געגעבן געזעצן נישט קיין גוטע". דער מחבר ציטירט אויך אַ גמרא אין מסכת נדרים דף ל"ז, עמוד א', וואָס לויטעט: „אמר רב יוחנן — שכר פיסוק טעמים — די באַלוינונג פאַרן לערנען איז די אַקצענטירונג". פון דעם דרינגט דער מחבר, אַז די דערמאָנטע שטעלן אין תלמוד זענען אַן אָנדייט אויף טראָפּ.

דער תלמוד־ניגון זאָל בכן, לויט פראָפ' ראַזאָווסקיס באַהויפּטונג, זיך האָבן גענומען פון פאָלק גופא, דורך אַ שטימונגספולן אופן פון לערנען, פון זיך פאַר־טיפן דורך אַ ניגון אין די מחשבות פון די תנאים און אמוראים.

מיר פילן זיך נישט גענוג קאָמפּעטענט אויף צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן פראָפ' ראַזאָווסקיס מאָנומענטאַל ווערק „וועגן טראָפּ". די אַרבעט לאָזן מיר איבער פאַר קאָמפּעטענטע פאַכמענער אויף דעם געביט. מיט אונדזער אָפּרוף האָבן מיר בעיקר מכוון געווען פאַרצושטעלן דעם מחבר, וועלכער האָט אַ לעבן־לאַנג

פּנחס שטיינוואַקס

גענאַרבעט אויף דער אַנאַליטישער טעאָריע וועגן טראָפּ אויף תנ״ך, און דאָס איז אַ נישט אָפּשאַצבאַרערביישטייער צו מוזיק, — צו איינעם פון די שבע-חכמות, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די זיילן פון מענטשלעכער גרויסקייט און גאָטס אַלמעכטיקייט!

אויגוסט, 1957.

אין קעניגרייך פון מוזיק

(סאַלאָמאָן קאהאן און זיינע „מוזיקאַלישע עסייען")

לכבוד דעם 60סטן געבוירנטאָג פון באַקאַנטן שריפטשטעלער און מוזיק־קריטיקער סאַלאָמאָן קאהאן האָט דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע אַרויסגעגעבן אַ באַנד מוזיקאַלישע עסייען פון יובילאַר. עס איז אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און עסייען, וואָס סאַלאָמאָן קאהאן האָט געשריבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן וועגן מוזיק און מוזיקער, וועגן געזאַנג און זינגער, וועגן יידישן בייטראָג צו מוזיק און וועגן יידישער מוזיק בכלל.

מען באַדאַרף נישט זיין אַליין קיין מוזיקער בכדי צו דערפילן גלייך ווי מען הייבט אָן צו לייענען דאָס בוך, אַז דער מחבר פירט אַריין דעם לייענער אין קעניגרייך פון מוזיק, אין דעם היכל פון די שבע חכמות, פון וועלכע מוזיק איז איינע פון זיי. ווי האָט עמיצער זיך טרעפלעך אַמאָל אויסגעדריקט: „אַז פאַרשטיין מוזיק דאַרפן נאָר פאַכמענער, עקספּערטן און קריטיקער; פילן מוזיק דאַקעגן איז מסוגל יעדער איינער".

ווילן מיר באַלד צום אָנהייב קלאָר מאַכן פאַר אונדזערע לייענער, אַז מיר געהערן נישט צו דער קאַטעגאָריע פון די פאַרשטייער פון מוזיק; מיר פאַררעכענען זיך פאַר איינעם פון די, וועלכע פילן מוזיק. די ווייטערדיקע שורות באַצוועקן דעריבער נישט צו געבן אַ פאַכמענישע אָפּהאַנדלונג וועגן מחברס מוזיקאַלישע עסייען; צו דעם פילן מיר זיך נישט באַרופן און מיר לאָזן עס איבער פאַר פאַכמענער, אָט פאַר דער קאַטעגאָריע מענטשן, צו וועלכער אונדזער חשובער יובילאַר האָט דעם כבוד צו געהערן. מיר ווילן נאָר פאַרצייכענען אַ שמץ פון אונדזערע געפילן, וואָס מיר האָבן געהאַט לייענענדיק דאָס בוך. און דער געפיל איבער אַלע געפילן איז, אַז מיר האָבן זיך געזען זיצן אין דעם קעניגרייך פון מוזיק. באמת אַ גרויסע מדרגה פאַר אַ בשר ודם צו קאָנען זיך דערזען אין היכל פון מוזיק. דעם

דאַנק פֿאַר דעם פֿאַרדינט בלי שום ספק דער מחבר, אונדזער פֿריינט און קאָלעגע סאָלאָמאָן קאַהאַן.

עס איז נישט לייכט איבערצוגעבן געפֿילן פֿון מוזיק אין ווערטער. די גאַנצע חכמה פֿון מוזיק באַשטייט דאָך אייגנטלעך אין דעם, וואָס זי דאַרף נישט אָנקומען צו קיין ווערטער. איין קלאַנג פֿון דער מוזיק איז דאָך בכוח אָנצוצינדן אַ פֿלאַם אין מענטשלעכן האַרץ, וואָס עס באַווייזט גראַד נישט אַ מבול פֿון ווערטער... דאַרף דעריבער נאָך מער געלויבט ווערן דער מחבר — סאָלאָמאָן קאַהאַן — וועלכער איז בכוח מיט זיין ווערטער־שאַץ אַריינצופֿירן דעם לייענער אין אַן אַנדער וועלט גאָר, אין אַ באמת שענערער וועלט — אין אַ וועלט פֿון מוזיק!

צי זענען מיר ייִדן אַ מוזיקאַליש פֿאָלק? נישט איינמאָל איז די דאָזיקע האַרבע פֿראַגע געשטעלט געוואָרן און פֿאַרשידן איז די תשובה. פֿאַראַן אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז מיר ייִדן זענען לחלוטין נישט מוזיקאַליש. אַנדערע באַהויפּטן, אַז גאָר קליין איז דער ביישטייער אונדזערער צו מוזיק. מיר האָבן שוין געהערט פֿון מענטשן, וואָס זאָגן: „ווייס איך וואָס, ייִדישע מוזיק — אויך מיר מוזיק". און דאָרט, ווו מבינים נישט לפֿי רגש, נאָר מבינים לפֿי פֿאַרשטאַנד, זענען זיך מתוכח, האָבן מיר דאָך גאָר מורא אַפֿילו זיך אַריינצומישן. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר זיך אַמאָל גענומען די העזה און געזאָגט צו פֿאַכמענער „בלע"ז", וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין פֿאַרוואַרפֿן, אַז מיר האָבן גאָרנישט און אַז מיר זענען נישט מוזיקאַליש — אַז אַ פֿאָלק, וואָס ווייסט, אַז מען דאַרף דינען גאָט דורך מוזיק; אַ פֿאָלק, וועמענס שענסטע זיין האָבן געוווּסט צו באַהויפּטן, אַז עס איז נישטאָ קיין עונג־שבת אָן קיין נגינה; אַז אַ פֿאָלק, וועמענס בעסטע זין האָבן געקענט זינגען אין מינוטן פֿון די שווערסטע יסורים, פֿון שרעקלעכע, ממש אומדערטרעגלעכע ווייטיקן — (ווי עס איז געווען דער פֿאַל מיט ר' ישראל טויב זצ"ל, פֿון מאָדזשיץ, וועלכער איז געלעגן אויפֿן אָפּעראַציע־טיש אין אַ שלאָפּטראַנק און בעת דער אָפּעראַציע פֿאַר־זונגען זיינע יסורים מיט אַ ניגון, אַזוי ווייט, אַז דער כירורג האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל אויפֿהערן צו זינגען, ווייל דער ניגון פֿאַרכישופֿט אים מיט זיין זיסקייט) *); אַ פֿאָלק וואָס האָט פֿאַר אַלע אייביקייטן אַרויסגעגעבן דעם ספֿר התהילים, וואָס איז אָנגעפֿילט מיט געזאַנג, — אַזאַ פֿאָלק איז בלי שום ספק מוזי־קאַליש. אַזעלכע ווערטער האָבן מיר אַריינגעוואָרפֿן אין אַ וויכוח וועגן מוזיק און ייִדישן ביישטייער. פֿאַכמענער האָבן מיר טאַקע נישט איבערצייגט. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס. דערפֿאַר אָבער האָבן מיר געוווּנען סימפּאַטיע ביי נישט קיין פֿאַכמענער, נאָר ביי פּשוטע ייִדן, וועלכע זענען מבינים אויף מוזיק על פּי רגש — דורך געפֿיל, און נישט דורך פֿאַרשטאַנד, דורך שטרענגער פֿאַכמענישער טעאָריע.

*) דערציילט פֿון הרב איסר פֿרענקעל אין זיין ספֿר „יחידי סגולה".

אַז מען לייענט איבער די מוזיקאַלישע עסייען פון סאַלאָמאָן קאהאן, גאַנץ באַזונדערס די קאַפּיטלען, וואָס ער האָט געווידמעט דער טעמאַטיק פון ייִדישער מוזיק, און זיינע רעצענזיעס איבער ייִדישע ביכער, געשריבן וועגן ייִדישער מוזיק וכדומה, דערוועבט מען אַ שלל מיט אינפאָרמאַציע וועגן ייִדישער שאַפונג אויפן געביט פון מוזיק, וועגן גרויסן ביישטייער, וואָס ייִדיש פאָלק האָט געגעבן צו דער חכמה פון מוזיק, נישט נאָר אַמאָל אין די אוראַלטע צייטן, נאָר אויך היינט, אין דער גאָר לעצטער צייט. מיר דערוויסן זיך וועגן דער מאָדערנער ייִדישער מוזיק, וועגן דער פּאַנאָראַמע פון דער נייער ייִדישער מוזיק. מיר לייענען מיט אַ פּאָר־כאַפּטן אָטעם וועגן די ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן פון וועלט־באַדייט, אַפילו וועגן ייִדישן ביישטייער צו דער אַמעריקאַנער מוזיק.

זייער דראַמאַטיש אַקצענטן האָט דער אַרטיקל, וואָס ער האָט נאָך געהאַט געשריבן אין יאָר 1937 אונטערן נאָמען „ייִדישע לייסטונגען פאַרן דייטשן מוזיק־לעבן", — אַן אַרבעט, וואָס איז אַריין אין באַנד „מוזיקאַלישע עסייען". ער דערציילט וועגן דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס דאָס דייטשע ייִדנטום האָט פאַרנומען אין דעם מוזיקאַלישן לעבן פון דייטשלאַנד און אַז מוזיק האָט דאָרט געשפּילט אַן ערשט־קלאַסיקע ראָלע אין דעם ייִדישן לעבן.

דער מחבר ווייזט אָן אויף צוויי פאַקטן, וועלכע גיבן איבער אַמבולטסטן די הויכע מדרגה פון ייִדישער ליבע צו מוזיק אין דייטשלאַנד אין די ערשטע עטלעכע און דרייסיק יאָר פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, היינו: מענדעלסאָן — דער דירי־גענט פון לייפּציגער געוואַנדהאַוז־קאָנצערטן, וואָס ער האָט געמאַכט וועלט־באַרימט; האָט געגעבן דעם דייטשן קאָנצערטן־לעבן ריכט־ליניעס, וואָס האָבן אים געזיכערט אַ גלענצנדיקע אַנטוויקלונג. דאַן דער געניאַלער פידלער, יוסף יאָאַכים, וועלכער האָט אַלס דירעקטאָר פון דער בערלינער הויכשול פון מוזיק דערפירט די דערמאָנטע אינסטיטוציע צו דער מדרגה פון דעם בעסטן און אָנערקענטסטן מוזיקאַלישן בילדונגס־אינסטיטוט פון ניינצנטן יאָרהונדערט אין דער גאַנצער וועלט. ביז עס איז געקומען היטלער ימח שמו און מיט זיין שווערן שטיוול אַלץ פאַרניכטעט. (ז' 242).

אין זעלבן יאָר 1937 האָט דער מחבר געשריבן אין אַן אַרטיקל וועגן דעם פאַרניכטנדיקן קאַמף, וואָס היטלער־דייטשלאַנד האָט געפירט קעגן ייִדן און ייִדישע מוזיקער, צווישן אַנדערע: „אין דעם קאַמף צווישן מענדעלסאָנס געניאַליטעט און געבעלסעס משוגענער רשעות געהערט דער זיג דעם אומשטערבלעכן שאַפער פון דער „זומער־נאַכט טרוים"־מוזיק, וועלכע וועט אויך ווייטער אויסאיבן איר צויבער אויף מענטשלעכע אויערן און אויף דעם מענטשלעכן גייסט, — לאַנג נאָכדעם

ווי פון די הונען פון 20סטן יאָרהונדערט און זייער אַטילאַ וועט בלויז האָבן גע־בליבן אַ דערינערונג ווי פון אַ שרעקלעכן קאָשמאַר". (ז' 244).

דאָס בוך „מוזיקאַלישע עסייען", וואָס נעמט אַרום אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלגע־מיינער און ייִדישער מוזיק, קען דינען ווי אַ גלענצנדיק האַנטבוך פאַר די אַלע, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר מוזיק בכלל און ייִדישער מוזיק בפרט.

.1956

דאָס געזאַנג פון דורות

(„אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער מוזיק", צוגעגרייט פון נחמיה ווינאַווער)

בקרוב דערשיינט דער צווייטער באַנד פון דער אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער מוזיק, צוגעגרייט פון נחמיה ווינאַווער און אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער באַנד, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז געווידמעט רעליגיעזע און פאָלקס־לידער און שירי קודש ושירי עם דתיים. דער צווייטער באַנד וועט הויפּטזעכלעך זיין געווידמעט חסידישער נגינה און וועט אַרומנעמען בערך די תקופה זינט דעם אָנהייב פון חסידות ביז צו די לעצטע שאַפונגען אין חסידישער מוזיק. אין צווייטן באַנד וועט אויך זיין אַן אָפּטיילונג פון חזנישע ניגונים, וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צום חסידישן גייסט, ווי, למשל: די ניגונים פון ר' ניסיע בעלזער און אַנדערע.

אין פאַרבינדונג מיט דעם דערשיינען פון צווייטן באַנד פון דער יידישער מוזיק־אַנטאָלאָגיע האָבן מיר געהאַט אַ שמועס מיט פריינט נחמיה ווינאַווער, דעם רעדאַקטאָר פון דער אַנטאָלאָגיע.

ה' ווינאַווער האָט אונדז דערקלערט, אַז דער צווייטער באַנד, צוגלייך ווי דער ערשטער, וועט אַנטהאַלטן ניגונים, וואָס ס'רוב פון זיי איז נאָך אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט. עס וועט זיין אַ זאַמלונג פון ניגונים, וואָס דער בעל־מסדר האָט אָנגעקליבן אין משך פון די לעצטע 35 יאָר פון זיין זאַמלונגס־אַרבעט אויף דעם געביט. אויב מען זאָל די אַלע ניגונים נישט פאַרעפנטלעכן — האָט מיט גרויס ציטער נחמיה ווינאַווער אונדז דערקלערט — דראָט אַ סכנה, אַז זיי זאָלן פאַרלוירן גיין פאַרן יידישן קולטור־אוצר.

נחמיה ווינאַווער האָט אונדז אויך געזאָגט, אַז עס קומען, ליידער, נישט צו קיין נייע חסידישע ניגונים, מען שאַפט נישט מער. וואָס עס איז פאַרבליבן צו

טאָן איז: צונויפצוזאַמלען דאָס אַלטע און אַזוי אַרום אָפּהיטן דעם יידישן קולטור־אוצר.

ווען נחמיה ווינאַווער רעדט וועגן יידישער מוזיק, דערהויפּט וועגן חסידישער נגינה, איז ער נישט גלייכגילטיק. זיין גאַנצער קערפּער רעדט, זיין פּנים צעבליט זיך, באַקומט קאָליר, זיינע אויגן צעגלי'ען זיך און אַ העליש פּייערל באַווייזט זיך אין די אָפּלען. ער רעדט בנשימה אחת, ווי ער וואָלט חלילה נישט געוואָלט פאַרזוימען די צייט און פאַרפעלן עפּעס צו זאָגן. און אַזוי ווי עס יאָגן אים זיינע מחשבות, אַזוי יאָגן זיך די ווערטער איינס נאָכן אַנדערן, אין אַ גרויס געיעג, בכדי צו דערציילן אַלץ, אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דער וויכטיקער אַרבעט זיינער, וועגן מוזיק בכלל און יידישער מוזיק בפרט.

נחמיה ווינאַווער וואַרט נישט מען זאָל אים שטעלן פראַגן, ווי עס געשיקט זיך ביי אינטערוויוען. ווי אַ געניטער דיריגענט, וואָס איז געוווינט מיטן צויבער־שטעקעלע צו באַוועגן אַן אָרקעסטער, אָדער מאַכן זינגען אַ כאָר, אַזוי האָט ווינאַווער באַוויגן אינדזער פעדער צו פאַרצייכענען זיינע געדאַנקען, נישט וואַרטנדיק אויף קיין שאלות.

חסידות — האָט אונדז ווינאַווער דערקלערט — האָט געגעבן דער יידישער מוזיק אינטערפּרעטאַציע. חסידות האָט פאַרמאָגט דעם כוח אויפצולעבן און אַריינצוגעבן אַ רוח החיים אין דער יידישער נגינה. חסידים פלעגן זאָגן אויף אַ גוטן בעל־מנגן, ווען ער האָט גוט געזונגען, אַז ער האָט אַ חסידיש מויל. מיט דעם זאָג האָבן חסידים אונטערגעשטראָכן דעם העכסטן חסידישן טעם פון מוזיק.

— מיר מוזן זאַמלען, — האָט ווינאַווער געזאָגט, — זאַמלען אַלץ, וואָס איז ווערטפול און אָריגינעל, ווייל מען מוז האָבן אַ יידישע מוזיק־טראַדיציע. און דאָס, וואָס חסידים האָבן געשאַפן אין משך פון דורות, — איז יידישער גייסט און יידישע טראַדיציע. דערביי האָט ווינאַווער באַהויפּטעט, אַז די מוזיק, וואָס שאַפט זיך אין ישראל, באַדאַרף אָנקומען צו דער מוזיקאַלער יידישער טראַדיציע, גאַנץ באַזונדערס די רעליגיעזע.

נחמיה ווינאַווער איז אויסגעוויקט אין חסידות. ער שטאַמט אַליין פון גרויסן חסידישן יחוס — פון באַרימטן חסידישן רבין ר' יצחק ווורקער. ער האָט זיך געהאָ־דעוועט אין אַ חסידישער אַטמאָספער.

ווען ווינאַווער רעדט וועגן חסידישער נגינה, הערט מען דאָס געזאַנג פון דורות חסידים; מען הערט די לירישע נשמה־אויסגוסן פון די פאַרגאַנגענע דורות חסידים, וועלכע האָבן אָנגעפילט דאָס יידישע לעבן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלער און זיינע האָרדעס ימח שמם זענען געקומען און אויף אַזאַ אכזרישן אופן זיי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט זעקס מיליאָן פון אונדזער שטאַם.

— קאָנסט זיך דען פאָרשטעלן — זאָגט ווינאַווער — די מוזיקאַלישע אַטמאָס־פערע פון בעל־שם־טוב זצ״ל, ווען אן עדה ייִדן איז געשטאַנען און געזונגען תהילים צום רבונו של עולם? קאָנסט זיך דען פאָרשטעלן די מוזיקאַלישע אַטמאָס־פערע אין אַנדערע רבייאישע הויפן, ווי אין ווורקע, אין טשאָרטקאָוו און ביי אַלע אַנדערע חסידישע רביים, צו ווענען עס פלעגן אויף אַ יום־טוב זיך אָנפאָרן טויזנטער און טויזנטער חסידים און זיך אַזוי, אָט אַזוי זיך פאַרוויגן אין אַ מתיקותדיקן ניגון און זיך פאַרגיין אין אַ ריקודל?

דער רוב פון די אַלע ניגונים איז נישט פאַרשריבן געוואָרן, מען דאַרף זיי צוזאַמענקלייבן, זוכן יחידים, וועלכע טראָגן נאָך אין זכרון חסידישע נגינה, זיי בעטן, זיי זאָלן די ניגונים איבערגעבן בעל פה, און אויפן סמך פון דעם געהערטן צוריק רעסטאַווירן דעם אַלטן ניגון און אים אויפצייכענען מיט די אותיות פון דעם אוניווערסאַלן לשון.

נחמיה ווינאַווער איז אַ גרויסער אָנהענגער פון נוסח, פון אַ נגינה וואָס שטראָמט פון טיפן האַרצן, וואָס איז שטימונגספול, וואָס מאַכט ציטערן דאָס געמיט. ווינאַווער רעדט נישט גלייכגילטיק וועגן חזנים, וועלכע האָבן געלייגט מער אַכט אויף שטימע ווי אויף נוסח. ווינאַווער איז אַ חסיד פון בעל־תפילה. ער איז מיט דער מיינונג, אַז בעלי־תפילות האָבן אָפּגעהיט דעם נוסח פון ייִדישן ניגון. נוסח און טראָפּ זענען, לויט דער מיינונג פון ווינאַווערן, די צוויי ייִדישע מקורות פון מוזיק.

***

דער ערשטער באַנד פון דער אַנטאָלאָגיע פון ייִדישער מוזיק, וואָס נחמיה ווינאַווער האָט צוזאַמענגעשטעלט, האָט געהאַט אַ זייער גוטן אָפּרוף אין דער מוזיקאַלישער וועלט. פּראָפעסאָר קורט זאַקס, דער באַרימטער מוזיקאָלאָג, האָט אין אַ בריוו צום מחבר געשריבן צווישן אַנדערע, אַז די אַנטאָלאָגיע איז פון מוזיקאַלישן שטאַנדפּונקט דאָס בעסטע ווערק, וואָס ער האָט אויף דעם געביט געזען. דער מוזיק־קריטיקער פון דער „ניו־יאָרק־טיימס״ — טאַובמאַן — האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג אַ באַגייסטערטן אַרטיקל. דער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער״ — ישראל ראַבינאָוויטש — האָט אין אַן אַרטיקל, געדרוקט אין „טאָג מאָרגן־זשורנאַל״, צווישן אַנדערע געשריבן: „די גאַנצע אַנטאָלאָגיע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן מיט גרויסער פאַכמאַנשאַפט, פיינעם געשמאַק און אַ סך ליבשאַפט. ס'איז אַ בייטראָג פון גרויסן ווערט און פאַרדינט די ברייטסטע פאַרשפּרייטונג צווישן מנגנים פון אומעטום״.

מיר זענען זיכער, אַז אויך דער צווייטער באַנד, וואָס דאַרף בקרוב דערשיינען,

און ווערט צוגעגרייט מיט דער זעלבער פּאַכמאַנשאַפט און זאָרגעוודיקייט פון זעלבן מחבר, וועט באַרייכערן דעם קולטור־אוצר פון יידישער מוזיק.

אַ לעגענדע דערציילט, אַז במרומים, אין פּאַנטעאָן פון שבע חכמות, איז מוזיק באַצירט מיט דער קרוין פון געניאַליטעט. מיר ווילן אויסדריקן דעם מחבר — נחמיה ווינאַווער — און דער לייטונג פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — אַ האַרציקן יישר־כוח פאַר אָפּהיטן די קרוין פון געניאַליטעט, פאַר טייער־האַלטן דאָס געזאַנג פון יידישע דורות — די יידישע מוזיק!

מערץ, 1957.

„בערעלע“

(אויף אַ פאָרשטעלונג לכבוד דעם 70סטן געבוירנטאָג פון נ. כאַנין)

אייגנאַרטיק און אימפּאָזאַנט איז געפּייערט געוואָרן אין ניו־יאָרק דער יום־טוב לכבוד דעם 70סטן געבוירנטאָג פון באַקאַנטן יידישן אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, נחום כאַנין. נישט לויט געוויינלעכן שאַבלאָן, דורך אַ באַנקעט מיט רעדעס און באַגריסונגען, ווי עס איז דער אָנגענומענער מנהג, נאָר דורך אַ דראַמאַטיזירונג פון בעל־היובלס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער אַליין האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם אונטערן נאָמען „בערעלע“. אַ דערציילונג, וואָס שפּיגלט אָפּ כאַנינס יוגנט און זיין אַרבעט אין דער אומלעגאַלער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון צאַרישן רוסלאַנד, ליטע און פוילן, באַקאַנט אויף דער יידישער גאַס ווי די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד“.

די נאָוועלע „בערעלע“ איז סצעניזירט און רעזשיסירט געוואָרן פון באַקאַנטן רעזשיסאָר דוד ליכט און איז אויפגעפירט געוואָרן דורך די טאַלענטירטע שוישפּילער פון דער אַרבעטער־רינג־פאָלקס־בינע.

ווי האָט נ. כאַנין אין זיין וואָרט נאָך דער פאָרשטעלונג אַ טיף־גערירטער געזאָגט: „אַז איר ווילט, איז דאָס מיין ביאָגראַפיע און ווי איך וויל, איז דאָס די ביאָגראַפיע פון זייער פיל יידישע אַרבעטער־טוער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט יענע ווונדערלעכע צייט פון אַרבעט און קאַמף פאַר אַ גערעכטער און יושרדיקער וועלט“. און אין דער אמתן, צוקוקנדיק זיך צו דער פאָרשטעלונג, אָפּפרישנדיק דערביי זכרונות פון דעם נאָענטן אַמאָל וועגן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט מען געזען אין „בערעלען“ די פּערזאָניפיצירונג פון יענער שטורעם־ און דראַנג־עפּאָכע אין אַרבעטער־לעבן, פון יענע טעג, ווען עס האָט אויפגעוואַכט דער געוויסן פון יידישן אַרבעטס־מענטשן; ווען דער יידישער אַרבעטער און האָרעפּאַשניק, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם

וועלט־פּראָלעטאַריאַט, האָט אָנגעבאָטן זיין גרייטקייט צו שטיין אַקסל ביי אַקסל אויף באַריקאַדן אין דעם קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט.

„בערעלע" איז דער נאָמען פון דער אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע פון נחום כאַנין. אין דער נאָוועלע גיט אונדז דער מחבר איבער וועגן זיין לעבנס־וועג אין דער אַלטער היים, וועגן זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן און וועגן זיין אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיין אַקטואַציע אין דער בונדישער פּאַרטיי, זיינע איבערלעבונגען אין תפיסה, זיין קאַטאָרגע־אַרבעט אין סיביר, ביז צו זיין קומען קיין אַמעריקע, אין דעם נייעם לאַנד, ווו לויט דער מיינונג פון מחבר, מען קאָן אויך געפינען אידעאַליזם אין דער פּראַקטישקייט פונעם לעבנס־שטייגער.

כאַנין — דערציילט אונדז „בערעלע" — האָט זיך דערצויגן ביי אָרעמע עלטערן. דער טאַטע אַ שוסטער, וועלכער האָט געהאָרעוועט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און נישט פאַרדינט גענוג אויף חיונה. בערעלע האָט באַגערט צו לערנען, איז געווען פון די גאָר גוטע חדר־יינגלעך, פון וועמען דער רבי האָט שטאַרק געהאַלטן. דער טאַטע האָט בערעלען געוואָלט אויסלערנען שוסטעריי, בכדי ער זאָל אים העלפן אין דער חיונה. פיר אַרבעטס־הענט זענען נישט קיין צוויי — האָט דער טאַטע געטענהט. די מאַמע אָבער און דער רבי האָבן געהאַלטן, אַז בערעלע דאַרף פאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט לערנען אין אַ ישיבה. עס איז אַ שאָד אַזאַ גוט קעפּל אָפּצורייסן פון לערנען — איז געווען זייער טענה.

בערעלע איז געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט לערנען. ער איז אָבער נישט געווען צופרידן מיטן עסן „טעג" ביי פרעמדע טישן. ער איז געוואָרן אַ בעל־מלאכה און ער האָט שנעל געפונען דעם וועג צום יידישן אַרבעטער־בונד.

דעם רעזשיסאָר דוד ליכט מיט דער גוטער און איבערגעגעבענער קינסטלערישער קאָאָפּעראַציע פון די פאָלקס־בינע־אַרטיסטן, דעם כאָר און טאַנץ־גרופּע פון אַרבעטער־רינג, דעם טאַנץ־אַנסאַמבל פון פעליקס פיביך און יהודית בערג און די באַגאַבטע זינגער און אויסטייטשער פון יידישן ליד, די חנעוודיקע מאַשע בעניא און סידאָר בעלאַרסקי — איז געלונגען אויפצולעבן בילדער פון עבר, בילדער פון דעם שיינעם און פילפאַרביקן נעכטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף יענער זייט ים; פון דעם נעכטן פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען דער יידישער אַרבעטס־מענטש האָט אָנגעהויבן אויפצוּוואַכן און האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט מיטן אָנזאָג, אַז ער איז דאָ צו קעמפן פאַר זיין פרייהייט, פאַר יושר און צדק, פאַר אַ גערעכטער אָרדענונג אויף דער וועלט אַלס אינטעגראַלער טייל פונעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

און אָט זעט איר אויף דער בינע בערעלעס טאַטן דעם שוסטער; בערעלעס מאַמען, די געטרייע יידישע מאַמע, פון וועמען עס שטראָמט גאָטס פאָרכטיקייט און אומבאַגרענעצטע ליבע צו איר קינד. איר זעט דעם מלמד, דעם באַקאַנטן

חדר־מלמד פון שטעטל. איר זעט דעם יונגן בערעלען, וועלכער פלאַמט מיטן פלאַם פון תורה און מיטן באַגער צום לערנען. איר זעט די בעלי־מלאכות פון שטעטל, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון יידישן אַרבעטער־בונד. איר זעט בערעלעס נאָענטסטע משפחה, זיין מומע כאַשע. מען זעט דאָס יידישע שטעטל אין מזרח־אייראָפּע מיט דער ראָמאַנטישקייט, מיט דער אָרעמקייט, מיט דער נויט און דלות, וואָס דריקט דעם גוף און פרעסט דאָס געמיט. מען זעט דעם געראַנגל צווישן בערעלעס טאַטע־מאַמע. דער טאַטע איז מיט די פּריהייטס־אידעען פון זיין זון בערעלע. ער איז צופרידן פון זיין זונס גרייטקייט צו קעמפן מיט דער צאַרישער מאַכט און ברענגען אַ בעסער און שענער לעבן פאַרן אָרעמען אונטערדריקטן אַר־בעטער־קלאַס, און די מאַמע ציטערט איבער איר זון, ער זאָל חלילה נישט פאַלן קיין קרבן. מען זעט אויף דער בינע דעם געראַנגל צווישן צוויי וועלטן: די וועלט פון נויט, פון אונטערדריקונג און דעם אויפמאַרש פון יידישן אַרבעטס־מענטש צום קאַמף פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט. מען זעט די גרויסע מענטשלעכע דראַמע פון יענעם העראָישן קאַמף, וואָס די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט צום אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן פירן פאַר אַ יושר־דיקער וועלט. דער העלד פון דער דאָזיקער גרויסער מענטשלעכער דראַמע פון אַרבעט און קאַמף, פוןליידן און פּיין, פון שווערע צייטן אין תפיסה און קאַ־טאָרזשנע־אַרבעט אין סיביר איז דער בעל־היובל — נחום כאַנין אַליין, צו וועמעגס יום־טוב לכבוד זיין 70סטן געבוירנטאָג די פאָרשטעלונג „בערעלע" איז אויפגעפירט געוואָרן.

דער גאַנצער אַנסאַמבל מיטן רעזשיסאָר דוד ליכט בראש פאַרדינען באמת אַ האַרציקן יישר־כוח פאַר זייער פּרעכטיק שפּילן, פאַר זייער קינסטלערישער אויפ־לעבונג מיט דער הילף פון ליד, וואָרט און טאַנץ דעם וווּנדערלעכן נעכטן, דעם באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען זי האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט אויף דער אַרענע פון קאַמף מיט רשעות און אומגערעכטיקייט אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, ליטע און פוילן.

עס פרייט אונדז באמת צו פאַרצייכענען אַזאַ אייגנאַרטיקע און אימפּאָזאַנטע פייערונג לכבוד אַ יידישן אַרבעטער־פירער, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן נישט אין שטייגער פון אָנגענומענעם שאַבלאָן, נאָר אין אַ נייעם נוסח פון איבערגעבן דעם שפּיגל פון בעל־יובלס עבר, זיינע מעשים, זיין אַרבעט לטובת הכלל, זיין דרך אין לעבן, וואָס איז באַלערנד, וואָס קאָן דינען ווי אַ מוסר־השכל פאַר אַנדערע. דער בעל־היובל נחום כאַנין האָט דורך זיין פּראָטאָטיפּ „בערעלע" פּרע־זענטירט אַ פיינעם שפּיגל פון זיין אייגן לעבן, וואָס איז אָנגעפילט מיט אידעאַליזם, מיט קאַמף פאַר פרייהייט, מיט ליבשאַפט צו זיין אייגענעם שטאַם, מיט עכטער

פאָלקסטימלעכקייט, מיט טראָגן אין זיין בלוט און אין זיין באַוווסטזיין דעם טאַטנס זאָג: „זיי גוט צו מענטשן, וועלן די פרעמדע זיין גוט צו דיר".

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון אַרבעטער־פירער נחום כאַנין, ווי ער האָט עס אַליין פאַרצייכנט אין דער נאָוועלע „בערעלע". מיר זענען זיכער, אַז ווען דער בעל־היובל וואָלט נאָכאַמאָל באַדאַרפט דורכמאַכן די פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָלט ער געוויס אויסגעקליבן דעם זעלבן לעבנס־וועג, דעם וועג פון אַרבעט און קאַמף פאַר פרייהייט, דעם וועג פון ליבשאַפט צום פאָלק און ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז יידיש — און אין די לעצטע יאָרן, זינט דער עטאַבלירונג פון ישראל, — אויך פון ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער מדינה.

די קינדער־ און יוגנט־יאָרן פון נחום כאַנין אין דער אַלטער היים און זיין לעבנס־וועג אויך אין אַמעריקע רופן אַרויס ביי אַלעמען באַוווּנדערונג און רעספּעקט.

1956.

„דורות בונדיסטן“

דער פֿאַרלאַג „אונדזער צייט“ אין ניו־יאָרק האָט איצט אַרויסגעגעבן צוויי בענדער מיט ביאָגראַפֿיעס פֿון אַרום דריי הונדערט פֿירער און טוער פֿון „בונד“, — מענטשן, וועלכע האָבן זייער לעבן געשטעלט אין רשות פֿון דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס איז באַקאַנט אין דער ייִדישער וועלט אונטערן נאָמען „בונד“. דער נאָמען פֿון דיביידע בענדער איז: „דורות בונדיסטן“. די ביידע ביכער זענען רעדאַקטירט און צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק פֿון באַקאַנטן היסטאָריקער י. ש. הערץ, וועלכער איז אַליין אַ טעטיקער טוער אין דער בונדישער פּאַרטיי.

די דריי הונדערט ביאָגראַפֿיעס זענען געשריבן פֿון אַ פּאָר צענדליק מחברים. ווי עס זאָגט זיך אין דער הקדמה פֿון פֿאַרלאַג, ווערן אין די ביידע בענדער „דורות בונדיסטן“ באַשריבן מענטשן, וועלכע האָבן געהערט צו די פּיאָנערן פֿון דער פּאַרטיי, „פֿון די פּיאָנערן מיט זיבעציק יאָר צוריק ביז צו די יונגיטשקע, וואָס זענען ערשט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריין אין דער באַוועגונג — אַלע האָבן געדינט דעם זעלבן אידעאַל און געטראָגן די זעלבע פֿאָן, געבויט דעם זעלבן בנין און איינגעשפּאַנט זיך אין דעם זעלבן יאָך. זייערע טעג און יאָרן, זייער ענערגיע און מי האָבן זיי איינגעזאַמלט אין איין לאַגער. זייערע געדאַנקען און געפֿילן, זייער ליבשאַפֿט און טרייַשאַפֿט האָבן זיי אַריינגעוועבט אין איין געוועב — אין אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד“.

די דערמאָנטע שורות, וועלכע זענען אַ טייל פֿון דער לענגערער הקדמה צו די צוויי ביכער, זענען דער פּה נטמון, אויסגעדריקט אויף דער מצבה פֿאַר די אַלע, וועלכע זענען דורך פֿאַרשידענע טויטן אומגעקומען, מיט דעם טיפֿן גלויבן אין „בונד“ און — ווי עס זאָגט זיך ווייטער אין דער הקדמה — מיט דער פֿאָן פֿון „בונד“ אין האַנט.

די דריי הונדערט ביאָגראַפֿיעס אין די צוויי בענדער „דורות בונדיסטן“ נעמען אַרום מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען כסדר אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון

דער פּאַרטיי, האָבן געהערט צו די פּאַרטיי־טעאָרעטיקער און מענטשן פון דער שורה, פּאַרטיי־מיטגלידער, פּאַרטיי־עסקנים, טוער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט.

צוריק מיט לאַנגע יאָרן איז אונדז אויסגעקומען זיך צו אַמפּערן מיטן „בונד" און מיר האָבן אַלע מאָל אָפּגעפּרעגט בעל פּה ובכתב די שיטה פון „בונד", דעם קוק אויפן יידישן לעבן. מיר האָבן אָבער דערביי נישט פאַרפעלט אונטערצו־שטרייכן די גרויסע לייסטונגען פון „בונד" לטובת דעם יידישן אַרבעטער אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. מיר האָבן אַלע מאָל געזען די איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט, וואָס די מיטגלידער פון „בונד" האָבן אַרויסגעוויזן צו זייער פּאַרטיי און צו די פּאַרטיי־פירער. די דריי הונדערט ביאָגראַפיעס פון בונדיסטן, וואָס זענען איצט דערשינען אין צוויי בענדער, שטעלן מיט זיך פאָר די פאַראייביקונג פון אַ באַוועגונג, וועמענס מיט־גלידער האָבן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געאַרבעט און געשאַפן, געבויט און געקעמפט און זענען לײדער פון די היטלער־האָרדעס אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן פאַרשניטענע לעבנס פון אונדזער פאָלק. די דריי הונדערט באַשרייבונגען זענען מצבות נאָך אַוועקגעגאַנגענע, פיל פון זיי אומגע־בראַכטע, וועמען די אַרבעטער־באַוועגונג וועט תמיד טראָגן אין זכרון.

***

די ביאָגראַפיעס פון די דריי הונדערט בונדיסטן זענען זייער וואַרעם אויפ־גענומען געוואָרן. מען מערקט, אַז דאָס האָבן געטאָן מענטשן מיט אַ גאָר הייסער באַציִונג צו זייערע חברים, מיט וועמען עס האָט זיי געבונדן אַ אידעען־פאַרוואַנד־שאַפט, אַ קרובהשאַפט, וואָס איז מאַנכע מאָל שטאַרקער פון אַ פאַרוואַנדשאַפט פון בלוט.

דער ערשטער באַנד פון „דורות בונדיסטן" הייבט זיך אָן מיט דער ביאָגראַפיע פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי ע"ה, וועלכער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1941. ער איז דאָן געקומען קיין אַמעריקע נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג ווי אַ פּליט פון פּוילן. ער האָט זיך מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט געראַטעוועט פון היטלערן און סטאַלינען און זיך געשלעפּט איבער סאָוועט־רוסלאַנד און יאַפּאַן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע.

די ביאָגראַפיע איז געשריבן פון רעדאַקטאָר י. ש. הערץ, געשריבן מיט אַ סך פּיעטעט און פאַרערונג, ווי אַ תלמיד, וואָס שרייבט וועגן זיין רבין.

די צווייטע ביאָגראַפיע איז וועגן יקותיאל פּאָרטנוי, באַקאַנט אונטערן נאָמען: נח. אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז דער נאָמען „נח" געווען אַ צויבער־נאָמען

פאַר דער מיטגלידערשאַפט פון „בונד". נח איז געווען דער פאָרזיצער פון דער פאַרטיי און איז שטאַרק געאַכטעט געווען אין די אַרבעטער־קרייזן פאַר זיין באַשיידנקייט און ערלעכקייט. נחן האָט מען גערופן: דער פאָטער פון „בונד". נח'ס ביאָגראַפיע האָט געשריבן דער באַקאַנטער קולטור־טוער און פעדאַגאָג ה. ש. קאַזשדאַן. די אַרבעט וועגן נחן איז מער ווי אַ ביאָגראַפיע; עס איז אַן עסיי וועגן אַ מענטשן, וועמענס כאַראַקטער, איבערגעגעבנקייט און גוטע מידות האָבן געקענט דינען ווי אַ מוסטער.

דעם צווייטן באַנד פון „דורות בונדיסטן" עפנט דער באַקאַנטער פובליציסט ב. שעפנער מיט אַן אַרבעט וועגן ישראל ליכטענשטיין — אַ פירנדיקע פערזענלעכקייט אין „בונד", וועלכער איז אין ניו־יאָרק געשטאָרבן פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, בעתן דערפילן אַ שליחות פון „בונד" אין אַמעריקע. ב. שעפנער שרייבט וועגן ישראל ליכטענשטיינען מיט זייער פיל וואַרעמקייט, מיט אַ סך ליבע. מען מערקט פון די שורות די גרויסע פאַרערונג, וואָס ער האָט צום נפטר. פון יעדן וואָרט אָטעמט חברישקייט און פריינטשאַפט, טיפער צער און ווייטיק איבערן פריצייטיקן טויט פון איינעם פון די שענסטע געשטאַלטן, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג, גרופּירט אַרום דעם „בונד", האָט פון זיך אַרויסגעגעבן.

וועגן פּראָפ' ליבמאַן הערש שרייבט אין צווייטן באַנד „דורות בונדיסטן" דער באַקאַנטער קולטור־טוער י. כאַרלאַש. די אַרבעט וועגן פּראָפ' הערש איז געשריבן מיט זייער פיל פאַרערונג און גרויס דרך־ארץ.

***

אַלע ביאָגראַפיעס איןביידע בענדער „דורות בונדיסטן", סיי וועגן די פירער און טעאָרעטיקער פון דער פאַרטיי און סיי וועגן די פשוטע טוער און בירגער פון דער פאַרטיי, זענען געשריבן מיט אַ סך חברישקייט און ליבשאַפט.

עס קומט אַ יישר־כוח דעם פאַרלאַג „אונדזער צייט" און דעם רעדאַקטאָר י. ש. הערץ פאַרן אַרויסגעבן די ביידע ביכער, אין וועלכע עס זענען פאַראייביקט געוואָרן ליכטיקע געשטאַלטן פון יידישע אַרבעטער־טוער און פירער, — מענטשן וועלכע האָבן זיך געקענט מוסר נפש זיין פאַרן אידעאַל, אין וועלכן זיי האָבן געגלויבט; מענטשן אידעאַליסטן, קעמפער פאַר פרייהייט, קעמפער פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט.

.1956

באָריס אײסוראָװיטש

(אַ טרער אויף זײַן קבר)

אַ נס איז, וואָס אַ בשר ודם ווייסט נישט ווען ער וועט שטאַרבן. וואָלט מען חלילה יאָ געוווּסט, וואָלט דאָס גאַנצע לעבן נישט געהאַט קיין קיום. פאַראַן מענטשן, וועלכע טראַכטן נישט וועגן טויט, זיי זענען פאַרנומען מיטן לעבן. אַי, מען ווערט דאָך עלטער און וואָס אַ יונגן קאָן טרעפן, מוז עס טרעפן אַן עלטערן, — דאָס קימערט זיי נישט. צו דער קאַטעגאָריע האָט געהערט באָריס אייסוראָוויטש ע"ה. צו זיבעציק ווי צו זיבעצן, מונטער, פריילעך, לעבנס־לוסטיק. היינט זיך אָפּנעמען פאָר נעכטן און צוגרייטן אַלע חושים אין בעסטער אָרדענונג פאַרן מאָרגן. נישט חלילה פאַרזוימען דעם היינט און פול מיט גלויבן אין מאָרגן.

די אַכזריות פון טויט פירט אָבער אַן אַנדער חשבון מיטן בשר ודם. פון וויגל אַן פאַרלייגט דער מלאך־המות זיינע נעצן, ביז ער דערפירט צום גריבל. כאָטש אַ זאַטן אין יאָרן, אָבער נאָך שטאַרק הונגעריק נאָך לעבן, האָט דער טויט אַוועקגע־ריסן פון אונדז אַ האַרציקן ייִדן, אַ גוטן פריינט, אַ מיזוג טוב, אַ צאַרטן מענטשן, אַן איידעלע נשמה — ב. איסוראָוויטש ע"ה.

ווען און ווו מען האָט אייסוראָוויטשן געטראָפן, איז ער געווען פאַרנומען מיט כלערליי אַרבעטן, האָט דערליידיקט איין כלל־אַרבעט און שוין געלאָפן זוכן אַנדערע כלל־אַרבעט. אַרבעט, וואָס זאָל ברענגען נוצן אַלע ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט. די ייִדישע וועלט איז אים געווען שטאַרק באַקאַנט. ווו איז ער דען נישט געווען? איז דען פאַראַן אַ ווינקעלע אויף דעם ערד־קוגל, ווו עס געפינען זיך נאָר ייִדן, אַז אייסוראָוויטש זאָל נישט האָבן זיי באַזוכט אין די אינטערעסן פון כלל? פון ווייטן אינדיע ביז צו די אַנדן־בערג, אויף דער גרענעץ צווישן טשילע און אַרגענטינע, טראָגן גרוסן פון ייִדן אין איין עק וועלט צו ייִדן אין צווייטן עק וועלט. און אַזוי געשמאַק, אַזוי באַטעמט דערציילן. תמיד אָנהייבן זיינע דערציי־לונגען מיט שילדערונגען פון דער נאַטור, פון יעדן גרעזעלע, יעדן בערגעלע, יעדן טייך. איבערגעבן אַזוי מייסטערהאַפט דעם ריח פון די בלומען, וואָס ער

האָט אויף זיינע וועלט־רייזעס אין זיך איינגעזאַפּט, אַז צוהערער האָבן בעת מעשה אויך בחוש דערשמעקט דעם זעלבן ריח. שפּעטער־לאַנג האָט אייסוראָוויטש געקענט רעדן און דערציילן און האַלטן אַן אוידיטאָריע צוגעשמידט צו זיינע פּרעכטיקע שילדערונגען פון זיינע נסיעות איבער אַלע וועלט־עקן אין די אינטערעסן פון יידישער כלל־אַרבעט.

אייסוראָוויטש איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ נע־ונדניק פאַר עקסעלאַנס; ער האָט אָבער געהערט צו די געציילטע, וואָס האָט אומעטום געקאָנט שאַפן אַן אַט־מאָספער, אומעטום געפינען פריינט, וועמען ער האָט באַוויזן פאַר אַרבעט און גלייכצייטיק צווישן די זעלבע קריגן שטימונג פאַר זיין איידעלער, שטילער נשמה.

כאָטש כל ימיו ושניו האָט אייסוראָוויטש געהערט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַ ביז גאָר געטרייער און איבערגעגעבענער מיטגליד פון „בונד", איז ער אָבער פאַרבליבן ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג דער ראָמאַנטיקער, די פּאָעטישע נאַטור פון דער באַוועגונג. האָט זיך אַלע יאָרן פאַרנומען מיט אַרבעטן, ווו ער האָט געפילט די אידיליע, דאָס ראָמאַנטישע; ווו ער האָט געקענט צעשפּרייטן זיין פאַנטאַזיע; ווו ער האָט געקאָנט אויסזינגען דאָס לירישע, דאָס סענטימענ־טאַלע; גיכער איבערגעבן אין צאַרטן ווערטער־לבוש די שטרעבונג, איידער מיט־מאַכן דעם שווערן וועג פון רעאַליזירונג; גיכער באַזינגען דעם קאַמף פאַר לינדערן נויטן, איידער שטיין אויף באַריקאַדן און זיך צוקוקן צו שחיטה און הריגה, — מיט וואָס קאַמף איז תמיד פאַרבונדן.

ב. אייסוראָוויטש האָט שטאַרק ליב געהאַט יידיש לעבן, האָט תמיד אויף זיינע וואַנדערונגען געזוכט אַ פּלאַץ, ווו ער זאָל זיך פילן אין דער היים פון יידישן לעבן. דאָס קאָכעדיקע און רעשדיקע ניו־יאָרק האָט ער גערן אויסגעביטן אויפן היימישן יידישן לעבן אין בוענאָס איירעס. דאָרט האָט ער זיך געפילט אין דער היים, צווישן נאָענטע, פאַר וועמען ער האָט געקאָנט דערשיינען ווי אַ פאַרבן־רייכע, נשמהדיקע, אידעאַלע פיגור; דאָרט האָט ער זיך געפילט ביכולת בייצושטייערן פאַר שאַפן אַן אידעאַלע אַטמאָספער, אַרויסצובעמען דעם מענטשן פון דער גרויער וואָכעדיקייט און אים דערהייבן צו יום־טוב, צו פריילעכקייט, צו לעבנס־בגילופינדיקייט.

אין חברותא, צווישן מענטשן, פריינט און באַקאַנטע האָט אייסוראָוויטש געטראָגן פריילעכקייט, האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זיין צווישן מענטשן און מיט מענטשן; האָט משמעות געוואָלט אַנטלויפן פון זיין איינזאַמקייט און דערפאַר זיך אַזוי געקלאַמערט אין זיינע פריינט, אין זיינע חברים און אומצייליקע באַ־קאַנטע, — די אַלע, וועלכע האָבן אים נישט פאַרלאָזן אין די לעצטע וואָכן און טעג פון זיין שווערער און אומהיילבאַרער קראַנקהייט, האָבן געוואַכט ביי זיין קראַנקן־בעט ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן לעבנס־אָטעם.

1953.

עפּיזאָדן פון אַ לעבן

דער שלמה מענדעלסאָן־פאָנד ביי דער געזעלשאַפט „קולטור און הילף“ אין מעקסיקע האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך זכרונות פון באַקאַנטן בונדישן טוער א. ל. זעלמאַנאָוויטש, א״נ „עפּיזאָדן פון מיין לעבן“.

אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, אין איר אינדוסטריע־שטאָט לאָדזש, איז א. ל. זעלמאַנאָוויטש געווען אַ באַקאַנטע פיגור. יונג און אַלט האָבן אים געקענט, אָרעם און רייך האָבן פון אים געוווסט. ביי די רייכע איז ער געווען דער תקיף, דער פאָרשטייער פון די בעלי־מלאכות, דער שרייבער, דער מאָנער. ביי די אָרעמע איז ער געווען דער פאָטער פון אַרבעטער, דער קעמפער פאַר זיינע רעכט אויף בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, דער קעמפער פאַר אַ שענער און בעסער לעבן, דער קעמפער פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט בכלל — דער קעמפער פאַר סאָציאַליזם.

די ייִדישע אַרבעטער אין לאָדזש האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון א. ל. זעלמאַנאָוויטשן. דער עיקר האָבן פון אים געהאַלטן די מיטגלידער פון דער בונדישער פאַרטיי און פון מאַנכע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט געפונען אונטער דער השפעה פון „בונד“. זיי האָבן אין אים געזען אַן ערלעכן פאָלקס־מענטש; אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט פון זיין פריסטער יוגנט אַליין געאַרבעט. נאָך זייענדיק אַ חדר־ייִנגל אין עלטער פון ניין יאָר, האָט ער שוין באַדאַרפט צוהעלפן צו דער פרנסה פון שטוב. אַ בכבודיקער טייל פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין לאָדזש, דער טייל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער די איינפלוסן פון „בונד“, האָט באַטראַכט א. ל. זעלמאַנאָוויטשן פאַר זיין פאַר־שטייער און האָט זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט א. ל. זעלמאַנאָוויטש זיך געראַטעוועט פון די היטלער־גיהנומס קיין אַמעריקע. ער לעבט אין ניו־יאָרק, ווו ער איז טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“. איצט האָט ער פאַרעפנט־לעכט זיין בוך זכרונות, וואָס נעמט אַרום זיין אַרבעט און קאַמף אין משך פון זיין

לעבן, — אַ לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט נויט, מיט אָרעמקייט און דחקות אין זיין טאַטנס הויז, פריער אין לוויוויטש — אין זיין געבורטס־שטעטל, און שפּעטער אין לאָדזש. אין לוויוויטש איז דער פּאָטער פון מחבר געווען אַ מלמד. ער האָט געלערנט תורה מיט נגידישע קעסט־איידעמלעך. די פּרנסה האָט קוים געקלעקט אויף וואַסער צו דער קאַשע. בעת א. ל. זעלמאַנאָוויטש איז אַלט געווען פינף יאָר, איז די משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. דער פּאָטער האָט אַוועק־געוואָרפן דאָס מלמדות און געוואָרן אַ בעל־מלאכה. ער איז טאַקע נישט געגאַנגען אין קיין פאַבריק אַרבעטן — אַזאַ זאַך איז צו יענער צייט נישט אָנגעשטאַנען אַ חסידישן ייִדן. האָט מען געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס: מען האָט נישט געאַרבעט „ביי יענעם", נאָר „פאַר יענעם". דאָס האָט מען שוין ווי עס איז געקענט סובל זיין.

אַרבעטן „פאַר יענעם" האָט געמיינט: טאָן די אַרבעט ביי זיך אין שטוב; אַרויסנעמען די רוי־מאַטעריאַלן פון פאַבריק צו זיך אַ היים, און נאָכהער די פאַרטיקע אַרבעט אַוועקטראָגן צום בעל הבית. אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן האָט מען אַזאַ מלאכה אָנגערופן „כאַלופניצטוואָ". דאָס האָט געמיינט אויף אונדזער פּשוטן ייִדיש: היים־אַרבעט. א. ל. זעלמאַנאָוויטש האָט זיך בכן געהאָדעוועט אין אַ שטוב, ווו מען האָט זיך פאַרנומען מיט היים־אַרבעט; ווו טאַטע־מאַמע און די עלטערע קינדער זענען געזעסן יום ולילה און געאַרבעט. די מלאכה איז — ווי דער מחבר דערציילט אונדז — באַשטאַנען אין דרייען „פראַנדזן" פון דיקע טיכער. אין יענער צייט זענען די טיכער אין גרויסע קוואַנטומס פּראָדוצירט געוואָרן פאַר פּרויען, וועלכע האָבן אָנשטאָט מאַנטלען געטראָגן טיכער, אָדער ווי מען פלעגט עס רופן „פאַטשיילעס". שוין צו ניין יאָר האָט א. ל. זעלמאַנאָוויטש אָנגעהויבן צו אַרבעטן און דערפילט אויף אייגענע ביינער דעם עול פון אַרבעט, די גרויסע נויט פון טאַטנס אָרעמער שטוב.

אין דעם בוך זכרונות דערציילט אונדז דער מחבר אין קורצע קאַפּיטלען זיין לעבן פון זיין קינדהייט־אָן — ביז זיין קומען קיין אַמעריקע מיט בערך פופצן יאָר צוריק. דאַן איז ער צוזאַמען מיט אַ צאָל ייִדישע פּליטים פון פּוילן אַריבערגע־בראַכט געוואָרן אַהער דורכן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

פון א. ל. זעלמאַנאָוויטשס בוך זכרונות קאָן מען זיך באַקענען מיט אַ לעבן, וואָס איז אַלע יאָרן געווען איינגעטונקט אין אַרבעט און אין קאַמף; אַ לעבן פון אַ ייִדישן אַרבעטער־טוער, אַ רעוואָלוציאָנער און קעמפער, וועלכער איז פיל מאָל געזעסן אין תפיסה — סיי ביים צאַר ניקאָלאַי און סיי אין דעם באַפרייטן פּוילן, צווישן ביידע וועלט־מלחמות. פון דעם בוך זכרונות קאָן מען זיך דערוויסן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די אַרבעט פון „בונד"; מיט וויפל מסירת־נפש עס איז געווען פאַרבונדן דער קאַמף פון ייִדישן אַרבעטער בכלל. מען קאָן פון דעם בוך

זיך אויך שאַפן אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם שטאַרק־פּולסירנדיקן ייִדישן לעבן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

דער מחבר ברענגט אַרויס אין זיינע עפּיזאָדן על פּי רוב נאָר די מאָמענטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זיין אַרבעט און מיט דער אַרבעט פון זיין פּאַר־טיי — פון „בונד". זעלטן אַז אין בוך זאָל זיך דורכשלאָגן עפּעס פון דער טעטיקייט פון אַנדערע ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטייען. עטוואָס ווערט דערמאָנט וועגן דער „אגודה" און וועגן אַ לינקן פּועלי ציון־טוער, מיט וועמען דעם מחבר איז אויס־געקומען צו זיצן צוזאַמען אין דער שרעקלעכער תפיסה, אין דעם לאַגער פון טרויעריק־באַרימטן קאַרטוז־בערעזע. עס וואָלט זיך, דוכט זיך, גיכער געפּאַסט, ווען מען גיט דאָס בוך אַ נאָמען „זכרונות פון אַ בונדיסט" אַנשטאָט „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", וואָרום שוין דער נאָמען „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" איז מחייב צו מער אַלזייטיקייט, צו זען אויך דעם אַרום, די גאַנצע סביבה; צו געבן אַ בילד פון דער גאַנצער פּאַנאָראַמע, וואָס זאָל אַרומנעמען ייִדיש לעבן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות און פריִער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אויך אין רוסלאַנד, ווייל די זכרונות הייבן זיך אָן פאַקטיש פון יאָר 1892, זינט דעם פּאָגראָם אין לאָדזש.

די קאַפּיטלען פון בוך, וואָס יעדער פון זיי גיט איבער וועגן אַ ספּעציעלער פּאַסירונג, זענען זייער אינטערעסאַנט און לייענען זיך מיט שפּאַנונג.

דער מחבר פאַרענדיקט זיין בוך מיט אַ ווידוי לגבי די אומגעקומענע ייִדן אין זיין שטאָט לאָדזש און לגבי די לעבנפאַרבליבענע בונדיסטן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען פון די געטאָס און לאַגערן פון די דייטשן. דער ווידוי איז צוליב דער זינד, וואָס דער מחבר פילט, אַז ער איז באַגאַנגען מיט זיין אַנט־לויפן פון לאָדזש און איבערלאָזן ייִדן אויף הפקר אין אַזאַ שווערער און ביטע־רער צייט. דער מחבר פילט זיך שולדיק אין דער באַגאַנגענער זינד און ער שרייט אויס דעם על חטא הויך אויפן קול, אַז אַלע זאָלן דערהערן און פון דעם וויסן.

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע אַריינצוגיין אין אַ וויכוח מיט אַ בעל־ווידוי. עס איז דאָך אַ געפיל־זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט דיסקוטירן. מיר ווילן נאָר ביי דער געלעגנהייט אונטערשטרייכן, אַז אויף וויפל אונדז איז באַוווּסט איז שטילער ווידוי מער ווירקזאַם ווי ווידוי בקול רם. אָבער אונדז וואָלט דער ענין ווידוי צו ווייט פאַרפירט. מיר וואָלטן זיך באַדאַרפט אַריינלאָזן אין אַ גאַנצן ענין, וואָס האָט צו טאָן מיט תשובה און ווידוי, און דאָס ווילן מיר אויסמיידן. אפשר וועלן מיר זיך נאָך צו דער עצם־טעמע אַמאָל אומקערן, בעת מיר וועלן קאָנען דעם ענין באַהאַנדלען מער אַבסטראַקט און נישט אין פאַרבינדונג מיט אַ קאָנק־רעטער פּערזאָן, ווי עס איז דער איצטיקער פאַל.

סילועטן פון אַ דור

דאָס בוך פון א. ל. זעלמאַנאָוויטש איז — באַנוצנדיק אַ וואָרט פון באַקאַנטן ליטעראַטור־קריטיקער יעקב גלאַטשטיין — אַ גוטמוטיק בוך, און גוטמוטיקע בי־בער, אַפילו ווען זיי פאַרמאָגן אַ סך חסרונות, רופן זיי אָבער נישט אַרויס קיין גרויסע פּאַראיבלען. אין בוך „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" האָט א. ל. זעלמאַנאָוויטש נישט נאָר פאַראייביקט זיין אייגן לעבן, נאָר ער האָט אויך פאַראייביקט אין אַ פאָלקסטימלעכער שפּראַך דעם גרויסן און שווערן קאַמף, וואָס זיין פּאַרטיי — דער „בונד" — האָט געפירט אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און אין פאַרמלחמה־דיקן פּוילן. די עפּיזאָדן פון א. ל. זעלמאַנאָוויטשעס לעבן זענען שטיקער רויע כראָנאָלאָגיע פון דער אַרבעט, וואָס עס האָט געטאָן די בונדישע פּאַרטיי.

אין היכל פון יצירה

(פון אַ באַזוך ביים קינסטלער זיגמונט מענקעס)

זיגמונט מענקעס ווערט פאַררעכנט צו די בעסטע מאַלערס, וואָס דער פּויליש־יידישער דור פון קינסטלער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. זיגמונט מענקעס האָט געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע אין קראָקע (פּוילן) און נאָך אַלס גאָר יונגער מאָלער האָט ער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די קונסט־קריטיקער. זיי האָבן באַוואונדערט זיין געוואַלדיקן טאַלאַנט צוזאַמענצושטעלן קאָלירן, וואָס פאַר־וואַנדלען זיינע שאַפונגען אין אַזעלכע לעבעדיקע בילדער, פון וועלכע דעם צוקוקער איז זיך שווער אָפּצורייסן.

דאָס יידישע פּוילן האָט געהאַט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל מאָלער. כדאי צו דערמאָנען אַלעקסאַנדער לעסער, לעאָפּאָלד האָראָוויטש, מ. מינ־קאָווסקי, מ. טרעמבאַטש, ש. הירשנבערג, אַרטור מאַרקאָוויטש, פיליכאָווסקי, י. זיידענבייטל, מאַדאַם צענטנערשווער, פרידמאַן, ראַבינאָוויטש און אַנדערע. מענקעס געהער צו דער יינגערער גענעראַציע, צו דער גרופּע מאָלער, וועלכע זענען אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאָלעריי באַקאַנט אַלס די גרופּע פון לעאָפּאָלד גאָטליב, משה קיסלינג, פּיקעליני, דוד זייפערט, מאַנדעלבוים און אַנדערע.

זיגמונט מענקעס איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג דעם 6טן מאַי 1896, דאָס הייסט, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום ווערט מענקעס מיט מזל אַ בן־שישים. ווי דערמאָנט האָט מענקעס שטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אין קראָקע, האָט געאַרבעט אין פּאַריז אין זיין קונסט־סטודיע פון יאָר 1921 ביז 1935, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע, ווו עס איז היינט זיין סטאַבילער אַדרעס.

זיגמונט מענקעס האָט באַקומען פאַר זיינע מאָלערייען אַ צאָל אויסצייכע־נונגען: אין יאָר 1947 האָט ער באַקומען דעם ערשטן פּריז און אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער באַרימטער קאָנקאָראַן־קונסט־גאַלעריע; אַ גאָלדענעם מעדאַל האָט ער באַקומען אין יאָר 1950 פון דער קונסט־אַקאַדעמיע אין פּענסילוועניע. דעם

צוויטן פריז פאַר זיינע מאַלערייען האָט ער באַקומען אין דער באַקאַנטער אַאודובאַן־קונסט־געזעלשאַפט אין אַמעריקע, נאָך אין 1946. ער האָט אויך באַקומען אויסצייכענונגען אין די יאָרן 1950, 1953 און גאָר לעצטנס.

נישט אומזיסט זאָגט מען אין דער קינסטלערישער וועלט אויף מענקעסן, אַז ער האָט שוין מער אויסצייכענונגען ווי אים זענען פאַרבליבן בילדער פון זיינע מאַלערייען. עס איז אַ זכיה פאַר אַ מאָלער צו דערגרייכן אַזאַ שטופע אין דער קונסט. מיט דער זכיה איז מזכה געוואָרן זיגמונט מענקעס.

זיגמונט מענקעס פייערט היינטיקס יאָר אַ טאָפּלטן יום־טוב: זיין זעכציקסטן געבורטס־טאָג און דרייסיק יאָר פון זיין שאַפן. צו זיין צוואַנציק־יעריקן יובילעאום אַלס מאָלער האָט ע. טערלאַדע, דער דירעקטאָר פון דער צייטשריפט „ווערוו", געשריבן צווישן אַנדערע, אַז מענקעס געהער צו די ליידנשאַפטלעכע קינסטלער, וועמענס שאַפונגען זענען באַזירט אויף לעבנס־קרעפטיקן ענטוזיאַזם און צייכענען זיך אויס מיט געוואַלדיקער שיינקייט. מענקעסעס קאָלירן — האָט טערלאַדע געשריבן — פאַרמאָגן אַ וווּנדערבאַרע קוואַליטעט. בלויז פאַר זיינע גוט־צוגעקליבענע קאָלירן פאַרדינט ער געליבט צו ווערן. מענקעסעס קאָליר איז דרייסט, געדיכט, שטייף, גוט צוגעטראַכט און רייף.

צום דרייסיק־יעריקן יובל פון מאָלערישע שאַפונגען פון זיגמונט מענקעס קאָן מען מיט פולער דרייסטקייט זאָגן, אַז ער האָט אין משך פון פאַרגאַנגענע צען יאָר באַוויזן מער צו באַהערשן דעם רעגנבויגן פון קאָלירן אין דער קונסט און פאַר אונדז צו מאָלן דאָס מענטשלעכע געשטאַלט, אָדער אַנדערע געשטאַלטן פון גאָטס געבענטשטער נאַטור, מיט אַזאַ ריטם ווי זעלטן פריער. נישט אומזיסט באַצייכענען קונסט־קריטיקער מענקעסן ווי איינעם, וואָס באַזיצט היינט צו טאָג די בעסטע קענטעניש אַזוי צוזאַמענצושטעלן קאָלירן, וואָס ברענגען אַרויס אין דער בעסטער פאָרם די מענטשלעכע נשמה, דעם מענטשלעכן גייסט, אָט דעם מין אָדם, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן בצורת אלוהים.

אַז מען קומט אַריין אין דער סטודיאָ פון מאָלער מענקעס, אין דער געגנט פון גראַמערסי־פּאַרק אין ניו־יאָרק, ווערט דאָס אויג גלייך פאַרכאַפּט פון די געציילטע מאַלערייען, וואָס געפינען זיך אין זיין אַטעליע. מענקעס האָט נישט קיין בילדער אין זיין סטודיאָ. אויב מען וויל זען זיינע מאַלערייען, דאַרף מען גיכער גיין אין די פאַרשידענע קונסט־גאַלעריעס און אין פאַרשידענע קונסט־מוזעאומס, ווו עס געפינען זיך די פּערל פון מענקעסעס שאַפונגען. אין דער סטודיאָ קאָן מען כאַפּן אַ שמועס מיטן קינסטלער אַליין, זיך צוקוקן צום מענטשן, וועלכער פאַרמאָגט אַזאַ טיפע פּאָעטישע עמאָציע; אָבסערווירן דעם גרויסן מאָלער, וועלכער איז בכוח דורך דער פאַרמיטלונג פון פּענזל און פאַרבן אַרויסצוברענגען אויפן

לייוונט דאָס פאַרבאַרגנקייט פון מענטש, דאָס פילפאַרביקע אין דעם מענטשן, זיינע שוואַכקייטן, זיין כעס און צאָרן, זיין ליבע און האַס, דעם שטאַרקן אַנטאַגאָניזם וואָס ליגט פאַרבאַרגן אין די קאַמערן פון מענטשלעכן האַרץ. אין דער סטודיאָ פון מענעקסן, בעת מען זיצט מיט אים פנים אל פנים און מען רעדט מיט אים, קען מען לייכט מערקן, ווי זיינע אויגן שווימען אַרום אין אַ ים פון קאָלירן, ווי זיין קינסטלערישע אינטואיציע כאַפּט אויף די שטימונג, אין וועלכער זיין בייזיצער געפינט זיך. מען מערקט ווי מענקעס לייענט אַראָפּ דורך זיין פאַרשטעלונגס־כוח דאָס געמיט פון זיין גאַסט, ער פאָטאָגראַפירט ביי זיך אין דער מחשבה די קאָמפּאָזיציע פון בר־נש, וואָס ווערט ביי אים פאַראייביקט אין זיין מאָלערישן דימיון.

מענקעס רעדט געלאַסן, דערציילט ווייניק פון זיך. עס שיינט אַראָפּ פון אים אַ באַשיידנקייט, אַ גוטמוטיקייט, אַ היימישקייט, אַ וואַרעמקייט, וואָס גיט צו דעם קינסטלער אַ באַזונדערן חן.

יעדער מענטש, וועלכער קומט אין באַרירונג מיטן מאָלער מענקעס און זעט אים פון דער נאָענט, דערפילט גלייך, אַז נאָר אַזאַ מענטשנס ליבע איז בכוח צו מאָלן אַזעלכע לייוונטן. צי איז דאָס מענטש, אָדער עס זענען גאָר רויזן. אַ מאָלעריי פון רויזן, וואָס זענען פון מענקעסן געמאָלן געוואָרן מיט אַזאַ רייפער פאַרשטעלונגס־קראַפט, איז זעלטן צו זען אין די קונסט־גאַלעריעס.

מענקעס איז שטאָלץ מיט זיינע מאָלערייען אויף יידישע טעמעס, ווי, למשל: דאָס בילד, וואָס ער האָט געמאָלן אין יאָר 1943, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ"; דאָס גראַנדיעזע בילד, וואָס ער האָט געמאָלן אין יאָר 1929־1928, „די תורה" און אַנדערע. בעת אונדזער געשפּרעך דאָ נישט לאַנג צוריק אין מענקעסעס סטודיאָ, — אין דעם היכל פון זיין קינסטלערישער יצירה, — האָט זיך אונדז געוואָלט שטעלן דעם מאָלער די פראַגע: „פאַרוואָס ער האָט אין משך פון זיינע דרייסיק יאָר פון יצירה אַזוי ווייניק געשאַפן אויף יידישע טעמעס?". אָבער עפּעס זענען מיר העננען געבליבן מיט דער שאלה אויף די ליפּן און זי נישט געפרעגט. מיר ווייסן אַפילו נישט פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען. איצטער מיט וואָכן שפּעטער, ווען די שורות ווערן געשריבן, קאָנען מיר נאָך אַלץ נישט פאַרטייטשן פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטעלן מענקעסן די שאלה.

אינצווישן־צייט האָבן מיר געלייענט אַ מיינונג, אַז ביי מענקעסן, כאָטש ער האָט זייער ווייניק בילדער געמאָלן אויף יידישע טעמעס, קומט אָבער זיין יידישקייט צום אויסדרוק אין דעם כאַראַקטער פון זיין שאַפן, אומאָפּהענגיק פון דער טעמע פון זיין מאָלעריי. מיר נעמען אָן די מיינונג און מיר זענען זייער דאַנקבאַר דעם שרייבער פון דער מיינונג, אונדזער חבר מ. קאַכאַנסקי, וועלכער האָט אין לעצטן

בומער „צוקונפט״ געדרוקט אַן אַרבעט אונטערן נאָמען: „דער הומאַניזם פון זיגמונט מענקעס״ און צווישן אַנדערע באַרירט די פראַגע וועגן די קליינע צאָל מאָלערייען, וואָס ער האָט געשאַפן אויף ייִדישע טעמעס.

מיר דערוואַרטן פון מענקעסן, אַז אין זיין וויטערדיקער יצירה זאָלן זיינע מאָלערייען ברענגען צום אויסדרוק אונדזער נייעם און באַנייטן ייִד אין מדינת ישראל; דאָס לאַנד, וואָס ווערט פון ייִדן געבויט און פאַרטיידיקט; דאָס לאַנד, ווו ייִדישע הענט קולטיווירן רויזן; דאָס לאַנד, וווּ עס שוועבט דער גייסט פון אונדזערע נביאים, וווּ עס לעבט אויף די עטיק און מאָראַל פון אונדזער תורה; דאָס לאַנד, וווּ עס ווערט פאַרזיכערט פאַר דער צוקונפט דער קיום פון אונדזער פאָלק; דאָס לאַנד, וווּ אָנשטאָט אַנטאַגאָניזם פון מענטש צו מענטש ווערט געפלעגט דער געדאַנק פון ליבע צו מענטש און צו דער מענטשהייט. מיר ווינטשן אונדזער פריינט מענקעס, אַז ער זאָל זיין בכוח זיך צו פאַרזאַמען אַ שטיקל צייט אין אונדזער היימלאַנד — מדינת ישראל — און דאָרט ברענגען צום אויסדרוק זיינע געפילן און אידייען און מיט זיין גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט, דורך זיינע פאַרבן און קאָלירן פאַראייביקן אויף לייוונטן דאָס היינטיקע בויענדיקע ייִדישע היימלאַנד — ישראל!

.1956

געוואָרעמט פון דער אַלטער וועלט

(וועגן ש. באַנטשעקס בוך „ווי עס געדענקט זיך")

אַ פאָלקס־וואָרט דערציילט אונדז, אַז דער אמת איז פיל אינטערעסאַנטער ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה. נאָך אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט אונדז, אַז „די בעסטע אויסגעטראַכטע מעשה איז דער אמת". וויפל מאָל מיר זאָלן זיך נישט איבערציַיגן אין דער ריכטיקייט פון די דערמאָנטע פאָלקס־ווערטלעך — איז פונדעסטוועגן אַ מחיה צו קריגן אַ געלעגנהייט נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל דעם דאָזיקן אמת צו באַשטעטיקן.

אַזאַ געלעגנהייט האָט אונדז לעצטנס געגעבן ש. באַנטשעק מיט זיין בוך אונטערן נאָמען „ווי עס געדענקט זיך". אַן אויטאָביאָגראַפישע שילדערונג פון זיין געבוירן־טאָג אָן אין דער אַלטער היים, אין אַ שטעטל לעבן לאָמזשע און אין לאָמזשע גופא; שפּעטער אין וואַרשע, — ביז צו זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע — אין דער „נייער וועלט" אַריין.

מיט איין זאַץ, מיט וועלכן ש. באַנטשעק פאַרענדיקט זיין בוך, — טראָץ דעם וואָס ער דערציילט אונדז גאָרנישט פון זיין לעבן אין אַמעריקע פאַר קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט, — גיט ער אונדז אָבער איבער דעם גרויסן אמת, אַז אין משך פון זיין לעבן אין אַמעריקע, דאָס מיינט קרוב צו פופציק יאָר, איז ער געוואַרעמט געוואָרן פון דער אַלטער וועלט. דאָס מיינט, אַז זיין גייסטיקע חיונה במשך פון זיין לעבן אין דער „נייער וועלט" האָט ער געצויגן פון דער אַלטער היים, פון זיין טאַטן און זיידן און פון די אַלע אָפּגעשטאָרבענע דורות, וועמענס שלשלת היוחסין עס גרייכט צו די תנאים און אמוראים; פון די דורות, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַזוי שטאַרק פאַראַנקערט אין די קוואַלן פון ייִדישקייט, אַז אַפילו די וועלכע זענען אַדורכגעשוווּמען דעם ים און דערגרייכט די ברעגעס פון דער „נייער וועלט", אַמעריקע — שעפּן זייער יניקה פאַר דעם גייסטיקן רוח החיים פון דער אַלטער וועלט.

האָבן געמעגט זייער פיל פון אונדזערע „מדריכים" אויף דער אַמעריקאַנער

ערד זיך באַמיִען איינצופלאַנצן דעם געדאַנק, אַז די קולטור פון אונדזער אַלטער וועלט איז אַלטמאָדיש; אַז די ייִדישקייט, אין וועלכער עס האָבן זיך געקלאַמערט אונדזערע טאַטעס און זיידעס, איז די פּרוכט פון אָבערגלויבן, — דאָך איז זיי נישט געלונגען אָפּצומעקן פון דער געדעכעניש פון פיל, זייער פיל ייִדן אין אַמעריקע זייערע אַלטע היימען אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע. אין אַמע־ריקע, אין זייער נייער היים, האָבן זיי זיך געוואַרעמט אין די שטראַלן פון דער אַלטער וועלט; געשעפּט גייסטיקע ליכט פון דעם „אַלטמאָדישן" נר־תמיד — פון דער אַלטער וועלט.

נאָך אַן אמת גיט אונדז איבער באַנטשעק אין זיין בוך, — דער אמת, ווי אַזוי עס האָבן געלעבט אין אָרעמקייט און אין נויט אַחינו בני ישראל; ווי אַזוי עס האָט זיך געהאָדעוועט אין זייער פיל היימען דאָס ייִדישע קינד; ווי אַזוי עס האָט אין יענער צייט אויסגעזען ייִדיש לעבן; ווי ס'איז געווען די באַציִונג פון טאַטן צו קינד און פון קינדער צו זייערע עלטערן. באַנטשעק גיט אונדז די מעגלעכקייט פון אַן אינטימען אַריינבליק אין לעבן און ליידן פון זיין אייגענער פּערזאָן, זינט ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אויף דער זאַמדיקער „פּאָדלאָגע" פון זיין טאַטנס שטוב.

זייער פיל שרייבער, פּאָעטן און קינסטלער האָבן אונדז געשילדערט דאָס לעבן פון ייִדן אין דעם שטעטל פון דער אַלטער וועלט; מיט פאַרשיידענע פאַרבן פאַר אונדז געמאָלן די ייִדישע נויט, די ייִדישע אָרעמקייט, דעם מלמד מיט זיין חדר, דעם קאַנטשיק מיט די „האַרטע לאָקשן", פון לעדער געמאַכט, וואָס האָבן געביסן דעם קערפּער און זיך איינגעשניטן אין לייב פון דעם רבינס שמיץ. אונדזער נייע ייִדישע ליטעראַטור האָט געשטעלט די ערשטע טריט מיט איבערגעבן אין אַלע פאַרבן די ליידן און יסורים, די נויט, דעם הונגער, די שרעקלעכע אָרעמקייט פון אַחינו בני ישראל אין שטעטל, אין דער אַלטער היים. זי האָט באַשריבן דעם אומרו, די בענקשאַפט, די חלומות, די דערוואַרטונגען פון יונגן דור; האָט דערציילט וועגן דעם איבערגאַנג פון תורה צו מלאכה און וועגן די גרויסע האָפענונגען, וואָס די יוגנט פון דער ייִדישער אָרעמקייט האָט געלייגט אויף דעם באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס עס האָט אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; די השפעה פון די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויף דער ייִדישער יוגנט; וועגן דער קרבנות־גרייטקייט פון די בראַווע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן־קעמפער, וועלכע האָבן אין דער ייִדישער גאַס אַריינגעטראָגן דעם פרילינג־ריח פון באַנייטן לעבן. אַז מיר לייענען די ליטע־ראַטור אויף די אויבנדערמאָנטע טעמעס, באַוווּנדערן מיר די פאַרבן־רייכקייט פון די שילדערונגען, די ליטעראַרישע באַגאַבונג פון שרייבער, דעם ווערטער־שפּיל אין דער שפּראַך־קונסט. מיר פאַרכליניען זיך פון דער שיינקייט פון דער קונסט און גאַנץ אָפט פאַרגעסן מיר, אַז פאַר אונדז ווערט געשילדערט דער אמת פון

לעבן. מיר מיינען, אַז עס איז פיקציע; אַז עס איז נישט מער ווי שיינע קונסט, ליטעראַרישע שילדערונג. דער רייץ פון געטאַקטן זאַץ, די שיינקייט פון וואָרט, דער קינסטלערישער אופן פון אַרויסברענגען דעם אמת, פאַרשלינגט אַפּטמאָל דעם אמת גופא. מיר באַוואונדערן די שילדערונג און פאַרגעסן דעם רעאַלן אמת. מיר מיינען, אַז דער אמת איז אַ קינסטלערישער, אַז דער שריפטשטעלער האָט אים אין זיין דימיון אויסגעטראַכט. ש. באַנטשעק דערציילט אונדז דעם רעאַלן אמת, דערביי אָן פּרעטענזיעס, נישט פּרעטענדירנדיק אויף דער קרוין פון דער שיינער קונסט. ער גיט אונדז איבער דעם אמת אין זיין גרויער נאַקעטקייט, אָט אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט, ווי עס האָט אויסגעזען, ווי דורך אַ שפּיגל געזען. דערביי איז די שפּראַך זיינע, אָט דאָס יִדישע לשון, אַזוי היימיש, אַזוי ראַזאָווע, אַזוי פּשוט און דאָס גאַנצע בוך לייענט זיך ממש אָטעם־פאַרכאַפּנדיק.

דער נאָמען פון בוך — „ווי עס געדענקט זיך" — דאַרף אָנדייטן, אַז דאָס גע־שריבענע איז זכרונות, ווי דער זכרון האָט ביי זיך באַהאַלטן די פּאַסירונגען און געשעענישן פון אייגענעם לעבן און פון דעם נאָענטן אַרום, סיי אין דעם קליינעם שטעטל פּיאַנטניצע, סיי שפּעטער אין לאָמזשע און סיי אין וואַרשע; סיי אין וואַר־שטאָט אַלס לערן־יִינגל ביי אַ פּאַסיק־מאַכער, סיי אויף דער אַרבעטער־בערזע, וווּ עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועל־כע האָבן אָנגעהויבן צו פירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פאַר בעסערע לוינען, פאַר בעסערע און מענטשלעכערע אַרבעטס־באַדינגונגען.

מיר זעען אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן, וואָס באַנטשעק ברענגט אַרויס אין זיין בוך: די פּאָרטרעטן פון די שכנים פון טאַטנס שטוב; זיין שטיפמוטער, זיינע ברי־דער, זיין טאַטע דער מלמד אַליין, זיין כעס, זיין צאָרן, זיין אייביקע אומצופרידנ־קייט, וואָס ווערט אויסגעלאָדן אין דער שטרענגער, אָפּטמאָל ממש אַכזריותדיקער באַציִונג צו די אייגענע קינדער און גאַנץ באַזונדערס צו באַנטשעקן גופא.

דער מחבר שילדערט די שטיפמוטער זיינע, איר באַהאַנדלונג, די יסורים פון טאַטנס קלעפּ, דעם הונגער און נויט, וואָס האָט אים אַרומגענומען ביים אַנטלויפן פון טאַטנס שטוב; דעם רחמנות אויף אים מצד די שכנים, די משפּחה שלייפער, זיין ליגן קראַנקערהייט אין אַ שטאַל, וווּ עס זענען געשטאַנען די פעסער מיט די גע־זאַלצענע קישקעס; דעם אָנהייב פון זיין אַרבעט ביים טאַטן אין חדר, לערנענדיק מיט קינדער. שפּעטער זעען מיר אים, דאָס יונגע יִינגל, ווי אַ שומר פון אַ פּרוכט־גאָרטן; זיינע מסחרים מיט סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי; זיין שופר בלאָזן ימים נוראים אין דאָרפישן מנין; זיין דורכפאַל, רייטנדיק אום ראש־השנה אויף אַ פערד. נאָך שפּעטער אין וואַרשע אַלס לערן־יִינגל ביי אַ פּאַסיק־מאַכער; די אי־בערלעבענישן זיינע בעת דעם שטעלן די ערשטע טריט אויף דער אַרבעטער־בערזע; זיין אָנטייל אין אָרגאַניזירן די אַרבעטער־באַוועגונג און די זעלבסט־שוץ;

די ערשטע פּאַרליבטע בליקן אויף אַ מיידל; די ערשטע באַגעגענישן זיינע מיטן שוואַכן מין; דער איבערגאַנג פון אַ יינגל צו אַ פולן דערוואַקסענעם מענטשן; דאָס קומען אַהיים צום טאַטן זיך געזעגענען פאַרן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע; דער פאַר־ביסענער כעס אויפן טאַטן פאַר זיין שטרענגקייט צו אים. און שפּעטער נאָכן קומען פון וואַרשע אַלס זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער, אַלס עקאָנאָמיש־אומאָפּהענגיקער, זיין ליבשאַפט צום פאָטער, זיין צוגעבונדנקייט. דער מרחק, וואָס דעם טאַטנס האַרבקייט האָט גורם געווען צווישן אים און זיין קינד, און די נאָענטקייט, וואָס די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט האָט אַריינגעבראַכט צווישן אים און דעם טאַטן; זיינע לעצטע טעג ביים טאַטן אין דער היים, פאַרן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע; די בעסערע באַציִונג פון זיין שטיפמוטער; דאָס נישט וועלן זיך געזעגענען; דאָס שטיין ביים פענצטער פון טאַטנס שטוב אין לאָמזשע און מיט זיין אָטעם שמעלצן די פאַרפרוירענע שויבן פון די פענצטער... וכו׳, וכו׳. — אָט דאָס אַלץ האָט באַנטשעק פאַרשריבן פון זכרון אַזוי לעבעדיק, אַזוי פּריש, אַזוי צאַפּלדיק, ווי דאָס וואָלט אָקאָרשט פּאַסירט און נישט מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

באַנטשעק האָט זייער פיל צו דערציילן אויך פון זיין לעבן אין אַמעריקע — אָט אין דער „נייער וועלט״, וווּ, ווי ער אַליין גיט איבער, ער איז פאַר דער גאַנצער צייט געוואָרעמט געוואָרן פון דער אַלטער וועלט.

מיר דערוואַרטן פון באַנטשעקן, אַז ער זאָל אונדז מיט דער זעלבער גע־שפּאַנטקייט דערציילן דעם אמת, זיין אמת, ווי ער האָט עס איבערגעלעבט, לויט זיין דערפאַרונג און אויף זיין היימישן יידיש־לשון — וועגן זיין לעבן פאַר די פופ־ציק יאָר אין אַמעריקע, פּונקט ווי ער האָט אונדז דערציילט פון זיין לעבן אין דער אַלטער וועלט.

„די איינזאַמע שיף"

(די דראַמע פון משה דלוזשנאָווסקי אין דער אויפפירונג פון דוד ליכט)

ייִדן, זייט זיך נישט מיאש! ווערט נישט פאַרצווייפלט! גורט זיך אָן מיט בטחון! גלייבט, אַז אין די שווערסטע צייטן פון סכנה וועט קומען הילף, וואָס וועט אייך ראַטעווען! די ווערטער זענען פון מנהיגי הדורות, פון גאָטספאַרכטיקע ייִדן, פון צדיקים און הייליקע, פון חסידישע רביים, — ווערטער וואָס שטאַמען נאָך פון אליהו הנביא, געזאָגט געוואָרן צו ייִדן אין אַלע צייטן פון סכנות נפשות!

דער באַקאַנטער שריפטשטעלער משה דלוזשנאָווסקי האָט אין זיין דראַמע „די איינזאַמע שיף", וואָס איז געשפּילט געוואָרן פון דער פאָלקס־בינע אין ניו־יאָרק, אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט, באַניײט די ווערטער פון דעם אַלטן רוף צו ייִדן זיך נישט מיאש צו זיין, נאָר זיך תמיד, אין די שווערסטע צייטן אָנגורטן מיט האָפענונג און גלויבן.

יעדער דור אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע האָט באַוויזן, אַז האָפענונג און גלויבן האָבן נישט פאַרפירט, נאָר געפירט צו לעבן. יעדער דור האָט געהאַט באַווייזן, וועלכע האָבן מאַניפעסטירט דעם כוח פון אמונה, וואָס האָט גובר געווען פאַרצווייפלונג. משה דלוזשנאָווסקי ווייזט אונדז אויף אַ קליינעם אָפּשניט פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע פון דעם היינטיקן דור, ווי דער כוח פון האָפענונג און גלויבן האָט גובר געווען פאַרצווייפלונג און געפירט צו לעבן.

די הויפּט־העלדן פון משה דלוזשנאָווסקיס דראַמע „די איינזאַמע שיף" זענען מענטשן פון אַ גאָר הויכער מדרגה; העלדן, וועלכע העלפן פאַרשטאַרקן דעם גלויבן אין גאָטס בחיר היצירה, אין מענטש; העלדן, וועלכע שטעלן זייער אייגן לעבן אין קאַן, אָדער זענען דאָס אייגענע לעבן מקריב, בכדי צו העלפן אַנדערע.

דער סיפור־המעשה פון דער דראַמע „די איינזאַמע שיף" איז אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט בימי היטלער ימח שמו. עטלעכע הונדערט פּליטים, דער גרעס־

טער טייל ייִדן, צווישן זיי אויך דער מחבר פון דער דראַמע, אומגליקלעכע, געטריבענע, אַנטלאָפֿענע פֿון די היטלער־רוצחים, האָבן געזוכט אַ פּלאַץ ערגעץ ווו אויף דער וועלט, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון די נאַצישע אַכזריותן. אויף עטלעכע הונדערט אומגליקלעכע פּליטים איז זיך מרחם אַ פֿראַנצויזישער קאַפּיטאַן פֿון אַ פֿראַנצויזישער לאַסט־שיף. ער נעמט די פּליטים אַרויף אויף זיין שיף, וואָס ווערט פֿון מחבר אָנגערופֿן מיטן נאָמען „עספּעראַנס" (האָפֿענונג). דער פֿראַנצויזישער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף שטעלט אין סכּנה זיין אייגן לעבן, בכדי צו ראַטעווען די פּליטים פֿון היטלערס נעגל. ער פֿאַרלאָזט די פֿראַנצויזישע וואַסערן אָן דער דערלויבעניש פֿון זיין אַדמיראַליטעט. אין ביז גאַר שווערע באַדינגונגען, אָן עסן צו דער זעט און אָן גענוג טרינק־וואַסער, אין ענגשאַפֿט, אונטער דער סכּנה פֿון טויט, טראָגט זיך אַ קליינע לאַסט־שיף אויף די כוואַליעס פֿון שטורמישן אַטלאַנטישן אָקעאַן, אָנגעפּירט פֿון אַ גרויסן מענטשן־פּריינט — פֿון קאַפּיטאַן לעבלאַן. צווישן די רייזנדע זענען פֿאַראַן גלויביקע און סקעפּטיקער, פֿרומע און פֿרייע ייִדן, מכּל המינים, סוחרים, קינסטלער, מענער און פֿרויען. די סקעפּטיקער ברענגען אַריין אַ ביסל פּחד און פּאַניק צווישן די רייזנדע, די גלויביקע דאַקעגן פֿאַרשפּרייטן האָפֿענונג און גלייבן, אַז די שיף וועט דערגרייכן אַ זיכערן ברעג. פּלוצים אָבער ווערן אַלע פּאַסאַזשירן פֿאַרציטערט. עס קומט אָן אַ נאַצישער סובמאַרין, וועמענס מאַנשאַפֿט עס פֿאַרלאַנגט פֿון פֿראַנצויזישן שיפֿס־קאַפּיטאַן אויסצוליפֿערן אַ ייִד מיטן נאָמען וויקטאָר שליסעל, וועמען זיי באַצייכענען אַלס אַ געפֿערלעכן שפּיאָן. די דייטשן גיבן זעקס שעה צייט אַרויסצוגעבן זיי דעם וויקטאָר שליסעל און אויב נישט וועלן זיי די שיף טאָרפּעדירן. צווישן די רייזנדע פֿאַרשטאַרקט זיך די פֿאַרצווייפֿלונג. עס איז שווער פֿאַר די גלויביקע צו שפּייזן דעם עולם מיט בטחון. עס בונטעווען זיך אויך די מאַטראָזן פֿון דער שיף קעגן זייער קאַפּיטאַן. זיי האָבן טענות צו אים, הלמאי ער האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ רייזע מיט פּליטים. אויך דער ערשטער אָפֿיציר פֿון דער שיף איז מיט דער מיינונג, אַז דער קאַפּיטאַן האָט נישט געטאָן קיין גלייכע זאַך. דער קאַפּיטאַן באַרויִקט אָבער דעם ערשטן אָפֿיציר און די מאַטראָזן. ער באַמיט זיך אויך איינצושטילן די פּאַניק פֿון די אומגליקלעכע פּליטים. אויף דער שיף איז אָבער קיין מענטש מיטן נאָמען וויקטאָר שליסעל נישטאָ. די דראַמע וויקלט פֿונאַנדער די פּרשה פֿון גרויסן פּחד פֿון די רייזנדע, וועלכע געפֿינען זיך פּנים אל פּנים מיט דער נאַצישער בעסטיע, וואָס גייט אומברענגען די שיף מיט די פּליטים אין די טיפֿענישן פֿון אָקעאַן, צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן און זיין מאַנשאַפֿט. דער קאַפּיטאַן האַלט זיך בראַוו, ווי אַ ים־לייב. פֿעסט און אַנטשלאָסן; זיינע מאַטראָזן דאַקעגן זענען געבראָכן אין זייער ים־קוראַזש. אויך זיין ערשטער אָפֿיציר איז געבראָכן, הגם ער ווייזט עס נישט אַרויס. וועגן די אומגליקלעכע פּליטים איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אויף דער שיף צווישן אַלע אומ־

גליקלעכע פאַרט אַ יידישער בחור מיטן נאָמען העברי פאָזנער. אַליין אַ באָהעם, אַ וואַנדערער, איז שוין אויסגעוועזן די גאַנצע וועלט, און איצט אַנטלויפט ער פון היטלערן. ער פאַרליבט זיך אויף דער שיף אין אַ יונג, שיין יידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם גרויסן וויין־סוחר. ער קאָן נישט צוזען דעם צער און פיין פון זיינע שוועסטער און ברידער און ער באַשליסט זיך אָנצוגעבן אַלס דער וויקטאָר שליסעל; איז גרייט איבערגעענטפערט צו ווערן צו די נאַציס און מיט זיין לעבן צו ראַטעווען אַלע רייזנדע אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, דער ערשטער אָפיציר, אַלע רייזנדע און די מאַטראָסן באַוווּנדערן דעם גרויסן מוט און אָפּפערוויליקייט פון יידישן בחור. מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, מיטן באַוווּסטזיין פון קדושת־השם גייט העברי פאָזנער — דער יידישער באָהעם — צו די נאַציס פון דער סובמאַרין.

די שיף ווערט געראַטעוועט פון אונטערגאַנג דורך דעם, וואָס דער יידישער בחור האָט זיך פרייוויליק אויסגעקליבן אַלס קרבן. די נאַציס פון דער סובמאַרין האָבן שפּעטער ווידער באַדראָט די שיף, אָבער אין צווישנצייט איז שוין געקומען הילף פון ענגלישן ים־פלאָט און עטלעכע קרייצער־שיפן האָבן באַגלייט די קליינע פראַנצויזישע לאַסט־שיף מיט די פּליטים ביז צו די ברעגעס פון צפון־אַפריקע, וווהין די שיף מיט די פּליטים איז אָנגעקומען בשלום.

דער רעזשיסאָר דוד ליכט, ווי די אַרטיסטן, האָבן אַריינגעלייגט אַ סך כוחות, בכדי די פאָרשטעלונג זאָל איבערגעבן וואָס מער פון דעם טראַגישן גרויל פון דער היטלער־תקופה.

אַ באַזונדער לויב פאַרדינט דער מחבר משה דלוזשנאָווסקי פאַר אַרויס־ברענגען אַזוי בולט אין דער דראַמע דעם נצחון פון אמונה איבער סקעפּטיציזם און דעם גלויבן אין מענטש. דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן לעבלאַן און דער יידישער בחור העברי פאָזנער זענען העלדן פון גאָר אַ גרויסער מענטשלע־כער מדרגה.

דער מחבר משה דלוזשנאָווסקי, וועלכער האָט דורכגעמאַכט די רייזע אויף דעראַזיקער שיף, אַליין מיטגעמאַכט די שוידערלעכע איבערלעבונג, האָט אין דער שווערער צייט פון געפאַר זיך אָנגעגורט מיט האָפענונג און גלויבן; ער האָט געפונען אחיזה אין אמונה און מיט דעם כוח פון גלויבן און האָפענונג איז ער צוזאַמען מיט די אַנדערע געראַטעוועט געוואָרן.

אמונה און בטחון האָבן דעם מחבר נישט אַנטוישט. העברי פאָזנער האָט פאַר זיינע אייגענע ברידער און פאַר דער גאַנצער וועלט מאַניפעסטירט די אָפּפער־וויליקייט פון ייִד פאַר זיין פאָלק און פאַר מענטש בכלל. דער פראַנצויזישער קאַ־פּיטאַן האָט מאַניפעסטירט זיין אייגענעם גלויבן און זיין מענטשלעכקייט אין דעם גרויסן ים פון רשעות, אכזריות פון די דייטשע מערדער.

עס איז אַ דראַמע, ווו מענטשלעכקייט זיגט איבער באַרבאַריזם. עס איז אַ באַ־נייאונג פון דעם אַלטן רוף: „געוואַלד, ייִדן, זייט זיך נישט מיאש". אַ רוף, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַנטוישט!

די פאָרשטעלונג איז אַ געוואַגטע. צו נאָענט שטייען מיר פון דער גרויזאַמער רציחה, וואָס היטלער איז באַגאַנגען לגבי אונדזער פאָלק. עס איז דעריבער גאָר שווער אַרויסצוברענגען קינסטלעריש דעם גרויסן אומגליק, וואָס ייִדן זענען אויס־געשטאַנען אין דער היטלער־תקופה. וויפל אַן אַרטיסט זאָל זיך נישט באַמיִען דורך זיין דמיון פאָרצושטעלן די גרויזאַמקייט, וויפל ער זאָל זיך נישט באַמיִען אַריינצולעבן אין דעם ים פון יסורים און פּיין, וואָס אונדזערע ברידער האָבן איבערגעלעבט אין דער פינצטערער היטלער־תקופה, וועט דאָס נישט זיין קיין שמץ פון די פּאַקטישע איבערלעבונגען. די, וועלכע האָבן נאָר פון דער ווייטנס אָבסערווירט די פלאַמען פון היטלערס גיהנום, וועלן צוגעבן, אַז עס איז ממש אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, ווער רעדט נאָך קינסטלעריש איבערצוגעבן, די שרעקלעכע יסורים, וואָס ייִדן זענען אויסגעשטאַנען פון די היטלער־תלינים.

ווען מיר נעמען דעם פאַקט אין אַכט, זעען מיר ערשט, ווי געוואַגט עס איז געווען דער רעזשיסאָר דוד ליכט מיט זיין גאַנצן אַנסאַמבל פון דער פאָלקס־בינע אונטערצונעמען די אויפפירונג פון דלוזשנאַווסקיס דראַמע. מיר זענען דעריבער מער ווי צופרידן צו קענען באַהויפּטן, אַז דער געוואַגטער שריט פון דער פאָלקס־בינע מיטן רעזשיסאָר בראש איז געלונגען. די פאָרשטעלונג „די איינזאַמע שיף" איז אַרויסגעקומען ביז גאָר דערפאָלגרייך!

.1956

דער טאָג־בוך פון אַננאַ פראַנק

די שורות ווערן געשריבן נישט מיט דער כוונה פון אַ רעצענזיע, פון אויסדריקן לויב־געזאַנגען צו די טאַלאַנטפולע אַרטיסטן, וועלכע האַלטן אין שפּאַנונג דעם צושויער. וועגן דעם האָבן שוין געשריבן די אָנגעזעענסטע און בעסטע טעאַטער־קריטיקער אין אַמעריקע, ווי למשל: אַטקינסאָן אין דער „ניו יאָרק־טיימס" האָט געשריבן, אַז די שפּיל און די פאָרשטעלונג זענען צו באַוווּנדערן. די צייטשריפט „לייף" האָט געשריבן: „איינע פון די פיינסטע בראָדווייער טעאַטער־שפּילן". טעאַטער־קריטיקער גיבס אין דעם זשורנאַל „ניו־יאָרקער" האָט געשריבן: „אַן אויסגעצייכנטע טעאַטער־שפּיל". וואָלטער ווינטשל האָט געשריבן: „דיין האַרץ וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן". קאַלעמאַן אין דער צייטונג „מיראָר" האָט געשריבן: „די פאָרשטעלונג האַלט דיך צוגעשמידט צו דיין זיץ־פּלאַץ". און די טעאַטער־צייטשריפט „קיו" האָט געשריבן: „דאָס בעסטע טעאַטער־שפּיל אויף בראָדוויי".

מיר דאַרפן דעריבער נישט שרייבן קיין טעאַטער־רעצענזיע, וואָרום וואָס נאָך דען קענען מיר מוסיף זיין צו דעם, וואָס איז שוין געשריבן געוואָרן. די באַרימטע אַרטיסטן, וועלכע נעמען אָנטייל אין דעם טעאַטער־שפּיל, ווי: יוסף שילדקרויט, סוזאַן שטראַסבערג, דעני מאַר, לואי דזשאַקאָבי, דעיווויד לעווין, גלאָריאַ דזשאַנס, גוסטי הובער, עווא רובינשטיין, קלינטאָן סאַנדבערג און דזשעק גילפאָרד זענען זייער גוט באַקאַנט אין דער טעאַטער־וועלט אַלס ערשטקלאַסיקע שוישפּילער און נייטיקן זיך נישט אין קיין באַזונדער רעקלאַמע. עס ווילט זיך נאָר אויסדריקן אונדזער דאַנקבאַרקייט צו די דערמאָנטע אַרטיסטן פאַר איבער־געבן אַזוי גוט, פאַר ברענגען צום אויסדרוק די אומגעהייערע ליידן און יסורים פון ייִדן אונטערן נאַצישן גרויל.

עס איז כדאי בקיצור איבערצודערציילן דעם סיפּור המעשה פון דער פּיעסע:

דאָס ייִדישע מיידל אַננאַ פראַנק האָט צו 13 יאָר אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָג־בוך וועגן די איבערלעבענישן, פּיין און יסורים, וואָס ייִדן האָבן דורכגעמאַכט

אונטערן נאַציִשן גרויל, בעת דער היטלער־אָקופּאַציע אין האָלאַנד. צוויי יאָר צייט האָט אַננאַ פראַנק טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרשריבן אין איר טאָג־בוך די אַלע איבער־לעבענישן, שטימונגען, יסורים און ליידן, וואָס זי מיט איר פאַמיליע, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אונטער דער נאַצי־הערשאַפט. צו 15 יאָר, אין חודש מערץ פון 1945, צוויי חדשים פאַר דער באַפרייאונג פון האָלאַנד, איז אַננאַ פראַנק געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון בערגען־בעלזען.

על פי נס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אָטאָ פראַנק, דער פאָטער פון אַננאַ, און ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך האָלאַנדס באַפרייאונג קיין אַמסטערדאַם צו דעם פּלאַץ, ווו ער מיט זיין משפחה, צוזאַמען מיט נאָך יידן, האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם־שטוב ביי קריסטלעכע פריינט, האָט ער דאָרט געפונען דעם טאָג־בוך פון זיין טאָכטער אַננאַ. דער טאָג־בוך איז דראַמאַטיזירט געוואָרן דורך פראַנסעס גודריטש און אַלבערט העקערט און פּרעזענטירט געוואָרן אויף דער בינע פון קארט־טעאַטער אין ניו־יאָרק דורך ה׳ קערמיט בלומגאַרטען.

דער טאָג־בוך פון אַננאַ פראַנק איז אַ זעלטענער דאָקומענט פון דער אַכזריות־דיקער היטלעריסטישער חורבן־תקופה פאַרן יידישן פאָלק; עס איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס ברענגט אַרויס לעבעדיק, צאַפּלדיק די ליידן און יסורים פון אַ יונג יידיש מיידל, אַלע אירע שטימונגען פון פּחד, צער און צאָרן, עמפּערונג און אויפברויז קעגן די נאַצישע פאַרפאָלגונגען. דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אין זייער פיל שפּראַכן, אַריינגערעכנט העברעיש, און איז געליינט געוואָרן פון הונדערטער און הונדערטער טויזנטער מענטשן איבער גאָר דער וועלט.

צום גרויסן באַדויערן איז דאָס דאָזיקע בוך ביז היינט נאָך נישט איבערגע־זעצט געוואָרן אויף יידיש און דער יידישער חורבן־ליטעראַטור פעלט דער וויכ־טיקער היסטאָרישער דאָקומענט. באמת אַ גרויסער שאָד. מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע פאַרלאַגן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן אַרויסגעבן די חורבן־ליטעראַטור. גאַנץ באַזונדערס מיינען מיר דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״, וואָס האָט צו פאַרצייכענען אַזאַ אומגעהייערן קרעדיט און גרויסן פאַרדינסט פון אַרויסגעבן איבער הונדערט און צוואַנציק ספרים, וואָס דער רוב פון זיי נעמט אַרום אונדזער חורבן־תקופה.

אַ פאַרמעגלעכער דייטשער ייד מיטן נאָמען אָטאָ פראַנק האָט גלייך צום אָנהייב פון היטלערס ממשלה דערשפּירט די גרויסע סכנה, וואָס קומט אויף יידן אין דייטשלאַנד און ער האָט דעריבער זיך אַריבערגעקליבן מיט זיין משפחה און מיט זיינע מסחרים קיין האָלאַנד.

אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג, בעת היטלערס האָרדעס האָבן אָקופּירט

האָלאַנד און אַרויסגעפירט יידן אין די גאַז־קאַמערן, האָט אָטאָ פראַנק איינגע־אָרדנט איבער זיין פאַבריק אַ באַהעלטעניש, ווו ער מיט זיין משפחה, צוזאַמען מיט נאָך יידן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. קיינער האָט פון דער באַהעלטעניש נישט געוווּסט חוץ עטלעכע אָנגעשטעלטע פון זיין פאַבריק. די באַהעלטעניש איז געווען אַ גרויסער בוידעם מיט באַזונדערע אָפּצאַמונגען, ווו פאַר יעדן איז געשטאַנען אַ בעט אויף שלאָפן. עס רעדט זיך אַזוי שלאָפן. עס איז געשטאַנען אַ בעט, וואָס האָט געדינט נישט אויף שלאָפן, נאָר אויף האַלטן די מענטשלעכע סקעלעטן איינגעהילט אין שרעק און אין פחד קעגן די לויערנדיקע געפאַרן פון טויט, אומקום און פאַרניכטונג, וואָס היטלערס חיילות און זיינע שטורעם־טרופּן האָבן געטראָגן צווישן יידן.

דאָס 13־יעריקע מיידל, אַננאַ, די יינגערע טאָכטער פון אָ. פראַנק, האָט פאַר־שריבן די איבערלעבענישן אין דעם טאָג־בוך, איבערלעבענישן וואָס ברענגען אַרויס זייער בולט, דראַמאַטיש, די שרעקלעכע יסורים און פּיין פון יידן אין יענער צייט. די 13־יעריקע אַננאַ האָט אויך פאַרשריבן אין איר טאָג־בוך איר יוגנטלעכן דראַנג נאָך לעבן, נאָך ליבע, די אַלע שוואַכקייטן פון מענטש. אַלע זיינע אינסטינקטן האָט זי פאַרנאָטירט מיט אַ זעלטענער פּרעציזקייט אין איר טאָג־בוך.

דעם 14טן יוני 1942 האָט אַננאַ פראַנק אָנגעהויבן שרייבן איר טאָג־בוך, אין וועלכן זי דערציילט, אַז מיט צוויי טעג פריער, דעם 12טן יוני, וואָס איז דאַן אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק, ווען עס איז געווען דער געבורטס־טאָג אירער, האָט זי זיך דאַן אויפגעכאַפּט זעקס אין דער פרי. אין דעם טאָג האָט זי באַקומען מתנות פון פאָטער און מוטער. זי האָט אויך באַקומען צוגעשיקט בלומען און מתנות פון פריינט.

די געבורטס־פייערונג, וואָס איז פאַרגעקומען זונטיק נאָכמיטאָג, דעם 14טן יוני, האָט אַננאַ פראַנק פאַרשריבן אין איר טאָג־בוך פון 15טן יוני, אין וועלכן זי דערציילט פון דער גוטער צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט ביי זיך אין הויז צוזאַמען מיט די חברים און חברות פון איר שולע.

שפּעטער, ווען די משפחה פראַנק האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם־שטיבל, האָט אַננאַ פראַנק אין דער באַהעלטעניש ממשיך געווען דאָס שרייבן איר טאָג־בוך און די לעצטע פאַרצייכענונג איז פון 1טן אויגוסט 1944, אין וועלכן זי שרייבט צווישן אַנדערע: „איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן אויפגערעגט און דאַן אומגליקלעך און שליסלעך האָט מיר אַ קריץ געטאָן אין מיין האַרץ, טראַכטנדיק וועגן דאָס שלעכטע פון אויסנווייניק און וועגן גוטן פון אינעווייניק און איך האָב געפּרוּווט צו געפינען אַ וועג צו זיין דאָס, וואָס איך וואָלט געקענט זיין און דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט זיין, ווען... עס וואָלטן נישט געלעבט קיין אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט".

מיט זיבן חדשים שפּעטער איז אַננאַ פראַנק געשטאָרבן. איר ניצול־געוואָרע־נער פאָטער האָט געפונען איר טאָג־בוך, וואָס איז געוואָרן אַזאַ זעלטענער היסטאָ־רישער דאָקומענט פון ייִדישע לײַדן, יסורים און פּײַן אונטער נאַצישן גרויל.

איבער פינף חדשים ווערט געשפּילט אַננאַ פראַנקס טאָג־בוך אין דעם קאָרט־טעאַטער, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון ניו־יאָרק, אַרום „טײַמס־סקווער". איבער 200 טויזנט מענטשן האָבן שוין געזען די פאָרשטעלונג און נאַכט נאָך נאַכט זענען די פּלעצער פאַרפולט. מענטשן וואַרטן וואָכן־לאַנג אויף צו באַקומען אַ פּלאַץ אין טעאַטער. ייִדן און נישט־ייִדן קומען זען די פאָרשטעלונג. עס איז צו מערקן גאַנצע משפּחות, וואָס קומען אין טעאַטער. ווי די טעאַטער־דירעקציע גיט איבער זעט זי פאָרויס, אַז די פאָרשטעלונג וועט נאָך אָנגיין אַ לענגערע צײַט, ווײַל טאָג־טעגלעך קומען אָן באַשטעלונגען אויף פּלעצער, וואָס זענען שוין געבוכט פאַר חדשים שפּעטער.

עס איז באמת געשען אַ נס, וואָס אַ גרופּע קינסטלער, ערשטראַנגיקע שוי־שפּילער, באַרימטע אַרטיסטן, האָבן אויף זיך גענומען די ראָל נאַכט נאָך נאַכט, אָן איבעררייס, בײַ אַ פול־געפּאַקטן טעאַטער־זאַל צו דערציילן און צו באַווײַזן פאַר די טויזנטער און טויזנטער באַזוכער די שרעקלעכע איבערלעבונגען, דאָס מאַרטירער־קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע פון ייִדישע לײַדן און פּײַן אונ־טערן נאַצישן רעזשים. גראָד אין אַ צײַט, ווען מען הייבט אָן אַפילו צווישן ייִדן צו פאַרגעסן אין די נאַצישע רציחות, דערמאָנען אונדז סוזאַן שטראַסבערג און יוסף שילדקרויט, זאָגנדיק אונדז: „זכור את אשר עשה לך היטלער!".

.1957

ד״ר יונה סאַלק און זיין גרויסע דערפינדונג

עלטערן זענען תמיד די ערשטע, וואָס גלייבן אין די פעיִקייטן פון זייערע קינדער. זיי זענען עס די ערשטע, וואָס טראָגן אַריין אין קינדס נשמה דערמוטיקונג, קוראַזש, גלויבן אין זיך, אין די אייגענע כוחות. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס די טאַטע־מאַמע פון ד״ר סאַלק, דעם וועלט־באַרימטן דערפינדער פון וווּנדערלעכן מיטל קעגן „פּאָליאָ״, האָבן אין טאָג, ווען די נייס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַז זייער זונס מיטל קעגן דער שרעקלעכער קראַנקהייט האָט געווירקט, די גאָר גרויסע שמחה איבערגעלעבט מיט טרערן אין די אויגן.

די מאַמע פון ד״ר יונה סאַלק האָט ווישנדיק די נאַסע אויגן געזאָגט צו צייטונגס־רעפּאָרטערן: „איך גלויב מיין קינד. איך האָב געוווּסט, אַז מיין זון וועט נישט זאָגן: «עס איז גוט» ווען עס איז נישט גוט״.

דער פינף און זעכציק־יעריקער פאָטער פון ד״ר סאַלק האָט געזאָגט: „איך בין נישט איבערראַשט. אַז מיין יונה טוט עפּעס, טוט ער עס אַלעמאָל ווי עס באַדאַרף צו זיין״.

די מענטשהייט איבער גאָר דער וועלט, טאַטעס, מאַמעס און קינדער, האָבן מנצח געווען אין דעם לאַנג־יאָריקן קאַמף קעגן „פּאָליאָ״. דער מלאך־הגואל פון דער גרויזאַמער קראַנקהייט, דער בעל־הנצחון איז דער יונגער געלערנטער: ד״ר יונה סאַלק.

***

ד״ר יונה סאַלק איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 28סטן אָקטאָבער, 1914, גלייך נאָך דעם שאָס אין סאַראַיעווע, וואָס האָט פאַראורזאַכט די ערשטע וועלט־מלחמה. זיינע עלטערן, דאָרע און דניאל סאַלק, האָבן געברענגט אויף דער וועלט דריי זין. יונה איז דער עלטסטער פון זיי. אַלע דריי זין זענען דאָקטוירים.

איינער אַ וועטערינאַר־דאָקטאָר אין קאַליפאָרניע, איינער אַ פּסיכאָלאָג אין מאָנט־רעאָל און יונה, דער עלטסטער זון, דער דערפינדער פון וואַקסין קעגן „פּאָליאָ״.

ווי די עלטערן פון ד״ר סאַלק גיבן איבער, איז ער געווען אַ שטרענג רעלי־גיעזער. נאָך אין די סטודענטישע יאָרן זיינע פלעגט ער פּרייטיק בעטן דער מאַמען זי זאָל די ליכט אָנצינדן אַ ביסל שפּעטער, בעת ער וועט שוין האָבן געמאַכט די לעקציעס, בכדי נישט צו דאַרפן מחלל שבת זיין. וואָרום אַז עס זענען שוין אָנגע־צונדן די שבתדיקע ליכט, איבער וועלכע די מאַמע האָט שוין געמאַכט די ברכה, איז דאָך שוין אין שטוב שבת. היינט ווי קאָן ער דען נאָך זיצן און זיין פאַרטאָן אין זיינע לעקציעס ביי די שבתדיקע ליכט?

צו 16 יאָר האָט יונה סאַלק געענדיקט גימנאַזיע און צו 19 יאָר האָט ער פאַרענדיקט מיט הויכע אויסצייכענונגען דעם אוניווערזיטעט אין ניו־יאָרק. נאָכ־הער האָט ער שטודירט מעדיצין. נאָכן פאַרענדיקן זיינע שטודיומס אַלס דאָקטאָר־מעדיצין האָט דער יונגער סאַלק באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאָרשן ווירוס־מיקראָבן. מיט אַכט יאָר צוריק, אין 1947 האָט מען ד״ר סאַלקן אָנפאַרטרויט די מיסיע אָנצופירן מיט דער ווירוס־לאַבאָראַטאָריע אין פּיטסבורגער אוניווערסיטעט, וווּ ער איז געזעסן יומם ולילה צו אַכצן און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת על התורה ועל העבודה, געפאָרשט, געלערנט, געאַרבעט, בכדי אויסצוגעפינען אַ מיטל קעגן אינפלוענציאַ און קעגן פּאָליאָ.

ד״ר סאַלק האָט זיך דערצויגן אין יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט, האָט געלערנט פלייסיק יידיש און העברעיש אין יידישן צענטער פון בראָנקס, וווּ גייסטיקער מנהיג איז דער באַרימטער רב, יחיאל מיכל חרלפּ.

אין זיינע לימודים, סיי אין דער יידישער שול, סיי אויפן אוניווערסיטעט, האָט זיך תמיד יונה סאַלק אויסגעצייכנט מיט גרויס התמדה, און אַ דאַנק דער התמדה האָט ער דערגרייכט דאָס העכסטע, וואָס אַ בשר ודם האָט געקאָנט פאַר דער מענטשהייט דערגרייכן, — אַ ווירקזאַמען וואַקסין קעגן דער פּאָליאָ־קראַנקהייט.

קוראַזש באַזירט אויף טיפן גלויבן, און טי־פער גלויבן באַזירט אויף נסיון, האָבן געהאָלפן ד״ר סאַלקן צו דערגרייכן די ווונדערלעכע רפואה פאַר דער מכה, וואָס הייסט „פּאָליאָ״.

באַרימטע פערזענלעכקייטן אין אַמעריקע זענען געווען קרבנות פון דער שרעקלעכער פּאָליאָ־קראַנקהייט. דער באַרימטסטער פון זיי איז געווען דער פאַר־שטאָרבענער פּרעזידענט פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט. שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט שוין געהאַט פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס אין דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן. צו 39 יאָר איז ער קראַנק געוואָרן אויף פּאָליאָ און אין רעזולטאַט באַקומען אַ פּאַראַליז אויפן

האַלבן קערפּער. האָט נישט געקענט גיין אויף די פיס, האָט זיך באַוועגט דורך אַ ספּעציעלע שטול מיט רעדלעך.

די מוטער פון רוזוועלטן האָט שוין געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז איר געראָטענער זון דאַרף לעבן ווי אַן אינוואַליד, דאַרף זיך דערווייטערן פון עפנטלעכן פּאָליטישן לעבן. אָבער די פרוי פון רוזוועלטן, מאַדאַם עלינאָר רוזוועלט, האָט נישט אויפגעגעבן די עקשנות, אַז איר מאַן זאָל ווייטער אָנגיין מיט פּאָלי־טישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די פיס רוזוועלטס האָבן טאַקע נישט געקענט גיין, אָבער זיין מוח האָט געאַרבעט אויף אַ געניאַלן אופן. פאַר דער מאַכטלאָזיקייט אין די פיס, אין דעם האַלבן קערפּער, האָט משמעות רוזוועלט באַקומען דעם עקוויוואַלענט אין שכל, אין פּאָליטישער פקחות. און פופצן יאָר שפּעטער, נאָכן קראַנק ווערן אויף פּאַליאָ, איז רוזוועלט דערווילט געוואָרן צום העכסטן אַמט פון אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן — ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון אַמעריקע. אין זיין קאַדענץ, ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג, האָט ער געפירט דאָס לאַנד און די גאַנצע וועלט אין די שווערסטע צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

רוזוועלט, דער קרבן פון פּאַליאָ, האָט עס דער ערשטער דערמוטיקט צו שאַפן אַ פאָנד, וואָס זאָל דערמעגלעכן יונגע געלערנטע צו פאָרשן, צו אַרבעטן, בכדי אויסצוגעפינען אַ מיטל, וואָס זאָל פאַרהיטן די מענטשהייט פון דער שרעקלעכער און גרויזאַמער קראַנקהייט.

דער באַריכט וועגן דעם דערפאָלג פון ד״ר סאַלקס וואַקסין איז טאַקע פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין דעם טאָג, ווען עס איז אויסגעפאַלן דער צענטער יאָרצייט נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט רוזוועלט.

***

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן יידישע געלערנטע זייער פיל געלייסטעט פאַרן געזונט פון דער מענטשהייט מיט זייער דערפינדן מיטלען, וואָס האָבן געבראַכט אַ ישועה, אַ מילדערונג צו די שווערע מענטשלעכע ליידן און יסורים, וועלכע פאַרשידענע קראַנקהייטן זענען גורם. כדאי צו דערמאָנען די נעמען פון: ד״ר זלמן וואַקסמאַן, דעם דערפינדער פון דעם באַרימטן מיטל „סטרעפּטאָ־מיסין״, פאַר וועלכן ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקומען דעם נאָבל־פּרייז; ד״ר פּאָול ערליך, דער דערפינדער פון סאַלוואַרסאַן, אַ מעדיצין קעגן סיפיליס, פאַר וועלכן ער האָט אין יאָר 1908 באַקומען דעם נאָבל־פּרייז; ד״ר ערנסט כאַין, דער דערפינדער פון פּעניסילין, פאַר וואָס ער האָט אין יאָר 1945 באַקומען דעם נאָבל־פּרייז. איצט איז געקומען ד״ר יונה סאַלק מיט זיין וווּנדערבאַרער דערפינדונג

קעגן פּאָליאָ. און ווי מען הערט, וועט פאָרגעשלאָגן ווערן אין אַמעריקאַנער קאָנג־רעס, דורך אַ רעפּובליקאַנער קאָנגרעסמאַן פון ניו־יאָרק, אַז דער קאָנגרעס זאָל צוטיילן צו ד״ר יונה סאַלק אַן ערן־מעדאַל.

דער גאָווערנער פון שטאַט פּענסילוועניאַ האָט צוגעטיילט אַ מעדאַל צו ד״ר סאַלק פאַר זיין גרויסער און וויכטיקער דערפינדונג פאַר דער מענטשהייט. אַן אויסצייכענונג צו ד״ר סאַלק וועט אויך צוגעטיילט ווערן פון באַרימטן מט. סיני־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

***

זייער פיל ווערט צוגעשריבן דעם פאַקט, וואָס ד״ר סאַלקס דערפינדונג קעגן פּאָליאָ פאַלט צונויף מיטן יאָר, ווען עס ווערט געפייערט דער זיבן־הונדערט־ און־פופציקסטער יאָרצייט פון גרויסן מעדיצינישן גאון פון מיטלאַלטער, — פון ר מ ב״ם. עס איז אַ גרויסע זכיה פאַרן ייִדישן פאָלק צו זען, אַז אויף אַלע שטחים פון דער וויסנשאַפט איז פאַראַן אַ ייִדישע נאָכפאָלגערשאַפט, וואָס ווייזט אַרויס גרויסע גאונות און דערפינדערישקייט. אויך אויפן געביט פון דער מעדיצין; אַ געביט אין וועלכן דער רמב״ם האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע, איז פאַראַן אַ נאָכפאָלגערשאַפט, וואָס איז איצט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער גאונישער דערפינדונג פון ד״ר יונה סאַלק: די רפואה, וואָס ער האָט אויסגעפונען קעגן דער פאַרקריפּלונג פון גוף, — קעגן „פּאָליאָ״.

ד״ר יונה סאַלקס דערפינדונג איז אַ גרויסע פרייד פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט, און אין דער ערשטער מדרגה אַ גרויסע שמחה פאַר די קינדער און אייניק־לעך פון רמב״ם ז״ל.

1956.

די פערספעקטיוון פון קונסט און וויסנשאַפט

(אויפֿן ראַנד פון ד״ר ראָבערט אָפּענהיימערס אַ רעדע)

ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער, דער באַרימטער וויסנשאַפטלער, דער בעל־מלאכה פון דער ערשטער אַטאָמישער באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויף דער יאַפּאַנישער שטאָט היראָשימאַ, האָט געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע רעדע אין קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק, אין שייכות מיטן שליסן די פייערונגען פון איר 200־יאָריקן אַנטשטיין.

די רעדע פון ד״ר אָפּענהיימער איז צעטראָגן געוואָרן פון אַלע צייטונגען איבערן לאַנד. געשען איז דאָס צוליב פאָלגנדיקע טעמים: ראשית דער אינטערעס צום גרויסן געלערנטן, צום געניאַלן וויסנשאַפטסמאַן, צו איינעם, וואָס האָט געמאַכט אומאָפּשאַצבאַרע בייטראָגן צו דער אַטאָמישער וויסנשאַפט, און שנית, וואָס די לייטונג פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט האָט נישט צוריקגערופן די איינלאַדונג צו ד״ר אָפּענהיימער, אַז ער זאָל האַלטן די שלוס־רעדע טראָץ דעם, וואָס ער איז מצד דעם זיכערהייטס־ראַט פון דער אַטאָמישער קאָמיסיע געשטעמפּלט געוואָרן אַלס פּערזאָן, צו וועמען מען דאַרף זיך באַציִען „פּאָרזיכטיק“.

דער דריטער טעם אָבער, — און דער איז משמעות דער וויכטיקסטער, — איז: אַז די טיפקייט פון ד״ר אָפּענהיימערס געדאַנקען ,זיין פילאָזאָפישער בליק איבער היינטיקער צייט, זיין אויפפאַסונג וועגן די געשעענישן און די לעצטע אַנטוויקלונגען און דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער טעכניק, — איז פון קאָלאָסאַלן אינטערעס פאַרן ברייטן עולם, הגם די מחשבות זיינע זענען נישט אַזוי פאַרשטענדלעך פאַר יעדן בשר ודם.

די טעמע פון ד״ר ראָבערט אָפּענהיימערס רעדע איז געווען: „די פּערספּעקטיוון פון קונסט און וויסנשאַפט“. אין דער רעדע האָט ער אַנטוויקלט די מחשבה,

אַז אין דער היינטיקער תקופה פון אַזעלכע גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען איז שטאַרק נייטיק, מער ווי ווען עס איז אין די פריִערדיקע צייטן, די פולע פאַר־שטענדיקונג צווישן מענטש און מענטש, ווי אויך צווישן די באַזונדערע פעלקער. דערביי האָט דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן נישט פאַרפעלט אויסצודריקן זיין קומער און זאָרג, אַז אויב עס וועט חלילה נישט קומען צו קיין בעסערער פאַר־שטענדיקונג צווישן מענטש און מענטש איז דאָס עלול צו ברענגען אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע פאַר דער מענטשהייט.

ד״ר אָפּענהיימער האָט אין אַ גאַנץ אומעטיקן טאָן אַנטוויקלט דעם גע־דאַנק, אַז געלערנטע לעבן צופיל אין „אַנדערע וועלטן״; אַז זיי נעמען צו ווייניק אַנטייל אין די געשעענישן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. אַ וויסנשאַפטס־מאַן — האָט ער געזאָגט — איז צו איינזאַם און ווייט פון דעם פּראַקטישן לעבן. ער האָט דערביי גערופן די וויסנשאַפטלער זיך צו באַטייליקן אין אַלע טעטיקייטן, צו זיין נעענטער צום אַלטעגלעכן לעבן.

דער קלימאַקס פון ד״ר אָפּענהיימערס גייסטרייכער רעדע איז געווען זיין רוף צו ליבע, צו פאַרשטענדיקונג פון מענטש צו מענטש, צו אהבת אָדם, צום וחיי אחיך עמך, צו העלפן איינער דעם צווייטן. ד״ר אָפּענהיימער גלויבט שטאַרק אין ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש, ער איז זיכער, אַז מיר קאָנען זיך איינער דעם אַנדערן ליב האָבן.

„מען לעבט איצט אין אַ נייער וועלט, — האָט ער געזאָגט, — אַ וועלט וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן זייער פיל געענדערט, סיי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, סיי אין דער אָרדענונג פון דער זעלבער געזעלשאַפט. עס עקזיסטירן נישט מער די זעלבע באַגריפן, די זעלבע געדאַנקען. אין דעם לעבנס־רוים פון לעצטן דור איז איינגעטראָטן אַ פאַרפלייצונג פון אַ ים פון נייעם וויסן און האָט פאַר־טרונקען אַלץ, וואָס מיר האָבן פריִער געוווּסט. עס האָבן זיך פאַרמערט, און וואָס ווייטער מערן זיך שטאַרקער, די נייע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט. די גאַנצע וועלט איז איצט נאָענט געוואָרן אַ דאַנק די לופט־ליניעס. אַ דאַנק די הימל־וועגן קאָן מען פון איין טייל וועלט אין אַ קורצער צייט קומען צו דער צווייטער טייל וועלט. נאָר פּאָליטישע מחיצות טיילן פאַנאַנדער די וועלט. עס וואָלט געווען פאַלש צו קעמפן קעגן די ענדערונגען, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט געבראַכט. מען דאַרף לערנען ווי צו דערקענען די נייע ענדערונגען אויף דער וועלט און זען ווי אַזוי מען קען לעבן אין דער נייער וועלט.

„פאַר דער מענטשהייט — האָט ד״ר אָפּענהיימער געזאָגט — שטייט נישט פאַר קיין גרינג לעבן. עס איז גאָרנישט אַזוי לייכט צו קאָנען האַלטן אָפּן די מוחות און זיך פאַרטיפן אין די גרונטוועדטן, וואָס די נייע צייט האָט פאַרן לעבן געשאַפן. אָבער עס איז נישטאָ קיין עצה. דער נייער צושטאַנד, פאַר וועלכן די

מענטשהייט איז געשטעלט געוואָרן, איז געקומען דורך דער גרויסער איבערקע־רעניש, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט מיט זיך געבראַכט. אין דעם מצב קען איין מענטש העלפן דעם צווייטן. מען קען העלפן, ווייל מען קען איינעם דעם צווייטן ליב האָבן.

„אהבה, ליבע פון מענטש צו מענטש, דאַרף בכן זיין — לויט ד״ר אָפּענהיי־מער — די איינציקע באַזע פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. אַלץ דאַרף זיין געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון ליבע״.

***

ד״ר אָפּענהיימער, דער ייִד, איז אַ זון פון אַן אימיגראַנט פון דייטשלאַנד. זיין פאָטער האָט דאָ אין קאָלומבוסעס מדינה געמאַכט אַ גרויסן פאַרמעגן אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער איז געבוירן געוואָרן דעם 22סטן אַפּריל, 1904. אין ניו־יאָרק האָט זיך דער יונגער אָפּענהיימער געלערנט אין גימ־נאַזיע. חוץ ענגליש זיך אויך געלערנט פראַנצויזיש און גריכיש. אַלס יונגער ייִנגל האָט ער שוין געלייענט פּלאַטאָן אין אָריגינאַל אויף גריכיש. די 4 יאָר, וואָס ער האָט באַדאַרפט לערנען אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, האָט ראָבערט, מיט זיין גאונישן קאָפּ, פאַרטיק געמאַכט אין דריי יאָר. אין לערנען האָט ער געהאַט קפיצת הדרך. שפּעטער האָט אים דער פאָטער געשיקט שטודירן קיין אייראָפּע, קיין קעמברידזש און קיין געטינגען. צו 23 יאָר האָט אָפּענהיימער שוין געהאַט זיינע דעגריס פון די אַלע דערמאָנטע אוניווערסיטעטן. צוריקקומענדיק פון זיינע שטודיומס קיין אַמעריקע האָט דער יונגער אָפּענהיימער אָנגענומען די איינלאַדונג פון צוויי הויך־שולן אין קאַליפאָרניע, וווּ ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר.

אין 1943 האָט דער קריגס־דעפּאַרטאַמענט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אויסגעקליבן ד״ר אָפּענהיימערן אָנצופירן מיט די רעגירונגס־פּראָיעקטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פאַר דער אַרמיי אין דער שטאָט לאָס אַלאַמאָס.

אין 1947 איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר אַוואַנסירטע שטודיעס אין פּרינסטאָן, — אַן אינסטיטוציע פון בילדונג, ווו די גרעסטע וועלט־גאונים ווי: פּראָפעסאָר איינשטיין, ניעלס באָהר, ט. ס. עליאָט א״אַ האָבן געלייענט לעקציעס און סטימולירט אַנדערע צו בילדונג און וויסן.

ד״ר אָפּענהיימער איז געווען דער ראש פון דער אינסטיטוציע פאַר אַטאָמי־שער ענערגיע, פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַטאָמישער קראַפט. לעצטן יאָר האָט מען אים פון דער אינסטיטוציע באַזייטיקט, מיטן מאָטיוו, אַז מען קאָן אים נישט אָנפאַרטרויען קיין סודות פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג וועגן דער פּראָדוקציע פון אַטאָמישע וואָפן.

***

אין פּאָליטישע קרייזן שמועסט מען, אַז דאָס וואָס די לייטונג פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט האָט איס צוגעטיילט דעם כבוד צו רעדן ביים אָפּשלוס פון די פייערונגען צום 200־יאָריקן אַנטשטיין פון דער דערמאָנטער בילדונגס־אינסטיטוציע, באַווייזט די צאָגרעניצונג פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט פון פּסק דין קעגן אָפּענהיימערן.

יודעי חן טייטשן אויס די האַנדלונג פון דער פירערשאַפט פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט מיט דעם, וואָס די איינלאַדונג צו האַלטן די רעדע פאַר ד״ר אָפּענהיימער איז נאָך געשיקט געוואָרן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג וועגן ד״ר אָפּענהיימערס לאָיאַליטעט. איז כאָטש מען קאָן תמיד געפינען עפּעס אַ תירוץ אויף צוריקצוציען אַן איינלאַדונג, דאָך האָט עס די אוניווערסיטעט נישט געטאָן, און דאָס זאָל באַווייזן, אַז די וויסנשאַפטס־וועלט האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון די אַלע, וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו שטעמפּלען אָפּענהיימערן ווי אַ נישט זיכערן מענטשן. דער פאַקט באַווייזט, אַז די אַלע פּראָפעסאָרן פון קאָלומביאַ אוניווערסיטעט זענען מיט דער מיינונג, אַז קעגן אָפּענהיימערן איז באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסע עוולה, און אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון די שטרענגע רעגולאַציעס, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די אַלע, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי רעגירונגס־אַרבעטן פון אַטאָמישן וואָפן.

***

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס אין דער זעלבער צייט, ווען ד״ר אָפּענהיימער האָט געהאַלטן זיין דערמאָנטן גייסטרייכן רעפעראַט, האָבן די צייטונגען איבערגעגעבן די נייס, אַז די צוויי באַרימטע קאָלומניסטן פון דער גרויסער ענגלישער צייטונג „העראַלד טריביון“, די ברידער אַלסאָפּ, האָבן אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען: „מיר באַשולדיקן“. דאָס בוך פאַרנעמט זיך מיט דעם ענין פון ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער. אין בוך ווערט פּשוט געשריבן, אַז די אַטאָמען־קאָמיסיע האָט נישט צוגעגעבן קיין גרויסן כבוד צו אַמעריקע מיט איר אורטייל קעגן ד״ר אָפּענהיימער. די ברידער אַלסאָפּ שרייבן אין זייער בוך, אַז דער פּסק דין פון דער אַטאָמישער קאָמיסיע איז אומדערהערט, ווייל ד״ר אָפּענהיימער געהער צו די סאַמע וויכטיקסטע דערפינדער פון אַטאָמישן וואָפן אין אַמעריקע, און אונטער זיין אויפזיכט זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע אַטאָמישע באָמבעס.

קאָמענטאַרן זענען שוין געמאַכט געוואָרן פון פאַרשידענע סענסאַציע־זוכער, אַז דער נאָמען פון בוך, וואָס די ברידער אַלסאָפּ האָבן איצט אַרויסגעגעבן — „מיר באַשולדיקן“ — לאָזט זיך פאַרגלייכן מיטן נאָמען „איך באַשולדיק“ פון עמיל

זאָלאַ, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דעם קאָלום פון קלעמאַנסאָס צייטונג דעם 13טן יאַנואַר 1898, נאָכן באַרימטן דרייפוס־פּראָצעס.

דער פּשט, וואָס טייל ווילן לערנען, האָט אָבער נישט קיין יסוד, ווייל די אויספאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן קעגן ד״ר אָפּענהיימער פון דער אַטאָמישער קראַפט־קאָמיסיע, האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט וועלכע עס איז אַנטיסעמיטישע טענדענצן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיטן יונגן קאַפּיטאַן דרייפוס, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרקויפן מיליטערישע סודות פון פראַנקרייך צום דייטשן גענעראַל־שטאַב. יענע באַשולדיקונג איז געווען דורכויס אַן אַנטיסעמיטישע. פראַנקרייך האָט דאַן געפלאַמט מיט אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט פאַרסמט די לופט און אַנגעשטעקט מיט גלויבן אין בלבולים אויף יידן אַנגעזעענע פערזענלעכקייטן, גרויסע אינטעלעקטואַלן. אַפילו אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי קלעמאַנסאָ האָט דעמאָלט זיך געלאָזט באַווירקן, אַז דרייפוס איז טאַקע שולדיק און דאַרף דערפאַר פאַרמשפּט ווערן. מער נישט קלעמאַנסאָ האָט זיך באַלד איבערצייגט אין שקר־בלבול און דערפאַר האָט ער אין זיין קאָלום פון זיין צייטונג פאַרעפנטלעכט זאָלאַס אַרבעט מיטן נאָמען — „איך באַשולדיק״.

דער פאַל אָבער מיט ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער, די באַשולדיקונג, וואָס איז קעגן אים געמאַכט געוואָרן, און דער פּסק דין, וואָס איז קעגן אים אַרויסגעטראָגן געוואָרן, האָט נישט קיין שום אַנטיסעמיטישע טענדענצן. אַלס באַווייז דערצו קאָן דינען דער פאַקט, וואָס דער, וועלכער האָט אַממיינסטן צוגעהאָלפן, אַז דער פּסק דין קעגן אָפּענהיימערן זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער ייִד, אַדמיראַל לויִס סטראַוס, דער פאָרזיצער פון דער אַטאָמישער ענערגיע־קאָמיסיע.

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע זיך אַריינצולאָזן אין אַ חקירה ודרישה, צי דער משפּט קעגן ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער איז אַ ריכטיקער צי נישט; צי האָט ער פאַרדינט דעם האַרבן פּסק דין, אָדער נישט, — דאָס לאָזן מיר איבער פאַר יוריסטן, פאַר זאַכקענער, אָדער גאָר פאַר דער געשיכטע צו אורטיילן. די ברידער אסלאפ זענען מסתמא נישט די לעצטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם קאַפּיטל לאָיאַליטעט, פאַרטרויאונגסווערטיקייט וכדומה פון ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער. עס וועט נאָך גאָר אַ סך געשריבן און גערעדט ווערן וועגן דעם. מיר האָבן נאָר געוואָלט אָנווייזן, אַז לערנען פּשט אין מאַכן געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס, און דערביי פּרווון אויפצודעקן השדים פון אַנטיסעמיטישע טענדענצן, איז נישט אויפן פּלאַץ און האָט נישט הינטער זיך קיין שום ערנסטן יסוד. עס איז גיכער אַ פאַרגלייך צו אַ ביצה שלא נולדה ביום טוב.

די וועלט פון פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטסלייט און געלערנטע, — זיי האָבן באַוויזן נישט איינמאָל, אַז זיי שטימען נישט איין מיטן פּסק דין קעגן אָפּענהיימערן.

דאָס איז אויך באַוויזן געוואָרן איצט דורך די געלערנטע און לייטונג פון קאָלומביא־אוניווערסיטעט מיט געבן ד״ר אָפּענהיימערן דעם כבוד צו האַלטן די שלוס־רעדע ביים פאַרענדיקן זייערע פייערונגען.

***

ביאָגראַפן פון ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער דערציילן, אַז אין זיין יוגנט האָט ער זיך אַנגעזאַפּט מיט פּלאַטאָנס דיאַלאָגן, וואָס ער האָט געלייענט אין אָריגינאַל, — אין גריכיש. פון דעם ווערט געדרונגען, אַז פּלאַטאָן האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון ד״ר אָפּענהיימער. פון פּלאַטאָן זאָל ער האָבן געלערנט צו לייגן דעם דגש חזק, — צו אונטערשטרייכן דאָס עטישע איבער דעם וויסנשאַפטלעכן; אַז וויסן איז נישט אָפּטיילבאַר פון גוטסקייט, פון גוטע מידות וכדומה, און אַז אַלץ וואָס איז גוט איז אויך דער אמת. אַזוי ווי פּלאַטאָן איז געווען אַ פּראַקטישער פילאָזאָף און נישט קיין וויזיאָנער — ווייזן אָן די ביאָגראַפן — איז אויך ד״ר אָפּענהיימער אַ פּראַקטישער דענקער. די געדאַנקען, וואָס ד״ר אָפּענהיימער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין לעצטער רעדע וועגן ליבע צו מענטש, וועגן אַ בעסערער פאַרשטענדיקונג פון מענטש צו מענטש און צווישן פעלקער, זענען דורכויס יידישע, און דאָס ליגט אין דעם יידישן בלוט פון דעם גרויסן געלערנטן ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער.

בית ישראל איז געבויט אויף אהבת עולם, אויף ליב האָבן די מענטשהייט פון דער וועלט, אויף צו טראָגן ליכט און פאַרשטענדיקונג צווישן איין מענטש און צווייטן. עזוב תעזוב, העלפן דאַרף איינער דעם צווייטן און די הילף זאָל זיין אויפן יסוד פון אהבה, פון אמתער ליבשאַפט. ווי אַ בן ישראל, ווי אַ קינד פון יידן, ציט זיין יניקה ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער פון דעם יידישן אהבת עולם, ווי ער איז אויסגעדריקט אין דער כוונה פון אונדזער תפילה, ווי די מסדרים פון דער תפילה האָבן דעם אהבת עולם מכוון געווען, און ווי די זעלבע תפילה קומט צום געפילן־אויסגוס פון אחינו בני ישראל ביים דאַוונען.

ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער, איינער פון די גרעסטע וויסנשאַפטלער פון אונדזער צייט, דער וואָס ראַנגלט זיך מיט יסורים און ליידן, פאַרוואָס די אַנטדעקונגען פון דער וויסנשאַפט ווערן פאַרווענדט אויף שעדלעכע צוועקן פאַר דער מענטשהייט, האָט איצט געוואָרפן די לאָזונג פון ליבע פון איינעם צום צווייטן, פון בעסערער פאַרשטענדיקונג פון מענטש צו מענטש, פון אהבת עולם. ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער ווייסט אָבער נישט, אַז מיט זיין גאונישן קאָפּ, צו וועמען די וויסנשאַפטלעכע וועלט קוקט אַרויף, און מיט זיינע „נייע" אידעען, איז ער נישט מער ווי דער אויסדריקער פון דעם אַלטן יידישן גלויבן אין אהבת עולם.

זי פּאָליטיק האָט דעם גרויסן וויסנשאַפטסמאַן איזאָלירט, האָט אים מיט אַ האַרבן פּסק־דין פאַרשיקט אין דער איינזאַמקייט אַריין. די וויסנשאַפט אָבער, די אַלע פּראָפעסאָרן און געלערנטע, די פאַרטרעטער פון די שבע חכמות אין דער וועלט, די פּאַלעסטרע פון די קולטור־טרעגער פון די אמתע גאוני הדור, די גע־ניאַלע דענקער פון דער היינטיקער צייט, — זיי האָבן זיך אָפּגעגרענעצט פון דער פּאָליטיק, מכבד געווען אים מיטן גרויסן כבוד צו זאָגן תורה, אַרויסצוברענגען זיינע מחשבות פון עיון איבער די פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט אין דער היינטיקער תקופה פון וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, און ד״ר ראָבערט אָפּענ־היימער האָט צוריק באַנייט דעם אַלטן יידישן רוף צו אהבת עולם.

הלוואי זאָל דער רוף פון ד״ר ראָבערט אָפּענהיימער אַריינדרינגען אין די הערצער און מוחות פון דער מענטשהייט און מאַכן דעם יסוד פון אונדזער צוקונפט: אהבה, ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש!

.1955

V

די אַלטיטשקע (סקיצע); — **אַ לוויה אויפֿן ים;** — **וואָס איז בלויער?** (רעפּלעקסן); — **טרערן נאָך ביימער;** — **„דער טויט איז זיס";** — **„גוט מאָרגן, טרויער"** (פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע ביכער אין אַמעריקע); — **אַ בלאַט גמרא אויף בראָדוויי;** — **דאָס בעסט־פֿאַרקויפֿטע בוך** — **אונדזער אַלטער ספֿר;** — **בטלנים.**

די אַלטיטשקע

(סקיצע)

דאָס ליכט פון דער גאַסן־לאַמטערנע האָט געוויזן רויט — אַ סימן, אַז מען טאָר די גאַס נישט דורכגיין. ביי דער לאַמטערנע איז געשטאַנען אַן אַלטיטשקע פרוי און געוואַרט: אויפן גרינעם ליכט און אויף אַ פאַרבייגייער, וואָס זאָל זי העלפן אַריבערגיין די גאַס. אַ נערוועזער, מיט כלערליי מחשבות אין מוח, איז אַנגעגאַנגען פיליפ. ער האָט זיך געאײַלט צו דער פּאָסט, בכדי אַוועקצושיקן עטלעכע וויכטיקע בריוו, צווישן זיי אויך אַ לופט־פּאָסט־בריוו צו זיין רעדאַקציע מיט וויכטיקע קאָרעספּאָנדענצן וועגן די לעצטע פּאַסירונגען אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון אַמעריקעס הויפּט־שטאָט.

שוין לאַנג, אַז פיליפ האָט נישט געשריבן פאַר זיין רעדאַקציע. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט, חדשים לאַנג געלעגן צו בעט, אויסגעשטעלט אויפן חסד פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים געקאָרמעט מיט גוטע האָפענונגען, אָבער נישט פאַרבעסערט זיין צושטאַנד. האָבן אויך נישט באַוויזן אים אַרויסצונעמען פון דער שרעקלעכער דעפּרעסיע, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט אין רעזולטאַט פון דער קראַנקהייט.

דעם טאָג איז פיליפ צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס. אין דעם טאָג האָט ער זיין ערשטן אַרטיקל געשריבן פאַר זיין צייטונג. ער האָט אַליין דעם בריוו אַוועקגעטראָגן צו דער פּאָסט און אַוועקגעשיקט רעגיסטרירט.

אַ טיף פאַרטראַכטער, איינגעהילט אין פאַרשידענע מחשבות, האָט פיליפ פלוצים דערפילט ווי עמיצער האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט. אַן אַלטיטשקע פרוי איז דאָס געווען, וואָס האָט אים מיט קוים הערבאַרע ווערטער געבעטן, ער זאָל איר העלפן אַריבערגיין די גאַס. אַ נידעריקע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַטלעסענעם מאַנטל. וויכע פּאַנטאָפל אויף די פיס. אַן אַלט־מאָדישער הוט מיט אַ שטרויספעדער אויפן קאָפּ. זי האָט געוואָרפן בליקן צו פיליפן, זיך באַמיט

אַרויפצוקוקן אויף אים און נישט געקענט. פון אַלטקייט האָט זיך דער נאַקן שוואַך באַוויגן. דאָס איינציקע, וואָס די אַלטיטשקע האָט געקענט, איז געווען קוקן אַראָפּ אויף דער ערד, אָבער נישט אַרויף, נישט צום הימל צו. פיליפּ איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן. קאַרגע זעקס אינטשעס די הויך. איר בליק האָט קוים געגרייכט צו פיליפּס אָרעמס, אָבער נישט צום קאָפּ.

מיט עלעגאַנטער העפלעכקייט האָט פיליפּ גענומען די אַלטיטשקע אונטערן אָרעם און זי אַריבערגעפירט די גאַס. ער האָט איר דאַן פאָרגעלייגט אָפּצופירן ביז איר היים, אויף וואָס די אַלטיטשקע האָט מסכים געווען. די ערשטע טריט פון פיליפּן מיט דער עלטערער פרוי זענען באַגלייט געוואָרן פון אַ טיפער שטילקייט. פיליפּ האָט ווייטער געטראַכט וועגן זיינע עניינים, וועגן זיין פאַרשלעפּטער קראַנקהייט, וועגן זיין געדריקטער שטימונג, וועגן זיין אַרבעט פאַר דער רעדאַקציע. די אַלטיטשקע האָט געוועבט אירע טראַכטונגען. דערנענטערנדיק זיך צום הויז, ווו זי האָט געוווינט, האָט זי איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ פראַגע:

— זאָג מיר, מיין הער, ביסטו קראַנק? פעלט דיר עפּעס אין דיין געזונט?

פיליפּ האָט אויפגעציטערט. פון וואַנען ווייס די פרוי אים צו פרעגן אַזעלכע שאלות? ווי האָט זי שוין דערשפּירט, אַז ער איז קראַנק? פון וואַנען נעמט זיך בכלל ביי איר אַזאַ געדאַנק גאָר? קוים עטלעכע מינוט, ווי זי געפינט זיך אין זיין געזעלשאַפט; קוים צוויי גאַסן אַדורכגעגאַנגען. היתכן? פיליפּ האָט זיך אין גאַנצן אָנגעצונדן, דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט נישט געוווסט ווו אַ קערעווע צו טאָן זיינע געדאַנקען, האָט אָן אויפהער נערוועז געבראָכן זיינע פינגער און אַ שטוינענדיקער געענטפערט:

— יאָ, מאַדאַם, איך האָב דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט. כ׳פיל זיך איצט בעסער, אָבער בין נאָך נישט אינגאַנצן געזונט. אָבער, מאַדאַם! ווי פאַלט דיר עפּעס איין מיר צו שטעלן אַזאַ פראַגע? וואָס אַזעלכעס האָסטו באַמערקט אין מיר, וואָס עס קען אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט, אַז איך בין קראַנק?

די אַלטיטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווידער פּרובירט זיך אָנשטרענגען צו כאַפּן אַ בליק אויף פיליפּן, אָבער אָן רעזולטאַט, און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד אַ זאָג געטאָן:

— מיין הער! מיין חשד, אַז דו ביסט קראַנק נעמט זיך פון דעם, וואָס דו ביסט אַזוי סימפּאַטיש צו מיר; וואָס דו ווייזט מיר אַרויס אינטערעס; וואָס דו האָסט מיר פאָרגעלייגט אַהיים צו פירן, און נישט יוצא געווען מיטן אַדורכפירן בלויז איבער דער גאַסן־טראַפיק און איבערלאָזן מיך אַליין, אַזוי ווי עס האָבן עס שוין הונדערטער מענטשן הונדערטער מאָל געטאָן מיט מיר. דיין סימפּאַטיע צו מיר, מיין הער, מאַכט מיר דענקען, אַז דו ביסט אַליין אַ קראַנקער מענטש, דערפאַר פילסטו־מיט דעם שוואַכן. געזונטע מענטשן געוויינלעך באַמערקן נישט

דעם שוואַכן, האָבן פאַר אים קיין שום פאַרשטענדעניש נישט. נאָר אַ קראַנקער, דער וואָס טראָגט אַליין יסורים, ווער עס איז אַליין שוואַך — דער זעט, דער דערפילט דעם שוואַכן מענטשן און וויל זיך מיט אים מטפל זיין.

די ווערטער פון דער אַלטיטשקער האָבן פיליפן איבערראַשט, האָבן פאַר אים געעפנט נייע קוואַלן פון מחשבה. אין דער רגע האָט זיך פיליפ דערמאָנט אין די טעג און וואָכן, ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, נאָכהער אין סאַנאַטאָריע, ווו די קראַנקע האָבן זיך געהאַלטן אַזוי גוט צווישן זיך; איינער האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל אינטערעס צום צווייטן; איין קראַנקער האָט אַזוי מיטגעפילט דעם צווייטן. דאָרט זעט מען, אַז די וועלט איז פונאַנדערגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: אין געזונטע און אין שוואַכע. די געזונטע האָבן זיך זייער וועלט, זייער אינטערעס, און די קראַנקע זענען אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדער וועלט. פיליפּ האָט ערשט באַגריפן דעם גרויסן געפיל, וואָס די קראַנקע האָבן צו אים אַרויסגעוויזן אין שפּיטאָל, און די טיפע וואַרעמקייט, וואָס ער האָט צו יעדן קראַנקן מענטשן.

„יאָ — האָט פיליפּ געטראַכט — איך בין נאָך קראַנק. די שוואַכע אַלטיטשקע האָט עס באַמערקט און מיר באַשטעטיקט. זי ווייסט בעסער און אַ סך מער ווי די אַלע דאָקטוירים. אין געציילטע מינוטן האָט זי עס באַמערקט. זי איז די בעסטע דיאַגנאָסטיקערין, — בעסער פון אַלע דאָקטוירים. אַ שוואַכער דערפילט דעם שוואַכן. וואָס טויגן דען אַלע פאַרזיכערונגען פון די דאָקטוירים, אַז אין איין אויגנבליק האָט די אַלטיטשקע און שוואַכע פרוי, וואָס קאָן קוים די פיס באַוועגן, דערפילט, אַז ער איז קראַנק...

די אַלטיטשקע האָט מיט איר צאַרטער שטימע איבערגעריסן פיליפּס רעיונות, זאָגנדיק אים, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי גוט צו באַגעגענען סימפּאַטיע פון מענטשן — מעג עס אַפילו זיין פון שוואַכע און קראַנקע מענטשן. די סימפּאַטיע, די באַרמ־האַרציקייט, די מענטשלעכע גוטסקייט דערלאָזן נישט משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז מען דאַרף זיך זעגענען מיט דער וועלט; אַז עס איז געקומען די צייט צו טראַכטן פון איבערקלייבן זיך אויף יענער וועלט, ווו עס קיניגט די אייביקייט... אַ צאַרטע האַנט, אַ גוט וואָרט, אַ ביסל סימפּאַטיע, אַ קאַפּיטשקע פאַרשטענדעניש פאַרן קראַנקן און שוואַכן, פאַרן אַלטן רופן אַרויס בענקשאַפט צו לעבן. אפשר טוען גאָר גוט די געזונטע, די קרעפטיקע מענטשן, וועלכע באַמערקן דיך אַפילו נישט; וועלכע האָבן לחלוטין קיין שום פאַרשטענדעניש נישט פאַרן קראַנקן, אַלטן און שוואַכן. אויבנאויפיק דוכט זיך טאַקע אויס, אַז זיי זענען גרויסע אכזרים, מענטשן אָן אַ האַרץ, אָן וועלכן עס איז רחמנות־געפיל, אָבער אפשר טוען זיי מיט זייער אכזריות גאָר דיר אַ טובה. זיי ברענגען דיך צו אַ צושטאַנד, אַז דו הייבסט אָן צו וועבן געדאַנקען פון זיך שיידן מיט דער וועלט. דערצו אָן באַדויערן, אָן בענקשאַפט...

ביי די דאַזיקע ווערטער האָבן זיך די אויגן פון דער אַלטיטשקער אָנגעפּילט מיט טרערן.

— שוין יאָרן לאַנג — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט — בין איך איינזאַם, אָפּגעזונדערט פון מענטשן. אייגנטלעך האָבן זיך די מענטשן אָפּגעזונדערט פון מיר, אַפילו די אייגענע קינדער. זיי האָבן זיך זייער אינטערעס אין לעבן, זיי זענען יונג און פריש, געזונט און קרעפטיק. זיי זענען געפּאַנגענע פון לעבנס הו־האַ. איך האָב דאָך שוין געלעבט, אָפּגעלעבט. איך דאַרף שוין אַוועקגיין. האָב שוין פון לאַנג איבערגעענטפערט מיין גורל אין די הענט פון אַלמעכטיקן. פיל זיך שוין פון לאַנג ווי אַ גאַסט אויף דער וועלט. האָב פאַרזיגלט אַלע בענקשאַפטן, איינגעפּאַקט אַלע עמאָציעס. ערשט דו, מיין הער, האָסט מיר אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע, האָסט צו מיר אויסגעשטרעקט דעם מענטשלעכן אָרעם פון הילף, און אויפדאָסניי דערוועקט אין מיר אַ חשק צו לעבן, דעם צער זיך מיט דער וועלט צו געזעגענען...

פיליפּ האָט זיך מיט דער אַלטיטשקער געזעגנט. איןביידנס אויגן זענען געשטאַנען טרערן. ביידע האָבן איבערגעלעבט אַ שווער געפיל, אַן אומרויִק געפיל, וואָס האָט שיער נישט איינגעשלונגען די גוטסקייט פון מענטש...

אַ לוויה אויפֿן ים

דער דרום־סייל פֿון אַטלאַנטיק איז בדרך־כּלל רויִק אין די זומער־חדשים. די כוואַליעס באַוועגן זיך שטיל, אָן טומל, אָן גערויש. זעלטן ווען מען באַמערקט ווייסן שוים אויף די ליפּן פֿון די כוואַליעס. געלאַסן ליגט דער ים ווי צוגעשמידט פֿון דער פֿוילקייט פֿון דער גליִענדיקער טראָפּישער זון.

שיפֿן מיט משׂאות און מיט רייזנדיקע גליטשן זיך דורך די 7.000 מייל ים־וועג פֿון אַרגענטינע קיין אַמעריקע אָן אַ שאָרך. אָן אויסנאַם איז געווען היי־יאָר דער טאָג פֿון 31סטן יולי. פּלוצים האָט דער ים אָנגעהויבן שטורעמען, די כוואַליעס זיך שליידערן. דאָס וואַסער האָט געשוימט פֿול מיט כּעס. די שיף האָט זיך גע־קאַטשעט ווי אין קדחת. שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם האָריזאָנט און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די רייזנדיקע אַ שווערן אומעט און טרויער.

אויפֿן וועג צווישן טרינידאַד און ריאָ, 2 דעגריס אין צפֿון פֿון עקוואַטאָר, פּינקטלעך 12 בייטאָג, האָבן זיך אויף דער אויבערשטער דעק פֿון דער שיף „בראַזיל" פֿאַרזאַמלט אַלע מאַטראָסן מיטן קאַפּיטאַן בראש, אַ סך פֿון די רייזנדיקע פּאַסאַזשירן, צו דער לוויה פֿון שיפֿס־פּאַרטיער דזשאָן בירס, וועלכער איז גע־שטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאַג.

דער גלח וועלש האָט געזאָגט אַ תּפֿילה און דער קערפּער פֿון דזשאָן בירס איז אין אַ קאַסטן אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין די טיפֿענישן פֿון ים.

די צוויי טעכטער און אַלטיטשקע מוטער פֿון פֿאַרשטאָרבענעם מאַטראָס האָבן טעלעגראַפֿירט צום קאַפּיטאַן, אַז זיי האָבן נישט קיין געלט איינצואָרדענען אַ לוויה אויף דער יבשה און דערפֿאַר בעטן זיי מען זאָל דעם פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער און זון מקבר זיין אויפֿן ים.

די שיף האָט זיך געגעבן אַ פֿאַרנויג לכּבֿוד דעם בר מינן, און באַלד האָבן די מאַטראָסן אָנגעהויבן שטאַרקער צו אַרבעטן און אין אַ פֿאַרשנעלערטן טעמפּאָ האָט זיך די שיף ווייטער געלאָזט אין וועג. די מאַנשאַפֿט האָט זיך אומגעקערט יעדער צו זיין אַרבעט. ביסלעכווייז איז די זון אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער די וואָלקנס. דער ים האָט אויפֿגעהערט שטורמען, ווי עס וואָלט גאָר נישט פּאַסירט.

אין אָוונט האָט דער אָרקעסטער געשפּילט טאַנץ־מוזיק. טאַנגאָ, פאָקסטראָט און סאַמבאַ. רייזנדיקע האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון דער מוזיק. פאַרליבטע פּאָר־לעך האָבן זיך אַזוי טאַנצנדיק פאַרוויגט אין זיסע חלומות. אין אַנדערן סאַלאָן האָט מען אויסגערופן די נומערן פון דער „בינגאָ״־שפּיל. די קעלנער האָבן דער־לאַנגט משקה. ווער עס האָט געטרונקען שאַמפּאַניער און ווער וויין, ווער אַ דזשין־טאָניק און ווער אַ מאַנהעטען. די דאַמען אין דעקאָלטירטע קליידער, די מענער אין סמאָקינגס. קיינער, קיינער האָט זיך נישט גענומען די מי צו פאַרגיסן אַ טרער נאָכן פאַרשטאָרבענעם. קיינער, קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן אַ מינוט פון זיין פאַרברענגען, פון זיין פלירט, פון זיין טאַנץ, פון זיין פּאָקער, אָדער „בוראקא״־שפּיל.

אָט איז געווען אַ מענטש, אַ לעבעדיקער, און אָט איז ער נישטאָ. דאָס האַרץ האָט זיך פאַרקלעמט, האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון דער פאַרשטייפטער בלוט־צירקולאַציע — האָט אויסגעהויכט די נשמה און צו קבורה גענומען געוואָרן אין די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט צו די טיפענישן.

אויפן ים געלעבט, אויפן ים געאַרבעט, מיט די כוואַליעס זיך געראַנגלט און אויפן ים געשטאָרבן. די שטורמדיקע כוואַליעס האָבן אויף זייערע אָרעמס דעם טויטן מאַטראָס צו אייביקער רו געבראַכט.

***

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע פּאַסאַזשירן זענען שוין געשלאָפן אין די רחבותדיקע קאַבינעס, האָבן די מאַטראָסן צווישן זיך גערעדט וועגן פאַרשטאָרבענעם קאָלעגע דזשאָן בירס. זיי האָבן דערציילט, אַז ער איז געווען אַ רויקער מענטש. קיינמאָל מיט קיינעם זיך נישט דורכגעווערטלט, קיינעם נישט פאַרטשעפּעט. געטאָן געוויסנהאַפט און פלייסיק זיין אַרבעט. שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקער, פאַרשלאָסן אין זיך. זעלטן ווען עס פלעגט זיך פון אים אַרויסרייסן אַ וואָרט וועגן אייגענע איבערלעבענישן, וועגן אייגענע צרות. אַ טרונק בראָנפן האָט אים נאָך מער אומעטיקער געמאַכט. און מער ווי בראָנפן האָט ער נישט באַדאַרפט. דער ביטערער טראָפּן האָט אים באַגלייט אין זיין אומעט, האָט געברענט דאָס צעוויי־טיקטע האַרץ, ווי מיט נאָדלען געשטאָכן, און אין דעם האָט ער געפונען באַרויקונג.

אָן בראָנפן האָט ער נישט געקענט לעבן. דעם טאָג, ווען אים האָט אויס־געפעלט אַ גלעזל, איז נישט געווען מעגלעך מיט אים צו ריידן אַפילו. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, פלעגט אַרומלויפן ווי אַ צעמישטער, ממש נישט קיין מענטש. דאָס פּנים האָט זיך דאַן אינגאַנצן פאַרענדערט, נישט צום דערקענען. ווילד אין גאַנצן. מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן פון עפּעס אַ טייוול

אָדער גאָר פון אַ סקעלעט. די שלייפן פון שטערן און די קינבאַקן האָבן זיך געשליידערט ווי אין קדחת. די ליפּן פאַרדאַרט, גרין, די נאָז פאַרשפּיצט. די אָדערן פון האַלדז אָנגעבלאָזן, בלוי אין קאָליר, די אויערן ווייס ווי קאַלך. די הענט האָבן געציטערט. אויך די קני פון די פיס האָבן זיך געוואָרפן ווי אין קאָנוווּלסיע. ער האָט נישט גערעדט, נאָר געשטאַמלט. שווער געווען צו פאַרשטיין אַ וואָרט. ווי גיך אָבער ער האָט באַקומען אַ ביסל בראָנפן, אַפילו אַ ביסל האָר־שאַמפּאָ, וואָס האָט בלויז געהאַט דעם ריח פון אַלקאָהאָל, האָט ער אַ טרונק געטאָן און שוין באַקומען אַן אַנדער צורה, אַן אַנדער אויסזען. איז געוואָרן מיט מענטשן צוגלייך.

דער בראָנפן האָט אים דערהאַלטן ביים לעבן און אויך דערפירט צום טויט...

ווער ווייסט וואָס פאַראַ צרות דזשאָן האָט איבערגעלעבט. ער האָט דאָך קיינמאָל נישט דערציילט. די פרוי נישט דערמאָנט, פון די קינדער נישט גערעדט, זיי קיין געלט נישט געשיקט. אַפילו דער מאַמען נישט געוואָלט העלפן אויף די עלטערע יאָרן. באַקומען אַ דאָלאַר — אים גלייך אויסגעוועקסלט אויף אַ פלעשל משקה. האָט אין באַר נישט געקאָנט באַקומען אויף קרעדיט. איז מסתמא נאָך שול־דיק געבליבן. „אַזוי איז דער גורל פון אַ מאַטראָס, — האָט געזאָגט אַן עלטערער, — אויפן וואַסער מוז מען לעבן מיט אַ ביסל בראָנפן. אַלעמען, אונדז אַלעמען דערוואַרט דער זעלבער סוף“...

באַגינען שוין, ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך איין מאַטראָס דערמאָנט, אַז דזשאָן האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַן אַרכיטעקט, האָט גע־האָלפן בויען דאָס גרעסטע הויז אין ניו־יאָרק, — די „עמפּייער סטייט בילדינג“. איז צוליב פאַרשידענע סיבות אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע, האָט אָנגעהויבן טרינקען און געשלאָפן אויף דער באָוועריי־גאַס. שפּעטער האָט מען אים געקריגן דעם פּאָסטן פון אַ פּאָרטיער אויף דער שיף. צוליב דעם צו פיל טרינקען און די אַנקלאַגעס פון דער משפּחה, ווּעמען ער האָט נישט געשטיצט, האָט מען אים שוין אויך פון דאַנען געוואָלט משלח זיין. דער טויט האָט אים אויסגעלייזט.

אַ מענטש טוט זיך אַלץ אַליין. פון די העכסטע שפּיצן פון דער „עמפּייער סטייט בילדינג“ ביז צו די טיפענישן פון ים, נישט געקאָנט זיין דער אַרכיטעקט פון זיין לעבן, — איז ער געווען דער אַרכיטעקט פון זיין אייגענעם טויט...

שווער און אומעטיק איז דאָס לעבן אויפן ים, אָבער נאָך אומעטיקער איז צו שטאַרבן אויפן ים. קיינער האָט דאָך דזשאָנען אַפילו נישט באַוויינט, קיינער האָט דאָך קיין טרער נישט פאַרגאָסן. איינזאַם געלעבט, איינזאַם געשטאָרבן. דער ים צוקאָפּנס ביים לעבן, דער ים צוקאָפּנס נאָכן טויט.

**
*

די לוויה אויפֿן ים האָט אַרויסגערופֿן חשבון הנפש ביי דער מאַנשאַפֿט. יעדער אויף זיין שטייגער און אויף זיין שפּראַך האָט אָנגעהויבן זיך צו גרונטעווען איבער תכלית־פֿראַגן פֿון אייגענעם לעבן, פֿון אייגענעם גורל, פֿון אייגענעם צער און טרויער, פֿון אייגענעם אומעט.

ביי אַלעמען איז הייליק געוואָרן דער ים, וואָס האָט זיך מרחם געווען איבערן טויטן קערפּער פֿון זייער קאָלעגע דזשאַן און האָט אים צוגענומען צו זיך אויף אייביקער רו, ווען אויף דער ערד — אויף דער יבשה — האָט די פֿאַריתומטע משפּחה נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו קריגן פֿאַר אים אַ פּלאַץ פֿאַר קבורה.

דזשאַן האָט איבערגעלאָזן פֿאַר זיינע קאָלעגן־מאַטראָסן אַן אומשטערבלעכע ירושה, אַ ירושה פֿון ליבע צום ים...

.1952

וואָס איז בלויער?

(רעפלעקסן)

וואָס איז בלויער: דער הימל, צי דער ים? פון ווייטנס זעט זיך אויס, אַז הימל און ים גיסן זיך צונויף אין איין בלויקייט. ביים ים־ברעג אָבער שיינט דער הימל צו זיין אַ סך מער בלויער. די שוימיקע כוואַליעס פאַרשווענקען דאָס בלויע פון ים, און נאָר דער הימל אין זיינע הויכקייטן זעט אויס בלוי. די ווייסע וואָלקן־פּלעקן מאַכן נאָך בולטער דאָס בלוילעכע אין דעם הימל־קאָליר.

מיין חבר און פריינט, אַ באַקאַנטער דיכטער און דערציילער, וועלכער געפינט זיך מיט מיר צוזאַמען אויף אָפּרו ביים ים, באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז דער ים גיט אים נישט קיין שום אינספּיראַציע. צום צווייטן מאָל ווי ער געפינט זיך ביים ים, שטייט אָפּ שעהן־לאַנג און קוקט זיך איין אין די בלויע וואַסערן, אָבסערווירט די שוימיקע כוואַליעס — און מער ווי בלויקייט אויפן האָריזאָנט זעט ער קיין זאַך נישט. און פון דעם, וואָס ער זעט, ווערט ער לחלוטין נישט אינספּירירט. נו, איז וואָס, — כעסט ער זיך, מיין חבר, מיט שוים אויף זיינע ליפּן, ווי די שוימיקע כוואַליעס פון ים, — איז וואָס איז דער מער מיטן גאַנצן ים, ווען ער רעגט נישט אָן צו שרייבן, צו שאַפן — צו דעם, וואָס מיר רופן אַן יצירה. היינט וואָס איז דער מער מיט אים?

אַנדערש זענען די בערג, טענהט מיין חבר, די פעלדזן און די הויכקייטן. זיי גיבן יאָ אינספּיראַציע. אַ ראיה האָט ער, אַז זיינע בעסטע פּאָעמעס האָט ער גע־שריבן זייענדיק אין די בערג. און וואָס שייך דעם קאָליר, שרייט מיין חבר, אַז וואַסער איז בכלל קאָלירלאָז, אָן אַ קאָליר, ווייל נאָר די הימלען האָבן אַ קאָליר; דאַקעגן, אַלץ, וואָס איז ערדיש, האָט קיין קאָליר נישט. די הימלען זענען בלוי און מען קאָן אין זיי געפינען יעדן קאָליר, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג קאָן דערזען און די מענטשלעכע פאַנטאַזיע זיך פאָרשטעלן. בערג, וועמענס שפּיצן עס גרייכן צו הימלען, צעשטראַלן די מענטשלעכע מחשבה, צעעפענען די טויערן פון פאַר־

שטעלונג און וויזיע. די בלויקייטן פון די הימלען פירן אַוועק אין אין־סוף, אין דער אומענדלעכקייט. די הימלען הויבן דעם מענטשן און שלעפּן אים אַרויף צו זיינע הויכקייטן. פון די הימלען קומט דאָס ליכט; דאַקעגן, די ערד מיטן ים צוזאַמען שלינגען איין אַ מענטשן, דעקן אים צו צוזאַמען מיט דער מחשבה. דער ערדישער־און ים־קאָליר — זאָגט מיין חבר — איז בטבע שוואַרץ, פינצטער, און נאָר דער הימל־קאָליר איז ליכטיק און בלוי!

היינט, וואָס איז בלויער: דער הימל צי דער ים?

.1956

טרערן נאָך ביימער

אין ניו־יאָרק האָט זיך לעצטנס אָפּגעשפּילט אַ טיפּע דראַמע, וואָס איר עפּילאָג וועט זיך ענדיקן אין געריכט. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס דער שטאַטישער בעל ממונה איבער פּאַרקן — קאָמישאָנער מאָזעס — האָט געהייסן זיינע אַרבעטער אויסהאַקן אַ ביסל ביימער און פּאַרוואַנדלען אַ קינדער־שפּיל־פּלאַץ פון פּאַרק אין אַ פּלאַץ, ווו אַוועקצושטעלן אויטאָמאָבילן.

עטלעכע צענדליק פרויען, מאַמעס פון קינדער, וועלכע גייען טאָג־טעגלעך מיט זייערע קינדער אין פּאַרק אַריין, — זומער, בכדי זיך צו שיצן פון דער ברענענדיקער זון און אין ווינטער, בכדי די קינדער זאָלן זיך שפּילן אין אַ געשיצטן פּלאַץ, ווו עס איז נישטאָ קיין סכנה, אַז אויטאָמאָבילן זאָלן חלילה זיי נישט איבערפאָרן, — זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּלאַן פון פּאַרק־ממונה, מאָזעס, און נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער פּלאַן זאָל דורכגעפירט ווערן. די מאַמעס פון די קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין פּאַרק און נישט געלאָזט די אַרבעטער אויספירן זייער אַרבעט. די מוטערס צוזאַמען מיט זייערע קינדער אין די וויגעלעך האָבן יעדן טאָג פון גאַנץ פרי אָן זיך אַוועקגעזעצט אין פּאַרק און נישט געלאָזט די אַרבעטער אויסהאַקן די ביימער פון פּאַרק. וואָכן־לאַנג איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן די פרויען מיט די פּאַרק־אַרבעטער, ביז אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן די אַרבעטער זיך מקדים געווען. זיי זענען געקומען זייער פרי און האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט פון אויסהאַקן די ביימער און פלאַסטערן אַ פּלאַץ אַוועקצושטעלן אויטאָמאָבילן. ווען די פרויען מיט זייערע קינדער זענען געקומען אין פּאַרק אַריין אָפּהיטן די ביימער, האָבן זיי שוין געזען ווי שאַרפע ציינער פון די עלעקטרישע זעגן שניידן דורך די פליישיקע אינגעווייד פון די ביימער און שליידערן זיי אום אויף דער ערד. די פרויען האָבן זיך פונאַנדערגעוויינט און מיט ביטערע טרערן באַקלאָגט די געפאַלענע ביימער, וועלכע זענען דורך מענטשן מיט דער הילף פון זעג־מאַשינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער שטאַם, פון זייער וואָרצל אין דער ערד.

די טרערן פון די פרויען נאָך די אָפּגעהאַקטע ביימער האָבן געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון זייער פיל ניו־יאָרקער איינוווינער, און אפשר

אויך מחוץ ניו־יאָרק. מיט דעם ענין האָט זיך פאַראינטערעסירט דאָס שטאַטישע געריכט, וואָס האָט באַפוילן גלייך אָפּצושטעלן די אַרבעט ביז צו אַן עפנטלעכן פאַרהער. אויך די ניו־יאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט די טעג אַרויסרופן אויף אַן עפנטלעכן פאַרהער דעם פּאַרק־ממונה מאָזעס און דורכפירן אַ גענויע חקירה ודרישה וועגן דעם גאַנצן ענין. גרויס סימפּאַטיע פאַר די טרערן פון די פרויען האָבן אַרויסגעוויזן די ניו־יאָרקער צייטונגען, ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־סטאַנציעס. די נייעס־באַריכטער און קאָמענטאַטאָרן האָבן אומצווייטייטיק זיך געשטעלט אויפן צד פון די פרויען, וועלכע האָבן געפירט אַ פּאַסיוון קריג קעגן דעם אַוועקנעמען אַ שטיק פון פּאַרק און דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ פּלאַץ פאַר אויטאָמאָבילן.

די אַלע, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט דורך די טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן צו די פרויען, וועלכע האָבן פאַרגאָסן ביטערע טרערן נאָך די אויסגעהאַקטע ביימער, האָבן אַליין זיך נישט געקענט באַהערשן און ביי טייל האָבן די טרערן ווי פון זיך אַליין זיך געקייקלט איבערן געזיכט אין צייכן פון סאָלידאַריטעט מיט די וויינענדיקע פרויען און אין צייכן פון פּראָטעסט קעגן דער משחיתישער האַנט, וואָס פאַרניכטעט אונדזער שיינע נאַטור און פאַרוואַנדלט זי אין אַ מדבר פון ציוויליזאַציע.

די טרערן פון די וויינענדיקע פרויען האָבן געצופּט דאָס האַרץ פון די צוקוקער. געשען איז דאָס ריכטיק אין די ערשטע וואָכן פון פרילינג, ווען די ביימער הייבן אָן זיך פונאַנדערצובליִען און ווערן באַדעקט מיט אַ זומערדיקן מלבוש פון בלעטער, וועלכע באַצירן די ביימער מיט אַ באַזונדער שיינקייט און חן. גראָד אין דער צייט פון פרילינג, בעת די ביימער ווערן ווי אויפדאָסניי געבוירן, האָבן מענטשלעכע הענט זיי אויסגעהאַקט און אָפּגעריסן פון לעבן.

אונדז זענען גראָד געווען צום האַרצן די פאַרגאָסענע מענטשלעכע טרערן איבער די אונטערגעהאַקטע ביימער. גוט כאַטש, וואָס אין דער הייַנטיקער צייט, וועלכע ווערט באַצייכנט ווי די תקופה פון אַטאָם, וואָס ברענגט פאַרניכטונג און אומקום, האָבן זיך געפונען מענטשן אין געשטאַלט פון צאַרטע פרויען, וועלכע האָבן מיט ביטערע טרערן באַוויינט דעם טויט פון די אויסגעהאַקטע ביימער אין שטאָטישן פּאַרק פון ניו־יאָרק.

מיר געדענקען די אַלעגאָריע, וואָס דערציילט וועגן אַ שווערער טענה, וועלכע אַ בוים האָט געהאַט צו אַ מענטש. עס איז געווען — דערציילט די אַלעגאָריע — אַ קאַלטע און פראָסטיקע ווינטער־נאַכט. דער ווינטער האָט געוועלטיקט, געשפּרייט זיין שטורם אויף דער ערד, נישט לאָזנדיק דעם בחיר היצירה — דעם מענטש — צו זיין אויף דער גאַס. יעדער מענטש האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די ד׳ אמות פון זיין הויז, ווו ער האָט זיך געפונען געשיצט פון ווינט און קעלט. אין מיטן נאַכט האָט אַ בוים, וועלכער איז געשטאַנען נעבן אַ שטוב, אַריינגעשריגן צום

באַלעבאָס פון הויז און זיך געבעטןביים מענטש, אַז ער זאָל עפענען זיין טיר און אַריינלאָזן דעם בוים אין שטוב אַריין, אָדער ער זאָל לכל הפחות אויף אַ ווייל עפענען זיין פענצטער און אַרויסשיקן אַ ביסל וואַרעמקייט צום בוים. דערביי האָט דער בוים געטענהט: „מענטש, זומער־צייט, ווען די זון ברענט, שפּרייט איך אויס מיינע בלעטער און גיב דיר שאָטן, דו זאָלסט זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן פון די זונען־שטראַלן. אין דער צייט פון זומער האַלטסטו אָפן דיין פענצטער און מיינע בלעטער טראָגן דיר אַריין די פרישע זאַפטיקע ריחות און מאַכן דיין לעבן באַקוועם און אַנגענעם. איצט איז ווינטער. עס איז קאַלט. איך שטיי אין דרויסן אַ פאַר־פרוירענער און נייטיק זיך אין אַ ביסעלע וואַרעמקייט. העלף מיר, מענטש! העלף מיר! — בעט זיך דער בוים, — עפן דיין פענצטער נאָר אויף אַ ווייל און שיק מיר אַ ביסעלע וואַרעמקייט פון דיין וואַרעמער שטוב, איך זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער שטאַרקער קעלט, וואָס פּרעסט אַזוי שטאַרק מיין נאַקעטן קערפּער! נישקשה איך וועל דיר אָפּדינען כפל־כפליים. נישט אייביק איז ווינטער. באַלד וועט ווידער דער פרילינג קומען, און באַלד נאָך אים דער זומער. איך וועל צוריק באַקומען מיין זומערדיקן לבוש, מיט וועלכן איך וועל דיך ווידער קאָנען באַשיצן פון דער ברענענדיקער זון. איך שיץ דיך, האַר פון גאָטס יצירה, אין זומער, — גיב מיר אַ ביסל שוץ אין פּראָסטיקן ווינטער!"

דאָס האַרץ פון מענטש איז אָבער געבליבן פאַרשלאָסן צום בוים — דערציילט די אַלעגאָריע. — דער מענטש האָט קיין רחמנות נישט געהאַט אויפן בוים אין יענער קאַלטער ווינטער־נאַכט. ער האָט דעם בוים געלאָזט פרירן אין דער קעלט און זיך נישט צוגעהערט צו די האַרצרייסנדיקע געשרייען פון בוים.

די איצט פאַרגאָסענע טרערן נאָך די אויסגעהאַקטעביימער פון אַ צאָל פּרויען אין צייכן פון פּראָטעסט קעגן דער ווילדער אַכזריות, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן גאָטס באַשאַף, וועט אפשר מילדערן דעם גרויסן כעס, וואָס דער בוים טראָגט אויפן מענטש שוין אַזוי פיל יאָרן, זינט יענער קאַלטער און פּראָסטיקער ווינטער־נאַכט, ווען דאָס מענטשלעכע האַרץ איז געבליבן טויב צום יאָמערלעכן געשריי פון בוים, וועלכער האָט געבעטן אַ ביסעלע וואַרעמקייט און שוץ.

אדרבה, זאָלן די ביימער זען, אַז נישט אַלע מענטשן זענען רוצחים און משחיתים, פאַרדאַרבענע ברואים, וועלכע האָבן נישט קיין ברעקל מיטלייד און רחמנות אין האַרצן; וועלכע ווילן נישט וויסן און רעכענען זיך לגמרי נישט מיט גאָטס באַשאַף. די איצט פאַרגאָסענע טרערן נאָך די אויסגעהאַקטע ביימער אין ניו־יאָרקער פּאַרק זענען אַ באַווייז, אַז אויך צווישן מענטשן געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין רשעות, קאָנען נישט צוזען קיין שלעכטס, און זענען גרייט זיך איינצושטעלן און פאַרטיידיקן דעם שטומען בוים, וועמענס לשון איז, צום באַדויערן, אַזוי סודותפול און מיסטעריעז פאַר אונדז.

.1956

„דער טויט איז זיס"

נאָר בינונים, מענטשן פון אַ מיטעלן גראַד אינטעליגענץ, האָבן מורא פאַרן טויט, טראַכטן איבער, שרעקן זיך. גרויסע מענטשן דאַקעגן האָבן פאַרן טויט קיין מורא נישט. זיי לעבן נישט מיט קיין פחד פאַרן טויט. זיי האַלטן, אַז היות דער מענטש איז אַ טייל פון דער נאַטור, — קאָן ער דאָך נישט זיין אַנדערש ווי אַלע אַנדערע נאַטור־זאַכן, וואָס לעבן און שטאַרבן. מקורבים פון פּראָפעסאָר איינשטיין ע״ה דערציילן, למשל, אַז ער האָט זיך פאַרן טויט נישט געשראָקן. ער האָט גערעדט וועגן טויט ווי וועגן אַ נאַטירלעכער זאַך. ער פלעגט זאָגן, אַז אַלץ וואָס לעבט אין דער נאַטור, מוז שטאַרבן, — דער מענטש ווי אַ טייל פון דער נאַטור מוז דעריבער טיילן דעם זעלבן גורל. אויך ווערט געזאָגט, אַז גאָר קליינע מענטשן, דאָס הייסט, מענטשן פון אַ קליינעם גראַד אינטעליגענץ, האָבן אויך פאַרן טויט קיין מורא נישט. אויף די לעצטע ווערט געזאָגט, אַז זיי האָבן פשוט נישט גענוג שכל זיך צו שרעקן.

באַקאַנט איז אונדז, פון די פאָלקס־ווערטלעך, אַז דער טויט איז בדרך־כלל געווען אָנגענומען פאַר אַ ביטערע פאַסירונג. ווי פלעגט מען, למשל, אַמאָל זאָגן: ביטער ווי דער טויט. נאָר יחידי סגולה, גרויסע לומדים, גוטע ייִדן, רבנים, גדולי הדור, וועלכע זענען געשטאַנען העכער פון צייט און רוים, אָט די למעלה מהזמן וממקום, האָבן געהאַלטן, אַז דער טויט איז אַן אויסלייזונג פון יסורים, פון מאַטער־נישן און פּלאָג. ביי גוטע ייִדן האָט מען זיך נוהג געווען, אַז מען האָט נישט געוויינט נאָך דער פּטירה. מען האָט נאָך געטרונקען לחיים, די נשמה זאָל האָבן אַן עליה. אַפילו צווישן פאָלק פלעגט מען אַמאָל הערן דיבורים, וואָס האָבן מרמז געווען, אַז דער טויט איז גאָר נישט אַזוי שרעקלעך. מער נישט ער פאַרענדיקט דאָס לעבן פון מענטש. אָבער טויט אַן און פאַר זיך איז גאָר נישט אַזוי געפערלעך. פאַראַן, למשל, קראַנקע, וואָס דער טויט לייזט זיי ממש אויס פון יסורים און ווייטיקן. און שוין לאַנגע יאָרן ווי עס גייט אַן אַ וויכוח אין דער געזעלשאַפט, גאַנץ באַזונדערס צווישן די לעגיסלאַטאָרן, און אויך צווישן חכמי הדורות, צי מען מעג דעם מענטשן, וואָס ליידט שרעקלעכע יסורים פון אומהיילבאַרע קראַנק־הייטן, העלפן שטאַרבן, בכדי מיטן טויט אויסלייזן פון די ליידן. נישט איין

עפנטלעכער משפט איז פֿאָרגעקומען קעגן דאָקטוירים, וועלכע האָבן געוואָגט צו־צואײַלן דעם טויט פֿון זייערע קראַנקע פּאַציענטן, וואָס האָבן לויט זייער מיינונג נישט געהאַט קיין האָפֿענונג צו קאָנען פּטור ווערן פֿון זייערע יסורים.

אין דער לעצטער צייט הערן מיר שטימען פֿון דאָקטוירים, וואָס באַהויפּטן, אַז דער טויט פֿאַר טייל פּאַציענטן איז גאָר נישט אַזוי שרעקלעך. ד״ר אַלוואַרעז, אַ באַרימטער דאָקטאָר, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן פּראַקטיצירט אין דער באַרימ־טער מעיאָ־קליניק פֿון ראָטשעסטער, דערציילט, אַז ער האָט געזען זייער פֿיל פּאַציענטן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרהאַלטן זייער גוט אין זייערע לעצטע מינוטן, בעת זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן טויט. אַזוי דערציילט, למשל, דער זעל־בער דאָקטאָר אַ פֿאַל, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ קראַנקן אויף קאַנסער. דער חולה האָט אים געפֿרעגט אַזאַ שאלה: „זאָג מיר, דאָקטאָר, ווען דו האָסט מיין קראַנקהייט און אַ זון, — וואָס וואָלסטו געטאָן? צי וואָלסטו דאָס געלט אויסגעגעבן אויף אַן אָפּעראַציע, מיט דער האָפֿענונג טאָמער וועט זיך איינגעבן צו פֿאַרלענגערן אַ ביסל דאָס לעבן, אָדער דו וואָלסט דאָס געלט בעסער געלאָזט פֿאַרן זון?״ ווען דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער וואָלט בעסער דאָס געלט איבערגעלאָזט פֿאַרן זון, האָט דער פּאַציענט לײַכטער אָפּגעאָטעמט, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז אויך זיין מיינונג און אַז ער האָט טאַקע דערוואַרט אַזאַ תשובה. ד״ר אַלוואַרעז דערציילט, אַז דער פּאַציענט איז געווען זייער בראַוו; ער האָט בכלל קיין פּחד נישט באַמערקט, אַז ער זאָל זיך האָבן געשראָקן פֿאַרן טויט.

אַן אַנדער דאָקטאָר מיטן נאָמען סטאַפֿאָרד וואַרען דערציילט פֿון זיין פּראַק־טיק, אַז דער דורכשניטלעכער פּאַציענט, מאַן אָדער פֿרוי, זענען קאַלט און רויִק אין די לעצטע מינוטן פֿאַרן טויט. די קאַלטע און רויִקע פֿאַרהאַלטונג פֿון די קראַנקע אין די לעצטע מינוטן פֿון לעבן, — האָבן אין אים דערוועקט אַ מחשבה, אַז טויט מוז באַזיצן אַן אַנעסטעטישע קוואַליטעט. אין משך פֿון 20 יאָר, דער־ציילט ד״ר סטאַפֿאָרד וואַרען, איז אים אויסגעקומען צו אָבסערווירן פֿאַרשידענע קראַנקע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן ווייניק פּחד פֿאַר די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעבן. היסטעריע, געשרייען און געוואַלדן קומען געוויינלעך פֿון די קרובים פֿון דעם שטאַרבנדיקן פּאַציענט, אָבער זייער זעלטן פֿון קראַנקן אַליין. אַ סך פֿון זיינע פּאַציענטן האָבן אין די לעצטע מינוטן אַנגענומען זיין האַנט, ווי זיך געזעגנט מיט אים, צוגעמאַכט די אויגן און אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

אַן אַנדער דאָקטאָר פֿון אוניווערזיטעטס־שפּיטאָל אין שיקאַגאָ, ד״ר קאַלע, האָט דערציילט, אַז דער רוב פֿון קראַנקע שטאַרבן אָן מורא. פֿראַנק אָדער, אַ פּראָפֿעסאָר פֿון כירורגיע אין מאַרנעל־אוניווערזיטעט, דערציילט, אַז אין זיין לאַנג־יעריקער אָבסערוואַציע ביי שווערע קראַנקע אויף קאַנסער, למשל, האָט ער אויס־געפֿונען, אַז די לעצטע מינוטן פֿון די פּאַציענטן זענען נישט אַנדערש ווי די פֿון

שטאַרבנדיקע פֿון אַנדערע קראַנקהייטן. די נאַטור — זאָגט דער דאָקטאָר — איז בדרך־כּלל זייער גוט צו מענטשן. די שרעקלעכע מורא, וואָס דער מענטש טראָגט זיין גאַנץ לעבן אין זיך פֿאַרן טויט, פֿאַרשווינדט אין די לעצטע מינוטן, ווען דער טויט דערנענטערט זיך. דער זעלבער פּראָפֿעסאָר דערציילט אַ פֿאַל, וואָס ער האָט געהאַט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט ווי אַן אַרצט באַהאַנדלט אַ יונגן 24־יעריקן זעלנער, אָפּערירנדיק אים עטלעכע מאָל, נאָכן פֿאַרוואונדעט ווערן אויפֿן פֿראָנט. די אָפּעראַציע האָט דעם זעלנער נישט געקאָנט אויסלייזן פֿון טויט. דער זעלנער האָט געוווּסט, אַז דער טויט איז פֿאַר אים אומפֿאַרמיידלעך. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן פּחד. דאָס איינציקע וואָס אים האָט אינטערעסירט איז געווען זיין יונגע שוואַנגערע פֿרוי: וואָס וועט זיין מיט איר און וואָס פֿאַראַ עפֿעקט וועט זיין טויט אַרויסרופֿן ביי איר און ביים קינד, וואָס זי דאַרף געבוירן? ווען מען האָט דעם זעלנער באַרויִקט, אַז אַלץ וועט געטאָן ווערן, בכדי אַכטונג צו געבן אויף זיין פֿרוי, אַז איר און דעם קינד זאָל קיין שום בייז נישט געשען, איז דער זעלנער באַרויִקט געוואָרן און אין משך פֿון אַ פּאָר שעה איינגעשלאָפֿן און אַזוי אַרום אויסגעהויכט זיין נשמה.

ד״ר מאָריס פֿישביין, — דער רעדאַקטאָר פֿון מעדיציניש זשורנאַל פֿון דער אַמעריקאַנער מעדיצינישער געזעלשאַפֿט, — האָט אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען געשריבן, אַז ביים טויט איז נישטאָ קיין שום יסורים, אַזוי ווי ביים געבוירן ווערן. ד״ר וואַן פֿליט — דער פּרעזידענט פֿון דער לאָס אַנדזשעלעסער מעדיצינישער אַקאַדעמיע — דערציילט, אַז ער האָט אָבסערווירט דעם טויט ביי פּאַציענטן פֿון פֿאַרשידענע רעליגיעס און ער האָט אויסגעפֿונען, אַז די „זיסקייט״ פֿון טויט ווערט פֿאַרשטאַרקט ביי אַלעמען אינעם גלויבן פֿון זייער רעליגיע. דער דאָקטאָר דערציילט, אַז ער האָט אין פֿיל פֿאַלן ביי קראַנקע פֿאַרן טויט באַמערקט, ווי זיי גיבן אַ לאַך, איידער זיי גיבן אָפּ דעם לעצטן אָטעם פֿון לעבן.

די אַלע פֿאַקטן האָט צוזאַמענגענומען צירוס בעלל און פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם מעדיצינישן זשורנאַל אונטערן נאָמען „מעדיצינישע פֿאַקטן״. בעלל פֿאַרענ־דיקט די זאַמלונג פֿון די פֿאַקטן וועגן טויט מיט אַ וואָרט פֿון אַ פֿראַנצויזישן נאָוועליסט פֿון 17טן יאָרהונדערט, זשאַן דע לאַ ברויערע, וועלכער האָט אין יאָר 1696 געזאָגט: „טויט פּאַסירט נאָר איינמאָל, ער דערמאָנט אָבער דאָס גאַנצע לעבן אין זיין אָנוועזנהייט. איצט (אויפֿן טויטן־בעט) האָב איך אויסגעפֿונען, אַז די מורא פֿאַרן טויט איז ערגער ווי די רעאַליטעט״.

נאָך די אַלע פֿאַקטן וועלן דאָך זיך נישט געפֿינען קיין בעלנים, וואָס זאָלן האָבן חשק אויסצושטרעקן די צונג, בכדי אַ לעק צו טאָן פֿון דער „זיסקייט״ פֿון טויט...

1955.

„גוט מאָרגן, טרויער“

(פון די פאַרשפּרייטסטע ביכער אין אַמעריקע)

אַן אַכצן־יעריק מיידל אין פראַנקרייך האָט געוווּנען אַ פּריז פאַר אַ נאָוועלע, וואָס הייסט „גוט־מאָרגן, טרויער“. דאָס בוך איז געוואָרן די סענסאַציע אין איראָפּע און איז גאָר שנעל אויך געוואָרן פון די אַממייסטן פאַרקויפטע ביכער אין אַמעריקע. די נאָוועלע אין ענגלישער איבערזעצונג האָט זייער שנעל דעראָבערט דעם אַמעריקאַנער ביכער־מאַרק, און אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט, היינו: פון פעברואַר ביז אָקטאָבער הייַנטיקס יאָר זענען שוין געדרוקט געוואָרן זעקס אויפלאַגעס, און ווי מען גיט איבער וועט אויך געדרוקט ווערן אַ זיבעטע אויפלאַגע. שוין פיר חדשים, ווי דאָס בוך געפינט זיך אויף דער רשימה פון די בעסט־פאַרקויפטע ביכער אין אַמעריקע. דער נאָמען פון דער יונגער מחברין איז: פראַנציס סאַגאַן. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז פריילין סאַגאַן געווען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע. אָנגעזעענע ליטעראַרישע וואָכנשריפטן האָבן איר געווידמעט זייער פיל פּלאַץ און די בעסטע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן וועגן דער יונגער שריפטשטעלערין.

דער סיפּור־המעשה פון דער נאָוועלע איז: דאָס לעבן פון אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער אין פּאַריז. דאָס מיידל שילדערט אַלע ליידנשאַפטן פון פאָטער, זיינע ליבעס און סעקסועלע עפּיזאָדן. אַ מאַן אין די מיטעלע פערציקער, מאַטעריעל גוט סיטויִרט, וועלכער האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו האַלטן ביי זיך אין הויז אַ פּלגש פאַר אַ געוויסע צייט און נאָכהער זי אויסבייטן אויף אַ צווייטער. פאַר דער טאָכטער, וואָס איז געווען אַ יונגע שילערין, האָט זיך דער טאַטע לחלוטין נישט קרעמפּירט. אויך דאָס מיידל האָט חלילה נישט גענומען פאַר אומגוט, אָדער פאַר נישט מאָראַליש דעם טאַטנס ליבעס. פאַר איר איז דאָס געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. זי האָט מיטן טאַטנס „מעטרעסעס“ זייער גוט געלעבט. זיי האָבן זיך פאַר איר נישט זשענירט אין איר אָנוועזנהייט אַריינצוגיין צום טאַטן אין

שלאָפצימער. זי האָט עס גענומען זייער לייכט. אַט אַזוי זענען די מענטשלעכע פאַרלאַנגען, וואָס מען דאַרף אַנטקעגנקומען. דער פאָטער איז יונג, ער נייטיקט זיך אין אַ פרוי. דאַן זעט זי נישט אײַן פאַרוואָס ער זאָל נישט באַזיצן קיין פרוי, לויט זיין געשמאַק און לויט זיין סעקסועלן דראַנג.

סעסיל, די יונגע טאָכטער, האָט זיך אויך נישט צוריקגעהאַלטן פון אירע אַפעטיטן. זי האָט פאַרפירט אַ ליבע מיט אַ יונגן סטודענט מיטן נאָמען ציריל און בהדרגהווייז זיך אים איבערגעגעבן, אָן שום חשבון פון תכלית, נאָר אַט אַזוי זיך, אַנטקעגנצוקומען לעבנס־פאַרלאַנגען, זיי צו פאַרבייטן מיט גענוס, צו שטילן די סעקסועלע אַפעטיטן.

סעסיל האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט איר פאָטער, האָט הנאה געהאַט פון זיין לעבעדיקער נאַטור, פון זיין פריילעכקייט, איז מיט אים געגאַנגען אין די בעסטע פאַרווײַלונגס־פלעצער פון פּאַריז. דער פאָטער האָט זיין טאָכטער אויך שטאַרק ליב געהאַט, איז צו איר געווען זייער צוגעבונדן, האָט פאַר איר נישט געהאַט קיין סודות און האָט זיך פאַר איר נישט זשעניִרט. אַלע זיינע פריילעכע „נאַרישקייטן" האָט ער געטאָן נישט באַהאַלטנדיק פון זיין טאָכטער. סעסיל דערציילט ווי ביי זיי אין הויז האָט זיך געפונען דעם פאָטערס אַ מעטרעסע מיטן נאָמען עלסאַ, אַ יונג, שיין, בלאָנד מיידל, בלוט און מילך. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט סעסילס פאָטער איבערגעגעבן, אַז ער דערוואַרט אַ גאַסט, אַז עמיצער קומט צו פאָרן צו אים אין זיין זומער־היים. עלסאַ האָט אויסגעשריען און געפרעגט ווער דאָס איז? און דער פאָטער האָט געענטפערט, אַז עס קומט מאַדאַם אַננאַ לאַרסען. די מעלדונג איז געווען אַ גרויסע איבעראַשונג, נישט נאָר פאַר דער יונגער עלסאַ, די מעטרעסע, נאָר אויך פאַר דער יונגער סעסיל. זי האָט געוווּסט, אַז מאַדאַם לאַרסען איז געווען אַ חברטע פון איר מוטער און האָט געהאַט אַ קליינע שייכות מיט איר פאָטער.

סעסיל דערציילט ווי מאַדאַם לאַרסען איז געקומען צו זיי אויף דער זומער־ווווינונג, ווי אַלץ האָט זיך געענדערט. עלסאַ האָט פאַרלאָזן זייער היים און אַננאַ לאַרסען האָט אָנגעהויבן איינצופירן אַן אַנדער סאָרט לעבן. אַ לעבן פון חשבון, פון אויסרעכענונג, אַ לעבן מיט גאָר אַנדערע מאַנירן. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט סעסילן, האָט איר געזאָגט מוסר און אויפגעפאָדערט צום לערנען. סעסיל דערציילט, אַז דער פאָטער האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט מאַדאַם לאַרסען. אין הויז איז געוואָרן עפּעס אַן איבערקערעניש מיטן אָנקו־מען פון מאַדאַם לאַרסען. עס איז פאַרשווונדן דער שמייכל. עס איז אַוועק די שפּילעוודיקייט. דאָס געמיט האָט באַקומען עפּעס אַ מין האַמעטנעקייט, צו וואָס די יונגע סעסיל איז גאָר קיינמאָל נישט געווען געוווינט. דער פאָטער האָט מיט איר־

קיינמאָל נישט פאַרפירט קיין געשפּרעכן פון תּכלית. האָט זיך וויניק וואָס גע־קימערט מיט איר לערנען, צי זי וועט יאָ, אָדער נישט ענדיקן די הויכשולע. מאַדאַם לאַרסען אָבער האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט סעסילס שטודיום, האָט איר דערמאָנט אָפּטמאָל ווי וויכטיק עס איז צו ענדיקן אוניווערסיטעט און צו באַקומען אַ דעגרי פון פילאָזאָפיע, וכדומה, וכדומה. די יונגע סעסיל האָט שטאַרק רעספּעקטירט די מאַדאַם לאַרסען, אָבער איז מיט איר נישט געווען צופרידן. גאַנץ באַזונדער איז זי אויפגעבראַכט געוואָרן אויף מאַדאַם לאַרסען, ווען זי האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן צו איר פריינט צירילן, ווען זי האָט זיי ביידע געטראָפן אין עקסטאַז, אַז ער זאָל תּיכף פאַרלאָזן דאָס הויז און נישט וואַגן מער אַריינצוקומען.

סעסיל, קענענדיק זייער גוט איר פאָטער, מיט אַלע זיינע ליידנשאַפטן, האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו צעשטערן אַ ביסל די באַציִונגען פון איר פאָטער מיט מאַדאַם לאַרסען. זי רעדט אָן עלסען, זי זאָל זיך אָפּט ווייזן אין דער געזעל־שאַפט פון צירילן, בכדי אַרויסצורופן אייפערזוכט ביים פאָטער. דער פּלאַן גע־לינגט. דער פאָטער, זעענדיק עלסען גאַנץ אָפט אין דער געזעלשאַפט פון יונגן ציריל, ווערט אייפערזיכטיק, און אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג האָט ער נישט געקענט צוימען זיינע אַפּעטיטן צו עלסען און איז געגאַנגען זיך מיט איר באַגעגענען. פון דעם משמעות האָט זיך דערוווּסט מאַדאַם לאַרסען. איר האָנאָר, איר שטאָלץ אַלס דאַמע האָט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט פאַרטראָגן. זי האָט שנעל גענומען איר אויטאָ־מאָביל און איז אַוועקגעפאָרן פון דער זומער־היים. אויפן וועג האָט פּאַסירט אַן אומגליק. דער אויטאָמאָביל האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייטן און אין רעזול־טאַט פון דעם איז מאַדאַם לאַרסען געשטאָרבן.

סעסיל דערציילט, ווי זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם פאַרפאַל מיט מאַדאַם לאַרסען, ווי זי ווערט פאַרפאָלגט כּסדר און אומאויפהערלעך; ווי תּמיד ווען זי איז אין בעט, צוהערנדיק זיך צום גערויש פון אויטאָמאָבילן, וועלכע לויפן איבער די גאַסן פון פּאַריז, דערוועקט זיך ביי איר אין זכרון יענער זומער, ווען עס האָט פּאַסירט דער אומגליק מיט מאַדאַם לאַרסען. און מיט פאַרמאַכטע אויגן זאָגט זי: „גוט־מאָרגן, טרויער".

די נאָוועלע איז וווּנדערבאַר געשריבן. פּרעכטיק געשילדערט די טיפן ווי פון אַ געבוירענעם פּסיכאָלאָג, וואָס איז בכּוח אַריינצובליקן אין דער מענטשלעכער נשמה און זען פון דער נאָענט דעם פולן גערעַנגל פון מענטש, אַלע זיינע ליידנשאַפטן.

נישט אומזיסט האָבן מאַנכע קריטיקער זי באַצייכנט מיטן נאָמען „דער וואַקסנדיקער טאַלאַנט". שוין אין איר ערשטער נאָוועלע באַווייזט די יונגע שריפט־שטעלערין צו שילדערן אירע כאַראַקטערן קלאָר, ווי דורך גלאָז דורכזעבאַר, דער־

ביי מערקט מען נישט קיין שום אָנשטרענגונג פון מחבר. דאָס בוך לייענט זיך מיט אַזאַ לייכטקייט, אַז עס גליטשט זיך פאַרביי אַ לעבן פון עטלעכע מענטשן, מיט באַזונדערע כאַראַקטערן, מיט פאַרשידנאַרטיקע נאַטורן.

„גוט־מאָרגן, טרויער" ענדיקט זיך טרויעריק. דער אָנהייב איז אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער. אַ לעבן פון יונגע מענטשן ווערט געשילדערט. אַ לעבן פון פּראַכט און גלאַנץ. דער סוף איז אַן אומעטיקער, נישט לויט דעם נוסח אַמעריקע, וואָס איז געוווינט צו אַ פריילעכן סוף. דאָך האָט דאָס בוך דעראָבערט דעם אַמעריקאַנער מאַרק.

.1956

אַ בלאַט גמרא אויף בראָדוויי

אויף דער אַכציקסטער גאַס אין ניו־יאָרק, ביים מזרח־ווינקל פון בראָדוויי, איז דער אַדרעס פון דער מוריה־שול, וועלכע איז מיט יאָרן צוריק אָרגאַניזירט געוואָרן פון אַ גרופּע בעלגישע ייִדן, בעת די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און גלייך נאָך דער מלחמה זענען זיי געקומען ווי פּליטים קיין ניו־יאָרק און דאָ געפונען זייער מקום מקלט.

די בעלגישע ייִדן, דער רוב פון זיי אין די מסחרים פון בריליאַנטן, האָבן דאָס ערשטע אין ניו־יאָרק מאַניפעסטירט זייער ייִדישקייט, זייער קשר מיט עם ישראל, זייער גרויסן אינטערעס פאַר מדינת ישראל און זייער שטאַרקע, אומצערייסבאַרע פאַרבינדונג מיט יהדות.

דער גייסטיקער מנהיג פון דער עדה ייִדן, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער מוריה־שול; דער, וועלכער פירט די בעלגישע ייִדן לויטן גייסט פון תורה און אמונה, איז דער באַרימטער גאון הדור, הרב ד״ר יוסף הלוי סאָלאָווייטשיק.

יעדן דינסטיק אין אָוונט, אַכט אַזייגער, פאַרזאַמלען זיך אין דער מוריה־שול אַרום 500־400 ייִדן, יונג און אַלט, און הערן זיך צו מיט קאָפּ אַ בלאַט גמרא, וואָס ווערט געלערנט מיט אַ סך פּשטות און עמקות פון הרב סאָלאָווייטשיק. ער פירט אַריין די צוהערער אין די אייביקע אמתן, וואָס לייכטן אַרויס פון די פּלוגתא׳ס פון אביי ורבא און אַנדערע תנאים און אמוראים פון ש״ס.

עס איז אַ צוויי־שטאָקיקער בנין דאָרט, ווו עס געפינט זיך די מוריה־שול. אַ האַנדלס־צענטער פון געשעפטן אויפן פּאַרטער און ביוראָען אויפן צווייטן שטאָק. אַ גאַנצן טאָג איז געווינלעך טומלדיק אין דעם ווינקל, אין מזרח־זייט פון בראָדוויי. מען האַנדלט, מען קויפט און פאַרקויפט. אָוונט־צייט, ווען די געשעפטן ווערן געשלאָסן, ווערט רויק דאָרט. די באַוועגונג פון מענטשן איז מער קאָנצענטרירט אין דער מערב־זייט פון בראָדוויי. אויך די באַלייכטונג אין ווינקל פון דער מוריה־שול איז נישט קיין שטאַרקע. אַ ביסל טונקעלער ווי אין דער מערב־זייט. דער ווינקל ווערט באַלויכטן מיטן ליכט פון תורה, וואָס שיינט אַרויס פון דער מוריה־שול, —

פון אַן עדה יידן, וועלכע זיצן פאַרטיפט און פאַרמוטשט און הערן תורה מפיו, פון זייער גייסטיקן מנהיג, פון דעם גאון הרב סאָלאָווייטשיק שליט״א.

הרב סאָלאָווייטשיק באַזיצט דעם כוח צו אַקטואַליזירן די אַמאָליקע מחשבות, לעבעדיק צו מאַכן די געדאַנקען פון די סוגיא׳ס, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין סורא און אין פומפדיתא און מיט די דאָזיקע געדאַנקען צו פאַרטייטשן און אויסצוטייטשן געשעענישן און פאַסירונגען אויף דער וועלט אין די היינטיקע טעג. ווי האָט הרב סאָלאָווייטשיק אין אַ רעדע אַליין אויף זיך געזאָגט: „ווען איך קום אין ישיבה, צו דער וועלט פון אביי ורבא, ווען איך קום צו די אייביקע אמתן, פיל איך זיך אויפן פעסטן באָדן. דאָ בין איך אין דער היים, ווייל דאָ בין איך פאַראַנקערט אין עולם הנצח״.

איז ממש אַ חיות צו זיצן אין דער מוריה־שול יעדן דינסטיק אין אָוונט און צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער און הונדערטער יידן, מיט בערד און אָן בערד, אָבער אַלע באַלאָדן מיט תורה, צו הערן אַ בלאַט גמרא אַזוי באַטעמט אויסגע־טייטשט פון הרב סאָלאָווייטשיק, נאָכצופאָלגן די טיפע געדאַנקען פון די חכמי התלמוד, וועלכע ווערן מיט אַ באַזונדער עמקותדיקער פשטות אַקטואַליזירט פון הרב סאָלאָווייטשיק.

דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די זכיה אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן צו הערן אַ שיעור פון הרב משה סאָלאָווייטשיק ז״ל — דעם פאָטער פון הרב יוסף סאָלאָווייטשיק. דער זון — צו לאַנגע יאָר אים — איז דערווירדיקער און אחריותפולער יורש, וואָס באַנוצט זיך מיט דער זעלבער מעטאָדע פון זיין פאָטער ז״ל, וועלכער האָט דורך שאלות און תשובות באַלויכטן דעם דרך פון דער יידישער וועלט.

מען לערנט איצט די מסכת ברכות און מען האַלט ביים פינפטן פרק: אין עומדין. אַז מען קוקט אַליין אַריין אין דער עברי פון דער גמרא, שיינט דער לשון צו זיין אַלט און פאַרעלטערט, דערצו נישט פאַרשטענדלעך. עס פאַרגנבעט זיך אַ שאלה: וואָס האָט עס צו טאָן מיט דער היינטיקער צייט? גוט! האָט טאַקע דער רבונו של עולם גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן, און אים געזאָגט: „משה רד מגדולתך! כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל״ — משה גיי אַראָפּ פון דיין גדולה, איך האָב דיר גדולה געגעבן, נאָר צוליב פאָלק ישראל. נו! איז וואָס פאַראַ באַדייטונג האָבן די ווערטער פאַרן היינט, ווען די וועלט קאַרטשעט זיך אין דרייען אונטער דער לאַסט פון זייער פיל פּראָבלעמען און שטרייט־פראַגן, וואָס זי האָט צו לייזן, בכדי צו פאַרזיכערן דעם קיום און די צוקונפט פון דער מענטשהייט? וואָס קאָן מען בכן פון דער גמרא־עברי אַרויסדרינגען, עפּעס אַרויסבאַקומען, וואָס זאָל באַלייכטן די היינטיקע פינצטערניש אויף דער וועלט? אָבער ווי נאָר הרב סאָלאָווייטשיק הייבט אָן צו פאַרטייטשן פסוק ביי פסוק, באַקומען דאָן די ווערטער

אַז אַקטועלע באַלויכטונג. עס בליצן פון זיי אַרויס די פּרעכטיקע מחשבות פון אונדזערע גאונים פון אַמאָל, געדאַנקען, וואָס באַלייכטן און ווייזן דעם וועג אויך פאַר די היינטיקע טעג.

הרב סאָלאָווייטשיק דערציילט, אַז דער תלמוד האָט באַקומען זיין ריכטיקן תיקון, ווען עס איז צוגעקומען רש״י און תוספות. די פּשטות פון רש״י און די עמקות פון תוספות האָבן צוזאַמען פאָרמירט אַ פּאַראַייניקטן בנין, וואָס האָט באַלויכטן דער ייִדישער וועלט.

מיר ווילן זאָגן, אַז דער תלמוד מיט רש״י און תוספות האָבן אין דער היינטיקער צייט באַקומען אַ נייעם תיקון דורך דער גאונות פון הרב יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק. ער האָט באַוויזן ווידעראַמאָל צו באַהעפטן ייִדן פון טומלדיקן ניו־יאָרק און ייִדן פון באָסטאָן מיט די אוצרות פון תלמוד און אַרויסצורופן אַזאַ גרויסן אינטערעס ביי הונדערטער און הונדערטער עלטערע, מיטל־יאָריקע און יונגע ייִדן, וועלכע קומען וואָך־איין און וואָך־אויס אין דער מוריה־שול און הערן זיך צו צו די פּערלדיקע געדאַנקען פון די חכמי־התלמוד, וואָס ווערן אַזוי פּרעכטיק אַקטואַליזירט דורך דער גאונותדיקער פּשטות פון הרב סאָלאָווייטשיק.

.1956

דאָס בעסט־פאַרקויפטע בוך־
אונדזער אַלטער ספר

איבער אַ מיליאָן ביכער זענען פאַרקויפט געוואָרן, איידער די אויסגאַבע איז דערשינען. דאָס איז אונדזער אַלטער ספר, אונדזער אַלט־באַקאַנטער תנ״ך.

עס איז היינו דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אין זעקס מיליאָן עקזעמפּלאַרן אונדזער תנ״ך, אין אַ פּראָטעסטאַנטישער אויפלאַגע.

צייטונגען גיבן איבער, אַז 32 געלערנטע האָבן אין משך פון 15 יאָר געאַר־בעט מיט גרויס התמדה אויף דער איבערזעצונג, וואָס האָט געקאָסט קאַרגע צוויי מיליאָן דאָלאַר.

לכבוד דעם דערשיינען פון איבערגעזעצטן תנ״ך זענען איבער גאַנץ אַמעריקע איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע און אימפּאָזאַנטע פייערלעכקייטן. אין אַלע שטעט פון אַמעריקע זענען אין די קלויסטערס אָפּגעריכט געוואָרן ספּעציעלע תפילות. איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן זאָלן האָבן אָנטייל גענומען אין די גאָטעס־דינסטן. חוץ דעם זענען פאָרגעקומען גרויסע קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען, פאָר־לעזונגען, וויכוחים, געווידמעט דער געשעעניש.

די ערנסטע זשורנאַלן און צייטונגען האָבן געווידמעט ספּעציעלע אַרטיקלען. אויף דער ראַדיאָ האָט מען גערעדט און דערציילט, טעלעוויזיע האָט געוויזן דאָס נייעסטע בוך — אונדזער אַלטן ספר, דעם תנ״ך.

די ערשטע קאָפּיע פון דער אויפלאַגע האָט באַקומען פון פאַרלאַג אַ מתנה אַמעריקעס פּרעזידענט, וואָס האָט ביי דער געלעגנהייט געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן דער ביבל.

דאַרפן דאָך מיר, יידן, זיין שטאָלץ מיט דער געשעעניש. די קריסטלעכע וועלט פייערט מיט אַזאַ שמחה און ענטוזיאַזם דאָס אַרויסגעבן אין אַן איבערזעצונג אונ־דזער קולטור־אוצר, אונדזער תנ״ך. במה דברים אמורים, ווען וואָלטן מיר געקאָנט זיין שטאָלץ מיט דער געשעעניש, ווען מיר אַליין וואָלטן אָפּגעהיט דעם תנ״ך,

ווען ביי אונדז אַליין וואָלט זיך געפּילט אונדזער אייגענע פרייד, שׂמחת־תורתנו; ווען אין יעדן ייִדישן הויז לכל הפּחות וואָלט זיך געפונען דער תנ״ך. אויב נישט אין אָריגינאַל, זאָל כאָטש זיין אין איבערזעצונג. פאַראַן אין ייִדיש די וווּנדער־באַרסטע איבערזעצונג פון יהואש. די, וועלכע קאָנעןביידע שפּראַכן נישט, זאָל זיין אין ענגליש, אין שפּאַניש, אין פּאָרטוגעזיש, אָדער אין אַן אַנדער שפּראַך; עמיצער זאָל האָבן די מינדסטע תשוקה אַריינצוקוקן אין דעם ספר, צו לייענען קאַפּיטלען, מעין צו זיין, זיך פאַרטיפן אין די פּרעכטיקסטע געדאַנקען פון אונדזערע נביאים, פון אונדזערע מלכים; אין פאַרויסזעאונגען און מחשבות, וואָס האָבן נישט קיין גלייכן אין דער וועלט־ליטעראַטור פון אַלטערטום, מיטל־אַלטער ביז צו דער מאָדערנער צייט.

צום באַדויערן איז נישט אַזוי. מען קאָן פאַרבייגיין טויזנטער און טויזנטער ייִדישע היימען, ווו דער ספר איז נישט בנימצא; ווו מען ווייסט אַפילו נישט פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ היסטאָרישן קולטור־אוצר.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען מיט בערך 11 יאָר צוריק אַרומצופאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער גרויסער און ברייטער אַמע־ריקע; גיין צו ייִדן אין זייערע היימען, אין זייערע געשעפטן און זיי פאָרלייגן זיך איינצושאַפן דעם תנ״ך אין דער גלענצנדיקער ייִדישער איבערזעצונג פון יהואש. דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט דאַן איינגעאָרדנט אַ טור פון עטלעכע מענטשן איבער אַמעריקע מיטן ציל צו האַלטן לעקציעס וועגן אונדזער תנ״ך און גלייכצייטיק פאַרשפּרייטן יהואשעס איבערזעצונג, וואָס איז דאַן אַרויס־געגעבן געוואָרן מיט אַ קאָלאָסאַלער אָנשטרענגונג.

דער פּרייז איז געווען אַ צוגענגלעכער, בלויז 3.50 דאָלאַר פאַר צוויי בענדער. דער אָריגינעלער טעקסט צוזאַמען מיט דער ייִדישער איבערדיכטונג פון יהואשן, פיין געבונדן. ממש אַ צירונג. צום באַדויערן איז דער רעזולטאַט פון יענער קולטור־אַקציע נישט געקרוינט געוואָרן מיט קיין גרויסן דערפאָלג. אַ קליינער עולם איז געקומען צו די לעקציעס, און נאָך ווייניקער האָבן באַוויליקט זיך איינ־צוקויפן דעם תנ״ך.

עס געדענקט זיך זייער גוט, עס קאָן פון זכרון נישט פאַרלוירן גיין די אָנגע־שטרענגטע אַרבעט פון עטלעכע חברים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין רשות פון דער אַקציע. עס איז געווען דער צווייטער יאָר פון וועלט־קריג. היטלער האָט פאַרנומען און אָקופּירט איין לאַנד נאָכן צווייטן. עס איז געווען דער טריומף־מאַרש פון היטלערס חיילות ימח שמם, וועלכע האָבן אומעטום, אין וואָס פאַר אַ פלאַץ זיי זענען געקומען, אַריינגעבראַכט אימה און פּחד, ציטער און שרעק צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, צווישן דעם עם הספר, וואָס זיי האָבן שפּעטער מערדעריש אויסגעראָטן אין די גאַז־קאַמערן.

די שליחים פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָבן דאַן געזען פאַר זיך אַ ספּעציעלע מיסיע אין דער אַקציע צו פאַרשפּרייטן דעם תנ״ך. דער רוב פון די שליחים זענען נאָך געווען „גרינע״ אין אַמעריקע, אָקאָרשט געהאַט געקומען פון אייראָפּע, זיך געשלעפּט, געלאָפן, געיאָגט פון פּחד פאַרן טויט, פאַר דער סכנה אומגעבראַכט צו ווערן פון היטלערס רוצחים און זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דער אייביקער תפיסה אין גן־עדן פון סטאַלינען.

מען האָט געזוכט אַן אחיזה, עפּעס אַן אָנשפּאַר אין יידישן לעבן, זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז דער עם הספר וועט נישט אונטערגיין; אַז דאָרט אין אייראָפּע ווערט יידישע קולטור חרוב, אָבער איבערן אַטלאַנטיק, אין דעם רייכן און זאַטן, דעמאָקראַטישן אַמעריקע, ווו יידיש לעבן איז קיין עין־הרע אַזוי זיכער, ווערט ווייטער געבויט די יידישע קולטור, אָפּגעהיט אונדזער אוצר.

ווי אַנטוישט, ווי אַנטמוטיקט, ווי אומעטיק איז געוואָרן אויפן האַרצן, ווען יידן האָבן אָפּגעזאָגט צו קויפן דעם תנ״ך. מען האָט אָנגעגעבן תירוצים, אַז זיי פעלט פּלאַץ אין דער היים ווו דעם ספר אַוועקצושטעלן. טייל האָבן געוואָלט באַצאָלן די דריי דאָלאַר מיט 50 סענט ווי אַ נדבה, אַ „קאָנטריביושאָן״, אָבער דעם ספר נישט נעמען.

היינט זעען מיר, וואָס פאַר אַ וויכטיקע געשעעניש עס איז ביי די אומות העולם דאָס אַרויסגעבן אַ תנ״ך־אויפלאַגע. מען דאַרף מיט דעם ספר ביי זיי נישט פעדלען, נישט קלאַפּן אין קיין טירן, זיך נישט איינבעטן ביי קיינעם, מען זאָל דעם ספר קויפן. אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן איז פאַרקויפט געוואָרן, נאָך איידער דאָס בוך האָט דערזען די ליכטיקע שיין. וויפל וויכטיקייט איז צוגעשריבן געוואָרן דער געשעעניש.

עס איז בפירוש אַ גרויסער געשיכטלעכער דערפאָלג פאַרן גייסט פון אונדזער פאָלק דאָס, וואָס גויים פאַרשפּרייטן אונדזער אַלטן ספר. אָבער ווו איז אונדזער פאָלק אַליין? וואָס טוען מיר, בכדי צו פאַרפלאַנצן אין אונדזערע אייגענע רייען דעם גייסט פון תנ״ך? אַז אונדזער אייגענע יוגנט זאָל וויסן פון תנ״ך, זאָל באַקאַנט ווערן מיט דעם קלאַסישסטן ווערק, וואָס דער עם־הספר האָט אַרויסגעגעבן?

אפשר וועט די געשעעניש פון די ענטוזיאַסטישע פייערונגען פון גויים, זייער שמחה מיט אונדזער תורה, דינען פאַר אַן אָנרעגונג, צו פאַרשטאַרקן דעם זמן־תורתנו אין אונדזער אייגן וועלטל? הלוואי!

.1955

בטלנים

די גמרא ברענגט אין מסכת מגילה, פרק גימל, עמוד בית, פאָלגנדיקן מאמר: „אמר רבי יהושע בן לוי — האָט רבי יהושע בן לוי געזאָגט: כרך שאין בו עשרה בטלנין נידון ככפר" — אַ שטאָט, וואָס האָט נישט קיין צען בטלנים, ווערט פאַר־רעכנט פאַר אַ דאָרף. פרעגט די גמרא: מאי קא משמע לן — וואָס מיינט דאָס צו זאָגן? ענטפערט די גמרא: — תנינא — מיר האָבן געלערנט: איזו היא עיר גדולה, וועלכע איז דאָס אַ גרויסע שטאָט — כל שיש בה עשרה בטלנין — יעדערע, וואָס פאַרמאָגט צען בטלנים, פחות מכאן — ווייניקער פון דער צאָל — הרי זה כפר — איז דאָס אַ דאָרף.

ווייטער זאָגט דער זעלבער רבי יהושע בן לוי — כרך שחרב ובסוף ישב נדון ככרך — אַ שטאָט, וואָס איז חרוב געוואָרן און שפּעטער צוריק באַזעצט געוואָרן, ווערט פאַררעכנט פאַר אַ שטאָט. פרעגט די גמרא: מאי חרוב — וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן? איל ימא חרבו חומותיו — זענען די מויערן פאַרניכטעט געוואָרן? אויף דעם ענטפערט די גמרא מיט אַ מאמר פון רבי אליעזר ברבי יוסי, וועלכער זאָגט: מעשרה בטלנין — ווו עס זענען פאַרשוווּנדן די צען בטלנים.

אַ גמרא אין סנהדרין דף י"ז, עמוד בית, פאַרטייטשט דעם באַגריף בטלן אויף אַזאַ אופן: אַ מענטש, וואָס האַלט זיך פריי פון יעדער מלאכה און איז תמיד גרייט צו זיין אין בית־המדרש צו שחרית און צו מעריב.

אַ גמרא אין ברכות דף ו' דערציילט: „כיון שבא הקב"ה לבית הכנסת ולא מצא שם עשרה מיד כועס — אַז דער רבונו של עולם איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש און האָט דאָרט נישט געטראָפן קיין מנין, האָט ער זיך אויפגערעגט.

***

יעדן פון אונדז איז דער טיפּ בטלן באַקאַנט נאָך פון דער אַלטער היים: דער ייד, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין בית־המדרש, פאַרטאָן אין עולמות העליונים — אין העכערע וועלטן, געזעסן בייטאָג און ביינאַכט און עוסק געווען אין תורה,

געלערנט מיט התמדה, מיט שטאַרקן באַגער, מיט כוונות, פאַרטיפט אין די סוגיות פון ש״ס, פאַרזונקען אין מחשבות וועגן תכלית העולם, וועגן בריאת העולם — וועגן דער באַשאַפונג און צוועק פון וועלט־קיום, אויסגעטאָן לחלוטין פון דעם זינדיקן, ערדישן לעבן, מבטל געמאַכט די וועלט און געקוקט נאָר צו יענער וועלט.

דער טיפּ בטלן האָט זיך נישט פאַרנומען מיט דאגות הפרנסה. דער ענין האָט אים אינגאַנצן נישט אינטערעסירט. דער רוב פון די טיפּן בטלנים האָט אַפילו נישט געוווּסט פון קיין צורת המטבע, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ רענדל, אַ רייניש, אָדער אַ גרייצער. דער בטלן האָט שטרענג אָפּגעהיט דעם פת במלח תאכל — זאָלסט עסן ברויט מיט זאַלץ, און אַז עס איז נישט געווען קיין ברויט — האָט ער גלייך געלערנט פּשט: אין פת אלא תורה, נישט ברויט נאָר תורה, און תורה איז דאָך יאָ דאָ!

עולם הזה — האָט דער בטלן געטייטשט — איז דער פרוזדר, דער קאָרידאָר צו עולם הבא. דערפאַר באַדאַרף אַ מענטש אויף דער וועלט זיך כסדר צוגרייטן צו דעם אַריינגאַנג אין יענער וועלט אַריין. צוגרייטן מיינט נישט קיין אַנדער זאַך ווי לערנען תורה און דערצו וואָס מער.

די ווערטער „על הארץ תשנה״ — האָט דער בטלן פאַרטייטשט: „נישט שלאָפן אויף דער ערד, נאָר לערנען אויף דער ערד״. מען באַדאַרף נישט שלאָפן, בכדי נישט מבטל צו זיין פון לערנען. שלאָפן איז ביים בטלן געווען נישט אַנדערש ווי בטלנות...

ווער האָט דען געקאָנט זיך שטעלן אין איין שורה מיט דעם טיפּ בטלן? זיכער נישט יעדער בר־נש, נישט יעדער דורכשניטלעכער מענטש! סיידן נאָך אַזאַ בטלן פון דעם זעלבן טיפּ.

זענען טאַקע אין יעדער שטאָט און שטעטל געווען אַזעלכע בטלנים, וועלכע זענען באַטראַכט געוואָרן ווי דער יסוד פון אונדזער רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. קיינער האָט חלילה נישט חוזק געמאַכט פון די בטלנים. פאַרקערט, מען האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט פּיעטעט, מיט דרך־ארץ. זיי זענען געווען די אמתע מחזיקי הדת. ווו די בטלנים זענען געווען — איז די שכינה מיט זיי געווען.

ביי פרומע ייִדן איז די באַצייכענונג „בטלן״ חס ושלום נישט געווען קיין חוזק־וואָרט. האָט עמיצער געוואָגט אָפּצושפּעטן פון אַ בטלן, איז דאָס געווען אַ סימן מובהק, אַ באַווייז, אַז דער פאַרשוין שמעקט מיט אַפּיקורסות, אויף וועמען מען האָט באַדאַרפט האַלטן אַן אויג און שטאַרק אַכטונג געבן אויף זיין כשרות.

***

מיט דער צייט איז דער טיפּ פון רעליגיעזן בטלן פאַרשווונדן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך, זעלטן ווו צו באַגעגענען. דער טיפּ מענטש, וואָס האָט זיין

לעבנס־שיטה געבויט אויף דער פילאָזאָפיע פון אַ בטלן, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין אונדזער תקופה. האָט מען ערגעץ ווו געטראָפן אַ בטלן, איז דאָס געווען אַ מענטש אָן אַ ספּעציעלן נוסח, אָן אַ שיטה, נאָר סתם אַן הולך בטל, אַ ליידיקגייער — ווי דער ווערטער־בוך פאַרטייטשט אים.

אַזאַ טיפּ בטלן — איז יאָ אָפּגעחוזקט געוואָרן און טיילמאָל אויך פאַרשריען געוואָרן. די פרומע יידן אַפילו האָבן נישט געהאַט צו אַזעלכן קיין שום באַציִונג. אָפּטמאָל האָט מען געהערט אַ דרייפאַכיקע באַצייכענונג, וואָס האָט זיך געזאָגט אין סינאָנימען בנשימה אחת: בטלן, ליידיקגייער, פּאַראַזיט.

מיט דער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַגעגענען אַן אַנדער טיפּ בטלן — אַ געזעלשאַפטלעכן, אַזאַ, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיינע געשטעלט אין רשות פון כלל. אַ טיפּ פון אַן עוסק בצרכי ציבור, וואָס איז געווען באַגלייט מיט גרעס־נעצלאָזער אמונה, מיט טיפן גלויבן אין דער וויכטיקייט פון צוועק, פאַר וועלכן ער אַרבעט. ווער רעדט נאָך, אַז די טעטיקייט האָט געהאַט אין זיך נציצות פון אידעאַלן, שטרעבונגען צו אַ באַשטימטן ציל, גלויבן אין אַ געוויסן סדר, האָפענונג צו דערגרייכן און פאַרווירקלעכן אַן אידעע. דאָ איז אונדזער געזעלשאַפטלעכער עסקן — בטלן בלע״ז געווען נישט צום פאַרגלייכן, קיינער האָט זיך מיט אים נישט געקאָנט פאַרמעסטן, זיך אַוועקשטעלן אין דער זעלבער שורה, סיידן ער האָט אויך געהערט צום זעלבן טיפּ.

פונקט ווי ביים רעליגיעזן, אַזוי אויך ביים געזעלשאַפטלעכן בטלן איז זיין עסקנות, זיין לייסטונג, זיין אַרבעט לטובת אַ העכערער זאַך געווען אַ לעבנס־שיטה. דער עסקן האָט געפילט, אַז ער טוט פאַר אַ צוועק, אין וועלכן ער באַקומט תיקון. אַ שטח פון אַרבעט, ווו מען קאָן זעליש דערגרייכן אַ העכערע מדרגה; ווו מען טוט עפּעס, נישט בכדי צו באַפרידיקן דעם חומר — נאָר צופרידנצושטעלן די תשוקות פון דער נשמה.

אידעיִשע באַוועגונגען עקזיסטירן נאָר אַ דאַנק דעם טיפּ פון געזעלשאַפטלעכן בטלן. אונדז איז זייער גוט באַקאַנט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, למשל: די אַרבעט, די לייסטונגען, די גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט, דער טיפער גלויבן, דער מסירת־נפש פון די עסקנים, וועלכע האָבן באַשיינט, גרויס געמאַכט ציוניזם סיי אין דעם פּראָצעס פון שטרעבונג, סיי אין דער תקופה פון פאַרווירקלעכונג.

דער דור פון חלוצים, דער שענסטער פּראָדוקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז אַמאָל פאַרשריען געוואָרן און אָפּגעחוזקט געוואָרן מיט דער באַצייכענונג „בטלנים״. דאָס האָבן נישט געטאָן חלילה גלויביקע אין ציוניזם, נאָר די, וועלכע זענען געווען אַפּיקורסים אין ציוניזם, קעגנער, באַקעמפער, אָפּטריניקע פון פאָלק וכדומה.

עס האָט זיך מיט דער צייט געשאַפן אַ ציוניסטישער מאמר, וואָס זאָגט, אַז

„אַ שטאַט, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין צען ציוניסטישע בטלנים, איז קיין שטאַט נישט, נאָר איז געגליכן צו אַ דאָרף".

דער באַגריף געזעלשאַפטלעכער בטלן איז ביי אונדז פאַרשטאַנען געוואָרן, לויטן זעלבן טייטש ווי רעליגיעזער בטלן. למשל: מיין חבר האָט פאַרלאָזן די ישיבה, האָט זיך אָנגעהויבן קליידן וועלטלעך, איז אַוועקגעפאָרן פון דער אַלטער היים אין די מרחקים. דער וואַנדער־גורל פון פאָלק ישראל האָט מיין חבר פאַר־טראָגן אַזש צו די ברעגעס פון בראַזיל. דאָרט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. נישט גע־האַלטן מער דעם קאָפּ אין דער גמרא, אָבער די גמרא איז ביי אים פאַרבליבן אין קאָפּ.

אין בראַזיל האָט מיין חבר זיך מער נישט געשראָקן פאַר די הימלען... האָט זיך אָבער אָנגעהויבן שרעקן פאַרן מענטש. יראת האָדם האָט פאַרביטן יראת שמים. מיין חבר האָט אָנגעהויבן זוכן תכלית אויף דער ערד. זיך פאַנאַנדערקלייבן אין ארץ החיים, זוכן זיין חלק אויף דער ערד, ווי אין תהילים ווערט געשריבן: חלקי בארץ החיים. דאָ האָט זיך מיין חבר אָנגעטראָפן אויפן לב האָדם. אין בית־המדרש ביי דער גמרא האָט זיך מיין חבר לייכט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין דעם הארץ פון אַלע הימלען. אין בראַזיל דאָקעגן, ווייט פון דער גמרא, אין באַגעגעניש מיט מענטשן, איז שווער געוואָרן פאַר מיין חבר זיך צו דערגרונטעווען צום לב האָדם. מערקווירדיק, וואָס מיין חבר האָט ביסלעכוויז זיך גאָר אָנגעהויבן צו איבערצייגן, אַז ביי פיל מענטשן איז בכלל קיין האַרץ נישטאָ. ער האָט זיך דערמאָנט דעם פסוק אין דער תורה „אָדם חסר לב".

אַ טיפע בענקשאַפט איז מיין חבר באַפאַלן נאָך יענע צייטן, ווען ער האָט זיך אין דער אַלטער היים געפילט אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן לב השמים. יענע צייטן, ווען ער איז געווען אַ בטלן אין בית־המדרש.

מיין חבר האָט אָבער געפונען תיקון אין דער געזעלשאַפטלעכער בטלנות. מיט האַרץ און ברען האָט מיין חבר זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אויף דעם שטח אָפּגעפרישט דעם בטלן, וואָס איז טיף אין אים געווען באַהאַלטן.

עס האָבן זיך געפונען נאָך בטלנים צו אים און צוזאַמען בחברותא האָט מען מיט טיפן גלויבן געאַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט. טעטיק געווען אויף אַלע שטחים פון יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן אין בראַזיל.

מען האָט געשאַפן קולטור־ווערטן, אָרגאַניזירט ביבליאָטעקן, געווען מיט־באַטייליקט אין דער אָרגאַניזירונג פון ציוניזם. מיין חבר האָט באמת צו פאַר־צייכענען אַ קאָלאָסאַלן קרעדיט פון ציבור־טעטיקייטן אין יידישן לעבן אין בראַזיל.

לעצטנס פאַרקלאָגט זיך מיין חבר, אַז עס פילט זיך אַ מאַנגל אין דעם טיפּ בטלן; אַז וואָס ווייטער און ווייטער ווערט די צאָל אַלץ קלענער און קלענער און

וואָס וועט זיין דער תכלית, ווי אַזוי וועט אויסזען יידיש לעבן אָן די בטלנים, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל התלהבות, מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט, מיט אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונג געבויט דאָס יידישע לעבן אין בראַזיל.

זייער אָפט פלעגט זיך מיין חבר פאַר מיר אַראָפּריידן פון האַרצן.

איינמאָל ביים מיטאָג־עסן איז מיין חברס אַראָפּריידן זיך פון האַרצן געווען אַ מין השתפכות הנפש פון אַ גוטן און האַרציקן יידן; אַ געפילן־אויסגוס פון אַ מענטש, וועלכער באַדויערט דעם פאַרלוסט פון בײדע טיפּן בטלנים, דעם רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן, וועלכע ווערן פאַרשווונדן וואָס ווייטער אַלץ מער פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט, אָן וועמען ער זעט נישט קיין זיכערקייט אין יידישן המשך.

פאַלט מיין חבר אַריין אין שווערע שטימונגען, ווערט אַליין אויף אַ שטיקל צייט אָנטרונען פון דער געזעלשאַפט און לעבט איינזאַם אין אומעטיקע, שווערע שטימונגען, זוכט אחיזה פאַרן נשמה־תיקון אין אַ ניגון.

אָפטמאָל ווערט מיין חבר אַזש בייז, אין כעס, וואָס אַריינקומענדיק אין אַ געזעלשאַפטלעכן לאָקאַל געפינט ער נישט קיין מנין, טרעפט נישט די עשרה בטלנים, אָן וועמען עס איז נישטאָ קיין בריק, קיין קשר צווישן חומר און רוח.

מיר פילן זיך אין פולער שותפות מיטן חבר און פריינט מיינעם פון ריאָ דע זשאַנעיראָ אין זיין טיפער בענקשאַפט, אין זיינע שווערע שטימונגען, אין זיין באַדויערן, וואָס וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער ווערט די צאָל פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע בטלנים; וואָס עס פאַרשווינדן פון האָריזאָנט די עשרה בטלנים.

אָן זיי באַקומט די יידישע שטאָט אַ כאַראַקטער און פּנים פון אַ דאָרף!

.1952

ביכער פון פנחס שטיינוואַקס:

יידן צום געדענקען, פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס.

סילועטן פון אַ דור, פאַרלאַג „דער שורש", בוענאָס־איירעס — ניו־יאָרק.

עס גרייט זיך צום דרוק:

„דער מוטיקער וועג"

(שריפטן וועגן ציוניזם און ציוניסטן)

Este libro se terminó de imprimir
el día 15 de marzo de 1958, en
los Talleres Gráficos "Zlotopioro
Hermanos", calle San Luis 3149,
Buenos Aires - Rep. Argentina.

PINCHAS SZTEJNWAKS

Siluetas de una Generación

★

BUENOS AIRES
1958